STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00333

MAYNE FUFTSIK YOR IN AMERIKE

Leon Kobrin

Permanent preservation of this book was made possible by
Noah Alexander Mamis
in memory of
his great-grandmother Ida Alexander

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיינע פופציק יאָר
אין אַמעריקע

דאָס בוך דערשיינט מיט דער הילף פון לעאָן קאָברינס קינדער: דער זון דר. נייטן קאָברין און די טאָכטער לאַורא טאַובען — אין אָנדענק פון זייער מוטער פּאולינע קאָברין, זייער פרי־צייטיק־פאַרשטאָרבענער שוועסטער סטעלאַ ריווקין, און דזשודיטה (יהודית) קאָברין־בראַון, די 39־יאָריקע טאָכטער פון דר. נייטן און עלענאר קאָברין, דאָס עלטסטע אייניקל פון לעאָן און פּאַולינע קאָברין.

לעאָן קאָברין

מײַנע פֿופֿציק יאָר אין אַמעריקע

אַרויסגעגעבן פֿון

איקוף פֿאַרלאַג

ניו־יאָרק, 1966

MEINE FUFTZIK YOR IN AMERIKE

(My 50 Years in America)

by

Leon Kobrin

הילע געצייכנט פון י. זעלדין

Published by

YIDDISHER KULTUR FARBAND
(YKUF)

189 Second Avenue

New York 3, N. Y.

1 9 6 6

209

אינהאַלט

די לעצטע יאָרן פון לעאָן קאָברין — **נחמן מייזיל** — 9

מיינע פופציק יאָר אין אַמעריקע

ערשטער טייל

די יידישע פרעסע אין ניו־יאָרק און אירע שרייבער

ערשטער קאַפּיטל

אַ באַגעגעניש מיט מ. ראָזענפעלד — 31

צווייטער קאַפּיטל

91 דעלענסי סטריט — 42

דריטער קאַפּיטל

דער וועג פון אַב. קאַהאַן — 53

פערטער קאַפּיטל

ב. פייגענבוים — 64

פינפטער קאַפּיטל

ביים וועב־שטול — 76

זעקסטער קאַפּיטל

פיליפּ קראַנץ — 90

זיבעטער קאַפּיטל

דער „זיידע" מאָריס ווינטשעווסקי — 103

אַכטער קאַפּיטל

לואי מילער — 108

נייַנטער קאַפּיטל

אברהם ליעסין — 115

צענטער קאַפּיטל

א. ליעסין און אַב. קאַהאַן — 133

צווייטער טייל

יידישע טרוימער און רעוואָלוציאָנערן

ערשטער קאַפּיטל

יידישע אימיגראַציע אין די אַכציקער יאָרן — 141

צווייטער קאַפּיטל

די אימיגראַציע פון „עם־עולם" — 147

דריטער קאַפּיטל

דער רוסישער שרייבער מאַטשטעט און פּרעיס פּרוי — 155

פערטער קאַפּיטל

דער אונטערגאַנג פון „ניו אָדעסאַ" — 160

פינפטער קאַפּיטל

גענעראַלן און סאַלדאַטן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג — 166

זעקסטער קאַפּיטל

ערשטע אַרבעטער־צייטונג אין יידיש — 178

זיבעטער קאַפּיטל

קאַמף צווישן אַנאַרכיסטן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן — 182

אַכטער קאַפּיטל

אַ שטורעם איבער אַ סקיצע — 191

ניינטער קאַפּיטל

דאַניעל דע ליאָן — 201

צענטער קאַפּיטל

קאַהאַן באַשולדיקט קראַנצן — 211

עלפטער קאַפּיטל

ווי אַזוי דער „פאָרווערטס" איז געבוירן געוואָרן — 220

צוועלפטער קאַפּיטל

יודזשין וויקטאָר דעבס — 232

לעאָן קאָברינס צוויי עסייען:

ד״ר. חיים זשיטלאָווסקי — 243

פון דייטשמעריש צו יידיש אין אַמעריקע — 263

לעאָן קאָברין און זיין משפחה

מיינע עלטערן — לעאָן און פאולינע קאָברין — דר. נייטן קאָברין — 281

לעאָן קאָברין

נחמן מייזיל

די לעצטע יאָרן פון לעאָן קאָברין

1.

גוט און וואויל איז דעם קינסטלער, וואָס זיינע עלטערע יאָרן פאַרשעמען נישט די יינגערע. דאָס קאָן מען זאָגן מיטן פולן מויל אויף לעאָן קאָברין: זיינע לעצטע עטלעכע יאָר האָבן נישט פאַרשעמט זיינע יונגע און יינגערע יאָרן. עס האָט זיך גראָד אַזוי געמאַכט, אַז אונדז איז אין די לעצטע פינף יאָר פון זיין גייסטרייך און שטורמיש לעבן אויסגעקומען צו זיין גאָר נאָענט, אָפטמאָל — זיך געטראָפן כמעט טאָג־טעגלעך און — ביי פאַרשיידענע סיטואַציעס און ביי אַלערליי אַרבעטן.

דעריבער איז מער ווי אַ חוב, הן לגבי אים גופא און הן פאַר די לעבעדיקע — צו טיילן זיך מיט זכרונות און איינדרוקן פון יענע שווערע. אָבער פראָדוקטיוו־שאַפערישע יאָרן, סיי זיינע און סיי אונדזער אַלעמענס, — מיר מיינען די יאָרן 1941־1946.

וועלן מיר פון דעם אַלעמען, וואָס עס לאָזט זיך דערציילן, אַרויסכאַפּן מאָמענטן, עפּיזאָדן און געשעענישן, דורך וועלכע עס טרעט שאַרף אַרויס לעאָן קאָברין, זיין כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט און זיין קולטור־געזעלשאַפטלעכער און ליטעראַרישער מהות.

און עס איז דאָ דערפאַר די פּאַסיקע געלעגנהייט. דער איקוף גיט איצט אַרויס לעאָן קאָברינס זכרונות, וואָס האָבן אַ שייכות און זיינען דער המשך פון זיין וויכטיק און וואָגיק ווערק „מיינע פופציק יאָר אין אַמעריקע", וואָס איז דערשינען מיט צען יאָר צוריק אין בוענאָס־איירעס, אינעם פאַרלאַג „יידבוך", ביי דער „געזעלשאַפט פאַר יידיש־וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע", 414 זייטן, מיט אַ פאָרוואָרט פון ל. קאָברינס פרוי, פאַליא קאָברין, דאַטירט דורך איר: ברוקלין, אָקטאָבער, 1954. דערדאָזיקער ערשטער באַנד האָט געהאַט צוויי טיילן: „גרינע יאָרן" (18 קאַפּיטלען) און „שרייבערישער בראשית" (16 קאַפּיטלען). דאָס בוך האָט זיך אָנגעהויבן מיטן קאַפּיטל „אַ שיף מיט מרה שחורה", אַ שילדערונג, פרעכטיק געשריבן, וועגן דער רייזע פון יונגן קאָברין פון רוסלאַנד קיין אַמעריקע, און פאַרענדיקט מיטן קאַפּיטל „פילאַדעלפיער שטאָט־צייטונג", וואָס געהערט צום יאָר 1894, ווען קאָברין, נאָך פיל מאַטערנישן, האָט גענומען שרייבן און זיך פאַרבונדן מיט פאולינא סעגאַל, שפּעטער פרוי קאָברין, וואָס איז געווען נישט בלויז אַן אשת חיל, נאָר אַן „עזר כנגדו", אים אַרויסגעהאָלפן אין זיין שרייבערישער

קאַריערע און געווען אָפט אַ מיט־שותף צו זיינע אָריגינעלע און איבערגע־זעצטע שאַפונגען־ווערק.

איז געוואָרן זיבעציק יאָר, ווי דער יונגער קאָברין האָט פאַרביטן זיינע שווערע שאַפּ־אַרבעטן אויף דער געבענטשטער פעדער זיינער, וואָס האָט אים ערלעך געדינט איבער פופציק יאָר אויף פאַרשיידענע אופנים. וועגן זיין ערשטער דערציילונג שרייבט קאָברין גופא, וואָס האָט געהאַט אַ חוש פאַר געשיכטע און קולטור־געשיכטע, אָט וואָס: „אָט אין דער צייטונג — אין דער ,פילאַדעלפיער שטאָט־צייטונג׳ — האָב איך אינעם פרילינג פון 1894 אָפּגעדרוקט די ערשטע סקיצע מיינע, וואָס פון איר אָן רעכן איך דעם אָנהייב פון מיין אַרבעט אַלס דערציילער אין דער אַמעריקאַנער יידי־שער ליטעראַטור" (ז׳ 403). זינט דאַן האָט זיך אָנגעהויבן זיין אימפּולסיווע טעטיקייט, בעיקר — ווי אַ דראַמאַטורג. אין די שווערסטע באַדינגונגען האָט ער באַוויזן צו פאַרפאַסן אַרום דרייסיק פיעסעס, וואָס האָבן אויפגעלעבט, באַנייט און אָפּגעפרישט דאָס יידישע טעאַטער אין אַמעריקע, און געגעבן די מעגלעכקייט גרויסע שוישפּילער זיך אַרויסרוקן און שאַפן וויכטיקע סצע־נישע געשטאַלטן. זיין ראָלע אין דער געשיכטע פונעם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, — און אויך פון אַנדערע לענדער, וואו עס האָט געשלאָגן דער דופק פון אַ יידיש טעאַטער־לעבן, — איז זייער גרויס. לעאָן קאָברין איז דאָך פון די וויניקע, געציילטע עלטערע דראַמאַטורגן, וואָס זייערע פיעסעס ווערן נאָך אָפט געשפּילט אויך איצט דאָ און דאָרטן.

וועגן יענער תקופה פונעם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, וואָס איז פאַר־בונדן מיטן שיינעם נאָמען „גאָלדענע עפּאָכע", האָט לעאָן קאָברין דערציילט און לעבעדיק געשילדערט אין זיין וואונדערבאַרן בוך „דערינערונגען פון אַ יידישן דראַמאַטורג — טעאַטער־זכרונות" (דערשינען מיט פערציק יאָר צוריק אין ניו־יאָרק, 1925, איבערגעדרוקט דערנאָך אין קלעצקין־פאַרלאַג, ווילנע־וואַרשע, אין 1926). עס געדענקט זיך גוט דער קאָלאָסאַלער איינ־דרוק פון אָט־דעם ווערק, וואָס האָט אויף אַ צאַפּלדיקן אופן אויפגעלעבט און אַרויסגעבראַכט אין פולן גלאַנץ די אַמעריקאַנער־יידישע טעאַטער־וועלט מיט אירע ליכט און שאָטן.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז דער יידישער טעאַטער אין אַמעריקע אַוועק פון ל. קאָברינען, און ממילא איז אויך קאָברין אַוועק פון דעם יידישן טעאַטער. בלויז פון צייט־צו־צייט איז אויפגעלעבט געוואָרן אַ פריערדיקע קאָברין־פיעסע אין אַ באַנייטער פאָרם. לעאָן קאָברין, מיט זיין ברויזנדיקן כאַראַקטער און טעמפּעראַמענטפולן שאַפערישן גייסט, האָט אין די אָנהויב פערציקער יאָרן געזוכט מעגלעכקייטן און געלעגנהייטן ווי צו ברענגען צום

אויסדרוק זיין דראַנג פאַר שאַפן און אויך די טריבונע, אויף וועלכער ער זאָל זיך געזעלשאַפטלעך, קינסטלעריש און אויך מענטשלעך קאָנען אויסלעבן.

און אַזאַ מין אָרט און מעגלעכקייט האָט ער געפונען אין דעם איקוף, אַרום זיין זשורנאַל און פאַרלאַג, ווי אויך אויף זיינע זיצונגען, צונויפקומס און צוזאַמענפאָרן. ער איז גלייך, אָן קיין שום אָפּשמועסן, אַריינגעפלאָכטן געוואָרן אין די טעטיקייטן פונעם איקוף, איז געוואָרן איינער פון אונדז אַלע־מען, און דורכן איקוף האָט ער געפונען נייע מעגלעכקייטן פאַר זיינע ליטע־ראַריש־קינסטלערישע אַמביציעס.

.2

לעאָן קאָברין איז געבוירן געוואָרן דעם 15טן מערץ, 1872. וועלן מיר לעבן און זיין געזונט, וועלן מיר, אין אַ זיבן יאָר אַרום, זוכה זיין צו פראַוועזן און פייערן זיין הונדערטסטן געבוירנטאָג, ווי מיר האָבן היי־יאָר זוכה גע־ווען צו דערלעבן דעם הונדערטסטן געבוירניאָר פון זיין בן־עיר דר. חיים זשיטלאָווסקי. קאָברין איז געשטאָרבן אין עלטער פון 74 יאָר, דעם 31־טן מערץ, 1946. עס האָט געפעלט נישט קיין סך, מען זאָל קאָנען פייערן אָנ־הויב 1947 זיין 75־סטן געבוירנטאָג. דער מלאך המוות ווייסט נישט קיין חכמות און נישט פאַרגונען אים און אונדז אָט־די פייערונגען.

אין אונדזער אַרטיקל, געווידמעט לעאָן קאָברין באַלד נאָך זיין טויט („יידישע קולטור", נ׳ 5, מאַי, 1946) האָבן מיר צווישן אַנדערן געשריבן: „די לעצטע עטלעכע יאָר האָט זיך לעאָן קאָברין שטאַרק אויסגעלעבט אַרום דעם איקוף. עס איז געוואָרן אַ שטיק היים פאַר אים. דאָס וואָס ס׳איז גע־ווען אַמאָל דאָס יידישע טעאַטער, די בינע, — איז לעצטנס געווען פאַר אים דער איקוף. ער האָט זיך מיט זיינע איבער פופציק יאָר ליטעראַרישע טע־טיקייטן ווי אַריבערגעקליבן אין דעם איקוף־צענטער. ער איז געווען אַ מיטגליד פונעם איקוף־פּרעזידיום, אַ רעדאַקציע־מיטגליד פון „יידישע קול־טור"; דאָ, אַרום דעם איקוף־פאַרלאַג, האָט ער געוואָלט אַרויסגעבן זיינע געקליבענע ווערק, דראַמאַטישע שאַפונגען, ראָמאַנען, דערציילונגען, זכרונות און ער האָט אויך געוואַרט, אַז צוזאַמען מיט די געקליבענע שריפטן זאָל אויך פאַרעפנטלעכט ווערן אַ באַנד ,לעאָן קאָברין׳...".

און ווייטער האָבן מיר געשריבן: „אין לויף פון יאָרצענדליקער האָט ער זיך אַזוי בהדרגה אַריינגעלעבט אינעם יידישן לעבן פון אַמעריקע און געשאַפן אין דער זעלביקער צייט געשטאַלטן און אַרויסגעבראַכט די סביבה און די פאַרשיידענע סיטואַציעס און די גראַנגלעניש פון אַמעריקע. אָט־די צוגעבונדנקייט צום יידישן לעבנס־שטייגער, צו זיין ליכט און שאָטן,

איז געוואָרן אַן עיקר־עלעמענט פון זיין כאַראַקטער, פון זיינע טראַכטענישן, פון זיינע איבערלעבענישן. עס איז שוין שווער פאַר אים גופא זיך אויסצו־טיילן און אָפּצוטיילן פון דער יידישער אַמעריקע, פון די פאַרשיידענע עטאַפּן און פאַזעס פון איר וואוקס און אַנטוויקלונג. און נאָך דעם ווי ער האָט מיט אַזאַ אייפער געשילדערט און געמאָלט דאָס היגע יידישע לעבן, איז ער מיט דער צייט געוואָרן אַליין אַ פּראָדוקט פון דער יידישער ליטעראַריש־טעאַטראַלישער אַמעריקע, און פאַרגעזעצט צו לעבן און צו אָטעמען מיט גרויסע טיילן פון אָט־דער אַמעריקע, ווען אפילו זיי האָבן שוין געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז געווען פאַר אים נאָך אַ שטיק היינטצייטיקייט׳. און מיר האָבן צוגעגעבן: „ער איז אין תוך געווען און פאַרבליבן איינער פון די יידיש־אַמעריקאַנישסטע שרייבער אין דער היגער וועלט. ער האָט ליב געהאַט די יידישע אַמעריקע פון זיין צייט מיט אַ באַזונדערן אייפער און איז דעריבער געווען אָפט שטאַרק אייפערזיכטיק צו די אייראָפּייאיש־יידישע שרייבער, וואָס האָבן פאַרנומען און פאַרנעמען נאָך אַלץ, לויט זיין מיינונג, אַ צו־וויכטיקן אָרט, און וועמען מען שענקט צופיל אויפמערקזאַמ־קייט אין דער היגער יידישער קולטור־וועלט״ (ז׳ 47).

און ווייטער קומען שורות, וואָס גיבן־איבער איניקע שטריכן פון זיין כאַראַקטער און מהות, — און די שורות זיינען וויכטיק, ווייל זיי זיינען גע־ווען געשריבן אונטער דעם פרישן איינדרוק פון זיין אַקטיוון מיטלעבן אין איקוף: „ער האָט ליב געהאַט דאָס לעבן דורך זיך, דורך זיין אייגענער ליבע און טעמפּעראַמענט, ווי עס האָט געשטראָמט דורך אים. ביז די לעצטע פאָר וואָכן, — איידער ער איז קראַנק געוואָרן, — איז ער געווען כסדר וואַך און פול נייגיר און אויפמערקזאַמקייט צו אַלץ אַרום און באַזונדערס צו זיין לעבן און צו זיין שרייבן און צום קרייז ענינים, וועלכע האָבן אים באַזונ־דערס אינטערעסירט און אינטריגירט״. ווייטער גיבן מיר איבער וועגן זיין אָנטייל און ראָלע אין דער לויפיקער איקוף־טעטיקייט, אין וועלכער ער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט, צוזאַמען מיט זיין פריינט־קאָלעגע יעקב מילך, וואָס איז עלטער געווען פון אים אויף עטלעכע יאָר (יעקב מילך איז געבוירן אין 1866, און געקומען כמעט אין איין צייט קיין אַמעריקע, צו פאַרנעמען אַ גאָר חשובן אָרט אין איר קולטור־ליטעראַרישער געזעלשאַפטלעכקייט) און וועלכער איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן מיט עטלעכע חדשים פאַר אים (דעם 18־טן אויגוסט, 1945).

„די לעצטע עטלעכע יאָר, — האָב איך געשריבן — זיינען אין איקוף־פּרעזידיום און אין דער רעדאַקציע־קאָלעגיע ,יידישע קולטור׳ כסדר בייגע־ווען די צוויי פּיאָנערן און וועטעראַנען פון דער יידישער אַמעריקע — יעקב

מילך און לעאָן קאָברין. און קוקנדיק אויף זיי, ווי זיי האָבן רעאַגירט אויף יעדער פראַגע, ווי זיי האָבן זיך אַרויסגעזאָגט אויף די זיצונגען און קאָנפע־רענצן, אין וועלכע זיי האָבן זיך באַטייליקט, און וואָס יעדער איינער פון זיי האָט פאַרלאַנגט פון דעם איקוף, — קוקנדיק אויף זיי, האָט מען געזען פאַר זיך צוויי זייטן פון דער יידישער אַמעריקע, צוויי פערזענלעכקייטן, וואָס אין זיי און אין זייערע טואונגען איז פאַרקערפערט געווען אַ שטיק רייך

קלמן מרמר

יידיש לעבן פון איבער פופציק יאָר אין זיינע פאַרשיידענע אַנטפּלעקונגען, מיט אַלע זיינע איבערוואַנדלונגען און מיט אַלע זיינע מעלות טובות און חסרונות... — — — און מען דאַרף באַזונדערס באַטאָנען, אַז אָט־די איבער זיבעציק־יאָריקע שרייבער־שאַפער, לעאָן קאָברין און יעקב מילך, האָבן מיט זייער מיטאַרבעטערשאַפט אינעם איקוף אַריינגעבראַכט אַלעמאָל נישט נאָר זייער רייכע לעבנס־דערפאַרונג און די געניטשאַפט, וואָס יעדער איינער אויף זיין געביט האָט פאַרמאָגט, — נאָר אויך זייער שאַפערישע ענערגיע, זייער טעמפעראַמענטפולע און עקשנותדיקע ציל־געווענדטקייט, וואָס האָט אַרויס־גערופן באַוואונדערונג און פאַרגאַפונג".

אגב אורחא, איצט קאָן מען צורעכענען צו אָט־די צוויי — דעם דריטן, קלמן מרמר (1876־1956), וואָס איז דאַן אויך געווען מיט אונדז און אַקטיוו

געווען אין דיזעלביקע אינסטאַנצן, וואָס די ערשטע צוויי. עס איז געווען אַ וואונדערבאַרער טריאָ, — אַן אמתער חוט המשולש, פון די דריי אינטערעסאַנטע פאַרדינסטפולע שרייבער־טוער, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט אַריינגעבראַכט וויכטיקע ווערטן אין דער יידישער קולטור־ליטעראַרישער וועלט.

3.

ווען מיר גיין כסדר און זיך אָפּשטעלן אויף אייניקע מאָמענטן פון לעאָן קאָברינס לעצטע שאַפערישע יאָרן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן איקוף און זיינען דורכן איקוף רעאַליזירט געוואָרן.

עס איז געווען זומער 1941, ווען עס איז זייער לאַנג, איבער 14־15 וואָכן אָנגעגאַנגען דער שאַרפער, פאַרביטערטער סטרייק אין „טאָג", פון אַ גרויסער צאָל שרייבער און אָפיס־אָנגעשטעלטע, וואָס איז געווען, אין אַ געוויסער מאָס, אַ פּרוביר־שטיין פאַר דער מאָראַלישער הויך און עטישן מהות פון דעם מענטש, ווען באַוואוסטע שרייבער (אַריינגערעכנט די פרוי פון שלום עליכם, אַלגאַ!) זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן מיט לייב און לעבן אין דעם פאַרביטערטן קאַמף. און לעאָן קאָברין, דער שטאַלטנער הויכער גרויער מאַן, איז, באַגלייך מיט די איבעריקע באַטייליקטע אין סטרייק, געשטאַנען אין „פּיקעט־לאַין" אין שניי און אין שטורעם. און ווי אָנגעגליט מיט צאָרן און קאַמפּסלוסטיקייט ער איז געווען! אַן אינטערעסאַנטע בלאַט געשיכטע, וואָס ווערט לחלוטין פאַרמישט און פאַרריבן...

און אָט איז אָנגעקומען פון מאָסקווע „דער מאַניפעסט פון די יידישע שרייבער און קינסטלער פון סאָוועטנפאַרבאַנד צו די יידן פון אַלע לענדער". און, לויט דער איניציאַטיוו פון דר. חיים זשיטלאָווסקי, איז צונויפגערופן געוואָרן אין ניו־יאָרק אַ באַראַטונג וועגן דעם רוף, דעם ווײ־געשריי, — איז דאָן צווישן די געקומענע צו דער באַראַטונג, געווען אויך לעאָן קאָברין. אין דער צייט, וואָס אַ גרויסע צאָל באַקאַנטע יידישע שרייבער האָבן זיך אָפּגעהאַלטן צו קומען (זע וועגן אָט־דער היסטאָרישער באַראַטונג „יידישע קולטור", נ' 9, סעפּטעמבער, 1941).

מיר האָבן דאָן, אין פאַרבינדונג מיט דר. ח. זשיטלאָווסקיס 75־טן געבוירנטאָג, אָרגאַניזירט יובילײ־פייערונגען אין ניו־יאָרק און איבער די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. מיר האָבן אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלן נומער „יידישע קולטור" לכבוד דר. חיים זשיטלאָווסקי (נ"נ 10־11, אָקטאָבער־נאָוועמבער, 1941). דער דאָזיקער יובל־נומער האָט זיך געעפנט מיט אַ האַרציקן אַרטיקל פון לעאָן קאָברין „די לעגענדע יעפים זשיטלאָווסקי", וואָס

האָט זיך אָנגעהויבן טרויעריק־טראַגיש: „איצט איז פון מיין געבורטס־שטאָט וויטעבסק גאָר איין לאַנגער, שוואַרצער שליאַך פאַרבליבן. אַ בילד פון יענעם שליאַך — די בלוטיקסטע אַרבעט פון היטלער־האָרדעס — איז מיר ניט לאַנג צוריק אויסגעקומען צו זען געדרוקט אין די צייטונגען. אָפּגעמעקט זיינען דאָרטן אַלע טיילן פון מיין שטאָט וויטעבסק, וואָס איז אויך די שטאָט פון דר. חיים זשיטלאָווסקי..." און קאָברין גיט־צו: „ביי מיר אין זכרון אָבער איז מיין שטאָט וויטעבסק נישט אָפּגעמעקט. זי לעבט פאַר מיר מיט אַלע אירע טיילן און מיט אַלע אירע פאַרשיידענע לעבנס, בפרט מיט די מענטשן, וואָס זיינען מיר ליב געווען..."

דער טיף־דירנדיקער און זאַפטיק־אָנגעשריבענער אַרטיקל ענדיקט זיך מיט אַזעלכע שטימונגספולע שורות: „...אין יענער צייט אינדערהיים, אין וויטעבסק, ווען יעפים זשיטלאָווסקי איז פאַר מיר, ווי פאַר אַנדערע פון מיינע חברים, געווען אַ שיינע לעגענדע, האָב איך אפילו ניט געחלומט, אַז אין צענדליקער יאָרן שפּעטער, ערגעץ אין אַ ווייטן, ווייטן לאַנד, אין אַמעריקע, וועל איך, אַליין שוין אויך נישט קיין יונגערמאַן, האָבן די זכיה צו שרייבן אָט־די פּאָר בלעטלעך וועגן אים, לכבוד זיינער אַ יובליי־פייערונג. טייערער פריינד, קאָלעגע און לאַנדסמאַן, יעפים זשיטלאָווסקי, דר. חיים זשיטלאָווסקי! אין נאָמען פון יענער יידישער יוגנט אין וויטעבסק, וואָס איך אַליין האָב אויך געהערט צו איר — פון יענער יוגנט, וואָס אייער ווירקונג און אייער איינפלוס האָט דערצויגן, — באַגריס איך אייך, דעם לערער און דעם דער־ציער פון יידישע דורות, — דעם לערער, וואָס איז אין אַזאַ טיפן עלטער געבליבן דער ייִנגסטער צווישע יונגע, און איך ווינטש אייך צו פאַרבלייבן אַזוי יונג נאָך אַ סך, אַ סך יאָרן!" (ז' 4).

און שרייבן אַזוי באַגייסטערט אין יענער צייט וועגן דר. ח. זשיטלאָווסקי, ווען, צו אונדזער חרפּה, איז זיין נאָמען געווען ביי דער „שיינער" יידישער געזעלשאַפטלעכקייט נישט גאָר „כשר", — איז געווען אַ גבורה און אייַנשטעלעניש!...

אינעם קומענדיקן נומער „יידישע קולטור" (נ' 12, דעצעמבער, 1941) האָבן מיר אַן אינטערעסאַנטן אַרטיקל פון לעאָן קאָברין „מאָריס ראָזענ־פעלד" (פון דער סעריע „פּיאָנערן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמע־ריקע"), וואָס אויסער וויכטיקע שטריכן פון דעם דיכטער, האָבן מיר אויך טרעפלעכע אַרויסזאָגונגען וועגן דיכטונג בכלל און דער יידישער אַרבע־טער־דיכטונג און מאָריס ראָזענפעלדן בפרט. דאָס אָרט דערלויבט נישט צו ציטירן גרעסערע שטעלן פון אַרטיקל, וואו מיר האָבן פאַר זיך נישט נאָר מאָריס ראָזענפעלדן, נאָר אויך פיל וועגן לעאָן קאָברין אין לויף פון

צענדליקער יאָרן. דאָרטן האָבן מיר אַזאַ אויסדרוק: און ווען איך גיי־דורך אין מיינע געדאַנקען די קנאַפּע דרייסיק יאָר, וואָס איך האָב אים געקענט, ווען איך דערמאָן זיך א. אַז. זו.״, — הכלל, ווידעראַמאָל אַ באַווייז, ווי לעבעדיק עס איז פאַר אים געווען די אַדורכגעלעבטע צייט אין דער ידישער אַמע־ריקע, און ווי געקניפּט און געבונדן ער איז געווען מיטן יידישן שאַפן, מיט אירע קינסטלער און וויכטיקסטע געשטאַלטן.

זומער 1942 האָבן מיר גענומען דרוקן אין „יידישע קולטור״ לעאָן קאָברינס קאָמעדיע אין 4 אַקטן „איבער גרויסע ימען״ (געגאַנגען אין עטלעכע נומערן פון 1942 און 1943). אינטערעסאַנט איז דער אַריינפיר, וואָס ל. קאָברין האָט געגעבן צו דער קאָמעדיע. עס ווייזט, ווי ער פאַסט־אויף זיין אייגענעם דראַמאַטישן שאַפן. ל. קאָברין זאָגט: „איך וואָלט געקאָנט באַ־ציכענען אָט־די קאָמעדיע מיינע פאַר אַ ,היסטאָרישע׳, נישט נאָר דערפאַר אַליין, מחמת זי האָט אַ נאָענטע שייכות מיט דער גאַנצער געשיכטע פונעם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, נאָר אויך מער דערפאַר, ווייל אין איר איז געשילדערט אַ קאַפּיטל פון זייער אַ וויכטיקער היסטאָרישער עפּאָכע. אַ קאַ־פּיטל פון דער יידישער עמיגראַציע קיין אַמעריקע מיט אַ האַלב־יאָרהונדערט צוריק. דידאָזיקע געשיכטלעכע עפּאָכע, — וואָס זי איז דער ,בראשית׳ אגב, אויך פון דער יידישער ליטעראַטור און פון דעם אַמאָליקן באַרימטן בעסערן יידישן טעאַטער און פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע, — איז פאַרבליבן פרעמד ביי אונדז נאָך ביז היינט, נישט נאָר צו דעם גרעסטן טייל פון אונדזערע אינטעליגענטערע לייענער, נאָר אפילו צו גאָר־גאָר אַ היפּשן טייל פון אונדזערע שרייבער...״ (נום. 7־8 „יידישע קולטור״, 1942).

סאַראַ טיפע פאַרשטענדעניש ער האָט פאַרן אַמאָליקן לעבן! ער איז וואַך פאַר די פּראָבלעמען, וואָס דאָס יידישע לעבן האָט בשעתו אַרויסגע־רוקט און ער נעמט־אויף די ווידעראַנאַנדן, וועלכע מען טרעפט אויף שריט און טריט! לעבעדיק און טרעפלעך ברענגט ער זיי אַרויס אין זיינע דראַ־מאַטישע ווערק פון פאַרשיידענע יאָרן דורך די צאַפּלדיקע געשטאַלטן־פאַר־שוינען, וואָס קימען אַרויס פון זיין געבענטשטער פעדער!

דער „איקוף־פאַרלאַג״ גיט אַרויס אין 1942 זיין דראַמע, אין דריי אַקטן, „ריווערסייד דרייוו״, אין אַ פאַלקס־אויסגאַבע, וואָס ווערט אויפגעפירט דורך דער „פאַלקס־בינע״ (רעזשי — יעקב ראַטבוים). דעם 10טן דעצעמבער, 1942, ווערט אַראַנזשירט אַ פייערונג לכבוד לעאָן קאָברין צום דערשיינען פון זיין דראַמע (אין ניו־יאָרק, אויף דער צווייטער עוועניו). אויף דער פייערונג זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אינטערעסאַנטע דעראינערונגען, קאַ־

ראַקטעריסטיקעס און אָפּשאַצונגען פון דעם פּאָפּולערן יידישן דראַמאַטורג און שרייבער. אין אייניקע רעדעס איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן דער קעמפּערישער כאַראַקטער און גייסט פון לעאָן קאָברין, וואָס איז באַזונדערס געקומען צום אויסדרוק בעת דעם „טאָג"־סטרייק. אין די רעדעס און זכרונות איז אַדורך אַ שטיק יידיש טעאַטער־און ליטעראַטור־לעבן. ס'האָבן גערעדט. ב. צ. גאָלדבערג, וו. עדלין, ר. אייזלאַנד, נ. מייזיל, סאַראַ סמיט, ק. מרמר, ש. לעוו־לאַנדוי, ס. דינגאַל, יעקב מילך, י. ב. ביילין, מ. אונגער, ש. ערד־בערג, דער זון דר. נייטן קאָברין, די טאָכטער, איידעם, שנור און אייניקל. רירנדיקע רעדעס האָבן געהאַלטן פּאָליא און לעאָן קאָברין, און געדאַנקט די פאַרזאַמלטע, וואָס אין דער איצטיקער גרויזאַמער צייט האָט מען דאָך געפונען פאַר נויטיק איינצואָרדענען די האַרציקע פייערונג.

אין דעם זעלביקן נומער איז געדרוקט געווען אַן אַרטיקל פון יעקב מעסטל וועגן דער דראַמע און איר קינסטלערישער און דראַמאַטישער באַדייטונג.

4

וואָס־ווייטער ווערט לעאָן קאָברין, וואָס איז בטבע נישט געווען קיין קולטור־געזעלשאַפטלעכער טוער, אַלץ־מער אַריינגעצויגן אין דער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. ער איז געווען אַ מיטגליד פונעם שרייבער־קאָמיטעט, וואָס האָט דאַן, אין יענער צייט, אַנטוויקלט אַ פאַרצווייגטע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. ער האָט זיך גערן באַטייליקט אינעם זשורנאַל פון דעם שרייבער־קאָמיטעט, „אייניקייט", אָפּט געדרוקט דאָרט אַרטיקלען און זכרונות.* ער שרייבט־אונטער דעם „רוף פונעם קאָמיטעט פון יידישע שרייבער און קינסטלער אין אַמעריקע", צו די יידן פון אַמעריקע — „לאָמיר זיין פאַראייניקט" (אַרויסגעשיקט סוף 1942). איצט, מער ווי 22 יאָר, ווי דער רוף איז פאַרעפנטלעכט, איז אינטערעסאַנט ווער עס זיינען געווען די 29 אונטערשרייבער, און נאָך מער איז וויכטיק — ווער פון די יידישע שרייבער און קינסטלער עס פעלן צווישן די אונטערשרייבער. ס'איז זיכער אויך אינטערעסאַנט דער טעקסט פון דעם אויפרוף, וועלכער האָט דאָך געפונען טויבע אויערן ביי די יידישע שרייבער אין אַמעריקע. עס זיינען דאָ פּראָפ. אַלבערט איינשטיין, שלום אַש, פּראָפ. יקותיאל גינצבורג, לעאָן פויכטוואַנגער, הרב יוסף לוקשטיין, פּראָפ. פּ. חורגין און עס פעלן, עס פעלן פיל, פיל... אָבער לאָמיר איצט נישט דערמאָנען זייערע נעמען... לאָמיר זיך האַלטן ביים אָנזאָג: „שלא לבייש", נישט צו פאַרשעמען מענטשן פאַר עוולות און חטאים...

און דאָס לעבן גייט ווייטער. עס וואַקסן־אָן פּראָבלעמען, און עס ווערן געמאַכט באַמיאונגען און פּאַרמעסטן צו לייזן זיי, לכל־הפּחות — צו זוכן אַ לייזונג פאַר זיי. דעם 6־טן מערץ 1943 ווערט גערופן דורכן איקוף אַ קולטור־קאָנפערענץ אין ניו־יאָרק. אינעם רוף צו אָט־דער קאָנפערענץ ווערט באַטאָנט, אַז „עס איז געפּלאַנט געוואָרן צונויפצורופן אַ יידישן קולטור־קאָנגרעס, אָבער צוליב דער אַלגעמיינער לאַגע אין דער וועלט און צוליב אונדזער אַלעמענס דראַנג אַוועקצוגעבן אַלע כּוחות צו דערשלאָגן וואָס גיכער דעם וויסטן היטלעריזם, האָט דער פּרעזידיום פון איקוף באַשלאָסן צו רופן די קולטור־קאָנפערענץ". דערביי איז אינעם רוף אָנגעוויזן געוואָרן, אַז „צוליב די שווערע טראַנספּאָרטאַציע־באַדינגונגען, זאָלן די ווייטערע שטעט פון די פאַראייניקטע שטאַטן נישט דעלעגירן קיין גרעסערע צאָל פאָרשטייער". אַ מערקווירדיקע פאָדערונג, וואָס ווייזט דעם צייכן פון דער שווערער צייט!... די ערשטע זיצונג איז געעפנט געוואָרן דורך ז. וויינפּער. ער האָט פאַרגעשטעלט יעקב מילכן, וואָס האָט גערעדט וועגן די אויפגאַבן פונעם איקוף און די צילן פון דער קאָנפערענץ. דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט „די איצטיקע צייט און דער איקוף" און געזאָגט, צווישן אַנדערן, אַז „איינע פון די הויפּט אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר אונדז, איז אַרבעטן פאַר דער אַל־יידישער אייניקייט".

וועלן מיר נישט געבן קיין באַריכט וועגן דער קאָנפערענץ און נישט אויסרעכענען די נעמען פון די באַטייליקטע, הגם עס זיינען שטיקער לעבעדיקע געשיכטע פונעם איקוף און פון די, וואָס זיינען בייגעווען אויפן היסטאָרישן צונויפקום. מירן זיך האַלטן נאָענטער צו ל. קאָברין. ער האָט אויף דער קאָנפערענץ געהאַלטן אַ רעפעראַט: „פון דייטשמעריש צו יידיש און צו דער יידישער ליטעראַטור". ל. קאָברין האָט געמאָלט אַ ברייט און אינטערעסאַנט בילד וועגן דעם אַמאָליקן יידיש, וועגן דער טעמאַטיק פון די פריערדיקע שרייבער און וועגן דעם טרויעריקן מצב פון דער יידישער פּרעסע, טעאַטער און ליטעראַטור אין יענע יאָרן, מיט אַ וואָסערע פופציק יאָר צוריק. ער האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט אויף די שווערע באַדינגונגען, אין וועלכע די יידישע פּרעסע און טעאַטער זיינען געוואַקסן, און אויף דעם קלאָגעדיקן צושטאַנד פונעם יידישן שרייבער און קולטור־טוער. באַזונדערס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף דער איבערוואַנדלונג פון דייטשמעריש צו יידיש. ער האָט פאַרענדיקט מיט אַ רוף, דער איקוף זאָל פירנעמען אַרויסצוגעבן אַ מאָנומענטאַל ווערק, וואָס זאָל אַרויסברענגען די גרויסע דערגריי־

---

* איך האָב נישט ביי דער האַנט די „אייניקייט", קאָן איך נישט אָנגעבן גענוי די צאָל אַרטיקלען און וועלכע ער האָט דאָרט פאַרעפנטלעכט.

כונגען און אויפטוען פון דער עלטערער אַמעריקאַנער־יידישער ליטעראַטור זינט 1881 ביז איצט (שיקן מיר אָפּ די, וואָס אינטערעסירן זיך מיט דער קולטור־קאָנפערענץ צו „יידישע קולטור", אַפּריל, 1943, נ' 4). די רעפע־ראַטן, די דיסקוסיעס און אויך די רעזאָלוציעס און וואונטשן זיינען פון גרויס אינטערעס.

טיילן פון קאָברינס באַלערנדיקן רעפעראַט זיינען געדרוקט אין „יידישע קולטור", נ' 10, אָקטאָבער, 1943, און דערנאָך דערשינען אין אַ באַזונדער העפטל: „פון דייטשמעריש צו יידיש" (איקוף־פאַרלאַג, 1944, 32 ז"ז).

אינטערעסאַנט די ערשטע פּאָר שורות פון רעפעראַט „פון דייטשמע־ריש צו יידיש": „כדי צו האָבן אַ בילד דערפון, דאַרף מען זיך מטריח זיין אויף אַ שטיקל שפּאַציר. דער שפּאַציר וועט זיין אויף צוריקוועגס, אויף אַ מהלך, אַן ערך, פון אַ פופציק יאָר. מיר אַליין, וואָס איך בין שוין אָט־דעם וועג דורכגעגאַנגען, ווייזט זיך היינט אויס, אַז דער דאָזיקער פופציק־יאָרי־קער מהלך איז גאָר־גאָר נישט קיין ווייטער; אַז עס איז נישט מער ווי אַ שפּאַן. נאָך ווייניקער איידער אַ שפּאַן: ממש צוגעמאַכט די אויגן און צו־ריק זיי געעפנט. און שוין אַריבערגעשפּרונגען דעם פופציק־יאָריקן מהלך און מיר זיינען דאָרט אויפן אָרט און לייענען אַ יידישע צייטונג". אַזוי בילד־לעך און רעאַל ברענגט ער אַרויס שטיקער פון אַמאָליקער ווירקלעכקייט, — ער באַלעבט זיי, ער לעבט מיט די אַמאָליקע באַדינגונגען, פירעכצן און זיטן. ענג פאַרבונדן איז ביי אים יעדע ליטעראַטור־דערשיינונג, יעדע טע־אַטער־אויפפירונג מיט קאָנקרעטע לעבנס־פּאַסירונגען און מיט די מענטשן, וואָס האָבן עס געשאַפן, געווען די באַווירקער און געפונען זיך גלייכצייטיק אונטער דער ווירקונג פון דער סביבה, פון די סאָציאַל־פּאָליטישע סיטו־אַציעס. און דער אויספיר: „ווילד און משוגע וואָלט דאָס זיי, די אַמאָליקע שרייבער און אַרויסגעבער, אויסגעזען, ווען מען וואָלט זיי דעמאָלט, למשל געזאָגט, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען די צירקולאַציע פון יידישע צייי־טונגען וועט זיך ציילן אין די צענדליקער טויזנטער, און אַז אַ יידישער שרייבער וועט אַמאָל פאַרדינען מער ווי זיבן־אַכט דאָלער אַ וואָך שכירות, און דווקא במזומנים...".

.5

עס איז דאָ אַ גוט געפיל ביים אַריבערטראַגן זיך צו יענער צייט, צו די יאָרן 1943־1944, ווען מען איז געווען אַן עדות און גלייכצייטיק אַ מיט־שותף צום אימפּעט, צו די אימפּולסן, וואָס האָבן אַרומגעכאַפּט לעאָן קאָב־רינען. ער איז געווען איבערפולט מיט די איבערלעבענישן פון די אַמאָ־

ליקע יאָרן, גייט אַרום און שפּאַצירט איבער יענע וועגן־אומוועגן, איבער די באַרג־אַרויפן און באַרג־אַראָפּן, און ער לעבט־אויף די מענטשן, מיט וועלכע ער האָט זיך געטראָפן און אַלץ אַדורכגעמאַכט אין לייד און אין פרייד. מען שפּירט די איבערגעלאָדנקייט פון די זכרונות, וואָס עס ווילט זיך אים ברענגען צום אויסדרוק. אין יענער צייט, נישט געקוקט אויף זיין עלטער, — שוין אַריבער 72 און 73, — איז ער ווי פאַריונגערט, צינדט זיך אָן, עס קומט פאַרב אין זיין דאַרן, אויסגעאיידלטן געזיכט. און ער איז מוכן ומזומן צו שרייבן, צו דערציילן, צו פאַרעפנטלעכן דאָס אָנגעקליבענע און נישט־אויסגענוצטע און פאַרבאַרויכטע. איז ער גליקלעך, וואָס ער באַקומט די געלעגנהייט צו דרוקן זיינע זכרונות אין דער „מ. פרייהייט״. ער איז דורך־און־דורך פאַרנומען מיטן שרייבן, וואָס איז ביי אים נישט קיין מעכאַנישע אַרבעט, נאָר אַ שאַפערישע, אַ פּראָדוצירנדיקע, וועלכע פאַרשאַפט אים אַליין פאַרגעניגן און באַפרידיקונג. פאַר יעדן קאַפּיטל, און נאָכן אָנשרייבן אים, מוז ער זיך טיילן מיט די אייגענע איינדרוקן, און גערן דערציילן און איבערדערציילן, און בעת מעשה — קומען אים צו אַלץ נייע פּרטים, נייע שטריכן.

וועגן דעם דערציילט אויך פאַליא קאָברין אין איר „פאָרווערטס״ צום בוך „מיינע פופציק יאָר אין אַמעריקע״. זי גיט איבער, „ווי קאָברין האָט אין די יאָרן 1944־1945 זיך גענומען צו זיינע דעראינערונגען״, און „ווי ער לעבט זיך צוריק אַריין אין דעם ,אַמאָל׳, אין יענער צייט, ווען די ,זייער און פלאַנצער׳ [קאָברינס אָן אויסדרוק] פון דעם גייסטיקן יידישן לעבן אין אַמעריקע האָבן אַרויפגעלייגט זייער שטעמפּל אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער אַמעריקע... ער ווערט אָנגעצונדן און פאַרכאַפּט פון די אַלטע בילדער, וואָס רייסן זיך צום אויסדרוק... מיט דעם איז ער איצט פול״. און ווען די פאַרעפנטלעכטע קאַפּיטלען אין דער „מ. פרייהייט״ נעמען שטאַרק אויס, ווערט ער „אויפגעמונטערט און דערמוטיקט און מאַכט נאָטיצן, אַרבעט־אויס פּלענער פאַר ווייטערדיקער אַרבעט. ער האָט געהאַלטן ביים סאַמע אָנהייב פון זיין ביאָגראַפיע, ער האָט זיך געקליבן צו שרייבן אַ צווייטן טייל און דאָרט האָט ער, צווישן אַנדערן, געוואָלט שרייבן וועגן זיין לעבן אין דער היים... — — — ער האָט עס אָבער שוין, ליידער, נישט באַוויזן צו טאָן... — — — דער טויט האָט אכזריותדיק אַרויסגעריסן די פעדער פון זיינע הענט...״

דאָס איז געווען סוף מערץ 1946. אָבער אין די לעצטע פאַר יאָר האָט ער אַלץ געוואָלט יאָגן און אָניאָגן, ווי געפילט, אַז עס איז די העכסטע צייט וואָס־מער אויסלאָדן פון זיך. מסתמא האָט אים געגעבן אָנצוהערענישן דער

טויט פון דר. ח. זשיטלאָווסקי (געשטאָרבן דעם 6־טן מאַי, 1943) און דער טויט פון יעקב מילך (דעם 18־טן אויגוסט, 1945), — זיינע מיטצייטלער, זיינע בני־דור, זיינע חברים אין פרייד און אין לייד.

אויסער די זכרונות פון זיינע פופציק יאָר אין אַמעריקע, — פאַרעפנט־לעכט ער אין דער „יידישע קולטור" לעבעדיק־געשריבענע, מיט ברען, מיט אימפעט און מיט פיל־קענטעניש אַרטיקלען־אָפּהאַנדלונגען, וואו עס איז פאַראַן אויך ווערטפולער מאַטעריאַל צו דער יידישער קולטור־און ליטעראַ־טור־געשיכטע אין אַמעריקע:

„ווי אַזוי איך האָב ,באַגגבעט' מאַקס נאָרדאו" — אַ בלעטל קולטור־געשיכטע פון אונדזער יידישער גאַס", — „יידישע קולטור", מערץ 1943, נ' 3;

„אונדזער איבערגעזעצטע ליטעראַטור און ווי אַזוי מען האָט דאָ מאַקסים גאָרקין איבערגעזעצט", צו גאָרקיס 75־טן געבוירנטאָג, „יידישע קולטור", מאַי, 1943, נ' 5;

„דר. חיים זשיטלאָווסקי — דער מענטש", „יידישע קולטור", 1943, נ"נ 6־7, און די דערמאָנטע רעדע „פון דייטשמעריש צו יידיש" אין נ' 10, אָקטאָבער, 1943.

זיין אינטערעסאַנטן, פול מיט וויכטיקע פּרטים און שטריכן אַרטיקל וועגן זשיטלאָווסקין הויבט קאָברין אָן: „מיט אַ יאָר און אַ האַלב צוריק, ווען איך האָב באַגריסט דר. ח. זשיטלאָווסקין צו זיין לעצטער יובליי־פייערונג אין מעקא־טעמפּל, האָט זיך מיר נישט געחלומט אפילו אין ווייטן חלום, אַז איך וועל זיך באַטייליקן אין אַ נומער, געווידמעט זיין אָנדענק. מיר, וואָס האָבן געהערט דעמאָלט זיין רעדע און שפּעטער זיינע אַנדערע רעדעס און וואָרנונגען וועגן די שוואַרצע פאַשיסטישע כוחות, קעגן וועלכע מיר מוזן אַלע פאַראייניקטערהייט קעמפן, — האָבן זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז צו אָט־דעם קעמפער, וואָס רופט די מענטשן צום קאַמף מיט אַזאַ קלאָרן, הילכעדיקן, יונגן קול, גנבעט זיך דער טויט..."

וויפל פאַרערונג, וויפל באַגייסטערונג און וויפל אויסגעצייכנטע סצענעס און עפּיזאָדן ער ברענגט אַרויס אין אָט־דער אייליק־געשריבענער אָפּהאַנד־לונג! און ווי מייסטעריש ער וויקלט־אַריין אינעם אַרטיקל וויכטיקע היס־טאָרישע מאָמענטן!

גייען מיר ווייטער און בלעטערן דעם זשורנאַל פאַרן יאָר 1944, און ווידעראַמאָל האָבן מיר זיינע גלענצנד־געשריבענע קולטור־געשיכטלעכע און ליטעראַריש־קינסטלערישע אַרבעטן:

„טעאַטער און זיין כוח", וואָס ער ענדיקט מיט די ווערטער: „יאָ,

טעאַטער איז שפּיל און מיטשפּיל — שפּיל פונעם אַקטיאָר און מיטשפּיל פון דעם עולם אינעם טעאַטער", — אַ אינטערעסאַנטע אָפּהאַנדלונג, אָנגעפילט מיט אייגענע דערפאַרונגען און טראַכטענישן וועגן טעאַטער בכלל און יידישן בפרט, — מיט אינטערעסאַנטע טעאַטער־עפּיזאָדן. „ייד. קולטור", נ׳ 2;

„אַ פאַרגעסענע יידישע צייטונג אין אַמעריקע" (פונעם רעפּעראַט, געהאַלטן אויף דער פּרעסע־אויסשטעלונג ביים איקוף), נ׳ 4;

„צווי בערג" (פון מיינע טעאַטער־זכרונות, וואו ער דערציילט און מאָלט די שוישפּילער דוד קעסלער און רודאָלף שילדקרויט, — נ"נ 8־9;

און אָט שטאַרבט, נאָך אַ שווערער קראַנקהייט, יונה ראָזענפעלד. מיר מאַכן אין איקוף־צענטער אַ יונה ראָזענפעלד־אָנדענק־אָוונט, און קאָברין האַלט אַ רירנדיקע און טרעפלעכע רעדע וועגן דעם אייגנאַרטיקן שרייבער און מענטש (געדרוקט אין נ׳ 11, ז"ז 20־22) מיט ליבשאַפט און פּאַטערלעכע אינטים־הבֿרישע באַמערקונגען און פאַרערונג־אויסדרוקן, פאַר אים, פאַר זיין אַנדערשקייט.

6.

סוף 1944 איז, לויט דער איניציאַטיוו פונעם איקוף און קאָברינס נאָענטע פריינט, געשאַפן געוואָרן אַן איניציאַטיוו־קאָמיטעט צו פייערן די פופציק יאָר ליטעראַריש־דראַמאַטורגישע טעטיקייט, — ווי עס ווערט געזאָגט, — „פון איינעם פון די פּיאָנערן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע" לעאָן קאָברין. עס ווערט אָרגאַניזירט אַ גרויסער יובל־קאָמיטעט, אין וועלכן עס גייען אַריין אַ הונדערט אָנגעזעענע שרייבער, שוישפּילער און קולטור־טוער. מען האָט זיך געשטעלט גרויסע פּלענער: אַראַנזשירן אין ניו־יאָרק און איבערן לאַנד קאָברין־פייערונגען אויף אַ ברייטן מאַסשטאַב; עס ווערט צוגעפּגעשטעלט אַ טרופּע פון באַוואוסטע שוישפּילער, וואָס וועט אויפפירן איינע פון קאָברינס פּאָפּולערע פּיעסעס; ס׳איז פאַרגעזען אַרויסצוגעבן געקליבענע ווערק פון ל. קאָברין און אַ לעאָן קאָברין־בוך מיט אַרטיקלען און אָפּשאַצונגען וועגן אים.

אָט איז פאַר אונדז דער רוף פונעם לעאָן קאָברין־יובל־קאָמיטעט, געחתמעט: יואל ענטין, פאָרזיצער; מאָריס ווינבערג, קאַסירער; נחמן מייזיל, סעקרעטאַר; מרדכי יחסן, אויספיר־סעקרעטאַר. עס זיינען אָנגעגעבן נעמען פון שרייבער, שוישפּילער און קולטור־טוער, וועלכע האָבן איינגעשטימט צו באַטייליקן זיך אינעם קאָמיטעט. די רשימה איז אַן אימפּאָזאַנטע. זי ווייזט, אַז לכבוד לעאָן קאָברין איז געשאַפן געוואָרן אַ מין פאָלקס־פראָנט, אין וועלכן עס זיינען פאַרטראָטן שרייבער און שוישפּילער, ווי אויך קולטור־

טוער פון פאַרשיידענע קרייזן און ריכטונגען. עס זיינען אינטערעסאַנט, לשם כאַראַקטעריזירונג פון באַשטימטע יידישע שרייבער און טוער, די וועלכע פעלן אין דער רשימה (שיקן מיר אָפּ, ווער עס איז פאַראינטערעסירט אין דעם, צו „יידישע קולטור", נ' 12, 1944, ז' 54).

ס'איז נישט איבעריק צו ברענגען אַ פּאָר שטעלן פונעם רוף: „עס איז געוואָרן פופציק יאָר זינט דער באַוואוסטער יידישער שריפטשטעלער און דראַמאַטורג לעאָן קאָברין האָט אָנגעהויבן צו שרייבן. עס איז אויך געוואָרן זיבעציק יאָר פון זיין געבוירן ווערן. אָט־די דאַטעס טאָרן נישט אַריבער אומבאַמערקט אין דער יידישער וועלט. די יידישע עפנטלעכקייט איז שול־דיק אַ חוב דעם יובילאַר, אַ חוב צו איינעם פון די מיטבויער און מיט־שאַפער פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, צום פאָטער פון דער אַמעריקאַנער יידישער דערציילונג און ראָמאַן, צום שאַפער פון אַ סך ווערק, וואָס וועלן פאַרבלייבן אַן אוצר אין אונדזער יידישער קולטור".

אָבער די שווערע קאַטאַסטראָפאַלע צייט, די אַלץ־נייע אומגליקן און בשורות רעות, וואָס זיינען אָנגעקומען פון אייראָפּע, — האָבן דאָך פּאַראַלי־זירט די אַרבעט פונעם יובל־קאָמיטעט און נישט דערלויבט, אַז די אַרבעט זאָל זיך ברייט פאַנאַנדערוואַקסן. דערצו איז דער געזונט־צושטאַנד פון לעאָן קאָברין געוואָרן ערגער, און מען האָט נישט געקאָנט פאַנאַנדערוויקלען די יובל־פייערונגען אין אַ גרויסן פאַרנעם.

אָבער אונדזער זשורנאַל „יידישע קולטור" האָט געהאַלטן פאַר נויטיק אָפּצומערקן דעם יובל. דער נומער 1, יאַנואַר, 1945, עפנט זיך מיט פייער־לעכע אַרטיקלען, געווידמעט לעאָן קאָברינען און זיינע פופציק יאָר שאַפן. עס קומט אַ פאַטעטישער אַרטיקל פון ב. ריווקין — „דער פיאָנער"; אַן אָפּ־האַנדלונג פון נ. בוכוואַלד „לעאָן קאָברין — דער דראַמאַטורג"; אַן אָפּהאַנד־לונג פון קלמן מרמר „פופציק יאָר שאַפן" (מיט זכרונות וועגן אים); די דערציילונג פון לעאָן קאָברין „איך בין דאַן אַלט געוועזן זיבעצן יאָר", גע־שריבן אין יאָר 1897, איינע פון זיינע ערשטע שאַפונגען (פאַרעפנטלעכט אינעם חודש־זשורנאַל „דער נייער גייסט", רעדאַקציע פון א. האַרקאַווי); און אַ לענגערע אַרבעט פון נ. מייזיל וועגן ל. קאָברינס ווערק, און אַ רשימה פון זיינע דערציילונגען און ראָמאַנען, ווי אויך איבערזעצונגען אויף יידיש.

און אָט אַ טשעקאַווע געשיכטע מיט ל. קאָברינס „וועגן פּרצעס קינסט־לערישער פּערזענלעכקייט", געדרוקט אין פּרץ־נומער „יידישע קולטור", 3־4, אַפּריל 1945, צו י. ל. פּרצעס דרייסיקסטן יאָרצייט. מיר האָבן דעם נומער געגרייט, צוזאַמען מיט גרויסע פּרץ־פייערונגען. מיר האָבן שוין געהאַט אַ

רייכן פיל־פּאַרביקן נומער, געשריבן דורך פאַרשיידענע שרייבער, ווי אויך וויכטיקע פּרץ־פאַרשונגען, און צייכענונגען און בילדער. געדענק איך, ווי כ׳האָב אַריינגעטענהט מיט לעאָן קאָברין, ער זאָל עפּעס געבן פאַרן נומער. לכתחילה, ווי זיין שטייגער, האָט ער גענומען טענהן: ביז וואַנעט איז דער שיער אַלץ פאַרנעמען זיך מיט די אייראָפּייאיש־יידישע קלאַסיקער, און פאַרזען, איגנאָרירן די היגע, די אַמעריקאַנער... ער איז געווען אַלעמאָל אַ „פּאַטריאָט״ פון דער אַמעריקאַנער־יידישער ליטעראַטור, וואָס ער איז מיט איר אויסגעוואָקסן, און געהאַלטן, אַז מען שענקט איר וויניק אויפמערקזאַמקייט און אינטערעס. דערצו איז ער ראשו ורובו געווען פאַרטאָן מיטן אַרויסברענגען געשטאַלטן און געשעענישן, סצענעס און עפּיזאָדן פון די אַמאָליקע יאָרן. איך האָב אָבער געטענהט: „סטייטש, וואָס פאַר אַ פּנים וועט עס האָבן, אַז אין אַזאַ נומער וועט אויספעלן לעאָן קאָברין!״ האָט ער פאַרזשמורעט זיין אויג, ווי עס איז געווען זיין שטייגער, ווען ער האָט עפּעס איבערגעטראַכט, און געזאָגט: „געפּועלט! אָבער קיין ערנסטן אַרטיקל וועל איך נישט באַוויזן אָנצושרייבן!״ זיינען מיר איינגעגאַנגען, עס זאָל זיין „אַ בריוו אין רעדאַקציע״.

און אַזוי איז געבליבן: אינעם פּרץ־נומער האָבן מיר קאָברינס „בריוו״, וואו ער שרייבט צווישן אַנדערן: „איך באַדויער זייער, פאַרוואָס איכ׳ל נישט קאָנען געבן קיין אַרטיקל וועגן י. ל. פּרץ פאַר דעם נומער ,יידישע קולטור׳ ווי איך האָב צוגעזאָגט. גראָד בין איך פאַרנומען איצט מיט אַן אַרבעט, וואָס זי נעמט אַוועק ביי מיר אַ סך צייט. און שרייבן סתם וועגן י. ל. פּרץ שרייבן, וואָס מען רופט ,על רגל אחת׳, טאָר מען נישט. איך געהער נאָך אַלץ צו יענע ,נאַאיווע אַמאָליקע׳, וואָס האַלטן, אַז עפּעס אַזוינס — ,על רגל אחת׳־שרייבעריי הייסט עס — וועגן אַ דיכטער ווי פּרץ, וואָלט געווען אַן אומכבוד פאַר אים און אַ בזיון פאַר דער יידישער ליטעראַטור. איך גלויב נאָך אַלץ, אַז איידער מען שרייבט וועגן אַ שרייבער, דאַרף מען אים לייענען און איבערלייענען, ביז מען דערפילט אים, ביז מען דערזעט אים. בפרט, ווען עס רעדט זיך וועגן אַזאַ שרייבער ווי פּרץ איז געווען. מחמת דעם שרייבער לייענט מען אין זיינע ווערק; זיין האַרץ און מוח לייענט מען דאָרט, אָפּט אפילו די סודי־סודות פון זיין ,איך׳, ווי ער זאָל זיך נישט באַהאַלטן הינטער זיינע ווערק... דער שטרענגסטער אָביעקטיוויזם ביי אַ שרייבער, — האַלט איך, — איז סוף־כל־סוף סוביעקטיוו... אָט דערפאַר מיין איך, — כדי אַרויסצוברענגען די זייער פאַרוויקלטע פּערזענלעכקייט פון אַ פּרצן, האָב איך געדאַרפט לייענען איצט זיינע שריפטן נאָכאַמאָל — און ווידער טאַקע נאָכאַמאָל, — איידער כ׳שרייב מיין אַרטיקל וועגן אים. מחמת

דער שרייבער פרץ איז געווען אַ קאָמבינאַציע פון לערער, דערציער, פּראָפּאַגאַנדיסט, קינסטלער און — אין נאָך אַ גרעסערער מאָס — פון קינסטלערישער פּערזענלעכקייט, וואָס האָט שטענדיק זיך מיטגעריסן מיט קינסטלערישע ,נייעסן׳ פון דער אייראָפּייאישער ליטעראַטור. דאָס איז דער איינדרוק פון לייענען זיינע שריפטן פריער. נאָך אַמאָל: מיר וואָלט זיך וועלן שרייבן וועגן פרצן — טאַקע אַן אַרטיקל — איכ׳ל עס אָבער מוזן אָפּלייגן אויף אַ מער פרייער צייט, ווען איכ׳ל ניט זיין פאַרנומען און וועל קאָנען נאָכאַמאָל לייענען זיינע ווערק״ (דאַטירט דעם 8־טן מערץ, 1945).

ליידער, האָט ער זיך שוין נישט דערוואַרט אויף אַ מער פרייער און פאַסיקער צייט. ער איז קראַנק געוואָרן און נישט באַוויזן נאָך אַמאָל צו לייענען פרצעס ווערק, כדי צו קאָנען אָנשרייבן אַן אַרטיקל איבער אים.

פון צייט־צו־צייט האָט ער זיך באַטייליקט אין סימפּאָזיומס אין איקוף־צענטער, אויך אויפגעטראָטן אויף דעם אָוונט: „פאַרוואָס דווקא יידיש?״ צוזאַמען מיט ק. מרמר און נ. מייזיל. אַ טעמע, וואָס מען האָט אין יענער צייט פיל באַהאַנדלט און אַרויסגערוקט פאָדערונגען צום עולם צו קעמפן פאַר יידיש אינעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן.

און אַז ער איז געווען פאַרבונדן מיטן זשורנאַל „יידישע קולטור״ ביזן סוף פון זיין לעבן איז צו זען, וואָס זיין נאָמען פיגורירט צווישן די רעדאַקציע־מיטגלידער ביזן נומער 4, אַפּריל, 1946, ווען ער איז אַוועק אויף זיין לעצטן וועג...

7.

לעאָן קאָברין האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם זונטיק אינדערפרי דעם 31־טן מערץ, 1946, אין זיין היים, נאָך אַ שווערער קראַנקהייט.

און גראָד מיט אַ פּאָר וואָכן פריער, אינעם נומער 4, אַפּריל, האָבן מיר צוויי פריידיקע נאָטיצן וועגן אים. די ערשטע: „מיר זיינען צופרידן מיטצוטיילן אונדזערע לייענער, אַז דער באַוואוסטער יידישער שרייבער, דער מיטאַרבעטער פון דער ,יידישע קולטור׳, לעאָן קאָברין, וואָס זיין יובילייווערט לעצטנס געפייערט אין פאַרשיידענע שטעט, איז נאָך אַ שווערער קראַנקהייט פון אַ לונגען־אַנטצינדונג, געזונט געוואָרן. ער איז געקומען צוריק אין זיין הויז נאָך אַ צוויי וואָכן ליגן אין שפּיטאָל. מיר ווינטשן אים גיך צוריקקומען צו זיינע כוחות און זיך ווידער נעמען פאַרצווזעצן זיינע אינטערעסאַנטע זכרונות און צוגרייטן זיינע ווייטערדיקע ווערק צום דרוק״. אויף דער זעלביקער זייט, אונטער אַ קאָפּ „עס דערשיינען ביי אונדז נייע ביכער״, האָבן מיר אַ מעלדונג, אַז „עס ווערט פאַרענדיקט דער ערשטער באַנד פון

דער קאַברין־אויסגאַבע, וואָס נעמט־אַריין אַ ראָמאַן און עטלעכע דערציי־לונגען". דיביידע נאָטיצן האָבן אויפגעמונטערט דעם ערשט־געקומענעם פון שפּיטאָל לעאָן קאַברין. ער האָט זיך געפילט ווי אַ זיגער, באַזיגט דעם מלאך המות, און גרייט געווען זיך אַריינוואַרפן ווידער אין זיינע ליטעראַ־רישע טעטיקייטן.

און, ווי האָט ער געשריבן, מיט צוויי יאָר צוריק, וועגן דר. ח. זשיט־לאָווסקי: "מיר האָבן זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז צו אָט־דעם קעמ־פער גנבעט זיך דער טויט!..."

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט דאָס ברויזנדיקע לעבן־שאַפן פון לעאָן קאַברין, וואָס גראָד די לעצטע יאָרן און חדשים האָט ער פונדאָסניי איבערגעלעבט די צייט פון זיין קומען קיין אַמעריקע, 1892, און פון זיינע ערשטע שריט אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּרעסע, ליטעראַטור און טעאַטער, און וועלכע ער האָט טריי און ערלעך און טאַלענטפול געדינט איבער פופציק יאָר...

און דער סוף?

מאָנטיק, דעם 1־טן אַפּריל, איז אינעם איקוף־צענטער פאַרגעקומען אַ באַראַטונג פון פאָרשטייער פון פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, מיט וועלכע ל. קאַברין איז געווען פאַרבונדן, ס'איז אויסגעטיילט געוואָרן אַ לוויה־קאָמי־טעט, און מיטוואָך, דעם 3־טן אַפּריל, ביים ביַיזיין פון איבער טויזנט פאַר־ערער פון ל. קאַברין און זיין שאַפן, — האָט מען אים אַרויסבאַגלייט פייער־לעך און שטימונגספול צו זיין אייביקער רו.

אין די טרויער־אויסדרוקן איז צווישן אַנדערן געזאָגט געוואָרן: "דער איקוף פאַראייניקט זיך צום אַלגעמיינעם טרויער נאָכן טויט פון לעאָן קאַברין, דעם פּיאָנער און וועטעראַן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, דעם מחבר פון פיל ווערק און דראַמאַטישע שאַפונגען, וואָס זיינען צווישן די גרונט־ווערק פון דער היגער יידישער ליטעראַטור". און דער איקוף שטאָט־קאָמי־טעט האָט באַטאָנט: "לעאָן קאַברין איז די לעצטע עטלעכע יאָר צונויפגע־וואָקסן געוואָרן מיטן איקוף און מיט אַלע זיינע טעטיקייטן. נישט געווען קיין איין אונטערנעמונג, אַ קלענערע אָדער גרעסערע, אין וועלכע לעאָן קאַברין, דער פאַרדינסטפולער שרייבער און דראַמאַטורג, זאָל זיך נישט באַטייליקן און נישט אַרויסברענגען זיין גוואַלדיקע ליבע פאַרן יידישן וואָרט, פאַרן יידישן שאַפן". עס האָבן פאַרעפנטלעכט טרויער־אויסדרוקן: דער יידי־שער פראַטערנאַלער פאַלקס־אָרדן, דער יידישער פען־קלוב, דער אינסטיטוט פאַר יידישער בילדונג, גענעראַל־עקזעקוטיווע פונעם יידישן נאַציאָנאַלן אַר־בעטער־פאַרבאַנד, דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט־ייוואָ, די יידי־שע אַקטיאָרן־יוניאָן, די "מ. פרייהייט" אַסאָסיעישאָן, דער שרייבער־קאָמי־

טעט, דער יידישער שרייבער פּרץ־פּאַראַיין, א. אַנ. אין פאַרשיידענע צייט־טונגען און צייטשריפטן זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַרטיקלען־אָפּשאַצונגען וועגן לעאָן קאָברין און זיין אָרט און ראָלע אינעם יידישן לעבן און אין דער יידישער ליטעראַטור.

און וועגן זיינע געקליבענע ווערק, וואָס עס איז געפּלאַנט געוואָרן צום אַרויסגעבן?

אין יאָר 1948 איז אינעם „איקוף־פאַרלאַג" דערשינען זיין ראָמאַן „דער פאַרלוירענער ניגון" מיט זעקס דערציילונגען, מיט אַ פאָרוואָרט פון יואל ענטין, 320 זייטן; און ערשט אין 1952 איז אַרויס זיין בוך „דראַמאַטישע שריפטן", מיט אַ פאָרוואָרט פון פאולינע קאָברין און אַן אַריינפיר פון יואל ענטין „לעאָן קאָברין דער דראַמאַטורג", 458 זייטן, אַרויסגעגעבן דורכן לעאָן קאָברין בוך־קאָמיטעט מיטן איקוף;

און אין 1955 — „מיינע פופציק יאָר אין אַמעריקע", מיט אַ פאָרוואָרט פון פאַליא קאָברין, בוענאָס־איירעס. דאָס זיינען די ערשטע צוויי טיילן פון זיינע אינטערעסאַנטע און ווערטפולע זכרונות־שילדערונגען, — און ערשט איצט, צען יאָר נאָך זייער דערשיינען, איז מעגלעך געוואָרן, אַדאַנק דער איניציאַטיוו פון דער קאָברין־משפּחה, און בעיקר — פון זיין זון דר. נייטן קאָברין, — צו פאַרעפנטלעכן די פאַרבליבענע קאַפּיטלען פון לעאָן קאָברינס פרעכטיקע דעראינערונגען, וואָס די אומדערמידלעכע פרוי פאַליא קאָברין האָט מיט טיפער ליבשאַפט און פאַרערונג טיילווייז באַוויזן צוגרייטן צום דרוק.

וועגן דער מיטאַרבעט און מיטשאַפן פון פאַליא, פרוי קאָברין, מיט לעאָן קאָברין אַלע יאָרן, און וועגן איר פאַרשטענדעניש און ווילן פאַרצוזעצן צו פאַרעפנטלעכן איר מאַנס און אירע זכרונות, דערציילט זייער איינציקער זון נייטן אין זיין אַרטיקל „מיינע עלטערן — לעאָן קאָברין און פאולינע קאָברין" („יידישע קולטור", נ' 6, יוני־יולי, 1964), וואָס גייט אויך אַריין אין קאָברינס בוך זכרונות, וואָס דערשיינט איצט.

דער ערשטער באַנד זכרונות איז געווען „אַ לעצטע בלום פון פאַליא צו לעאָן קאָברין", און דער איצטיקער צווייטער באַנד פון „מיינע פופציק יאָר אין אַמעריקע" זאָל זיין געווידמעט דעם ליכטיקן אָנדענק פון דער פרוי, דער מוטער פאַליא־פאולינע קאָברין, וואָס איז געשטאָרבן צוריק מיט דריי מיט אַ האַלבן יאָר, דעם 29טן אויגוסט, 1961.

אלונים, יאַנואַר, 1965

מיינע פופציק יאָר
אין אַמעריקע

ערשטער טייל

די יידישע פּרעסע אין ניו־
יאָרק און אירע שרייבער

ערשטער קאַפּיטל

אַ באַגעגעניש מיט מ. ראָזענפעלד

א.

איידער איך טרעט־צו צו דערציילן, ווי איך בין אַריבערגעפאָרן פון פי־לאַדעלפיע קיין ניו־יאָרק, לאָמיר איבערגעבן וועגן אַן אומגעריכטן באַזוך פון מאָריס ראָזענפעלד ביי מיר אין שטוב און וועגן מיין ערשטער באַגעגע־ניש מיט אים.

אין יענער צייט האָב איך אים ניט געקענט — ניט אים אַליין און ניט זיינע לידער. און גאָרניט געוואָלט אים קענען אויך. מחמת אין דעם קרייז, וואו איך האָב פאַרקערט, זינט איך בין געקומען קיין אַמעריקע, האָט מען פון ראָזענפעלדן אינגאַנצן ניט געהאַלטן.

ביי יענעם קרייז זיינען דריי יידישע דיכטער פּאָפּולער געווען: דוד עדעלשטאַט, מאָרים ווינטשעווסקי און יוסף באָוושאָווער, וואָס ער איז אין יענער צייט — ווי איך האָב באַמערקט — געווען נאָך גאָר אַ יונג בחורל, אַן אָנפאַנגער.

וועגן אָט־די דריי דיכטער האָט מען גערעדט, מען האָט זיי פאַרגעטערט ממש, און זייערע לידער האָט מען געזונגען און זיי אויף פאַרזאַמלונגען מיט פאַטאָס דעקלאַמירט.

וועגן ראָזענפעלדן האָט מען ניט גערעדט. פון זיין דיכטערישן טאַלאַנט האָט מען ניט געהאַלטן. און אַנדערע פון די דעה־זאָגערס אין דער ראַדיקאַ־לער יידישער פּרעסע האָבן אים אָפּגעפּטרט מיט איין וואָרט: „בדחן“...

האָט מיך דער „בדחן“ ניט אינטערעסירט און, אַז איך האָב געטראָפן אַמאָל זיינס אַ ליד אין אַ צייטונג, האָב איך עס איבערגעהיפּט...

אָט אַזאַ מיינונג האָב איך געהאַט וועגן אים ביז דעמאָלט, ווען מיר האָבן זיך געטראָפן.

ווי אַזוי איך האָב זיך מיט אים געטראָפן דעמאָלט, איז אינטערעסאַנט געווען.

איך זיץ ביי זיך אינדערהיים און אַרבעט, דערהער איך מיטאַמאָל, אַז מען קלאַפּט אין מיין טיר. איך עפן די טיר, שטייט דאָרט אַן אומבאַקאַנטער יונגערמאַן מיט אַ פּעקל ביכער אונטער איין פּאַכווע און מיט אַ רעגן־שירעם אונטער דער אַנדערער.

ער פרעגט אויף מיר מיט אַ הייזעריקלעכן קול.

און איך וואונדער זיך, וואָס ער רעדט יידיש. מחמת איך וואָלט געקאָנט

שווערן, אַז דער דאָזיקער ברונעט, מיט די שוואַרצע, פייערדיקע אויגן, און פעך־שוואַרצע וואָנצעס, און מיטן שוואַרץ־געקרויזטן קאָפּ, איז אַן איטאַליענער.

ער קומט אַריין אין הויז, לייגט אַוועק דאָס פּעקל ביכער און דעם רעגן־שירעם אויף אַ שטול און ער מאַכט צו מיר:

— איך בין מאָריס ראָזענפעלד. איך האָף, אַז איר קענט מיינע לידער.

שאָקלט לאַנג מיין האַנט און קוקט מיר אין פּנים אַריין מיט וואונדער־לעך־פייערדיקע אויגן, און די ברייטע אַקסלען מיטן קאָפּ האַלט ער שטאָלץ פאַררייסן. און זיין שמייכל איז עפּעס אַ געמישטער: גלעט און לאַסטשעט און בעטלט, דאַכט זיך...

איך געדענק קלאָר דעם איינדרוק, וואָס ער האָט דעמאָלט געמאַכט אויף מיר: עפּעס אַ געמיש פון אַ שטאָלצן פּרינץ און פון אַ הכנעהדיקן בעטלער. סיי זיין האַלטונג און סיי דער אופן, ווי אַזוי ער איז אַנגעטאָן געווען, האָבן געמאַכט אַזאַ איינדרוק.

ער האָט געטראָגן — געדענק איך — עפּעס אַ לאַנגן שוואַרצן פּרינץ אַלבערט, מיט זיידענע לאַצן איבער צעקנייטשטע פּאַנטאַלאָנעס פון אַ משונה־דיקן קאָליר, און שיך מיט צעקרימטע קנאָפּל...

ער דערציילט מיר, אַז ער לייענט מיינע אַרטיקלען אין דער „פילאַדעל־פיער שטאָט־צייטונג" און זיי געפעלן אים, ווייל איך בין דער איינציקער, וואָס רייסט די פעל פון דער „באַנדע פּיסקעוואַטע שרייבאַרעס"...

איך דערמאָן זיך, ווי מאָדנע עס האָט מיר געקלונגען זיין לשון: „פּיס־קעוואַטע שרייבאַרעס"... שמירער פון אונדזערע שרייבאַרניעס"... און מיט וואָס פאַר אַ כעס ער האָט דערמאָנט די נעמען פון געוויסע שרייבער, וואָס זיינען אין יענער צייט פּאָפּולער געווען! ווי ער האָט זיי געזידלט, באַגאָסן זיי ממש מיט גאַל און פייער!

היינט פאַרשטיי איך, אַז דאָס איז געווען אַ פאַרצווייפלונגס־געשריי פון אונדזער פלאַמענדיקסטן דיכטער קעגן דער דעמאָלטדיקער סביבה זיינער, וואָס איז געווען טויב פאַר אים, דעם אמתן דיכטער, אין יענער צייט. מיר אָבער, וועלכער האָט אים דעמאָלט אינגאַנצן נישט געקענט, איז אויסגעקומען עפּעס משונהדיק־ווילד, וואָס ער, אַ בדחן, האָט אַזעלכע טענות צו די „שריי־באַרעס" אין די „שרייבאַרניעס"...

ער כאַפּט אַרויס, געדענק איך, אַ „פרייע אַרבעטער־שטימע" פון אַן אויי־בערשטער קעשענע, לייגט זי אַוועק פאַר מיר אויפן טיש און זאָגט:

— אָט, לייענט איבער, איך בעט אייך, אַ ליד אָט דאָ־אָ־אָ!...

וואַרט ניט, ביז איך וועל עס אָנהויבן צו לייענען, און הויבט אַן אַליין עס צו לייענען מיט אַ שפּאַטישער באַטאָנונג.

און אַז ער האָט געענדיקט, לאָזט ער אַרויס צערייצט אַ שפּאָטישן „נו!“, פּאַררייסט ווידער שטאָלץ די אַקסלען און דעם שוואַרץ־געקרויזטן קאָפּ, שטעלט אויס צו מיר ביידע הענט און קוקט אויף מיר אַ היפּשע ווײַלע, אינגאַנצן איין שפּאָטישער „נו?“...

מאָרים ראָזענפעלד

נאָכדעם טוט ער אַ ציי די אַקסלען און מאַכט:

— און אַזאַ פּיסקעוואַטע שמירעריי ווערט געדרוקט אין דער שרייבאַר־ניע, און מען רעדט וועגן דעם, און מען לויבט עס, און מען דעקלאַמירט עס, נאָך אויך, — נו?!...

שפּעטער ביי אַ גלאָז טיי רעדט ער אינגאַנצן וועגן זיך און זיינע לידער,

רעדט אַזוי שטאָלץ און אַזוי באַגייסטערט וועגן זיי, אַז ער ווערט מיר, צום סוף, אומאָנגענעם.

ער פרעגט מיך, צי איך האָב געלייענט אַזאַ ליד זיינס, אָן אַנדערס, זאָג איך אים, אַז ניין.

— קענט איר דאָך מיך ניט, — רעדט ער אַרויס אין אַ באַליידיקטן טאָן, און ער שטעלט אָן אויף מיר זיינע פּייערדיקע אויגן מיט אַ פאַרוואונדעטן אויסדרוק, און ער פאַררייסט זיינע ביידע הענט, וועלכע פרעגן, דאַכט זיך: „סטייטש?"...

איך ענטפער אים:

— דעם אמת געזאָגט, קען איך אייך ניט. איך האָב געהערט נאָר אייער נאָמען.

הויבט ער זיך אויף פונעם טיש און לויפט צו צום שטול, וואו זיינע ביכער ליגן, כאַפּט אַרויס איין בוך מיט אַן אויסגעמאָלטער לירע אויפן טאָוול, און דערלאַנגט מיר עס.

דערביי דערציילט ער מיר, אַז ביינאַכט האָט ער אַ קאָנצערט אין דעם האָל אויף דריטער און פיין סטריט.

— מען מוז דאָך אַזוי, צי אַזוי, מאַכן אַ לעבן, — רעדט ער שוין שטילער, שוין ניט מיט אַזאַ שטאָלצן און פאַרריסענעם טאָן, מיט וועלכן ער האָט ערשט גערעדט וועגן זיך און זיינע לידער, און זיין שמייכל גלעט ווידער און לאַסטשעט און בעטלט, דאַכט זיך...

ב.

אַז ער איז אַוועק, נעם איך זיין ביכל מיט דער אויסגעמאָלטער לירע און הויב עס אָן צו בלעטערן. לייענען דאָס האָב איך גאָרניט אינזינען: אַ קוק געטאָן, אַ בלעטער געטאָן און אַוועקגעלייגט, אפשר גאָר אַרויסוואַרפן...

דאָס ביכל הויבט זיך אָן מיט אַ גרעסערער פּאָעמע „שולמית". ווייל איך אַ קוק־טאָן, וואָס דערציילט ער דאָרט וועגן דער דאָזיקער ביבלישער שיינהייט. טו איך אַ כאַפּ די ערשטע צוויי סטראָפן און איך לייען ווייטער...

איך גלויב ניט מיינע אויגן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך לייען עפּעס פון פרוגן, פון יענעם פרוגן, וועלכער איז אין יענער צייט ממש פאַרגעטערט געווען פון דער גאַנצער יידישער אינטעליגענץ.

מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז עס איז נאָך געווען פאַר ליעסינען און פאַר יהואַשן, און גאָר אַ נייס איז דאָן געווען אין אונדזער היגער יידישער פּאָעזיע אַזעלכע שורות:

„אויף אַ גרין, באַגראָזטער וויזע,
ביי אַ זילבער־קלאָרן טייכל,
רונד באַפּוצט מיט יונגע פּאַלמען,
איבער זיי די גאָלדענע זון —

זיצט דעם מזרחס שענסטע טאָכטער
בײַ דעם קעניגס רייכסטער סטאַדע,
זיצט שולמית, די פּאַסטושקע,
ביי די שיינע, ליבע שאָף.

קוים מאַכט אויף דער יונגער מאָרגן,
זיינע גאָלדענע, זיסע ברעמען
אויף די פעלדער גרין און טויאיק,
ווערט באַגריסט ער פון איר בליק.

און דער אויפגעוועקטער הימל
צינדט זיך אָן, ווי פלאַק׳דיק פייער,
פון איר שיינקייט; און פאַר ליבע
ווערט דער טאָג צעגליט און הייס.

און דער פרישער, גרינער וואַלד כאַפּט
פלוצלינג אויף זיך אַ פאַרליבטער
און פרעגט דורך טויזנט פייגל,
אויב נאָך שענערס איז פאַראַן.

און דער גאַנצער גאָלדנער מזרח
ענטפערט „ניין” אים. און די הויכע,
שטאָלצע פּאַלמען זאָגן „ניין” אים.
„ניין”, זאָגט די נאַטור אַליין . . .

אין דער דאָזיקער פּאָעמע זיינען פאַראַן בעסערע שורות, איידער די, וואָס איך ציטיר דאָ. אָבער די שוואַכסטע שורות אפילו פון אָט־דער פּאָעמע לגבי די פּראָפּאַגאַנדע־לידער פון יענער צייט, פון מיט איבער פופציק יאָר צו־ריק, זיינען אויך געווען סטראָפן פון אמתער פּאָעטישער פּראָבע.

איך לייען די אַנדערע לידער אין יענעם ביכל, און מיין באַגייסטערונג פאַר ראָזענפעלדן וואַקסט. ווי איינפאַך און ווי לייכט, מיט וואָס פאַר אינע־וויניקסטן אימפּעט זיין ליד שטראָמט! קיין סימן פון געמאַטערטקייט, פון זיך־און־שוויץ פּאָעזיע! . . . פריי און אוממיטלבאַר האָט דאָס ביי אים אַרויס־געפלאַקערט . . .

און אים רופן זיי „בדחן”? — טראַכט איך ביי זיך, אַן אויפגעבראַכטער קעגן יענע, וואָס אַזאַ מיינונג וועגן אים האָב איך פון זיי אַליין געהערט.

איך בין אַזוי פאַרכאַפּט פון אָט דעם ביכל, אַז שפּעטער, ווען מיין ווייב

קומט אַרויס פון דער אַרבעט, לייען איך עס פאַר איר אויך, און אויך איר זיינען די לידער שטאַרק געפעלן.

* * *

ביינאַכט לויף איך אַוועק צו זיין קאָנצערט. עס ווילט זיך אַזוי זאָגן אים, ווי זיינע לידער געפעלן מיר.

אינעם האָל טרעף איך אַן עולם פון אַרום פופציק מענטשן, מאַנסבילן און ווייבער. און ער, ראָזענפעלד, אין זיין פרינץ־אַלבערט איבער די צע־קנייטשטע פאַנטאַלאָנעס פון אַ משונהדיקן קאָליר, און אין זיינע צעקרימטע שיך, שטייט זיך אויף דער פּלאַטפאָרם און זינגט מיט גאָר אַ נישקשהדיקן טענאָר זיינע לידער, מעשה אַקטיאָר, און אַנדערע פון זיינע לידער דעקלאַ־מירט ער.

נאָכדעם ווענדט ער זיך צום עולם:

— אָט־די לידער מיינע, צום זינגען און צום דעקלאַמירן, וועט איר גע־פינען אין מיין ביכל. 25 סענט, צום זינגען און דעקלאַמירן, נישט טייער!...

און ער ווייזט זיי דאָס ביכל מיט דער לירע אויפן טאָוול.

און אַזוי ווי דער עולם גייט ניט צום דיכטער נאָכן ביכל, גייט דער דיכ־טער מיט זיין ביכל צום עולם.

ער גייט פון דער פּלאַטפאָרם אַרונטער מיט די ביכלעך אונטער דער פּאַכווע, גייט צווישן עולם און רעדט:

— צום זינגען און צום דעקלאַמירן, 25 סענט!...

דער שמייכל זיינער גלעט שוין ניט און לאַסטשעט שוין ניט, נאָר בעטלט... בעטלט און בעטלט, און שילט אפשר...

אַרום צען פון זיינע ביכלעך האָט ער, מסתמא, פאַרקויפט דעמאָלט — צום זינגען און צום דעקלאַמירן!...

מיר האָט אַזוי וויי־געטאָן דעמאָלט פאַר אים.

שפּעטער, אַז איך בין צוגעגאַנגען צו אים און אים איבערגעגעבן, ווי זיינע לידער געפעלן מיר, האָט ער צערייצט אַ מאַך־געטאָן מיט אַ האַנט און זיך אָנגערופן:

— און אַז זיי געפעלן אייך, איז וואָס? איר זעט דאָך!... ביי זיי הייסן לידער, ווען מען זינגט זיי, צי ווען מען דעקלאַמירט זיי. איך האָב אי גע־זונגען, אי דעקלאַמירט מיינע לידער, און וואָס? אויף הוצאות אפילו ניט געמאַכט אויף צוריקצופאָרן קיין ניו־יאָרק!...

פונעם האָל זיינען מיר נאָכדעם אַוועק אין אַ קאַפע־הויז, און דאָרט איז ער געוועזן ווידער דער באַגייסטערטער דיכטער, וואָס ער האָט מיט שטאָלץ גערעדט וועגן זיינע לידער און מיט גלויבן אין זיין דיכטערישער צוקונפט...

.3

אַ לאַנגע צייט האָב איך פאַרבראַכט דעמאָלט מיט אים אינעם קאַפע־הויז, עטלעכע שעה, גלויב איך, און כמעט די גאַנצע צייט האָט ער גערעדט און איך האָב זיך צוגעהערט. ער האָט דערציילט מיר וועגן זיין לעבן און זיינע לידער, און כסדר, כסדר האָט זיך זיין שטימונג געביטן, בשעת ער האָט גערעדט און מיר דערציילט.

אָט איז ער געווען פול מיט גלויבן און האָפענונג און געזען, ווי זיין צוקונפט פון אַ יידישן דיכטער, איז ממש געפּאַרן אין „גאָלדענע קאַרעטן", און באַלד איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ פינצטערן יאוש און האָט געפרעגט: ווער דאַרף זיינע לידער? ווער וויל זיי האָבן און וועמען גייען זיי אָן?

און עס רייסט זיך ביי אים אַרויס אַ קללה אויף אָט־דער קליפה, וואָס שלעפּט אים דווקא צו שרייבן זיינע לידער! מען פאַרשטייט זיי דען? מען שאַצט זיי דען אָפּ, כאָטש ווי יענע שמירערייען, וואָס מען דרוקט אין די שרייבאַרניעס?

ער האָט זיך שוין טויזנט מאָל געזאָגט: ניין, אויס שרייבן לידער! אויס, אויס שרייבער! גיין צוריק אין שאַפּ, פּראַצעווען פאַר דעם „באָס", פאַר דעם „קאַקורעטש"; פּעדלען גיין, עפּענען אַ קרעמל, שטעלן זיך אויפן „חזיר־מאַרק", אויף העסטער סטריט, מיט אַ פּעקל זאַקן, אַבי ניט שלאָגן זיך מיטן האַרצן אָן טויבע ווענט, אַבי ניט שרייבן פאַר בלינדע און ניט זינגען פאַר טויבע!...

אָבער די „קליפה" איז שטאַרקער פון אים: זי טרייבט אים צו שרייבן; ער מוז, ער מוז שרייבן, און דווקא לידער, וואָס קיינער פרעגט זיך ניט נאָך אויף זיי!...

אָט אַזוי רעדט ער זיך אויס ס'האַרץ פאַר מיר יענעם אויפדערנאַכט, בעת מיר זיצן אינעם קאַפע־הויז נאָך זיין קאָנצערט. און אין אַ ווײלע אַרום — ווידער דער געזאַנג פון האָפענונג און גלויבן אין זיין טאַלאַנט און אין זיין צוקונפט דערהער איך פון אים...

וואָס פאַר אַ טשיקאַווער פאַרשוין, און וויפל פאַרשוינען אין אָט־דעם איינעם!

יעדע מינוט אַן אַנדערער. אַ פאַרקערטער פאַרשוין וויזט זיך פאַר מיר. אָט גאָר אַ קליינטשיק־קליינטשיקער מענטשעלע, אַ נעבעכקע, אַ דערשלאָגענער, וואָס חנפהט זיך עפּעס צו אייך און קוקט צו אייך עפּעס מיט אַ באַזונדערער שפלות, אַז עס ווערט ממש אומאָנגענעם פון דער נישטיקייט, וואָס איר דערפילט אין אים, און אין אַ ווײלע אַרום — אַ שטאָלצער דיכטער, וואָס זעט שוין די גאַנצע וועלט ביי זיינע פיס!...

שפּעטער — עס איז שוין געווען באַלד טאָג — האָב איך אים באַגלייט

צום וואָקזאַל אויף בראָד סטריט, וואו ער האָט גענומען די באַן, וואָס האָט געפירט מילך קיין ניו־יאָרק.

נאָכדעם, אַז איך בין געקומען אַהיים, האָב איך אַ לאַנגע צייט געטראַכט וועגן אים.

וואָס פאַר אַ מוראדיקע סביבה איז דאָס געוועזן פאַר דעם שאַפן פון אָט־דעם אמתן דיכטער. אַ מדבר פאַר זיין אַרויסגעזונגענעם ליד.

ער האָט געזונגען באמת צו טויבע אויערן.

ציינדט זיך אָן אַ ליד אין דער נשמה פון דעם דיכטער, זוכט אַן אויס־וועג פון דער טיפער פאַרחלומטער טונקלקייט אַרויס. און ווען דער דיכטער האָט עס אַרויסגעבראַכט, אַ לעבעדיק שטיק פון זיין האַרץ, אַ געפיל, וואָס האָט זיין נשמה געצונדן, וואָס זיין געמיט האָט געבאָרן, איז דאָס אָבער געוועזן אַן עכט ליד, אמתע פּאָעזיע, איז דאָס אויפגענומען געוואָרן מיט שפּאָט, מיט ביטול, ווייל דאָס איז ניט געוועזן קיין דירעקטע אויסגעטייטשטע פּראָפּאַגאַנדע.

און דאָך האָט ער געזונגען ווייטער. ניט אונטערגעגעבן זיך נישט דער פאַרצווייפלונג און נישט דעם הונגער און געזונגען, געזונגען און אַרויסגע־זונגען די לידער, וואָס האָבן אין זיין נשמה אויפגעבליצט און זיין גייסט געצונדן.

האָט געאַרבעט אין די שעפּער און דערנאָך אין זיין קאַלטן צימער האָט ער זיך געוואַרעמט אָן דעם פייער פון זיין נשמה, שאַפנדיק זיינע לידער.

און ווען ער האָט זיך אפילו געפרעגט אַמאָל פאַר פאַרצווייפלונג: פאַר וועמען און צוליב וואָס? אָבער דעם דראַנג צו שאַפן ווייטער, ווייטער, ווײ־טער, האָט דאָס ניט אָפּגעשטעלט...

וואָס פאַר אַ כּוחות האָבן דאָס געמוזט שטורעמען אין אים, כּדי דאָס אַלצ־דינג אויסצוטראָגן און אַז דאָס אָנגעצונדן ליד זאָל זיך ניט אויסלעשן, איי־דער ער, דער דיכטער, האָט עס ניט אַרויסגעזונגען. וואָס פאַר אַ גלויבן אין זיך און אין זיינע כּוחות!

וואונדערלעך זיינען געוועזן די כּוחות פון יענע אַמאָליקע, פון יענע „אַלטע".

שטערונגען אויף שריט און טריט. הונגער. אַ שטומע, נאָך ערגער: אַ צעקאַליעטשעטע שפּראַך. אַ גלייכגילטיקע טויבע וועלט. און דאָך — דער שאַפונגס־גייסט, וואָס ברענט אין דעם דיכטערס נשמה, איבערוועלטיקט דאָס אַלץ.

מחמת אין זיין האַרץ האָט ער, ראָזענפעלד, ווי די אַנדערע פון די היינ־טיקע אַלטע, געטראָגן די עקזיסטענץ פון דעם יידישן וואָרט, די טענער פון דעם יידישן ליד און די פאַרבן פון דער יידישער פאָלקס־נשמה, און זיי האָבן

עקשנותדיק געקעמפט, כדי אַ באָדן צו געפינען דאָ, אין אַמעריקע, פאַר דעם אַלצדינג, וואָס זיי האָבן אין זייער נשמה געטראָגן, וואָס האָט געמוזט אין זייער בלוט געבאָרן ווערן...

און דער שטיינערנער, קאַלטער באָדן פון אַמעריקע, באַפרוכפּערט פון זייערע שטיקער נשמה, פון זייער פלאַמענדיקן גייסט אָנגעצונדן און באַלעבט, האָט ביסלעכווייז אַ האַרץ געקראָגן, אַ נשמה און אויערן.

אַ יידישע ליטעראַטור איז דאַן דאָ געבאָרן געוואָרן, יידישע פּאָעזיע און יידישע לייענער.

יאָ, פון דעם לאַנג־יאָריקן, עקשנותדיקן און יסורימדיקן קאַמף פון מ. ראָזענפעלד און זיינע חברים — צי באַוואוסטזיניקן אָדער ניט־באַוואוסטזיניקן קאַמף — קעגן יענער טויבער צייט און קעגן יענער קאַלטער סביבה איז די היגע יידישע ליטעראַטור געבאָרן געוואָרן: איר, יידישע שרייבער און איר, יידישע קולטור־טוער און איר, יידישע לייענער פון היינט!

און וויפל פון אייך האָבן פאַרגעסן, אָדער ווייסן אינגאַנצן ניט, וועגן דעם...

ד.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל וועגן אים אין דער „פילאַדעלפיער שטאָט־צייטונג", וואו איך האָב אים פאַרגליכן מיט יעם דעמאָלט זייער באַרימטן פרוגן, און אַ סך מענטשן האָבן דאָס מיר ניט געקאָנט מוחל זיין. דער בדחן ראָזענפעלד און פרוג — זיי האָבן געזען אין דעם כמעט אַ חילול־השם!

אונטער יענעם אַרטיקל האָב איך זיך אונטערגעשריבן „אַ מבין". מיט דעם דאָזיקן פּען־נאָמען האָב איך אונטערגעשריבן די מערסטע אַרטיקלען מיינע וועגן ליטעראַרישע ענינים. און דער דאָזיקער אַרטיקל וועגן מאָריס ראָזענפעלדן איז געווען דער ערשטער ערנסטער פּרואוו צו אָפּשאַצן דעם דיכטער מאָריס ראָזענפעלד...

איך באַדויער זייער, פאַרוואָס איך האָב ניט אָפּגעהיט ביי זיך דעם בריוו, וואָס מאָריס ראָזענפעלד האָט דעמאָלט, בעת יענער אַרטיקל איז דער־שינען אין דער „פילאַדעלפיער שטאָט־צייטונג", מיר נאָכדעם געשריבן וועגן דעם. אגב, איז דאָס ניט געווען מיין איינציקער אַרטיקל וועגן אים. אין אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז מיר אויסגעקומען צו שרייבן אַ צווייטן אַרטיקל וועגן אים. יענער אַרטיקל, וואָס איז געווען אַן ענטפער אויף ל. בודינס (דעמאָלט ל. בודיאַנאָוו) אַן אַרטיקל וועגן ראָזענפעלדן, איז געדרוקט געווען אין דעם אַמאָליקן זשורנאַל „נייער גייסט", וואָס איז דערשינען אונטער דער רעדאַק־ציע פון אַלעקסאַנדער האַרקאַווי.

אָבער מער וועגן ראָזענפעלדן, ווען ער איז שוין געווען דער באַרימטער מאָריס ראָזענפעלד, וועט מיר נאָך אויסקומען צו שרייבן אין מיינע שפּע־טערדיקע קאַפּיטלען.

* * *

שפּעטער האָב איך אָפּגעדרוקט אַ פּאָר נייע סקיצן אין דער „פילאַדעל־פיער שטאָט־צייטונג" און צוגעשיקט אויך אַ סקיצע צום סאָציאַליסטישן „אבענד בלאַט" קיין ניו־יאָרק. דעם ר'עדאַקטאָר פונעם „אבענד בלאַט", פיליפּ קראַנצן, איז מיין סקיצע געפעלן געוואָרן און ער האָט מיך איינגעלאַדן, אַז איך זאָל צושיקן נאָך אַנדערע סקיצן פאַר זיין צייטונג.

זיין בריוו האָט מיך געפרייט, מחמת אין יענער צייט האָב איך געחלומט צו ווערן אַ מיטאַרבעטער פון דעם „אבענד בלאַט. (מיין פריערדיקער „אינ־טערנאַציאָנאַליזם" און מיין פריערדיקע אמונה אין אַנאַרכיזם זיינען אַרום אָט־דער צייט שוין אינגאַנצן געווען צעטרייסלט פון דעם אינצידענט ביי די ברידער ב. אין הויז.) ווידער האָט דער בריוו פון פיליפּ קראַנץ מיך געפרייט נאָך דערפאַר, מחמת ביי מיר אין די אויגן איז ער געווען ניט נאָר דער רעדאַקטאָר פונעם „אבענד בלאַט", פיליפּ קראַנץ, נאָר דער רוסישער זשורנאַליסט יאַקאָוו ראָמבראָ, וואָס זיינע אַרטיקלען אינעם „וואָסכאָד", „פּיסמאָ איז לאָנדאָנאַ" (בריוו פון לאָנדאָן) און זיינע „זאַפּיסקי אָרעם באָ־כעראַ" (כתבים פון אַן אָרעם בחור) האָב איך נאָך אינדערהיים געלייענט און זיי זיינען מיר געפעלן געווען.

צו באַקומען אַזאַ בריוו ווי יענעם, וואָס ער האָט מיר געשריבן, איז פאַר מיר, וואָס האָט ערשט אָנגעהויבן צו דרוקן דערציילונגען, געווען אַן אמתע געשעעניש.

עס האָט מיך גענומען ציען צוריק קיין ניו־יאָרק. איצט, האָב איך גע־טראַכט, וועל איך דאָרט גלייך גיין אין 91 דעלענסי סטריט, וואו עס געפינט זיך די רעדאַקציע פונעם „אַבענד בלאַט" און אויך פון דער „אַרבייטער צייטונג".

דאָרט וועל איך זיך פּערזענלעך טרעפן מיט קראַנצן און אויך מיט אַב. קאַהאַנען, וואָס זיינע אַרטיקלען האָב איך געלייענט אין דער „אַרבייטער צייטונג" און אין דער „צוקונפט".

מיט דעם רעדנער אַב. קאַהאַן בין איך שוין אַביסל באַקאַנט געווען פון יענער רעדע זיינער אין דעם פילאַדעלפיער לעיבאָר לאַיסעאום.

מיין פרוי וואָלט אויך וועלן פאָרן צוריק קיין ניו־יאָרק. פילאַדעלפיע האָט איר אָנגעהויבן צו דערעסן. לגבי דעם באַוועגלעכן לעבן אין ניו־יאָרק איז דאָרט גאָרניט געווען אינטערעסאַנט. אַחוץ דעם, האָט זי געהאָפט, אַז

אונדזער מאַטעריעלע לאַגע, וואָס איז געווען גאָרניט קיין געהויבענע, וועט זיך אויך פאַרבעסערן אין ניו־יאָרק. אפשר וועל איך דאָרט קאָנען עפּעס פאַר־דינען צי פון מיין שרייבן, אָדער פון מיין פאַך אין אַ סיגאַרן־פאַבריק.

אין פילאַדעלפיע איז מיר שווער געווען עפּעס צו פאַרדינען. ערשטנס, האָט די אַרבעט פאַר דער „פילאַדעלפיער שטאָט צייטונג“ מיך כמעט אינ־גאַנצן פאַרכאַפּט. צווייטנס, ווען איך האָב אַמאָל אפילו אָנגעהויבן צו אַר־בעטן ביי מיין פאַך אין אַ סיגאַרן־פאַבריק — נאָכן קריזיס־יאָר האָט מען דווקא געקאָנט קריגן אַרבעט ביי מיין פאַך — האָב איך אָבער געאַרבעט אַזוי פאַרחלומט, מחמת מיט מיינע אַלע געדאַנקען בין איך געווען קאָנצענט־רירט אויף די שרייבערישע סוזשעטן, וואָס האָבן זיך די גאַנצע צייט גע־באָמבלט ביי מיר אינעם מוח, אַז מער ווי עטלעכע טעג האָב איך ניט גע־קענט אָנהאַלטן אַ „דזשאָב“ ביי מיין פאַך אין אַ פאַבריק.

און הגם מיין ווייב האָט קיין טענות צו מיר ניט געהאַט פאַר דעם, האָט זי געהאַפט פונדעסטוועגן, אַז אין ניו־יאָרק וועל איך קאָנען עפּעס פאַרדינען פון אַן אַרבעט, וואָס זי וועט מיך מער פאַראינטערעסירן, איידער די אַר־בעט ביי סיגאַרן. און אפשר נאָך וועל איך קענען פאַרדינען פון מיין שריי־בעריי טאַקע?

דאָס וואָלט גאָר גוט געווען. מחמת בשום אופן וואָלט זי ניט וועלן, אַז עפּעס זאָל מיך אָוועקרייסן אינגאַנצן פון מיין שרייבערשער אַרבעט. אָבער אַז איך זאָל פאַרדינען עפּעס כאָטש וויפל־ניט־איז — אין דעם האָבן מיר זיך זייער און זייער גענויטיקט. מחמת אַ קינד האָבן מיר געהאַט אויך אויף די הענט: אונדזער זון איז דעמאָלט נאָך געווען אַן עופהלע...

צום סוף האָבן מיר פאַרלאָזן פילאַדעלפיע און זיינען אַוועקגעפאָרן קיין ניו־יאָרק. און דאָס מאָל האָבן מיר פאַרלאָזן פילאַדעלפיע אויף שטענדיק.

סוף זומער 1894 איז דאָס געווען.

ווען מיר זיינען געקומען קיין ניו־יאָרק און האָבן זיך אַביסעלע איינ־געאָרדנט אין אַ צימער, בין איך אַוועק אין רעדאַקציע פונעם „אבענד בלאַט“, אויף 91 דעלענסי סטריט, און דאָרט האָב איך זיך באַקענט מיט פיליפּ קראַנצן, אַב. קאַהאַנען, ב. פייגענבוימען און מיט נאָך אַנדערע.

צווייטער קאַפּיטל

91 דעלענסי סטריט

א.

91 דעלענסי סטריט איז געווען אין יענער צייט דער אַדרעס פון אַ יידישן לעיבאָר לייסעאום און פון די רעדאַקציעס פון דער „אַרבייטער צייטונג" און פונעם „אבענד בלאַט".

אַן אַלטע, טונקעלע געביידע. אונטן איז געווען אַ מין רעסטאָראַן, וואָס ער האָט געהערט צום לעיבאָר לייסעאום, און אויבן, מיט אַ שטאָק העכער, זיינען געווען די רעדאַקציעס.

איך קום אַריין אין רעסטאָראַן — אַ שבת בייטאָג איז דאָס געווען — אַ געפילדער טראָגט זיך מיר אַנטקעגן. יידישע אַרבעטער מאַכן מיט די הענט און דיסקוטירן, שטייען און שרייען, זיצן און ליאַרמען. האַלטן איינער דעם אַנדערן פאַר אַן אָרעם, פאַר אַ לאַץ, פאַר אַ קנעפל, היצן זיך, קאָכן זיך, כסדר דערהערט זיך אַ באַקאַנטער נאָמען פון אַן אַנאַרכיסטישן פירער, צי פון גאָמפּערסן, וואָס ווערט באַגלייט פון אַ זידל־וואָרט.

דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען די אַנאַרכיסטן, געשטיצט פון גאָמפּערסן, האָבן אָנגעפירט אַ ביטערן קאַמף קעגן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און באַזונדערס קעגן די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן, הלמאי זייערע יוניאָנס האָבן געשטיצט דעם פּאָליטישן קאַמף פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס דאָס איז געווען קעגן דער לערע סיי פון די אַנאַרכיסטן און סיי פון דעם „פיור ענד סימפּל יוניאָניזם" פון גאָמפּערסן.

איך דערזע דאָ דאָס זעלבע בילד, וואָס איך האָב געזען ביי די אַנאַרכיסטן אין פילאַדעלפיע, צי מיט איין יאָר פריער, ביי די אַנאַרכיסטן אין 11 פּאַיק סטריט. דעם זעלביקן מין באַגייסטערטן יידישן אַרבעטער זע איך ווי דאָרט, נאָר מיט דעם חילוק, וואָס יענער איז איבערצייגט געווען, אַז די בודלערשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן מיט זייער „שטים־קעסטעלע" פאַרהאַלטן די גאולה, און דער, אין 91 דעלענסי סטריט, איז זיכער געווען ביי זיך, אַז די אַנאַרכיסטן מיטן „פיור ענד סימפּעלניק" גאָמפּערסן האַלטן צוריק די גאולה...

איך וויל פרעגן אויף קראַנצן, גיי איך צו צו איינעם, וועלכער שטייט נעענטער צו מיר — אַ לאַנגער פאַרשוין מיט אַביסל איינגעהויקערטע אַקסלען (ב. וויינשטיין איז דאָס געווען) און איך טו אים אַ פרעג, וואו איך קאָן זען פיליפּ קראַנצן. שטייט ער אָבער און הערט זיך צו מיט אַ מין נאַאיוועער און פאַרוואונדערטער מינע צו צוויי אַרבעטער, וואָס זיי דעבאַטירן מיט היץ וועגן

גאָמפּערסן. איינער פון זיי טענהט, אַז גאָמפּערס פאַרשטייט ניט דעם וויסנ־שאַפטלעכן סאָציאַליזם, און דער אַנדערער טענהט, אַז גאָמפּערס פאַרשטייט יאָ דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, נאָר ער איז אַ „פעיקער״, אַ „בודלער״.

איז וויינשטיין אַזוי פאַראינטערעסירט אין אָט־דער דעבאַטע, אַז איך מוז אים איבערפרעגן אַ פּאָר מאָל, ביז ער ענטפערט מיר, אַז קראַנץ איז נאָך ניטאָ, נאָר אַז ער וועט באַלד קומען.

זעץ איך זיך אַוועק ביי אַ טישל און וואַרט. דער טומל פון אַרום טראָגט זיך. וואו איך וואַרף מיין אויג זע איך צעהיצטע פנימער, צעפלאַמטע אויגן, און הענט און הענט, וואָס זיי זשעסטיקולירן, און רויכערדיקע פּאַפּיראָסן.

איך כאַפּ־אויף אָפּגעריסענע פראַזן פון אַלע זייטן: „דער בודלער גאָמ־פּערס״... „די אַנאַרכיסטלעך״... „געגנאָסע קאַהאַן״... „געגנאָסע מילער״... „ניט וויסנשאַפטלעך״... און אַזוי ווייטער.

אויפן אַנדערן עק דאָרט שטייט אַ טיי־קאַן אויף אַ מאַשינקע און שלאָגט מיט פּאַרע. דער פאַרוואַלטער פונעם רעסטאָראַן — אַ הויכער פאַרשוין מיט גרויסע, שוואַרצע וואָנצעס, ענלעך צו אַן איטאַליענער (גאָלדשטיין איז זיין נאָמען געווען) — דערלאַנגט טיי צום טיש.

ב.

און מיטאַמאָל קומט אַריין אַב. קאַהאַן. (איך דערקען אים גלייך פון דעם, וואָס איך האָב אים געזען און געהערט אויף דער מאַסנפאַרזאַמלונג פון די סטרייקערס אין פילאַדעלפיע).

דער טומל ווערט שטילער. מענטשן פון אַלע זייטן טוען זיך צו אים אַ לאָז, און פריער פון אַלעמען ב. וויינשטיין, זיין גרויסער חסיד (אַזוי איז דער איינדרוק, וואָס איך האָב וועגן ב. וויינשטיינס באַציאונג צו קאַהאַנען פון יענע יאָרן, ווען איך האָב אים געקענט).

באַלד דערהערט זיך קאַהאַנס פּאַליוועגער קול, וואָס הילכט קאַרטאַווע און פילט אָן, דאַכט זיך, יעדן שפּעלטעלע אין דעם טונקעלן און פאַררויכערטן רעסטאָראַן:

— גאָמפּערס איז אַן ערלעכער מאַן, נאָר אַ אידיאָט!...

און אַז זיין קול דערהערט זיך, ווערט אַרום איינגאַנצן שטיל, און די אי־בעריקע מענטשן טוען זיך אויך אַ לאָז צו אים, און באַלד שטייט אַרום אים אַ היפּש רעדל, וואָס הערט זיך צו צו זיין וואָרט מיט דעם העכסטן דרך־ארץ. איך הער זיך אויך צו צו פונדערווייטנס צו דעם, וואָס ער זאָגט, מחמת

ער רעדט שוין ניט וועגן גאָמפּערסן אַליין, נאָר וועגן אַנדערע פּערזאָנען, וואָס זיין מיינונג וועגן זיי האָט מיך אינטערעסירט.

דווקא האָב איך יענע פּערזאָנען גוט געקענט און מחמת דעם האָב איך זיך געוואונדערט, ווען איך האָב פון אים קיין דורכאויס גוטע מיינונג וועגן קיינעם פון זיי ניט געהערט:

— אַ גוטער קאָפּ, אָבער אַ פערד...

אַ מיינונג וועגן קראָפּאָטקינען, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט דעמאָלט, געדענק איך באַזונדערס קלאָר. עמיצער פון זיינע פאַרערער האָט ביי אים, משמעות, דאָרט געפרעגט, וואָס איז זיין מיינונג וועגן קראָפּאָטקינען, האָט קאַהאַן געענטפערט אומגעפער אַזוי:

— פּיאָטר קראָפּאָטקין איז אַ געבילדעטער מענטש, אַן אמתער רוסישער קניאַז, נאָר דער וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם איז ניט פאַר זיין קאָפּ.

און דערביי, געדענק איך, האָט ער געגעבן אַזאַ משל: עס זיינען דאָ חדר־יינגלעך, וואָס זיי זיינען געבילדעט אין חומש מיט רש״י, צי אפילו אין גמרא; קומען זיי אָבער צו תוספות אָדער צום מהרש״א, איז ניטאָ קיין קאָפּ. אַזוי איז קניאַז קראָפּאָטקין אויך אַ למדן נאָר אין חומש מיט רש״י; אָבער פון דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם פון קאַרל מאַרקס, וואָס דאָס איז אַ שטיק תוספות מיט מהרש״א, קלעקט ניט קיין קאָפּ ביים קניאַז קראָפּאָטקין.

אַ קלאָרער משל, און קאָנטיק געווען, אַז די צוהערער זיינע איז אָט־דער משל געפעלן געוואָרן. מחמת, אַז קאַהאַן איז דערנאָך אַוועק, האָב איך געהערט, ווי עטלעכע פון זיי האָבן אים איבערגעחזרט, בעת מען האָט ווי־דער פאַרפירט אַ שמועס וועגן גאָמפּערסן און וועגן אַנדערע קעגנער פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן:

— געבילדעט אין חומש מיט רש״י, אָבער אין דעם וויסנשאַפטלעכן תוספות מיט מהרש״א — אַ גוטע מכה! — האָב איך געהערט דערנאָך אַרום מיר.

זיי האָבן פאַרשטאַנען קאַהאַנען, און ווי איך האָב זיך שפּעטער ניט איין מאָל איבערצייגט, האָט קיינער פון זייערע פירער ניט געהאַט אַזאַ השפּעה אויף זיי ווי אַב קאַהאַן.

וואָס פראָסטער איינער איז געווען, וואָס אומאַנטוויקלטער, אַלץ מער השפּעה האָט קאַהאַן אויף אים געהאַט.

ער האָט זיך ניט אַרונטערגעלאָזט צו זיי, ווי אַנדערע מיינען: ער האָט זיך ניט געדאַרפט צו זיי אַרונטערלאָזן. מחמת אין תוך איז ער געווען איי־נער פון זיי, נאָר אַביסעלע באַשפּרינקלט פון אויבנאויף מיט דער אינטע־

ליגענטישקייט פון דעם ווילנער לערער־אינסטיטוט, וואָס ער האָט געענדיקט, און פון רוסישע רעוואָלוציאָנערע בראָשורן פון יענער צייט.

אַחוץ דעם, האָט ער אויף זיי געווירקט מיט זיין אומרואיקן טעמפּע־ראַמענט, וואָס האָט שטענדיק אַנגעפילט זיין ענערגיע ווי מיט קוועקזילבער און באַוועגט אים צו אַרבעטן פאַר זייער זאַך, וואָס זי איז אין יענער צייט געווען זיין זאַך אויך...

ווייל אין יענער צייט, לכל הפחות אין גאָר דער ערשטער צייט, מוז דאָ געזאָגט ווערן, איז קאַהאַן איבערגעגעבן געווען באמת צו זייער אידעאַל, פאַר וועלכן ער האָט אויף זיין שטייגער ענערגיש געאַרבעט.

*   *   *

שפּעטער באַווייזט זיך פיליפּ קראַנץ אין רעסטאָראַן. אַנגעטאָן איז ער כמעט עלעגאַנט און מיט זיין הויכער פיגור און מיט זיין האַלטונג זעט ער אויס צווישן די איבעריקע פאַרשווינען אינעם רעסטאָראַן, ווי אַ געבוירענער גביר צווישן קבצנים.

איך שטעל זיך פאָר פאַר אים. מיט רואיקער העפלעכקייט נעמט ער מיך אויף און אַזוי רואיק און העפלעך לויבט ער מײנע אַ סקיצע, וואָס ער האָט מיט אַ טאָג צוריק אָפּגעדרוקט אינעם „אַבענד בלאַט״.

ער פרעגט זיך ביי מיר נאָך, פון וואָס דענק איך צו מאַכן אַ לעבן, ווייל פאַר קיין סקיצן צאָלט ניט דאָס „אַבענד בלאַט״. אפשר שפּעטער, דער־ווייל ניט.

איך דערצייל אים, אַז איך רעכן צו פאַרדינען פון עפּעס אַ מלאכה, און איך דערצייל אים, אַז אין פילאַדעלפיע האָב איך כלערליי מלאכות געטאָן: געאַרבעט אין אַ העמדער־פאַבריק אַרום אַ וואָך; אין אַ בעקער־שאָפּ אַ פּאָר נעכט; „געסטריפּט״ טאַבאַק אַ פּאָר חדשים; אַ סיגאַרנמאַכער געווען אַ קורצע צייט; און אַ מעלקער ביי אַ פאַרמער, אָבער קיין מזל ניט געהאַט צו אָט־די אַלע מלאכות; אפשר צו אַן אַרבעט אין ניו־יאָרק וועל איך מער מזל האָבן...

דריקט ער אויס זיין פאַרדרוס, פאַרוואָס דאָס „אַבענד בלאַט״ קאָן מיר ניט צאָלן. ער זאָגט, אַז די איינציקע יידישע צייטונג, וואָס צאָלט שרייבער פאַר סקיצן, איז דאָס „טאָגעבלאַט״.

אגב וועגן דעם דעמאָלטדיקן האַנאָראַר פונעם „טאָגעבלאַט״:

פאַר זיינע בעסטע לידער האָט דאָרט מאָרים ראָזענפעלד באַקומען דע־מאָלט פון 50 ביז 75 סענט אַ שטיק. און תשר״ק (זעווין), האָט מען צווישן שרייבער דערציילט, האָט פאַרקויפט דאָרט זיינע סקיצן אויפן אַרשין, צי גאָר אויפן קלאַפטער.

ערנסט: פּראָפעסאָר גּעציל זעליקאָוויטש, איינער פון די עלטסטע מיטאַרבעטער פונעם „טאָגעבלאַט", האָט מיר אַמאָל דערציילט, אַז תּשר"ק האָט שטענדיק געבראַכט זיין מאַנוסקריפּט אין יענער צייט, צונויפגעוויקלט ווי אַ מגילה, איין בלעטל צוגעקלעפּט צו דעם אַנדערן אין דער לענג און נאָכדעם צונויפגעוויקלט. האָט דער אַרויסגעבער פונעם „טאָגעבלאַט" דער־נאָך אויפגעוויקלט די מגילה און געצאָלט דעם מחבר לויט דער לענג...

אָבער געצאָלט דאָך... בעת אינעם „אָבענד בלאַט" און אין דער „אַר־בייטער צייטונג" האָט מען אפילו אויפן קלאָפּטער פאַר ליטעראַטור ניט גע־צאָלט. אָבער ווער פון אונדז, שרייבער, האָט גאָר וועגן דעם געטראַכט!

ג.

שפּעטער בין איך מיט קראַנצן ביי אים אין דער רעדאַקציע. ביי אַ טיש, פאַרוואָרפן מיט צייטונגען, זיצט דאָרט אַ מאַן מיט גרויסע שוואַרצע וואָנצעס און מיט אַ למדנישן שטערן, און שרייבט פאַרטאָן און מיט עפּעס אַ מין אימפּעט.

דער מאַן הויבט אויף דעם קאָפּ פון זיין פּאַפּיר, קוקט אָן מיך מיט פאַרטראַכטע אויגן און טוט אַ גלעט צעטראָגן איין זייט פון זיינע וואָנצעס און כאַפּט זיך ווידער שרייבן שנעל, שנעל, מיט נאָך מער אימפּעט איידער פריער.

קראַנץ שטעלט מיך פאָר פאַר אים:

— גענאָסע פּייגענבוים, דאָס איז דער פילאַדעלפיער יונגערמאַן (ער רופט אָן מיין נאָמען).

פּייגענבוים דריקט מיר די האַנט וואַרעם און האַרציק און ער פרעגט זיך נאָך ביי מיר אויף געוויסע פילאַדעלפיער גענאָסן און אויף דער באַווע־גונג דאָרט.

ער רעדט וואַרעם, מיט אינעווייניקסטער באַגייסטערונג, נאָר זיין שאַר־פער פּוילישער אַקצענט קלינגט מאָדנע פרעמד מיר, דעם וויטעבסקער. עפּעס האָב איך אין זיין קול געשפּירט אַזעלכע ווייכע, פייכטע טענער, וואָס וואָלטן ווי מיט נאַסקייט אָנגעזאַפּט געווען, מיט וואַרעמער נאַסקייט, אין וועלכער זיינע ווערטער האָבן געשליאָפּעט, בעת ער, פּייגענבוים, האָט גערעדט.

אָבער דער איינדרוק אינגאַנצן, וואָס ער האָט אויף מיר געמאַכט, איז געווען אַ גוטער — פון אַ פריינטלעכן מענטשן און אַ באַגייסטערטן סאָציאַליסט.

איך באַקען זיך באַלד אויך מיט קאַהאַנען.

פּייגענבוים פירט מיך אַריין צו קאַהאַנען אין צימער, וואו עס געפינט זיך די רעדאַקציע פון דער „אַרבייטער צייטונג".

— איך האָב וועגן אייך געהערט, — מאַכט צו מיר קאַהאַן, — איר זייט

אַן אַנאַרכיסט געווען. יעדער אינטעליגענטער מענטש פאַרלאָזט די אַנאַר־כיסטלעך. עס זיינען דאָ צווישן זיי ערלעכע מענטשן, זיי זיינען אָבער אי־דיאָטן. דער געבילדעטסטער מענטש צווישן זיי, ר. לואיס, האָט זיי אויך פאַר־לאָזן. זיי וועלן נאָך אַלע קומען צו אונדז.*

און מיטאַמאָל הויבט ער אָן ריידן רוסיש צו מיר. דערציילט מיר וועגן די דעבאַטן, וואָס ער האָט געהאַט מיט פאַרשיידענע אַנאַרכיסטן, און דערמאָנט וועגן דעם, ווי זיי שרייבן יידיש און, צום סוף, וועגן די יידישע טאַלאַנטן.

ער לויבט ב. גאָרינען, וואָס ער האָט געדרוקט דעמאָלט דערציילונגען אין דער „אַרבייטער צייטונג״, און ז. ליבינען און אויך ווינטשעווסקין, ווי אַ דיכטער.

דערמאָן איך מאָרים ראָזענפעלדן, ווערט ער אַן אָנגעצונדענער און הויבט אָן צו שרייען מיט זיין פאַליוועגעם קארטאווען קול, אַז איך ווער שיער צעטומלט.

— אָט־דער בדחן, אָט־דער „בעזגראַמאָטנאיא סוואָלאָטש״ איז ביי אייך אַ פּאָעט? — גוואַלדעוועט ער אַ צעווילדעוועטער, ממש — זאָל ער אייך זאָגן אַפּריער וואָס „יאַמבאַ״ איז, וואָס „כאָרעי״ איז, צי וואָס „דאַקטיל״ איז! (אַרום יענער צייט האָט ער טאַקע געדרוקט אין דער „צוקונפט״ אַן אַרטיקל איבער דער טעמע: „ווי מען שרייבט פּאָעזיע״, האָט ער פאַר אַ מוסטער אָנ־געגעבן ווינטשעווסקין, אָבער ראָזענפעלדן האָט ער אפילו ניט דערמאָנט).

אינמיטן פון אָט־דעם גוואַלד זיינעם — דערמאָן איך זיך — איז מיטאַמאָל אָנגעקומען אַ שיינער מאַן, אַן אימפּאָזאַנטע געשטאַלט מיט אַ גרויסער באָרד און מיט שוואַרצע, שאַרפע אויגן.

דער מאַן, אין אַ שטאָלצער פּאָזע, מיט זיינע ברייטע אַקסלען הויך פאַר־ריסן און מיט זיין ברייטער ברוסט אויסגעשטעלט אין פאָראויס, איז גע־שטאַנען אַ ווײַלע און האָט שאַרף אָנגעקוקט קאַהאַנען. נאָכדעם האָט ער אים אַ סטראַשע געטאָן מיט זיין שטעקן און זיך אָנגערופן אויף רוסיש:

— זשיד, וואָס שרייט איר?

קאַהאַן האָט אים דערזען און ער האָט תיכף אויפגעהערט צו שרייען.

— אַ, זדראַווסטוואָיטע, גאָרדין! — האָט ער אים באַגריסט פריינטלעך און מיט דרך־ארץ.

* ר. לואיס איז געווען דער ערשטער רעדאַקטאָר פון דער „פרייע אַרבעטער שטימע״. ער איז געווען אין דער צייט פון די פּיאָנערן אַ פירער ביי די יידישע אַנאַרכיסטן. שפּעטער איז ער אַריבער צו די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. צום סוף — און יאָרן שפּעטער — איז ער געוואָרן אַ „פּאָליטישן״ (דאַכט זיך, אַז ביי דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין שיקאַגע). — ל. ק.

דאָס איז געווען יעקב גאָרדין.

יעקב גאָרדין האָט מיט אים נישט לאַנג פאַרבראַכט. אָבער פאַר דער קורצער צייט האָב איך באַמערקט, ווי שטאָלץ ער האָט זיך געהאַלטן קעגן קאַהאַנען. זיין שטאָלצער און שאַרפער און שפּאָטישער בליק האָט עפּעס ווי קלענער געמאַכט קאַהאַנען און מאָמענטנווייז האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז קאַהאַן אַליין האָט זיך געפילט קעגן אים, ווי אַ ייִנגל. בפרט האָט זיך דאָס

יעקב גאָרדין

מיר אויסגעוויזן, בעת גאָרדין האָט אים „געקיבעצט" (און „קיבעצן" — ווי איך דערמאָן זיך — האָט ער דעמאָלט גאָרניט אויפגעהערט קאַהאַנען).

אַז גאָרדין איז אַוועק, האָט קאַהאַן פאַרטראַכט און מיט קנאה זיך אָנ־גערופן צו מיר:

— אָט דאָס איז אַ טאַלאַנט! אַ גרויסער דראַמאַטורג... אַ רוסישער שרייבער... געשריבן אין רוסיש אונטערן נאָמען „איוואַן קאַליוטשי" (איוואַן דער שטעכעדיקער)... אָבער אַ שלעכטער מענטש — האָט ער צוגעגעבן שטיל און פאַרטראַכט און, ווי זיין טבע איז געווען אַלעמאָל, בעת ער האָט זיך פאַרטראַכט, האָט ער פאַררוקט די פינגער אין זיינע האָר איבערן מוח און געקוקט מיט אַ שטאַרן בליק דורך די ברילן פאַר זיך...

ד.

איך הויב אָן צו אַרבעטן פאַר דער „אַרבייטער צייטונג", זעץ־איבער פאַר דער „צוקונפט" און שרייב אָריגינעלע סקיצן פאַר דעם „אָבענד בלאַט"; פאַרשטייט זיך, אַז קיין געצאָלט באַקום איך ניט פאַר מיין אַרבעט.

איך געדענק: די ערשטע זאַך, וואָס איך האָב אָפּגעדרוקט אין דער „אַרבייטער צייטונג", איז געווען וועגן אַ באַוואוסטן אַנאַרכיסטישן פּראָוואָקאַטאָר (זיין נאָמען געדענק איך ניט), וועלכער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל ביי די היגע אַנאַרכיסטן, ביז מען האָט אויסגעפונען, ווער ער איז געווען.

קאַהאַן, וואָס ער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דער „אַרבייטער צייטונג", האָט מיר דערלאַנגט דעמאָלט די דייטשע „פאָלקס־צייטונג", וואו עס איז געדרוקט געווען די גאַנצע געשיכטע פון יענעם אַנאַרכיסט־פּראָוואָקאַטאָר, און מיר געזאָגט:

— אָט זעצט־איבער דיזע געשיכטע וועגן אייערן אַ פריערדיקן גענאָסע פאַר דער „אַרבייטער צייטונג".

ווי ער וואָלט ביי זיך געטראַכט: טאָמער איז ביי מיר נאָך פאַרבליבן געווען אַ פונק פון אַן אַנאַרכיסט, זאָל איך אים אויסקרענקען...

(אפילו אָט־די קלייניקייט, מיין איך, איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר קאַהאַנען, איבערהויפּט פאַר דעם שפּעטערדיקן.)

דעמאָלט האָט ער דווקא געהאַלטן פון מיר, האָט געלויבט מיין יידיש, איבערהויפּט מיין יידיש, ווייל, עס מוז דאָ געזאָגט ווערן, יידיש איז אין יענער צייט זיין שוואַכקייט געווען. קלאָרער יידיש, „יידישער יידיש", וואָס יעדער איינציקער „ניט־געבילדעטער אַרבעטער זאָל אים קענען פאַרשטיין" — וועגן דעם האָט ער אין יענער צייט כסדר גערעדט, באַזונדערס צו זיינע שרייבער.

און צו זיין שבח זאָל דאָס פאַררעכנט ווערן. ווייל, הגם אויף דעם היינטיקן אינטעליגענטן יידישן לייענער וואָלט יענער „יידישער יידיש" געמאַכט דעם איינדרוק גיכער פון אַ גאַסן־שפּראַך, צי גאָר פון אַ בעיבי־שפּראַך, אייידער פון אַ דערוואָקסענער ליטעראַרישער, דאַרף מען נאָר אָבער אַ בלעטערטאָן די אַנדערע יידישע צייטונגען פון יענעם פעריאָד, ווען מען דעמאָלט פאַרשטיין, ווי וויכטיק ס'איז אין יענער צייט געווען זיין „יידישער יידיש" פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַרישער יידישער שפּראַך אין אַמעריקע.

זיין הויפּט־חסרון איז נאָר, וואָס בעת יידיש איז דאָ מיט יאָרן געוואָקסן, האָט זיך אַנטוויקלט. קרעפטיק און מוסקולירט געוואָרן, האָט זיך אַלץ־מער

און מער אָנגעזאַפּט מיט נשמה־זאַפט און מיט לעבנס־פאַרבן און זיך געריי־ניקט און געלייטערט אין דעם שאַפונגס־פייער פון די אַנדערע פיאָנערן פון דער היגער יידישער ליטעראַטור, — איז קאַהאַן אַלץ פאַרבליבן ביי זיין פריערדיקן יידיש, ביי דער גאַסן־און בעיבי־שפּראַך, וועלכע האָט נאָך דער־צו אויף זיך אָנגענומען אַלץ־מער פון דעם גאַסן־שטויב, ביז פון דעם יידישן יידיש איז געוואָרן ביי אים „פּלעינער יידיש"...

אָבער אין יענער צייט איז זיין אַרבעט פאַר „יידישן יידיש" געווען גאָר ווייכטיק.

אָפט איז מיר אויסגעקומען צו זען, למשל, אַזאַ סצענע ביי אים אין דער רעדאַקציע:

אַ שרייבער האָט אים געבראַכט עפּעס, וואָס ער האָט אָנגעשריבן. נעמט קאַהאַן עס באַלד לייענען, געוויינלעך, שטייענדיק. און באַלד אַ געשריי: „אַזוי שרייבט מען ניט! אַזוי רעדט מען ניט! דאָס איז ניט קיין יידיש! אַזוי שרייבט מען ביי די אַנאַרכיסטלעך, ניט ביי אונדז, אין דער ,אַרבייטער צייטונג'!...

רופט צו דעם שרייבער צום טיש און זעצט זיך מיט אים אַוועק קנעלן, ווי אַ מלמד מיט אַ חדר־יינגל.

דערביי אָבער אַלעמאָל אַזוי און אויף אַזאַ קול, אַז די אַנדערע זאָלן טאַקע זען און הערן, ווי אַזוי ער, גענאַסע קאַהאַן, לערנט ווי צו שרייבן...

ער הויבט אָן ווידער צו לייענען דאָס אָנגעשריבענע הויך אויפן קול, לייענט, למשל: „געסטערן אַבענד האָט פּאַסירט די פאָלגענדע קאַטאַסטראָפע". צעשרייט ער זיך ווידער:

— וואָס פאַר אַ „געסטערן אַבענדס"? וואָס פאַר אַ „פּאַסירט"? וואָס פאַר אַ „קאַטאַסטראָפע"?

ער טוט דערנאָך אַ רוף עמעצן פון די אַרבעטער, וואָס שטייען דאָרט אַרום און קוקן זיך צו און הערן זיך צו מיט גרויס דרך־ארץ צו דעם, ווי אַזוי ער לערנט דעם שרייבער ווי צו שרייבן, און ער טוט אים אומגעפער אַ פרעג:

— איר פאַרשטייט, וואָס דאָס מיינט: „געסטערן אַבענדס האָט פּאַ־סירט די פאָלגענדע קאַטאַסטראָפע?" זאָגט מיר, וואָס מיינט דאָס?

שווייגט דער אַרבעטער און שמייכלט. ווען ער פאַרשטייט יאָ אַפילו, האָט ער מורא דאָס צו זאָגן, ווייל ער שטויסט זיך אָן, אַז עפּעס איז ניט ריכטיק דאָרט, און ער האָט מורא „אַריינצופאַלן"...

מאַכט דעמאָלט קאַהאַן צום שרייבער:

— איר זעט? מען פאַרשטייט ניט אייער לשון, ווייל דאָס איז ניט יידיש... מען דאַרף שרייבן... שרייבט, איכ'ל אייך דיקטירן (דער שרייבער

שרייבט, קאַהאַן דיקטירט אים) : „נעכטן ביינאַכט האָט געטראָפן אַן אומגליק, אָדער... אַ צרה... צי גאָר אַ בראָך״... אָנגעשריבן? נו, לייענט־איבער...

דער שרייבער לייענט־איבער, געוויינלעך, אונטער דער נאָז, און פאַר־שעמט, און צעמישט טאַקע אויך. פאַרט, ווי זאָגט מען, אַ דערוואַקסענער מענטש, און אפשר גאָר אַ צוקונפטיקער „זשעני״ אויך, און דאָ זיינען אויס־געשטעלט אויף אים אַזוי פיל אויגן, וואָס זעען־צו זיין נישטיקייט און זיין אומבאַהאָלפנקייט...

ער לייענט איבער:

— נעכטן ביינאַכט האָט געטראָפן אַ בראָך...

האָט אַ בראָך געטראָפן! — פאַרריכט אים ווידער קאַהאַן, און שמייכלט מיט אַ מין באַזונדערן קרענקלעכן נצחון, און ער טוט זיך אַ פיר דורך די האָר איבערן מוח, ווי זיין טבע איז געווען, בעת ער איז געווען צופרידן מיט זיך, און ער רעדט ווייטער:

— אָט דאָס איז יידיש! אַזוי דאַרף מען שרייבן!

טוט זיך אַ קער נאָכדעם צו יענעם אַרבעטער, ביי וועמען ער האָט גע־פרעגט פריער, אויב ער פאַרשטייט:

— נו, איצט פאַרשטייט איר?...

דער אַרבעטער שאָקלט־צו מיטן קאָפּ און שמייכלט שוין ברייטער און מיט נאָך מער דרך־ארץ. און די איבעריקע גענאָסן, וואָס שטייען דערביי, קוקן זיך אויך איבער מיט התפעלות. זייערע אויגןריידן, דאַכט זיך: „גע־נאָסע קאַהאַן, האַ? אַ־וואָ! איינס־צוויי, און עס לייענט זיך גאָר אַ מחיה!״...

און אַז קאַהאַן באַמערקט דעם איינדרוק, וויל ער זיך נאָך מער אַרויס־ווייזן פאַר די גענאָסן, וואָס שטייען דערביי, וויל ער ביי זיי נאָך מער אַרויס־רופן באַוואונדערונג פאַר זיין גוואַלדאָוונעקייט בכלל, לייענט ער דעם שריי־בערס זאַך ווייטער נאָך אויף אַ העכערן קול. שרייט אַרויס יעדן וואָרט אַזוי, אַז טאָמער זיינען געווען טויבע צווישן די דערבייאיקע גענאָסן, האָבן זיי אויך אַלצדינג געמוזט הערן...

— און דאָ שטעלט אַ „טאָטשקאַ״. און דאָ שטעלט אַ „זאַפּעטאַיאַ״. און דאָ אַ „טאָטשקאַ־זאַפּעטאַיאַ״! — דיקטירט קאַהאַן הויך אויפן קול, ווי אַ מלמד, וואָס איז אַריין אין התפעלות פון זיין אייגענער למדנות.

און אַז די דערבייאיקע גענאָסן דערהערן נאָך אַזאַ טיפּע „וויסנשאַפט״ ווי „טאָטשקאַ״, ווי „זאַפּעטאַיאַ״, צי גאָר אַזאַ מוראדיק־וויסנשאַפטלעך וואָרט, ווי „דוואָיע טאָטשיע״, — שמעלצן זיי זיך פאַר נחת, און קאַהאַן וואַקסט אויס, וואַקסט אויס אין זייערע אויגן, אַזוי, — צו נוצן קאַהאַנס אייגענעם אויס־דרוק פון יענער צייט, — אַזוי ווי אויף הייוון״...

אַזוינע סצענעס האָב איך דעמאָלט אָפט געזען, און נאָך שפּעטער אפילו, גאָר שפּעטער, אין דער „פאָרווערטס״־רעדאַקציע אויך.

קאַהאַן האָט געלערנט די שרייבער דעם „יידישן יידיש״, אָבער שטענ־דיק, שטענדיק פאַר „אָפענע טירן״, דורך וועלכע מען האָט געמוזט זען קאַהאַנען דעם לערער און אויך יענעם שרייבער, וואָס ער, קאַהאַן, האָט אויף אַזאַ אופן כמעט שטענדיק פאַרשעמט...

און פון דעם, פון פאַרשעמען דעם שרייבער און פון איזדיעקעווען זיך איבער אים, האָט, ווי איך זע עס היינט, קאַהאַן נאָך אין יענער צייט שטאַרק הנאה געהאַט...

און, ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט, וואָס פּראָסטער און אומאַנט־וויקלטער די אַרומיקע זיינען געווען, אַלץ מער האָבן זיי געגלויבט אין אים און אין זיין גרויסקייט, און אַלץ וואונדערלעכער און חכמהדיקער, און טי־פער, שיער ניט אַ ברונעם פון חכמה און וויסן, האָט זיך זיי אויסגעוויזן זיין „טאָטשקאַ־זאַפּעטאַיאַ״...

איך דערמאָן זיך, אַרום יענער צייט האָט איין מאָל איינער פון די דאָזיקע אַרבעטער־צוהערער, אַ שטענדיקער באַזוכער פון 91 דעלענסי סטריט און אַ פאַרברענטער חסיד פון קאַהאַנען, ביי מיר געפרעגט:

— ווער איז אַ גרעסערער סאָציאַליסט: קאַהאַן צי קאַרל מאַרקס?...

און געמיינט האָט ער ניט דווקא, ווער פון זיי ביידן איז געווען מער איבערגעגעבן צום סאָציאַליסטישן אידעאַל, צי ווער פון זיי ביידן איז געווען אַ גרעסערער קעמפער, נאָר ווער איז געווען געבילדעטער און געלערנטער: אַב. קאַהאַן אָדער קאַרל מאַרקס!...

אַזאַ כישוף האָט געהאַט זיין „טאָטשקאַ־זאַפּעטאַיאַ״ אויף אַנדערע פון זיי!

בפרט נאָך, ווען ער איז געווען איינער פון זייערע לערער, פירער און קעמפער; ווען די מערסטע פון זיי האָבן אפשר זיך גאָר אויסגעלערנט לייענען — בכלל לייענען — פון זיין „אַרבייטער צייטונג״ און טראַכטן וועגן גאָר־גאָר אַ סך זאַכן, וואָס זיי האָבן פריער וועגן זיי ניט געוואוסט, פון זיינע רעדעס...

מחמת אָט־דער קאַהאַן פון אַמאָל, זאָג איך ווידער, הגם מען האָט שוין געקענט דעמאָלט ביי אים באַמערקן קאָנטיקע שטריכן פון זיין שפּעטערדי־קער סאַדיסטישער נאַטור, איז דאָך אין אַ סך פרטים אין יענער צייט גע־ווען אַ זייער און פלאַנצער פון גוטס אויף דער יידישער גאַס אין אַמעריקע...

דריטער קאַפּיטל

דער וועג פון אב. קאַהאַן

א.

איך קום אָפּט אין 91 דעלענסי סטריט. דאָרט זיינען די רעדאַקציעס פון דער „אַרבייטער צייטונג" און פונעם „אַבענד בלאַט". דאָרט טרעף איך די מענטשן, וואָס אינטערעסירן מיך — מיינע נייע פריינט, מיינע נייע גענאָסן, די לייענער פון מיינע סקיצן און דערציילונגען, וואָס דרוקן זיך אָפּט אינעם „אַבענד בלאַט" אין יענער צייט.

די דאָזיקע סקיצן האָבן מיר שוין פאַרשאַפט אַ שטיקל נאָמען צווישן די לייענער פונעם „אַבענד בלאַט" און פון דער „אַרבייטער צייטונג". מען לייענט זיי ניט ווייניקער ווי די סקיצן פון ז. ליבינען, וואָס זיי זיינען אין יענער צייט זייער פּאָפּולער געווען.

ווי זיינע סקיצן, ווערן אויך מיינע געלייענט אין די שעפּער, אין די קאָפּע־הייזער און אין די היימען אין די טענעמענט הייזער און אויך אויף פאַרזאַמלונגען.

איך בין מיטגעריסן געוואָרן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, ווי מיט דער אַנאַרכיסטישער פריער. איך ווער אַ מיטגליד פון דער סאָציאַ־ליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי און באַזוך די מיטינגען און פאַרזאַמלונגען, און איך אינטערעסיר זיך מיט אַלצדינג, וועגן וואָס עס ווערט גערעדט דאָרט און וואָס עס ווערט דאָרט געטאָן.

דעמאָלט קום איך אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט קאַהאַנען.

ער, אַב. קאַהאַן, אַרבעט ענערגיש אין יענער צייט. ער ווערט גאָר ניט מיד אַרבעטנדיק. ער רעדט אויף פאַרזאַמלונגען, ביי סטרייקס, אויף מיטינ־גען פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. ער רעדט צוויי מאָל, דריי מאָל אין אַן אַנדער טאָג, ווען נאָר מען דאַרף אים, ווען נאָר מען רופט אים. ער רעדט מיט זיין לשון, שילטנדיק און זידלענדיק די קאַפּיטאַליסטן, וואָס מען דאַרף „אַרויסרייסן ביי זיי די קישקעס און די גראָבע טרעמבעס".

ער אַרבעט אַזוי אין יענער צייט, ווייל, אַחוץ וואָס די דאָזיקע אַרבעט איז נאָענט זיין האַרצן, ווערט ער געטריבן צו דעם פון אַ גוואַלדיקער אַמ־ביציע און פון אַן אייגנליבע במעט ביז קרענקלעכקייט, וואָס האָט זיך שוין דעמאָלט געפילט ביי אים, ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן אויף דעם.

ער האָט זיך גאָרניט געקאָנט אָנזעטיקן מיט דעם כבוד און מיט דער פאַרערונג, וואָס ער האָט געהאַט.

און צוקוקנדיק זיך צו אים, האָב איך געקאָנט זען, אַז וואָס מער כבוד ער האָט געהאַט, וואָס מער פאַרערונג מען האָט אים אַרויסגעוויזן, אַלץ מער האָט זיך צעברענט דער אַפּעטיט פון זיין אַמביציע און אַלץ קרענקלעכער האָט געפאָדערט זיין אייגנליבע:

— נאָך און נאָך און נאָך!...

און אפשר איז זיין דעמאָלטדיקע טעטיקייט אָנגעטריבן געווען אויך פון דעם געדאַנק, טאָמער כאַפּט אַן אַנדערער אויס אויף די פאַרזאַמלונגען די אַלע אַפּלאָדיסמענטן, די גאַנצע פּאָפּולאַריטעט? טאָמער ווערט אַן אַנדערער מער פּאָפּולער, איידער ער? איך בין זיכער, אַז אויך דאָס האָט אים באַוועגט צו זיין אַזוי טעטיק: באַשיצן זיין אייגענע פּאָפּולאַריטעט און נאָך מער: צו היטן, אַז אַן אַנדערער זאָל ניט ווערן צו פּאָפּולער...

איך דערמאָן זיך ווי אָפט איך האָב אין יענער צייט געהערט פון אים אַזעלכע מיינונגען וועגן זיינע חברים:

— קראַנץ איז נאָר אַ בריה אויף צו עסן אַ „סטעיק"...

— פייגענבוים האָט אַ גוטן קאָפּ, אָבער אַ... מלמד... זיינע אַרטיקלען מוז איך שטענדיק היטן, אַז ניט טוט ער אָן צרות...

אפילו וועגן זיין בעסטן פריינט מילערן, וואָס מיט זיינע כוחות האָט ער, קאַהאַן, זיך אַזוי אָפט באַנוצט, כמעט יעדעס מאָל, ווען ער איז געווען אין „טראָבל", האָט ער אויך אַמאָל אַרויסגעזאָגט אַזאַ מיינונג, געדענק איך, פאַר מיר און ש. פעסקינען (שפּעטער דאָקטאָר פעסקין):

— מילער קאָן ניט שרייבן; ער איז נאָר אַ בריה אויף שמד־שטיק... אַזוי וועגן די אַנדערע חברים זיינע.

בכלל, האָט ער זיך פאַרהאַלטן פיינטלעך צו די אינטעליגענטע מענטשן אַרום אים. אָט צו אַלע יענע, וואָס ער האָט ניט געקאָנט זיי איבערשרעקן מיט זיין „טאָטשקאַ־זאַפּעטאַיאַ". און בפרט צו אַזוינע, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר מעגלעכע קאָנקורענטן זיינע. זיי האָט ער שטענדיק פאַרדעכטיקט אין פיינטשאַפט צו אים. און שטענדיק האָט ער גערעדט וועגן זיי מיט אַ מין קרענקלעכער צערייצטקייט...

און אַזוי ווי פיליפּ קראַנצן האָט ער געהאַלטן פאַר דעם געפערלעכסטן קאָנקורענט זיינעם, האָט ער אים כסדר „אַרונטערגעריסן", בעת ער האָט גערעדט מיט געוויסן וועגן אים.

יעקב מילכן, וואָס ער האָט פריער געדרוקט אַרטיקלען אין דער „אַרבייטער צייטונג" און אַן איבערזעצונג פון סמאָלענסקיס ראָמאַן: „קבורת חמור", האָט ער ניט געקאָנט מער אָנזען און ער האָט אויפגעהערט אים צו דרוקן, ווייל ער, יעקב מילך, האָט געהאַלטן פון קראַנצן און פייגענבוימען.

אַזוי האָט ער פיינט געהאַט די אַנדערע אינטעליגענטע גענאָסן, וואָס זיי זיינען מער אָדער ווייניקער באַקאַנט געווען מיט דער „טאָטשקא־זאפעטאיא״ און וואָס האָבן געהאַלטן מער פון קראַנצן איידער פון אים.

אויף מיר איז ער אויך מיטאַמאָל אין כעס געוואָרן. דאָס איז געווען

אַב. קאַהאַן

אַזוי: אין יענער צייט האָט ער געדרוקט אַ נאָוועלע זיינע „יאַנקל דער יענקי״ יעדע וואָך אין דער „אַרבייטער צייטונג״.

איידער ער האָט זיין קאָפּיע אָפּגעגעבן אין דרוק, האָט ער זי פאָרגע־לייענט פאַר מיר און ש. פּעסקינען, וועלכער איז געווען אין יענער צייט אַ צייטונגס־פאַרקויפער. דריק איך זיך אויס איין מאָל, אַז זיין „יאַנקל דער יענקי״ איז אַביסל קאַריקאַטוריש, און אַ סוף, מער האָב איך ניט געדאַרפט!

בשעת מעשה האָט קאַהאַן מיר גאַרניט געזאָגט, נאָר די נאָז־פליגל האָבן זיך ביי אים אָנגעבלאָזן. אָבער אויף מאָרגן מאַכט ער צו מיר:

— דרוקט מען אָפּ פון עמעצן איין זאַך, אָז׳ער צווי, ווערט ער דערנאָך אַ קריטיקער...

און אין יענער וואָך, ווען איך האָב געבראַכט צו אים מיינע אַ זאַך צו דרוקן, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז איך קען קיין יידיש ניט.

אָט אַזוי ווי אַ מלאך וואָלט פּלוצים מיר אַ שנעל־געטאָן אין דער נאָז און מיין פריערדיקן גוטן „יידישן יידיש" אַוועקגעשנעלט!...

אָנשטאָט מיינע, דרוקט ער זאַכן פון אַנדערע, פאַרריכט זייער יידיש הויך אויפן קול און נאָכאַנאַנד הילכט־אָפּ איבער דער רעדאַקציע זיין פאַליווע־נער קול:

— טאָטשקאַ!... זאַפּעטאַיאַ!... טאָטשקאַ־זאַפּעטאַיאַ!...

און די אַרומיקע גענאָסן האַלטן אָפּן מויל און אויערן, גלאָצן די אויגן און נעמען אין זיך אַריין די גרויסקייט פון קאַהאַנען און פון זיין טאָטשקאַ־זאַפּעטאַיאַ!...

אגב, נאָך אַ באַמערקונג וועגן זיין „יאַנקל דער יענקי":

אין אַ „קריטיק", וואָס ער, קאַהאַן, האָט געשריבן אַמאָל וועגן „יאַנקל בוילע" אינעם „פאָרווערטס", בעת די ווילנער טרופּע האָט אָט־די פּיעסע דאָ געשפּילט, באַשולדיקט ער (כּלאחר יד, אמת) אין גנבה (אין אַ נאָווינע!) אַ יידישן שרייבער.

די דאָזיקע באַשרייבונג חזרט ער איבער אין איינעם פון די ביכער פון זיינע „בלעטער פון מיין לעבן", בעת ער רעדט וועגן זיין „יאַנקל דער יענקי" (זייט 4, פערטער באַנד).

און דאָס מאָל, באַשולדיקט קאַהאַן, האָט אַ יידישער שרייבער באַגנבעט טאָקע אים אַליין, אים טאָקע אַליין, אַב. קאַהאַנען, בכבודו ובעצמו, פאַנימאַ־יעטע!...

ער גיט דאָרט בפירוש אָנצוהערעניש, אַז יענער שרייבער האָט פּשוט „אַוועקגעלאַקכעט" ביי זיין העלד, ביי קאַהאַנס העלד, הייסט עס, יאַנקל דער יענקי מיטן נאָמען — דעם שרעק פאַר זיין טויטן טאַטן און געמאַכט דערפון — אַזאַ גנב, אַזאַ קעשעניק! — סיי אַ דערציילונג און סיי אַ דראַמע און גיט דאָס אַרויס פאַר זיין אייגנס...

לויט קאַהאַנען, ווי ער באַשרייבט דאָס (באַזונדערס אין זיין „קריטיק" וועגן דער דראַמע „יאַנקל בוילע") אין דעם „פאָרווערטס", האָט די מעשה מיט אָט־דער גנבה פּאַסירט אויף דעם פּשוטסטן שבפּשוטסטן אופן, דהיינו:

בעת זיין „יאַנקל דער יענקי" איז געווען דאָרט איין מאָל ביינאַכט אויף אַ דאַך פון אַ טענעמענט הויז, אויף וועלכן עס זיינען געווען אַרויסגעהאַנגען שטיקלעך גרעט, איז, מעשה שטן, אַ ווינט אָנגעלאָפן און ער האָט גענומען פּאַכן מיט די ווייסע שטיקלעך גרעט, וואָס זיינען געהאַנגען דאָרט אויפן שטריק. זעט דאָס קאַהאַנס העלד — „יאַנקל דער יענקי" מיטן נאָמען — און אים ווייזט זיך אויס, אַז ניט די ווייסע שטיקלעך גרעט פלאַטערן אַזוי, נייערט די תכריכים די ווייסע פון זיין טאַטן, פון זיין פאַרשטאָרבענעם טאַטן, און אַ שרעק כאַפּט אָן קאַהאַנס העלד, יאַנקעל דעם יענקי מיטן נאָמען. אַ מורא כאַפּט אים אָן, אַ פּחד...

און אָט גראָד דעמאָלט באַווייזט זיך יענער שרייבער — דער זלידנער — און אַ כאַפּ דעם שרעק פאַר דעם טויטן טאַטן ביי קאַהאַנס העלד, יאַנקעל דער יענקי, ממש פון די הענט דאָס ביי יענעם אַרויסגעריסן! און קומט דערמיט דערנאָך צו זיך אַהיים און אויף גיך געמאַכט דערפון אַ מעשה מיט אַן אַזערע און מיט פישער, און מיט אַ שטורעם אינעם וואַלד, און מיט אַ דאָרפישער שיקסע, נאַטאַשען, און מיט אַ דאָרפישן פויער, פּראָקאָפּן, און מיט אַן אַלטן פישער הירש־בערן און אַ פרומען פישער חאַצען, און מיט אַ ידישן בחור, יאַנקל בוילע, און מיט נאָך און נאָך אַזוינע פאַרשוינען, און דאָס אַ נאָמען געגעבן „יאַנקעל בוילע"...

טענהט קאַהאַן, אַז דאָס אַלצדינג איז געגנבעט פון „יאַנקעל דער יענקי". ווי אַזוי? אָט פּשוט: היות, ווי זיין העלד, בעת ער זיצט אויפן דאַך פונעם טענעמענט הויז, ווייזט זיך אויס, אַז ער זעט פאַר זיך זיין פאַרשטאָרבענעם טאַטן אין תכריכים, און אַזוי ווי לויט קאַהאַנען, באַשטייט די גאַנצע מעשה אין „יאַנקל בוילע", אין דעם, וואָס ער שרעקט זיך פאַר זיין טויטן טאַטן, איז דאָך דאָס אַ בפירושער באַוויז, אַז דער שרייבער פון „יאַנקל בוילע" האָט אויף אַ געוויסנלאָזן אופן באַגנבעט זיין, קאַהאַנס, „יאַנקעל דער יענקי"...

דאָס, אמת, האָב איך געקענט אָפּפטרן מיט אַ גאַנץ קליינער באַמער־קונג, אַז אָט־דער אב. קאַהאַן, וואָס ער האָט זיכער דערמיט ניט געוואָלט געבן מיר קיין קאָמפּלימענט, האָט דאָס מיר געגעבן דערמיט דעם גרעסטן קאָמפּלימענט, וואָס מיר איז אין מיין לעבן געגעבן געוואָרן. נעמלעך, אַז איך האָב געקענט שאַפן פון אַזאַ ליטעראַרישן „בן פקועה" (בען פעקואַ), ווי זיין „יאַנקעל דער יענקי", אַזאַ ווערק, ווי מיין „יאַנקל בוילע"...

איך דערמאָן דאָס, ניט ווייל איך בין אויסן דערמיט צו ווייזן אויף וואָס פאַר אַ אידיאָטסטווע ער, קאַהאַן, איז פייאיק, נאָר אויף וואָס פאַר אַ געמיינהייט ער איז פייאיק!

וואָרום זיכער איז, אַז אַזאַ אידיאָט, וואָס זאָל ניט קאָנען זען, אַז „יאַנקל

בוילע״ האָט קיין שום שייכות ניט צו זיין ליטעראַרישן טומטום ״יאַנקל דער יענקי״, איז קאַהאַן ניט. נאָר וואָס דען? ער האָט געזען אַ געלעגנהייט צו פאַרלוימדן אַ מענטשן, אַ שרייבער, צו מאַכן פאַר אַ ליטעראַרישן גנב, און ער האָט עס געטאָן. מחמת דאָס צו טאָן איז אַלע מאָל געווען און איז געוואָרן שפּעטער נאָך שטאַרקער אַן אינעווייניקסטע באַדערפעניש פון זיין סאַדיס־טישער נאַטור...

ב.

דערווייל האָבן די רעדאַקציעס פונעם ״אַבענד בלאַט״ און פון דער ״אַרבייטער צייטונג״ זיך אַריבערגעצויגן פון 91 דעלענסי סטריט אין 138 איסט בראָדוועי.

דער פּלאַץ איז אַ פּריערדיקע קראָם. אַ הילצערנער שטאַכעט טיילט־אָפּ אינעווייניק די רעדאַקציעס איינע פון דער אַנדערער.

קומט מען אַריין אַהין און מען פאַרנעמט זיך אויף דער לינקער האַנט פונעם שטאַכעט, איז דאָרט די רעדאַקציע פון דער ״אַרבייטער צייטונג״, מיט ב. פייגענבוימען און אב. קאַהאַנען ביי די שרייב־טישן; פאַרנעמט מען זיך אויף דער רעכטער האַנט — איז דאָרט די רעדאַקציע פונעם ״אַבענד בלאַט״ מיט פיליפ קראַנצן און נאָך אַ פּאָר מיטאַרבעטער. דער געשעפטס־פאַרוואַלטער פוןביידע צייטונגען איז אַ גענאָסע מיטן נאָמען הינדעס (דער שפּעטערדיקער דאָקטאָר היינס), וועלכער זיצט דאָרט ערגעץ פון הינטן ביי אַ שרייב־טיש.

איך קום זעלטן אַהין. מחמת אין יענער צייט אַרבעט איך אין אַ זייד־פאַבריק אין וועסט האָבאָקען. (אגב, דער אַרבעטער, וואָס האָט מיך געלערנט דאָרט די מלאכה פון וועבן, איז געווען דער שפּעטערדיקער באַרימטער שאַך־מאַט־שפּילער טשאַרלי יאפע).

קום איך אָבער אַהין אַמאָל, טרעף איך דאָרט כסדר שטענדיק דאָס אייגן בילד: לינקס הינטערן שטאַכעט שטייען אַרום קאַהאַנען די אומאַנטוויקל־טערע גענאָסן, און רעכטס, אַרום קראַנצן, שטייען די אינטעליגענטערע.

אין יענער צייט איז געווען אַ טיכטיקער גענאָסע, אַ רוסיש־יידישער אינטעליגענט מיטן נאָמען צמח, אַ נאָענטער פריינט פון יעקב מילכן. האָט מען זיי ביידן שטענדיק געזען נאָר אַרום קראַנצן.

און איך באַמערק דעמאָלט נאָך עפּעס: בעת לינקס הינטערן שטאַכעט רעדט נאָר קאַהאַן און די אַנדערע, וואָס זיינען אַרום אים, שווייגן, רעדן רעכטס יענע, וואָס שטייען אַרום קראַנצן, און ער אַליין שווייגט. ער שמייכלט נאָר.

ב. פייגענבוים זיצט זיך אין זיין ווינקל, ניט ווייט פון קאַהאַנען, און, ווי געוויינלעך, שרייבט ער טיף פאַרטאָן.

מען קאָן זאָגן, אַז די דאָזיקע צוויי באַזונדערע גרופּעס, דאָס הייסט, יענע, וואָס זיי זיינען געשטאַנען אַרום קאַהאַנען, און די אַנדערע, וואָס זיי זיינען געשטאַנען אַרום קראַנצן, זיינען געווען אַ סימבאָל פון דער שפּעטערדיקער צעשפּאַלטונג אין דער „אַרבייטער צייטונג" פּאַבלישינג אַסאָסיעישאַן, צי גאָר דער אָנהויב פון יענער היסטאָרישער צעשפּאַלטונג.

מחמת שוין דאָ האָט זיך גענומען פילן די ניט־פריינטשאַפט פון קאַ־האַנס חסידים צו קראַנצן און זיינע אָנהענגער, און פאַרקערט...

געווען אויך אַזוינע גענאָסן, וואָס זיינען געשטאַנען מיט איין פוס אויף דער רעכטער זייט פונעם שטאַכעט און מיטן אַנדערן אויף דער לינקער זייט. אַזוינע האָבן דרך ארץ געהאַט סיי פאַר קראַנצן און סיי פאַר קאַהאַנען, און זיי האָבן זיך, נעבעך, געפילט אין דער לאַגע פון עזאָפּס אייזל.

איך דערמאָן זיך, אַמאָל האָט קאַהאַן געהאַלטן אַ „פרייע אַרבייטער שטימע" און געלייענט פון איר הויך אויפן קול פאַר זיינע חסידים און חוזק געמאַכט פון דעם אַנאַרכיסטישן שרייבער, דעם „אידיאָט", און פון זיין יידיש; אַמאָל האָט ער זיך געקאַכט וועגן עמיצן פון קראַנצס אָנהענגער, און ווידער האָט מען געהערט דעם וואָרט „אידיאָט"; צי אַמאָל האָט ער גאָר אינמיטן דערינען גענומען ביי פייגענבוימען זיין קאַפּיע און פאַר אַלעמען אין די אויגן זיך באַגאַנגען מיט אים, ווי מיט אַ חדר־יינגל און אַלעמאָל האָט מען געקאָנט זען, אַז ער האָט דערפון ווילד הנאה געהאַט, וואָס ער האָט דערנידעריקט פייגענבוימען, ווען די גענאָסן זיינען דערביי געווען.

אויף מיר קוקט ער נאָך אַלץ קרום. ער האָט נאָך ניט פאַרגעסן, אַז איך האָב אַמאָל אויסגעזעצט אַ פעלער קעגן זיין „יאַנקעל דער יענקי". און בפרט געפעלט אים ניט, למאי איך בין „קראַנצס אַ מענטש" און למאי אַנדערע לויבן מיין שרייבן.

דערפאַר קען איך ניט קיין יידיש און בכלל טאָר איך ניט נעמען קיין פען אין דער האַנט...

דאָס זאָגט ער כסדר די גענאָסן יעדעס מאָל ווען עס דערשיינט מיינע אַ סקיצע אינעם „אָבענד בלאַט". און אַמאָל, ווען ער באַמערקט, אַז איך בין דאָרט אין דער רעדאַקציע, זאָגט ער זיין מיינונג וועגן מיר מיט זיין פאַליווע־נעם קול, אַז ווען איך זאָל אפילו פאַרשטאָפּן די אויערן, מוז איך הערן וואָס ער זאָגט:

— ניט קיין יידיש. ניט אַזוי רעדט מען. ניט אַזוי שרייבט מען, קיין

ברעקל טאַלאַנט. טאַלאַנט האָט גאָרין, ליבין. זיי שרייבן אמת רעאַליסטיש, — הער איך אים פונדערווייטנס, ווי ער רעדט וועגן מיר, און שטענדיק איז זיין קול קרענקלעך צערייצט.

פאַרדריסט דאָס מיך, אָבער איך געפין טרייסט ביי קראַנצן, ביי מילכן און ביי די אַנדערע פון די אינטעליגענטע גענאָסן, וואָס זיי לויבן אַלץ מער מיינע זאַכן, וואָס מער קאַהאַן רייסט זיי אַרונטער... אפילו ב. פייגענבוים לויבט אַמאָל אויך מיינע אַ סקיצע, ווען נאָר קאַהאַן איז ניט דערביי. מחמת ער היט זיך ניט איינצורייסן מיט „קאַהאַנס טעמפּעראַמענט" — ווי ער האָט מיר אַמאָל געזאָגט.

און אַמאָל טאַקע טרעפט אַ נס אויך: איינער פון קאַהאַנס חסידים גייט־צו צו מיר שטילערהייט און רוימט מיר איין אַ סוד, אַז ער האָט געלייענט מיין נייע סקיצע און אים געפעלט זי דווקא.

איך דערמאָן זיך, דער אייגענער קאַהאַנס חסיד גייט־צו צו מיר אַמאָל און רופט זיך אָן צו מיר אַזוי:

— איך האָב געלייענט היינט אייער „סקיצע". איך פאַרשטיי ניט, פאַר־וואָס זי געפעלט ניט גענאָסע קאַהאַנען. אַ שיינע „סקיצע". איכ'ל אייך זאָגן דעם אמת: מיר דאַכט זיך, אַז זי איז באַלד אַזוי גוט ווי גענאָסע ליבינס. און איך הער דאָך, וואָס די אַנדערע גענאָסן זאָגן.

און אינמיטן דערינען טוט ער מיר אַ זאָג:

— פאַרוואָס זאָלט איר עפּעס טאַקע ניט אָנשרייבן אַ ריכטיקע סקיצ־קעלע, אַ „רעאַליסטישע", מיין איך, אָט אַזאַ ווי גענאָסע קאַהאַן וויל? זאָל ער אויך צוגעבן, אַז איר קאָנט שרייבן. ווען איך בין אויף אייער פּלאַץ, וואָלט איך דאָס געטאָן.

רוף איך זיך אָן:

— אָן ערך וואָס פאַר אַ סקיצע וואָלט איר אָנגעשריבן אויף מיין פּלאַץ?

— אָט אַזאַ ווי ער וויל, ווי גענאָסע קאַהאַן וויל. אַ „רעאַליסטישע" סקיצעלע, אַזוי ווי ליבינס, אַזוי ווי גאָרינס, צי ווי טאָלסטאָיס...

מאַך איך צו אים:

— קיין עוולה וואָלט עס ניט געווען, אפילו פאַר גענאָסע קאַהאַנען אויך ניט, אָנצושרייבן עפּעס ווי טאָלסטאָי.

— גענאָסע קאַהאַן שרייבט אַלע מאָל גוט, אַלע מאָל „רעאַליסטיש". קוקט ער מיך אָן און נאָכדעם זאָגט ער:

— האָט איר געלעזן זיין „מאָטקעלע אַרבעל"? זיין „יאַנקעל דער יענקי"? צי זיינע סדרות אפילו? אַלץ „רעאַליסטיש"!

ג.

אין יענער צייט איז קאַהאַן אויך דער רעדאַקטאָר פון דער „צוקונפט“. דער געשעפטס־פאַרוואַלטער פון אַט־דעם זשורנאַל איז מ. צעזאַר (דער פאָ־טער פון דעם היינטיקן באַקאַנטן בראָדוועיער לידער־שרייבער אירווינג צעזאַר).

צעזאַר איז אויך דער באַזאָרגער פון ליטעראַטור פאַר דער „צוקונפט“, גייט ער מיר נאָך, אַז איך זאָל אים געבן עפּעס פאַר דעם זשורנאַל. דער־קלער איך אים, אַז איך וועל ניט געבן קאַהאַנען קיין געלעגנהייט, אַז ער זאָל מיך באַליידיקן, און גיב אים גאָרנישט.

איך מייד אויס קאַהאַנען, ווי ווייט איך קאָן. מייד אויס דעם פּלאַץ, וואו ער שטייט. מייד אויס צו רעדן מיט אים. ביז איין מאָל... איך קום צוגיין אין רעדאַקציע. קאַהאַן איז אַרומגערינגלט פון אַ רעדל גענאָסן, האַלט אַן „אַבענד בלאַט“ אין אַ האַנט און קריטיקירט הויך אויפן קול.

קראַנץ איז אין דער רעדאַקציע ניטאָ. דערזעט מיך קאַהאַן און שטעלט מיך פּלוצים אָפּ.

— איך האָב געלעזן אייער היינטיקע סקיצע, — מאַכט ער, און די נאָז־פליגל לויפן ביי אים אויף, אַזוי ווי אויפגעשוואָלן מיט אַמאָל, און דורך די ברילן זיינע קוקט אויס אַזאַ בייזקייט, — נאָר אַ אידיאָט דרוקט אַזוינע זאַכן. איך מיין ניט איך. איר זייט דווקא ניט קיין אידיאָט. איר האָט אַ גאַנץ גוטן קאָפּ, אַן אינטעליגענטער מענטש, אָבער שרייבן דאַרפט איר ניט; איר האָט קיין ברעקל טאַלאַנט ניט; איר קאָנט דאָך גאָר קיין יידיש ניט!

דאָס איז שוין געווען אַ קאַפּעטשקע צופיל פאַר מיר. בין איך אַרויס מיט דער שפּראַך, און דווקאָ אויף רוסיש, און ניט נאָר מיט דער „טאַטשקא זאַפּעטאַיאַ“, נאָר דווקאָ מיט דעם „וואָסקליצאַטעלני זנאַק!“...

— איר רעדט ווי אַ בויאַך, ווי אַן אַנאַרכיסטל! — האָט ער גענומען שרייען, אָבער אין זיין געשריי האָט זיך שוין געהערט אַן אומזיכערקייט. ווייט ניט די פריערדיקע בייזע דרייסטקייט.

און פּונקטום, ווי דער דייטש זאָגט...

פון דעמאָלט אָן לאָזט ער מיך צורו. דערזען און נאָך מער דערפילט, אַז איך בין ניט פון די „באָיס“, וואָס לאָזן זיך קריכן אין דער גרגרת אַריין, האָט ער מיך אינעם האַרצן זיכער נאָך מער פיינט, אָבער צורו לאָזט ער מיך, לכל הפחות דערווייל, ביז אַ צייט...

נאָך מער: ער ווייזט אַרויס אפילו לייטזעליקייט צו מיר. דהיינו: ער קערט מיר אום צוריק מיין גוטע יידישע שפּראַך...

אַזוי, אַן ערך, אין אַ וואָך אַרום זאָגט ער צו מיר:

— איר ווייסט? ביסלעכווייז לערנט איר זיך אויס ייִדיש. איר האָט אַ גאַנץ גוטן ייִדיש.

דאָס איז קאַהאַן. אָט־דער שטריך צו באַפאַלן עמיצן, צו דערנידעריקן און דערשטיקן יענעם, בעת אים ווייזט זיך אויס, אַז יענער איז הילפלאָז קעגן אים, אַז ער קאָן יענעם לייכט דערשטיקן, און ניט אָנהויבן זיך מיט יענעם, צי גאָר מאַכן קאָמפּלימענטן יענעם, בעת ער פילט, אַז יענער איז ניט פון די הילפלאָזע, — אָט־דער שטריך, וואָס ער איז ביי דעם שפּעטערדיקן קאַהאַנען געווען איינער פון די הויפּט־שטריכן פון זיין כאַראַקטער, האָט זיך שוין געפילט אויך דעמאָלט.

קיינער פון יענע, וואָס האָבן אים געקאָנט נאָענט, וועט ניט אימשטאַנד זיין אָפּצולייקענען דעם פאַקט, אַז ווען זיינער אַ גענאָסע, צי אַ חבר, איז אַמאָל געווען אין דער טרויעריקסטער לאַגע; למשל, ווען יענער איז אין עפּעס באַשולדיקט געוואָרן, צי אין „פאָרווערטס אַסאָסיעישאָן״, צי אַנדערש־וואו, האָט געמעגט יענער זיין אפילו אַ פאַרברענטער חסיד זיינער, איז קאַהאַן געווען דער ערשטער, וואָס ער איז מיט אַ מין קרענקלעכער גיריקייט אויפגעשפּרונגען אויף יענעם, ווי אַ ווילדער פויגל, ממש, אויף זיין רויב...

און געטאָן האָט ער דאָס נישט מחמת ער האָט געוואָלט ווייזן, ווי אומ־פּאַרטייאיש ער איז געווען, דאָס הייסט, הגם יענער איז זיינער אַ פריינט, פאָדערט ער דאָך, אַז מען זאָל באַשטראָפן יענעם פאַר זיין פאַרברעכן; ניין, דאָס איז ער ניט אויסן געווען אַזוי, ווי, דער עיקר, צו איזדעקעווען זיך איבער יענעם, צו צאַפּן יענעמס בלוט, צו פאַרניכטן יענעם אינגאַנצן...

צום ביישפּיל, די אַלטע גענאָסן פון דער „פאָרווערטס אַסאָסיעישאָן״ וואָלטן געקאָנט דערציילן, ווי אָט־דער קאַהאַן האָט שיער־שיער ניט אומ־גליקלעך געמאַכט איינעם, וואָס האָט דאַן פאַרנומען אין דעם „פאָרווערטס״ אַ פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלע. קאַהאַן האָט יענעם ניט ליב געהאַט. צו־פּאָפּולער איז יענער געווען צווישן די גענאָסן, און אַחוץ דעם, האָט זיך יענער מיטאַמאָל גענומען האַלטן זעלבסטשטענדיק קעגן קאַהאַנען.

קומט איין מאָל קאַהאַן און באַשולדיקט יענעם אין אומערלעכקייט ווען געלט, וואָס האָט באַלאַנגט צו אַן אלמנה.

די דאָזיקע באַשולדיקונג האָט אפילו אויפגערעגט די נאַאיווע און גע־דולדיקע מיטגלידער פון דער „פאָרווערטס אַסאָסיעישאָן״; אפילו זיינע חסידים האָט ער אויך קעגן זיך אויפגעבראַכט מיט אָט־דער באַשולדיקונג זיינער, און ער, קאַהאַן, איז דעמאָלט דורכגעפאַלן...

וואָס האָט קאַהאַן דערנאָך געטאָן? ער האָט דערזען, אַז יענער איז

שטאַרק: אַז ער קאָן, הייסט עס, נישט באַגראָבן יענעם, האָט ער אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער געמאַכט אַ פאָרשלאַג אויף אַ מיטינג פון דער „פאָר־ווערטס אַסאָסיעישאָן", מען זאָל נעמען יענעם אַ באַנקעט.

דעם באַנקעט האָט מען, אגב, דעמאָלט ניט געמאַכט, מחמת יענער האָט פּראָטעסטירט, הלמאי קאַהאַן האָט אָט דעם באַנקעט־פאָרשלאַג געמאַכט, דער־קלערנדיק, אַז ער וויל ניט דעם ביס און וויל ניט דעם האָניק פון קאַהאַנען...

קורץ, ווי קאַהאַנס פּסוק האָט תמיד געזאָגט: „אויב איך קאָן דיך גלייך דערשטיקן, ביזטו אַ גנב, אַ כל־בוניק, און אַהער דיין בלוט! ביזטו נאָך דערווייל שטאַרק, קאָן איך דיך דערווייל נאָך ניט באַגראָבן, וועל איך דיך שפּעטער באַגראָבן. דערווייל נאַ דיר אפילו אַ באַנקעט!"...

פערטער קאַפּיטל

ב. פייגענבוים

א.

אין יענער צייט קום איך איין מאָל אין 138 איסט בראָדוועי און טרעף דאָרט אַזאַ בילד: קאַהאַן שטייט דאָרט ביי אַ שרייב־טיש, נאָך גאָר אַ שפּאָגל־נייער „דעסק", איינגעגעסן אין אים מיט די ציין, יאָ, ממש מיט די ציין! בייסט אים און טופּעט מיט די פיס און שרייט היסטעריש, אָן ווערטער:

— אַ־אַ־אַ! — ווי איינער אין אַן אָנפאַל פון דער העכסטער היסטעריקע.

אָן אַ זייט שטייט ב. פייגענבוים, בלייך ווי לייוונט, קוקט אויף אים צע־שראָקן, דריקט זיך אין וואַנט אַריין, ציטערט מיט די שוואַרצע וואָנצעס און מורמלט:

— גענאָסע קאַהאַן... אָבער גענאָסע קאַהאַן...

און א. הינדעס — דער דעמאָלטדיקער געשעפטס־פאַרוואַלטער פון דער „אַרבייטער צייטונג" און פונעם „אָבענד בלאַט" — איז אויך בלייך, און ער טענהט אויך צו קאַהאַנען:

— אָבער, גענאָסע קאַהאַן, הערט־זשע אויס...

אָבער קאַהאַן הערט ניט און בייסט אַלץ דעם „דעסק" נאָך ווילדער, שרייט היסטערישער.

איינער נאָר איז רואיק — פיליפּ קראַנץ.

ער זיצט זיך דאָרט הינטער דעם הילצערנעם שטאַכעט, ביי זיין שרייב־טיש, זופּט פון אַ בלעכענעם טעפּעלע קאַווע, פאַרבייסט מיט אַ „סענדוויטש", קוקט דערביי מיט איין אויג אינעם טעפּל קאַווע אַריין און מיטן אַנדערן פון צייט־צו־צייט אַהין צו קאַהאַנען און, קאַנטיק, אַז עס אַרט אים גאָרניט, ווען אַפילו קאַהאַן זאָל אויפעסן דעם „דעסק" אינגאַנצן...

שפּעטער ערשט ווייזט זיך אַרויס, פאַרוואָס קאַהאַן האָט אַזוי געביסן דעם „דעסק". ווייל... ווען ער איז געקומען אין רעדאַקציע, האָט ער גע־טראָפן ביי יענעם „דעסק" פייגענבוימען...

— אַזאַ... מלמד, — האָט ער זיך פאַר מיר געקלאָגט, — איך קום, און ער זיצט ביי מיין „דעסק"! — ווי אַזוי סמייעט איר, מלמד פאַרדריפּע־טער, צו זעצן זיך ביי מיין דעסק! — האָט ער זיך ווידער צעשריען אויף פייגענבוימען און געטופּעט מיט די פיס.

ווי קאַהאַן וואָלט געזען אין דעם, וואָס פייגענבוים איז געזעסן אויף זיין פּלאַץ און ביי זיין שרייב־טיש, אַ בייזן וואונק פון דעם, פאַר וואָס ער האָט

אַלע זיינע יאָרן זיך אַזוי געשראָקן, דאָס הייסט, טאָמער פאַרנעמט אַן אַנ־דערער זיין פלאַץ...

ווייל, ווען איך גיי דורך מיינע געדאַנקען דעם גאַנצן וועג פון קאַהאַנס קאַריערע פון זינט איך האָב אים דערקענט אין 91 דעלענסי סטריט, זע איך אים שטענדיק ווי ער איז געיאָגט געווען פון אַ מורא פאַר אַ קאָנקורענט, ווי ער האָט געציטערט פאַר דעם שיין פון אַן אַנדער טאַלאַנט אין נאָענטער שכנות מיט אים; קיינמאָל האָב איך אים ניט געזען מיטן באַוואוסטזיין פון דער אמתער שטאַרקער פערזענלעכקייט, וואָס זי איז אַלע מאָל זיכער אין די אייגענע כוחות און וועלכע וואָלט זיך געפילט באַליידיקט פון דעם געדאַנק אַליין וועגן קאָנקורענץ.

עס איז אַ גוט באַוואוסטער פאַקט צווישן די פריערדיקע און אויך שפּע־טערדיקע שרייבער פונעם „פאָרווערטס", אַז עס איז גענוג געווען פאַר קאַ־האַנען, אַז ער זאָל דערהערן איין מאָל און נאָך אַמאָל, ווי מען האָט געלויבט אַן אַרטיקל פון אַן אַנדער שרייבער אין זיין צייטונג, אַז ער זאָל יענעמס אַר־טיקל ניט וועלן מער דרוקן...

וועגן דעם גלענצנדיקן פּראָזע־שרייבער א. ליעסין האָט קאַהאַן אַ צייט לאַנג גערעדט, אַז ער, ליעסין, קאָן ניט אָנשרייבן קיין איין שורה פּראָזע, — נאָר דערפאַר, ווייל ליעסינס אַרטיקלען אינעם „פאָרווערטס" האָבן גע־מאַכט אַ רושם צווישן די מיטגלידער פון דער „פאָרווערטס אַסאָסיעישאָן". און ווי ער האָט באַקעמפט דערפאַר ליעסינען!

ב.

קורץ, צו יענער סצענע מיט פייגענבוימען איז ער אויך געטריבן גע־וואָרן, בין איך זיכער, פון דעם דאָזיקן געפיל פון מורא פאַר אַ מעגלעכן קאָנקורענט. מחמת, מען דאַרף וויסן, אַז אין יענער צייט איז ב. פייגענ־בוים געווען ניט ווייניקער פּאָפּולער איידער ער, און אין אַ סך פּרטים נאָך פּאָפּולערער.

ווייל פייגענבוים, דער איינציקער למדן צווישן די דעמאָלטדיקע שריי־בער פון דער „אַרבייטער צייטונג" און פונעם „אַבענד בלאַט", אַ מענטש מיט אַ געשליפענעם גמרא־מוח, איז אין יענער צייט, בעת אויף דער יידי־שער גאַס דאָ־הי איז אָנגעגאַנגען אַזאַ מלחמה קעגן גאָט און רעליגיע אינעם נאָמען פון „אויפקלערונג", איז ער געווען די הויפּט־קאַנאָנע קעגן רעליגיע, און די ווירקונג זיינע אויף די יידישע אַרבעטער־מאַסן איז געווען זייער גרויס.

ער, פייגענבוים, ווען עס איז געקומען צו דעם ענין גאָט און רעליגיע, האָט ער ניט געהאַלטן, ווי די מערסטע דעמאָלטדיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטן,

אַז רעליגיע, הייסט עס, איז אַ „פּריוואַט זאַך". און אויך מחמת דעם, מיין איך, איז ער אַזוי פּאָפּולער געווען צווישן די יידישע מאַסן, וואָס זיינען גע־ווען — וואָס איז שייך רעליגיע — מער באַאיינפלוסט פון די אַנאַרכיסטן, איידער פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין יענער צייט.

אַחוץ דעם, איז ער געווען אַ בעסערער רעדנער אויך, איידער קאַהאַן. בעת קאַהאַן האָט אין זיינע רעדעס געבראַכט משלים, געווייגלעך, פון דעם בעל־עגלה מיט זיין פערדל, האָט פייגענבוים תמיד אין זיינע רעדעס גע־טייטשט פּסוקים און געבראַכט שיינע משלים פונעם מדרש, צי פון דער גמרא, אָפּט אין אַ הומאָריסטישן טאָן; משלים, וואָס זיי האָבן ביי די דעמאָלטדיקע יידישע מאַסן זייער אויסגענומען...

דערפאַר האָב איך זיך אַלע מאָל געוואונדערט, פאַרוואָס פייגענבוים האָט דערלאָזט, אַז קאַהאַן זאָל אים באַהאַנדלען, ווי ער האָט אים באַהאַנדלט. בפרט האָב איך זיך געוואונדערט דעמאָלט, פאַרוואָס פייגענבוים האָט אים פאַר־שוויגן יענע סצענע.

פייגענבוים האָט געשוויגן. פייגענבוים האָט ניט געענטפערט, הגם מען האָט געקאָנט זען, ווי דאָס האָט אים ווייַ געטאָן.

דאָס איז כאַראַקטעריסטיש געווען פאַר דעם גאַנצן פייגענבוימען: זאָל זיינס אַריבערגיין, אַבי, שאַ, אַבי זאָל זיין שטיל!

און זיינס איז שטענדיק אַריבערגעגאַנגען. שטענדיק האָט ער געאַר־בעט מער איידער אַנדערע, געשריבן און גערעדט אויף פאַרזאַמלונגען, און שטענדיק איז ער געבליבן עפּעס אַזוי ווי הינטן פון די אַנדערע, שטענדיק דער געקריוודעטער.

איז דאָס געווען מחמת ער האָט געהאַט אַ שוואַכן כאַראַקטער, צי גאָר פאַרקערט, מחמת ער האָט געהאַט אַ באַזונדער שטאַרקן כאַראַקטער? דאָס איז שווער צו זאָגן באַשטימט. אַן אַנדער מאָל האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ער האָט געהאַט זייער אַ שוואַכן כאַראַקטער און אַן אַנדערס מאָל — פאַר־קערט...

למשל, דערמאָן איך זיך, ווי ער האָט מיר דעמאָלט דערקלערט יענע סצענע, וואָס קאַהאַן האָט אים געמאַכט:

— נו, וואָס קאָן מען זיך העלפן? אַ מענטש מיט אַזאַ אומגליקלעכן טעמפּעראַמענט. ער גיט זיך דען אָפּ אַ רעכענונג, וואָס ער טוט, וואָס ער רעדט? צו אורטיילן אַ מענטשן מוז מען אַלע מאָל אַריינקריכן אונטער זיין הויט און לויט דעם מוז מען אים משפּטן. דערפאַר בין איך אים אַלע מאָל מוחל...

און אַזוי האָט ער כמעט אַלע מאָל געזוכט צו פאַרענטפערן די עוולות, וואָס מען איז באַגאַנגען קעגן אים אין זיין אייגענעם קרייז.

איז דאָס געווען די שוואַכקייט אין אים, וואָס דאָס פאַרענטפערט ניט יע־נעמס עוולות, נאָר די אייגענע אומבאַהאָלפנקייט, די הילפלאָזיקייט די איי־גענע, צי גאָר די באַזונדערע שטאַרקייט פון זיין גייסט, וואָס זי האָט זיך גע־קאָנט אויפהויבן איבער פערזענלעכע באַליידיקונגען — שווער דאָס צו זאָגן!



ב. פייגענבוים אין 1892

איין זאַך קאָן איך זאָגן באַשטימט: ווי קאָמפּסלוסטיק ער איז ניט גע־ווען קעגן קעגנער פונעם צווייטן לאַגער, צי קעגן גאָט אינעם הימל, — אין דעם אייגענעם קרייז, צווישן זיינע קאָלעגן און גענאָסן, האָט ער אַלעמאָל געזוכט שלום. און ניט איין מאָל האָט ער צוליב דעם זיך באַנוצט מיט סאָ־פיסטיק, מיט פלפולים, מיט „פייגענבוימס גראָבן פינגער” — ווי זיינע קעג־נער האָבן עס גערופן. ער, הייסט דאָס, האָט אויסגעטייטשט אין פלוג אַ גאַנץ קרומע זאַך אַזוי, אַז עס זאָל אויסקומען גלייכער פון גלייך...

יאָ, דאָס האָט ער געטאָן אַמאָל, אָבער מערסטנטייל (אַזוי איז מיין איינ־דרוק) מיט דער כוונה אויסצוגלייכן לשם שלום וועגן.

* * *

אין זיין יוגנט האָט מען אים גערופן „דער וואַרשעווער עילוי". וואָלט ער געבליבן דער פרומער עילוי, קאָן זיין, אַז ער וואָלט געשריבן פרומע ספרים, וואָס זיי וואָלטן פול געווען מיט שאַרפע פּלפּולים און חריפות. וועגן דעם האָב איך ניט איין מאָל געטראַכט אין דעם משך פון די צענדליקער יאָרן, וואָס איך האָב אים דאָ געקענט.

אין זיין יוגנט, — ווי ער האָט מיר אַמאָל דערציילט, — איז ער געווען אַ הייסער חסיד. דאָס איז ער פאַרבליבן די גאַנצע צייט — אַ הייסער חסיד פון סאָציאַליזם און אַטעאיזם.

אפילו אויף זיין אויסזען האָט זיך אַלע מאָל געמערקט שפּורן פון דעם אַמאָליקן חסיד. אַזוי ווי דער שאָטן פון דעם אַמאָליקן חסיד בנימין איז אים שטענדיק נאָכגעגאַנגען.

קאַהאַן האָט אים גערופן: „מלמד".

פייגענבוים איז פאַרבליבן דער הייסער חסיד. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן, ווי פרום און מיט וואָס פאַר חסידישער התלהבות ביי אים אינעם הויז איז געפייערט געוואָרן דער ערשטער מאַי פון יענער צייט.

איך גלויב ניט, אויב אין אַן אַנדערן יידיש־סאָציאַליסטישן הויז האָט זיך דער ערשטער מאַי אַמאָל געפּילט אַזוי יום־טובדיק, אַזוי נשמה־יתירה־דיק, קאָן מען זאָגן, ווי איך האָב אים געזען אין יענער צייט ביי פייגענ־בוימען אינעם הויז.

יאָ, מיט זיין אינטעליגענץ און מיט זיין אַרבעט־פעיאיקייט, ווען מען פאַרגלייכט אים מיט די אַנדערע פון זיינע חברים, האָט ער געדאַרפט פאַר־נעמען אַ סך אַ חשובערן פּלאַץ פון דעם, וואָס ער האָט פאַרנומען צווישן זיינע חברים; נאָר מחמת ער האָט זיך געלאָזט אַלע מאָל אַזוי קריוודען און אויך אפשר נאָך דערפאַר, ווייל ער האָט ניט גערעדט רוסיש, ווי קאַהאַן, וואָס דאָס איז געווען דער העכסטער סימן פון אינטעליגענץ ביי די גענאָסן און בכלל אויף דער יידישער גאַס אין יענער צייט, איז ער, פייגענבוים, געבליבן פון הינטן, הגם, איך זאָג עס נאָך אַמאָל, ער איז געווען ניט אין אַן ערך אינטעליגענטער פון קאַהאַנען...

ניט אַלע זיינען היינט מסכים מיט דעם כאַראַקטער פון פייגענבוימס יע־נער אַרבעט. יענע אַרבעט זיינע, בפרט פון דעם אַטעאיסט פייגענבוימען,

ווערט היינט אַמאָל גאַנץ ביטער קריטיקירט. אָבער די אַרבעט פון שרייבער און פון געזעלשאַפטלעכע טוער מוז מען מעסטן מיטן גייסט פון דער צייט, אין וועלכער זיי האָבן געווירקט.

פייגענבוים, נאָך מיין מיינונג, האָט אויסגעדריקט דורך זיין אַרבעט אויף דעם פרומסטן אופן דעם גייסט פון זיין צייט און פון זיין סביבה אויף דער דעמאָלטדיקער יידישער גאַס דאָ־הי.

און דער דאָזיקער אַרבעט האָט ער אָפּגעגעבן זיינע אַלע כוחות, אַזוי לאַנג ווי ער איז געזונט געווען.

די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן זיינען געווען שרעקלעכע: דער מוח האָט ביי אים געאַרבעט, אָבער דער לשון איז ביי אים פּאַראַליזירט געווען און אויך די האַנט, וואָס זי האָט אַזוי לאַנג געאַרבעט מיט דער פּען...

און דער טויט איז געווען אַן אמתע דערלייזונג פאַר אים.

ג.

אַט־דער אייגענער פייגענבוים, וואָס ער האָט תמיד געזוכט אויסצוקו־מען אויף דעם פריינטלעכסטן אופן מיט אַב. קאַהאַנען, האָט געשריבן, אגב, אַ כאַראַקטעריסטישן אַרטיקל אַמאָל וועגן אַב. קאַהאַנען.

דעם דאָזיקן אַרטיקל האָט ער געשריבן צו קאַהאַנס 50־יעריקן יובי־ליי, וואָס איז געדרוקט געווען אין אַ באַזונדערן ביכל מיט אַנדערע אַרטיק־לען וועגן קאַהאַנען, געשריבן פון דעם יובילאַרס פריינט.*

אין אַ יובליי־אַרטיקל רעכנט מען אויס, ווי עס פירט זיך, דער עיקר, די מעלות פונעם יובילאַר. בפרט נאָך, ווען אַזאַ אַרטיקל שרייבט אַזאַ מענטש ווי פייגענבוים, וואָס ער וואָלט ניט וועלן איינרוגזן קאַהאַנען. דערציילט ער אין יענעם אַרטיקל, אַז זיין שטאַנדפּונקט איז אַלעמאָל געווען פּערזענלעך צו דולדן, אַבי די גאַנצקייט און דאָס אַנזען פון אונדזער באַוועג־גונג צו שאַנעווען. „זאָל דאָס מייניקע איבערגיין, אַבי זאָל זיין שטיל"... און אַז קאַהאַנס שטאַנדפּונקט איז געווען אַן אַנדערער.

און פּרואוונדיק דערביי קאַהאַנען צו פאַרענטפערן, רייסן זיך דאָך ביי אים אַרויס, ווי קעגן זיין ווילן, אַזעלכע ווערטער וועגן דעם יובילאַר אַב. קאַהאַנען:

„און ווערט ער [קאַהאַן] פּערזענלעך שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם,

* זע: „גענאָסע קאַהאַן אין די היטציגע יאָהרען פון דער באַוועגונג" (פּערזענ־לעכע דערינערונגען פון ב. פייגענבוים) אין דעם יובילייאום שריפט" צו אַב. קאַהאַנס 50טן געבורטסטאָג. דערשינען אין 1910. זייט 63. — ך. ק.

ווערט ער אַן אויפגעקאָכטער, ווי אַ קעסל־גרוב, און דאַן האָט ער שוין אויף קיין זאַך קיין ריקזיכט ניט".

און אין אַן אַנדער פּלאַץ אין יענעם אַרטיקל שרייבט ער ווידער:

„פּערזענלעך און מינדלעך איז ער (קאַהאַן) אָפט אומפּיאיק צו קאָנטראָ־לירן זיין שטורעמדיקן טעמפּעראַמענט און סענזיטיוויטעט. אָבער מיט דער פּעדער אין דער האַנט איז ער אַ באַזאָנענער זעלבסט־באַהערשטער מאַן, און ער וועגט זיינע ווערטער אויף דער וואָגשאָל פון גאָלדענער ערלעכקייט"...

פאַרשטייט זיך, אַז דער „באַזאָנענער זעלבסטבאַהערשטער מאַן" מיט דער „וואָגשאָל פון גאָלדענער ערלעכקייט" איז ניט מער ווי אַ מליצה־בוקעט דעם יובילאַר, וואָס פּייגענבוים האָט פאַר אים צונויפגעשטעלט. מחמת טאָקע באַלד גיט ער אַליין צו וועגן אָט־דעם „באַזאָנענעם זעלבסטבאַהערשטן מאַן", אַז ...„ווען יענער [דער באַזאָנענער, און אַזוי ווייטער] נעמט שוין אפילו אַריין די פּעדער אין דער האַנט, קאָן מען אויך אין דעם, וואָס ער האָט געשריבן, געפינען פּילעס, מיט וועלכן מען קען זיין זייער ניט איינ־שטימיק"..

און אַז מען האָט אינעם זינען, אַז דאָס איז געווען געשריבן אין אַ יובילײ־אַרטיקל לכבוד קאַהאַנען, און געשריבן פון פּייגענבוימען, דעם גרויסן דולדער און פאַרגעבער, וואָס ער האָט מיט זיין שאַרפן מוח ניט איין מאָל באַוויזן זיין באַזונדערע חריפות אין אויסגלייכן קרומע זאַכן צוליב „שלום און צוליב דער גאַנצקייט און דעם אָנזען פון דער באַוועגונג", — קאָן מען זיך שוין משער זיין, וואָס קאַהאַן איז פאַר אַ מענטש, ווען אפילו ב. פּייגענבוים האָט אים ניט געקאָנט אינגאַנצן אויסגלייכן צו זיין יובילײ!...

ד.

און דאָ בעט זיך, אגב, אַ באַמערקונג:

צווישן די לייענער פון אָט־די קאַפּיטלען וועלן זיין זיכער אַזעלכע, וואָס קאָנען נאָך מיינען, אַז איך וואָלט אַזוי ניט געשריבן וועגן קאַהאַנען, ווען איך וואָלט איצט ניט באַלאַנגט צו דעם צד פון זיינע געגנער; ווייל איך דערפאַר זיי דערציילן, אַז נאָך מיט אַ יאָר דרייסיק צוריק, ווען איך בין גע־ווען סיי אַ מיטגליד פון דער „פאָרווערטס אַסאָסיעישאַן" און סיי אַ שריי־בער פונעם „פאָרווערטס", וואו אַב. קאַהאַן האָט אַזוי אַלמעכטיק געהער־שעוועט, בין איך אַרויסגעטראָטן אינעם „טאָג" מיט אַן „אָפענעם בריוו צו אַב. קאַהאַנען". יענער אָפענער בריוו האָט דעמאָלט ממש אויפגעשטורעמט די יידישע גאַס, און קאַהאַן אַליין מיט זיינע חסידים אינעם „פאָרווערטס" זיי־

נען פון אים אַזוי צעטומלט געוואָרן, ווי עס וואָלט איבער זיי געפּלאַצט ממש אַן אַטאָם־באָמבע!

יענער בריוו, וואָס קאָלעגע ווילי‌אַם האָט אים דעמאָלט אָפּגעדרוקט אויף אַ געהעריקן פּלאַץ אין „טאָג", האָט נאָך ווייניקער געשאָנעוועט קאַהאַנען, ווי די דאָזיקע קאַפּיטלען מיינע וועגן אים, וואָס איך האָב געשריבן ביז אַהער.

עס איז אַ פאַקט, אַז ער, קאַהאַן, האָט נאָך יענעם בריוו געהיסטערעוועט אויף אַ מיטינג פון „פאָרווערטס אַסאָסיעישאָן", אַז נאָך קיינער־קיינער אין זיין גאַנץ לעבן האָט אים ניט „געזידלט" אַזוי, ווי איך אין מיין יענעם אָפּעַ־נעם בריוו, וואָס ער איז געווען געדרוקט אינעם „טאָג".

און, באמת, אַרויסטרעטן אַזוי קעגן דעם אַלמעכטיקן קאַהאַן — און נאָך ווער? אַ שרייבער פונעם „פאָרווערטס" און אַ מיטגליד פון דער „פאָר־ווערטס אַסאָסיעישאָן"! און וואו נאָך? אין אַן אַנדער צייטונג — עפּעס אַזוינס האָבן ניט די שרייבער פונעם „פאָרווערטס" און ניט די מיטגלידער פון דער „פאָרווערטס אַסאָסיעישאָן", און אַליין קאַהאַן אַוודאי און אַוודאי זיך ניט געקאָנט גאָר פאָרשטעלן!

און ניט ווייניקער וואונדער איז געווען, וואָס נאָך אָט־דעם בריוו האָט מען מיך געלאָזט צו פאַרבלייבן ווייטער אין „פאָרווערטס" און מען האָט ניט אויסגעשלאָסן מיך פון דער „פאָרווערטס אַסאָסיעישאָן". צי דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל מען האָט זיך ניט געוואָלט איינרייסן מיט מיינע לייענער, צי גאָר אפשר, ווייל עס זיינען געווען אין דער „פאָרווערטס אַסאָסיעישאָן" געוויסע מיטגלידער, וואָס שטילינקערהייט זיינען זיי צופרידן געווען פון יע־נעם בריוו; אָדער גאָר — ווייל די הויפּט דעה־זאָגערס אינעם „פאָרווערטס", אַזעלכע ווי אַדאָלף העלד, למשל, וואָס ער איז אין יענער צייט גראָד גע־ווען דער געשעפטס-פאַרוואַלטער פונעם „פאָרווערטס" — האָבן געוואוסט וועגן דעם, וואָס איך האָב געטאָן פאַרן „פאָרווערטס", ווען די צייטונג איז געווען אין גאָר־גאָר אַ גרויסער נויט, און זיי האָבן דערפאַר ניט געוואָלט צולאָזן, אַז מען זאָל מיך אויסשליסן פונעם „פאָרווערטס". אַזוי צי אַזוי, דער פאַקט איז אָבער, אַז נאָך יענעם אָפענעם בריוו צו קאַהאַנען האָט גענומען אַ שטיק צייט ביז די מענטשן פונעם „טאָג" מיט מאָריס ווינבערגן בראש האָבן ביי מיר געפּועלט, אַז איך זאָל פאַרלאָזן דעם „פאָרווערטס" און ווערן אַ שרייבער פונעם „טאָג".

פאַר דעם לייענער, גלויב איך, וועט זיין אינטערעסאַנט צו וויסן, אַז פאַר די אַלע לאַנגע יאָרן פון אַב. קאַהאַנס הערשאַפט אינעם „פאָרווערטס", און מיטן כוח פון אָט־דער צייטונג אויף דער היגער יידישער גאַס, זיינען בלויז צוויי „פאָרווערטס"־שרייבער אַרויסגעטראָטן קעגן אים און קעגן זיינע

מעשים, אין דער צייט, ווען זיי האָבן באַלאַנגט צום „פאָרווערטס״ — אברהם ליעסין, אין דער „צוקונפט״, באַלד ווי ער איז געוואָרן רעדאַקטאָר פון אָט־דעם „פאָרווערטס״־זשורנאַל, און איך — אַ סך שאַרפער פון אים — אין יענעם „אָפּגעגעם בריוו״ אינעם „טאָג״...

* * *

און איצט — צוריק צום „אַבענד בלאַט״.

דעם רעדאַקטאָר פון דעם „אַבענד בלאַט״, פיליפּ קראַנצן, געפעלן מיינע סקיצן אַלץ מער און ער דרוקט זיי גערן.

אויך געפעלן זיי די יידישע דיכטער, וואָס איך טרעף זיי אין דער דע־מאָלטדיקער קיבעצאַרניע אויף קאַנאַל סטריט, צי ביי קראַנצן אַהינטער דעם שטאַכעט.

יעדערער פון יענע דיכטער, וואָס זיי זיינען ביי אונדז היינט אינגאַנצן אָדער כמעט אינגאַנצן פאַרגעסן, ווי באַבאַד, לעמפּערט, קייזער און אויך מ. שאַרקאַנסקי, לייענט פאַר מיר זיינע לידער, ווען־נאָר און וואו־נאָר איך טרעף זיך מיט איינעם פון זיי.

לעמפּערט אין יענער צייט האָט אַ סאָדע־וואַסער סטענדל ערגעץ אויף מאַרקעט, צי אויף פּאַיק סטריט, כאַפּט ער אַמאָל מיך אַרום זיין סטענדל און ער לייענט פאַר מיר זיינס אַ ניי ליד, און, חלילה וחס, אַז עמיצער זאָל דע־מאָלט צוקומען צו אים נאָך אַ גלאָז סאָדע־וואַסער!

מיין אַרטיקל וועגן מאָריס ראָזענפעלד אין דער „פילאַדעלפיער שטאַט־ציטונג״, וואָס יעדער איינציקער פון די דאָזיקע יידישע דיכטער האָט אים געלייענט, איז אין דעם שולדיק. מחמת זיי אַלע האַלטן פון ראָזענפעלדן. צו־להכעיס קאַהאַנען און די מערסטע דעמאָלטדיקע ראַדיקאַלן און רעוואָלו־ציאָנערן אויף דער יידישער גאַס, האַלטן זיי פון אים, ווי אַ דיכטער, מער איידער פון די אַנדערע יידישע פּאָעטן, וואָס זיי זיינען ביי אונדז דאָ־הי באַ־רימט געוועזן אין יענער צייט; האָט דערפאַר מיין יענער אַרטיקל זיי אַלע־מען צוגעטראָפן, און מחמת דעם האָבן זיי געהאַלטן מיך פאַר אַ מבין אויף פּאָעזיע.

אין מיין מבינות אויף פּאָעזיע ווערן זיי נאָך מער זיכער, ווען זיי הערן מיין מיינונג וועגן זייערע אייגענע לידער.

די מערסטע לידער זייערע געפעלן מיר. און אַזוי ווי איך קען זיך אַמאָל גאַנץ פיין באַגייסטערן פאַר עפּעס, וואָס מיר געפעלט, באַגייסטער איך זיך אַמאָל פאַר אַ ליד זייערס אויך און מיט מיין באַגייסטערונג בין איך ממש

מחיה דעם דיכטער, וואָס אין אַלע צייטן און אומעטום נויטיקט ער זיך אַזוי אין דערמונטערונג...

עס איז קלאָר, אַז הגם יעדערער פון זיי — באבאד, נ. לעמפערט און וו. קייזער, מיט דער אויסנאַם פון מ. שארקאנסקי — איז שטאַרק באַווירקט סיי טעמאַטיש און סיי אין פאָרם פון מאָריס ראָזענפעלד, פילט זיך דאָך ביי יעדן פון זיי אין די לידער אַן אייגענער ניגון, וואָס ער איז געזונגען מיט אַן אייגענער שטים...

איין שארקאנסקי בלויז — אגב, דער נאָענטסטער פריינט פון מאָריס ראָזענפעלדן — איז, ווי אַ דיכטער, ניט באַווירקט געווען פון ראָזענפעלדן. ער, שארקאנסקי, דער עכטער פאָלקסטימלעכער יידישער דיכטער, האָט פון אונדזער דיכטער שטאַרק ניט געקאָנט ווערן באַווירקט, מחמת ער איז געווען אַזוי פול מיט זיין אייגנס... (אגב, אין אונדזער יידישער ליטעראַטור, וואָס זי ליידט פון שטאַרקער איבערשאַצונג און נאָך שטאַרקערער ניט־דער־שאַצונג, איז שארקאנסקי, ווי אַ דיכטער, איינער פון די סאַמע ניט־דער־שאַצטע).

עס איז שווער צו זאָגן, וואָס פאַר אַ כאַראַקטער זייערע לידער וואָלטן אָנגענומען שפּעטער, ווען זייער דיכטערישע אַרבעט וואָלט אָנגעהאַלטן לענ־גער; זיינען אָבער באבאד און לעמפערט געשטאָרבן, ווען זיי זיינען נאָך גאָר יונג געווען, ווי עדעלשטאַט — פון שווינדזוכט; און שארקאנסקי האָט זיך גענומען שרייבן פּיעסן פאַר דעם יידישן טעאַטער, אַנשטאַט צו שאַפן זיינע עכט פאָלקסטימלעכע לידער, און ער איז, צום סוף, געשטאָרבן אין אַ משוגעים־הויז, ווי י. באָווישאָווער; און קייזער איז אַוועק אַרבעטן אין אַן אַפּטייק און אַנשטאָט אַ דיכטער, איז ער פאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן אַן אַפּטייקער.

מיט אַט־דעם וויליאַם קייזער האָב איך מיט עטלעכע יאָר צוריק געהאַט אַן אינטערעסאַנטע באַגעגעניש, ווען איך בין געווען אין מיאַמי ביטש.

איבער פערציק יאָר, אַז איך האָב אים ניט געזען און כמעט ווי פאַרגעסן אינגאַנצן וועגן אים.

קום איך איין מאָל צו מיר אין מיין האָטעל און איך דערוויס זיך, אַז אַן אַלטער דזשענטלמאַן מיטן נאָמען וויליאַם קייזער האָט געפרעגט אויף מיר און ער וועט ווידער קומען אַרום דריי בייטאָג.

וואונדער איך זיך, ווער דאָס קאָן זיין, און אַוודאי פאַלט מיר ניט איין, אַז דאָס איז דער קייזער, דער אַמאָליקער בלאָנדער יידישער דיכטער, וואָס איך האָב אים ניט געזען איבער פערציק יאָר.

שפּעטער לאָזט מען מיר וויסן, אַז דער „אַלטער דזשענטלמאַן" איז גע־קומען און ער וואַרט אויף מיר אין דער פּאַיע פונעם האָטעל.

איך דערזע פאַר זיך אין אַ ווײַלע אַרום אַ פײַן־אויסגעפּוצטן דזשענטל־מאַן מיט אַ שניי־ווייסן קאָפּ און מיט אַן אָנגעברענטן, רויטן פּנים.

ער גייט מיר אַנטקעגן אַ שמייכלענדיקער און מיט בײַדע הענט אויס־געשטרעקט צו מיר.

— וואָס מאַכט איר, קאָברין? איר דערקענט מיך ניט; איך אָבער קען איך פון אײַערע בילדער. מײַן נאָמען איז וויליאַם קייזער...

— וויליאַם קייזער?... עס איז מיר אפילו ניט אײַנגעפאַלן, אַז דאָס איז דער אַמאָליקער בלאָנדער וויליאַם קייזער, וואָס ער האָט פאַר מיר זײַנע לידער געלייענט, ווי די אַנדערע זײַנע יונגע קאָלעגן פון יענער צײַט!

ווי איך האָב זיך דערנאָך דערפרייט מיט אָט־דעם גרוס פון יענער צײַט, וואָס זי איז מיר אַזוי טײַער, און אויך ווי אומעטיק מיר איז געוואָרן, אַז איך האָב אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם, וואָס עס איז געוואָרן פון קייזערס שיינע בלאָנדע האָר...

ערשט בײַ יענער באַגעגעניש האָב איך זיך דערוואוסט פון אים, פאַר־וואָס ער האָט דעמאָלט אויפגעהערט צו שרײַבן לידער. ער האָט ניט גע־וואָלט מער הונגערן, און קראַנץ האָט אים דעמאָלט רעקאָמענדירט צו אַן אַפּטייקער, וואָס האָט מסכּים געווען צו לערנען אים די פּראָפעסיע, איז ער געוואָרן אויף אַזאַ אופן אַן אַפּטייקער און ער איז פּטור געוואָרן פון הונגער און פון אַנדערע צרות.

אַזוי האָט מיר קייזער דערציילט דעמאָלט אין מיאַמי ביטש, און עס איז קאָנטיק געווען, אַז קיין חרטה אויף דעם, פאַרוואָס ער האָט פאַרביטן זײַן דיכ־טערישע מוזע אויף אַן אַפּטייק, האָט ער ניט געהאַט.

דאָס, אגב, איז אַ קלאָרער באַווײַז, אַז צו די אמתע, צו די געבוירענע פּיאָנערן פון דער יידישער ליטעראַטור, ווי אַ מאָריס ראָזענפעלד, למשל, האָט ער, קייזער, ניט באַלאַנגט. מחמת די אמתע פּיאָנערן אונדזערע האָבן געהונגערט ניט ווייניקער איידער ער, און מען וואָלט בײַ זיי קיינמאָל ניט געקענט פועלן, אַז זיי זאָלן אַזוי האַנדלען ווי ער האָט געהאַנדלט.

* * *

אין יענער צײַט אָבער, אין דעם בראשית פון אונדזער מאָדערנער יידי־שער ליטעראַטור דאָ אין אַמעריקע, איז דאָס העכסטע גליק בײַ אים גע־ווען, ווי בײַ די אַנדערע דרײַ קאָלעגן זײַנע — באָבאַד, לעמפּערט און שאַר־קאַנסקי — ווען ער האָט געהערט אַ גוטע מיינונג וועגן זײַנס אַ ליד.

ניט געהאַלטן פון זיי האָט אַב. קאַהאַן, דער עיקר, צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, מחמת זיי האָבן געהאַלטן פון קראַנצן, און צווייטנס, ווייל מיינע סקיצן, וואָס זיינען געדרוקט געווען ביי קראַנצן אינעם „אַבענד בלאַט", זיי־נען געפעלן געווען זיי, און זיי האָבן אָפט דיסקוטירט מיט אים, קאַהאַנען, וועגן זיי.

איך האָב זיך געקענט זען מיט זיי אין יענער צייט נאָר שבת נאָכמיטאָג, מחמת די גאַנצע צייט, פון מאָנטאָג ביז שבת נאָכמיטאָג, האָב איך געאַרבעט דעמאָלט אין אַ זייד־פאַבריק, אין יוניאָן היל, ווי אַ וועבער, און מיין לערער אין יענער פאַבריק איז געווען, ווי איך האָב וועגן דעם דערמאָנט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, דער שפּעטערדיקער באַוואוסטער שאַכמאַט־שפּילער, טשאַרלס יאפע.

פינפטער קאַפּיטל

ביים וועב־שטול

א.

איך טראַכט וועגן יענער צייט, בעת איך שרייב אָט־די שורות, און איך פרעג זיך אַליין: וואו האָב איך דעמאָלט גענומען די כוחות אויף דעם אַלצ־דינג אַריבערצוטראָגן?

דער תירוץ איז: דעמאָלט האָב איך דערפון ניט געטראַכט. איך בין געטראָגן געווען פון אַ כוח, וואָס האָט ניט דערלאָזט, איך זאָל זיך לאַנג גריבלען אין שאלות פון אָט־דעם מין.

איז דאָס געווען דער גרויסער פיאָנערן־כוח? איז דאָס געווען, בכלל, דער כוח פון דעם שרייבער, וואָס האָט אין זיין שריפטשטעלערישער אַרבעט געפונען די גבורה צו פאַרגעסן וועגן אַלע זיינע צרות?

אַ שרעקלעך־ביטערע צייט האָב איך מיט מיין ווייב דורכגעלעבט דעמאָלט, ווען איך בין געווען אַ וועבער אין דער זיידן־פאַבריק אין יוניאָן היל.

ביטערע צייטן האָב איך געהאַט אויך פריער סיי אין פילאַדעלפיע און סיי אין ניו־יאָרק; דאָרט האָב איך אַליין געהונגערט, אַליין זיך געפּלאָגט, אַן ווייב און קינד; אָבער אין יענער צייט, ווען איך האָב געאַרבעט אין דער זיידן־פאַבריק, בין איך געווען אַ פאַמיליע־מאַן און געמוזט טראַכטן וועגן מיין ווייב און קינד, וואָס זיינען מיר געווען טייער.

און שולדיק אין דעם איז געווען, דער עיקר, די אַלטע צרה מיינע: מיין קאָפּ איז ניט געווען ביי דער אַרבעט. באַלד ווי איך האָב זיך געזעצט אָדער געשטעלט אַרבעטן, בין איך מיט מיין מוח און מיט מיינע געדאַנקען געווען ערגעץ ווייס־איך־וואו, גאָר אין אַנדערע וועלטן, העט־וויט פון מיין אַרבעט!

סוזשעטן נאָך סוזשעטן זיינען דאָרט געבוירן געוואָרן און בילדער איינס נאָכן אַנדערן...

אַזוי איז געווען בעת איך האָב געפּרוּאווט אַרבעטן ביי דער ניי־מאַשין אין דער פעימאָס פאַבריק, אַזוי בעת איך האָב געאַרבעט אינעם בעקערשאָפּ און אַזוי אויך ווען איך האָב אין די ציגאַרן־פאַבריקן געאַרבעט.

מחמת דעם האָט מען מיך געהאַלטן, בפרט אין די ציגאַרן־פאַבריקן, וואו איך האָב שוין פאַרדינט מער ווי ביי די אַנדערע אַרבעטן מיינע, פאַר אַ „סלאָו הענד", פּשוט פאַר אַ פאַרשלאָפענע האַנט, און לענגער ווי אַ פּאָר וואָכן האָט מען דערפאַר ניט געלאָזט מיך אין אַזאַ פאַבריק אַרבעטן...

און אַזוי בין איך צום סוף געצוואונגען געווען צו פּרואוון זוכן מזל ביים וועבן.

פאַרוואָס ביים וועבן? איז אַזאַ מעשה:

אין יענער צייט — און אפשר היינט אויך — איז אין וועסט האָבאָקען, יוניאָן היל, אויף ספּרינג סטריט, געווען אַ גרויסע זיידן־פאַבריק, וואָס האָט באַלאַנגט צו אַ שווייצאַרישער פירמע.

אָט אין יענער פאַבריק האָבן געאַרבעט אַ סך יידישע וועבער, לאַנדס־לייט פון ביאַליסטאָק און פון לאָדזש און לייענער פונעם „אַבענד בלאַט" און פון דער „אַרבייטער צייטונג". זיינען אַנדערע צווישן זיי שוין ממילא געווען אויך לייענער פון מיינע זאַכן, וועלכע האָבן זיך געדרוקט אין די דאָזיקע צייטונגען.

זיינען געווען צווישן זיי אַזעלכע ביאַליסטאָקער לאַנדסלייט פון מיין ווייב, וואָס זיי זיינען געקומען אַמאָל צו אונדז צוגאַסט אויך און זיי האָבן זיך אינ־טערעסירט בכלל מיט אַלצדינג, וואָס איז אונדז נוגע געווען.

וואוילע, האַרציקע מענטשן זיינען זיי אַלע געווען, אָט־די יידישע וועבער, מיין ווייבס ביאַליסטאָקער לאַנדסלייט, און סיי ביי איר און סיי ביי מיר איז יעדער איינציקער פון זיי געווען אַן אַנגעלייגטער גאַסט, ווען ער איז צו אונדז אַהיים געקומען.

בפרט נאָך ווען יעדער איינציקער פון זיי איז געווען אַן „אויפגעקלערטער" אַרבעטער, אַ סאָציאַליסט.

און גאָר־גאָר באַפריינדעט מיט אונדז איז געווען איינער פון אָט־די יידישע וועבער — לייבל סוראַסקי מיטן נאָמען.

זייער אַ וואַרעמער און האַרציקער ייד געווען, דאַכט זיך, איינער, וואָס ער האָט געלערנט יינגלווייז ערגעץ אין אַ ישיבה און וועלכער איז געווען אַ גרויסער חסיד פון פרץ סמאָלענסקין און יהודה לייב גאָרדאָן. (מיט עט־לעכע יאָר צוריק, אגב, האָב איך געהערט, אַז ער וואוינט ערגעץ מיט זיי־נער אַ טאָכטער, וואָס זי איז אַ מיליאָנערשע. אויב ער לעבט נאָך, קאָן דאָך זיין אויך, אַז ער לייענט אָט־די שורות מיינע, גריס איך אים האַרציק פון יענער צייט, ווען ער איז געווען אַ וועבער און אַ וואַרעמער סאָציאַליסט).

אָט פאַר דעם לייבל סוראַסקי רייד איך זיך אויס אַמאָל דאָס האַרץ נאָך אַ נייעם „סעק" פון אַ ציגאַרן־פאַבריק, ווען מיר ווערט קלאָר, אַז קיין „לײ־טישער" ציגאַרן־מאַכער וועל איך שוין קיינמאָל ניט זיין...

— וואָס טוט מען? — בין איך זיך מיישב מיט לייב סוראַסקי, הייסט עס, איין מאָל זונטאָג, ווען ער קומט צוגאַסט צו אונדז אַהיים.

געווען איז עס אויף מאָרגן, נאָכדעם ווי איך האָב יענעם „סעק" גע־

קראָגן. מיר האָבן געוואוינט אונטן אין האָבאָקען און ער — אין יוניאָן היל, אויפן באַרג, און ער איז צו אונדז געקומען מיט דער קאַר.

בין איך זיך מיט אים מיישב: וואָס טוט מען? איך מוז זיך זוכן עפּעס אַן אַנדער אַרבעט...

און איך דערקלער אים, אַז שולדיק אין דעם איז, וואָס אינמיטן דער אַרבעט פאַרטראַכט איך זיך און פאַרגעס אינגאַנצן, אַז איך אַרבעט...

רופט ער זיך אָן, לייב סוראַסקי, אַז ווען איך וואָלט געווען אַ וועבער, ווי ער, וואָלט אָט־די אַרבעט מיך ניט געלאָזט זיך צו פאַרטראַכטן. ביי אַזאַ שטילער אַרבעט, ווי ביי ציגאַרן, קאָן מען זיך פאַרטראַכטן, אָבער ניט ביים וועב־שטול. דער וועב־שטול איז ווי אַ לעבעדיקער נפש: ער באַוועגט זיך און ליאַרעמט און פאַרטראַכטן זיך — דאָס קאָן מען ניט, ווען מען אַרבעט אויף אים, מחמת מען מוז גוט אַכטונג געבן, ווי עס וועבט זיך דאָרט, ווי דער „לום" אַרבעט און ווי דער „שאָטל" לויפט, און צי אַ פאָדעם האָט זיך דאָרט ניט איבערגעריסן אין דעם געוועב־שטיק, צי גאָר אפשר אַ סך פעדעם, ס'הייסט, צי איז ניט דאָרט, חלילה, וואָס מען רופט אַ „סמעזש", וואָס דאָס וואָלט איבערגעלאָזט לעכער אויף דעם שטיק זייד...

— אָט מחמת דעם, — דערקלערט מיר ווייטער לייבל סוראַסקי, — מוז מען כסדר האַלטן די אויגן אויפן וועב־שטול, און דאָס וואָלט מיך שוין ניט געלאָזן איך זאָל טראַכטן וועגן אַנדערע זאַכן...

ב.

דער סוף איז געווען: אין עטלעכע טעג קומט צו אונדז לייבל סוראַסקי און לאָזט אונדז וויסן, אַז ער מיט נאָך אַ פּאָר וועבער, פון די ביאַליסטאָקער, זיינען געגאַנגען צום הויפּט־באַלעבאָס פון דער זיידן־פאַבריק און געפועלט ביי אים, ער זאָל מיך אַרייננעמען אַרבעטן. לערער, וואָס זאָלן מיר ווייזן, ווי צו אַרבעטן, זיינען שוין אויך באַשטעלט: ער אַליין טאַקע, לייבל סוראַסקי, הייסט עס, און איינער אַ בחורל, טשאַרלי (טשאַרלס יאַפּע, דער שפּעטערדיקער באַוואוסטער שאַך־שפּילער).

אָט אַזוי בין איך געוואָרן דעמאָלט אַ וועבער.

און נייע צרות האָבן זיך אָנגעהויבן. געוואוינט האָבן מיר אין אַ חורבה ערגעץ נישט ווייט פון דער האָבאָקען פעררי, אַרום דער ערשטער גאַס, און די זיידן־פאַבריק, וואו לייבל סוראַסקי האָט געאַרבעט, האָט זיך געפונען אין וועסט האָבאָקען אויפן באַרג. פון מיין היים ביז דער פאַבריק איז געווען אַ מהלך פון אַ פינף־און־צוואַנציק גאַסן. אַחוץ דעם האָט מען נאָך געמוזט

קלעטערן אַן ערך אַ הונדערט טרעפּ ביז צו דעם שפּיץ באַרג, וואו עס גע־פינט זיך וועסט האָבאָקען.

פון דער געגנט, וואו מיר האָבן געוואוינט איז געלאָפן אַהין אַ קאַר. איך בין יעדן טאָג געגאַנגען צופוס אַהין און צוריק. פאָרן אויף דער קאַר אַהין און צוריק האָט, מחמת דעם הויכן באַרג, געקאָסט איבער צען סענט, און אויסבערענגען אַזוי פיל געלט האָב איך זיך נישט געקאָנט פאַרגינען אין יע־נער צייט.

צוויי ברויטלעך, צי גאָר מילך פאַר אונדזער קינד, האָט מען דאָך גע־קאָנט קויפן פאַר אַזוי פיל געלט!

פאַליאַ, אמת, האָט געאַרבעט ביי קינדער־מאַנטלען אין ניו־יאָרק, נאָר אַז איך האָב אויך עפּעס פאַרדינט, איז — נו, האָט מען נאָך ווי־עס־איז אַרויס־געקוועטשט די הוצאות אונדזערע, מ׳שטיינס־געזאָגט. אָבער מיט איר פאַר־דינסט אַליין האָט אָפּט אונדז ניט געקלעקט אויף די סאַמע נויטיקסטע זאַכן.

ערשטנס, איז אַ העלפט פון איר פאַרדינסט אַוועק אויף צאָלן דער איר־לענדישער פרוי, וועלכע האָט אין דער היים ביי זיך אַכטונג געגעבן אויף אונדזער קינד, וואָס פאַליאַ האָט צו איר געבראַכט, בעת זי איז אינדערפרי געגאַנגען צו דער אַרבעט, און עס דערנאָך צוריק אַוועקגענומען ביי איר אויף דער נאַכט, ווען זי איז געגאַנגען פון דער אַרבעט; צווייטנס, האָט מען דאָך געדאַרפט צאָלן פאַר דער חורבה, וואו מיר האָבן געוואוינט, אויך זיבן דאָלאַר יעדן חודש דירה־געלט; היינט שיך, אַ שטיקל ברויט, קעראָסין פאַר אונדזער לאָמפּ און פאַר דער קאָך־מאַשינקע (קיין גאַז איז ביי אונדז ניט געווען), און די פערי, וואָס האָט געפירט פאַליען צו דער אַרבעט קיין ניו־יאָרק און זי צוריקגעבראַכט פון דאָרט, האָט אויך געקאָסט עטלעכע סענט יעדן טאָג, און דער מיטאָג אירער, ווען אפילו ניט פון „מאַרצעפּאַ־נעס״, וואָס זי האָט אין דער פאַבריק געגעסן, איז איר אויך ניט פונעם הימל אַרונטערגעפאַלן; היינט דאָס פלעשל מילך פאַר אונדזער קינד, וואָס מיר האָבן געמוזט האָבן, — איז דערפאַר, ווי איר קענט זען, גאָר ניט געווען קיין וואונדער, ווען איך האָב איינגעשפּאָרט דאָס פאַרעכץ־געלט, וואָס די קאַר האָט מיך געדאַרפט יעדן טאָג קאָסטן...

אגב, האָב איך דאָ געבראַכט דעם חשבון פון אַ „נאָרמאַלער״ וואָך אַר־בעט אירער, דאָס הייסט, ווען זי, פאַליא, האָט געאַרבעט מעשה „לייטישע״ אַרבעטערין און צום סוף וואָך האָט זי געקראָגן איר קאַנווערטל מיטן „פּעי״. עס זיינען דאָך אָבער געווען אויך וואָכן, ווען זי איז נישט געווען אַזוי „ליי־טיש״ אין איר פאַבריק, דאָס הייסט, ווען דער פריערדיקער רעוואָלוציאָ־נערער גייסט האָט זיך אויפגעכאַפּט ביי איר און זי האָט גענומען אַגיטירן

צווישן די אַנדערע „הענט“ אין דער פאַבריק וועגן אַ סטרייק פאַר „העכערע ווערדזשעס“ און פאַר אַ יוניאָן, — האָבן מיר דעמאָלט גאָר פיין אונטערגעהונגערט, און דאַן האָבן מיר אָפּט געציטערט, אַז פאַר אונדזער קינד זאָל, חלילה וחס, נישט אויספעלן דאָס פלעשל מילך...

דער גאַנג מיינער פון אונדזער היים ביז צו יענע טרעפּ, וואָס מיר איז אויסגעקומען אויף זיי צו קלעטערן, און נאָכדעם פון דאָרט ביז דער זיידן־פאַבריק אין וועסט האָבאָקען, האָט געדויערט גוטע אַנדערהאַלבן שעה, בין איך יעדן אינדערפרי אויפגעשטאַנען אַזייגער פינף (פונקט זיבן האָט יענע פאַבריק גענומען אַרבעטן), און שטענדיק כמעט בין איך געווען צווישן די סאַמע ערשטע, וואָס האָבן געוואַרט אַרום דער פאַבריק, ביז מען האָט געקאָנט אַריינגיין אינעווייניק...

ג.

און, געוויינלעך, בין איך דאַן אַ ביסעלע מיד פון דעם קלעטערן איבער אַזוי פיל טרעפּ. גראָד זיינען יענע פרימאָרגנס — אינמיטן זומער איז דאָס געווען — הייסע, שטיקנדיקע...

און אָט בין איך דאָרט אינעווייניק. איבער דעם גרויסן פלאַץ ציען זיך אין אַלע זייטן ראַנדן מיט „לומס“, מיט וועב־שטולן, הייסט עס. איבער די עלעקטרישע לעמפלעך מיט היטעלעך פון גרינעם בלעך.

מענטשן־שטראָמען טראָגן זיך, איילן זיך אין פּאַראַויס, פאַרקירעוועון אויף רעכטס, אויף לינקס, טוען אויס רעקלעך אין איילעניש, פאַרקאַשערן אַרבל פון זייערע העמדער, בינדן אַרום זיך שירצלעך קורצע, שטעלן זיך אַרום די „לומס“, בויגן זיך איבער דעם און קוקן עפּעס דאָרט אַרום, און זוכן עפּעס דאָרט...

און איבער אַלעמענס קעפּ הודיעט דער הודאָק פון דער פאַבריק, וועלכע וועט באַלד אָנהויבן צו פילדערן מיט אירע הונדערטער וועב־מאַשינען.

„איך גיי־צו צו מיין „לום“. אַ גרויער צודעק ליגט איבער דעם, ווי איבער די אַלע אַנדערע וועב־מאַשינען, וואָס די אַרבעטער נעמען איצט אַרונטער פון זיי, בעת זיי שטעלן זיך אַרבעטן. איך נעם אויך אַרונטער דעם צודעק פון מיין „לום“.

דער „שאַטעל“ — זאָל איך עס רופן „וועב־שפינדל“? — וואָס זעט אויס ווי אַ קינדערש שפּילצייג־שיפעלע — ליגט זיך דאָרט צוקאָפּנס פון דעם שטיק זיידן־שטאָף, וואָס איז אויסגעשפּרייט און שטייף אָנגעצויגן איבער מיין „לום“.

אַט אַזוי האָב איך עס נעכטן איבערגעלאָזט, איידער איך האָב עס פאַר־דעקט מיטן גרויען צודעק.

איך זוך אויף מיט די אויגן דעם שטיק זיידן־שטאָף, צי איז אַלצדינג דאָרט ווי עס באַדאַרף צו זיין? צי זעט זיך ניט אויף דעם אַן „אָפּגעַ־ריסענער" פאָדעם, וואָס דאָס געפינט מען כסדר אויף מיין אַרבעט זינט איך וועב?

ניין, דאַכט זיך, אַז ניט.

קומט דאָ אונטער מיט זיין אַביסעלע איינגעהויקערטן גאַנג לייבל סור־ראַסקי, און, ווי געוויינלעך, איז זיין פּנים דורכאויס גוטמוטיקער שמייכל. ער שטעלט זיך נעבן מיין „לום", קאַשערט די אַרבל פון זיין העמד אַרויף די עלנבויגנס זיינע, און גראַד דערזעט באַלד שיער ניט אַ גאַנצן חורבן אין דער אַרבעט, דאָרט וואָס איך האָב איבערגעלאָזט פון נעכטן און וועלכן איך אַליין זע ניט...

— זעט נאָר... איר זעט גאָר ניט? דאָ אַ פאָדעם און דאָרט גאַנצע דריי, — ווייזט ער מיר מיט אַ פינגער פאַרוואונדערט אויף מיין וועבערשער אַר־בעט, וואָס זי ליגט אויסגעשפּרייט אויפן „לום". „טשאַרלי", טוט ער אַ רוף דעם וועבער, וואָס זיינע צוויי „לומס" שטייען נעבן מיינעם און וואָס ער אויך דאַרף מיר ווייזן, ווי צו אַרבעטן.

טשאַרלי (טשאַרלי יאַפּע איז דאָס געווען) — אַ בחורל, וואָס ער זעט אויס ווי אַ יונגער ציגיינער — איך אַליין האָב אים אין די געדאַנקען גע־רופן „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק" — גייט־צו צו אונדז מיט אַ שמייכל, וואָס טונקט זיך ממש אין אַ מין טונקעלן, כּישופדיקן חן, און ער פרעגט:

— וואָס הייסט, דו גיסט ניט אַכטונג, ווי ער אַרבעט? — מאַכט צו אים לייבל סוראַסקי, — זע, וואָס דאָרט טוט זיך. ווען דער פאָרמאַן זאָל דאָס דערזען!

— אַ קלאָג, אַ בראָך! — טוט זיך אַ כאַפּ טשאַרלי, — נו, אַריינגעצויגן זאָלן ווערן גלייך די פעדים...

און ער פאַרענטפערט זיך, אַז ער האָט נעכטן קיין צייט ניט געהאַט אַ קוק צו טאָן וואָס דאָרט טוט זיך ביי מיר, ווייל אויף זיינעם אַ „לום" האָט ער געהאַט אַ גאַנצן „סמעזש"...

די וועב־שטולן האָבן זיך נאָך ניט גענומען רירן אין דער פאַבריק. זיי שוויגן נאָך. דער הודאַק ברומט נאָר...

דיביידע „לערער" מיינע פאַרקען זיך דאָרט אַרום מיין „לום", ציען אַריין די פעדים. ערשט איצט זע איך, וואָס עס פעלט דאָרט.

איך וויל אַליין פאַרריכטן, פּרואוו מיט די פינגער דאָרט פאַרקניפּן איין פאָדים און צערייס דריי־פיר... איך בין אויסער זיך, פאַרצווייפלט...

צום סוף האָבן מיינעביידע „לערער" געבראַכט דאָרט אַלצדינג אין אָרדענונג. מיין וועב־שטול איז אָנגעגורט צו דער אַרבעט, ווי די הונדערטער אַנדערע אין דער פאַבריק.

און אין אַ ווײַלע אַרום — עס יאָגן זיך די „שאַרטס" איבער די „לומס"; די וועב־מאַשינען קלאַפּן, פּילדערן. עס פּילדערן די ווענט, די פענצטער, דער דיל אונטער די פיס און דער הויכער, הויכער סופיט פון דער פאַבריק. מיין וועב־שטול גוואַלדעוועט מיט. דעם הודאָק הערט מען שוין ניט מער.

נישט ווייט פון מיר שטייט טשאַרלי („דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק") און גיט אַכטונג אויף זיינע צוויי „לומס" און פון צייט־צו־צייט גייט ער אויך צו צו מיין „לום", צו זען, וואָס הערט זיך דאָרט ביי דעם „קאַליוק", ווי ער האָט שוין מיך אַ פּאָר מאָל געררופן...

פּאַסירט אָפט, אַז ווען ער גייט צו צו מיין „לום", בין איך דאָרט נישטאָ. דאָס הייסט, איך מיט מיין לאַנגן גוף און מיט מיינע לאַנגע הענט און פיס און מיט די לאַנגע, געקרויזטע האָר מיינע בין דווקא יאָ דאָרט נעבן „לום", אָבער מיט מיין אינווייניקסטן „איך", מיט מיינע געדאַנקען, הייסט עס, בין איך ערגעץ העט איבער אַלע וואָלקנס...

זעט טשאַרלי און מאַכט אַמאָל צו מיר מיט זיין שמייכל, וואָס איז כולו חן:

— איר וועט שוין קיינמאָל ניט ווערן אויס קאַליוק אין דער וועבעריי. איך רעכן, אַז אַ „שאַכקע" צו שפּילן וואָלט איר זיך גיכער אויסגעלערנט. איכ'ל אייך טאַקע אַמאָל ווייזן, ווי מען שפּילט אַ „שאַכקע"...

(אגב, איז אים אַליין — ווי ער האָט מיר אַמאָל דערציילט אין יאָרן שפּעטער — צום סוף שווער געווען צו פאַרבלייבן אַ וועבער, מחמת ביי דער אַרבעט אין דער פאַבריק האָט ער געטראַכט כסדר וועגן זיינע שאַך־„פיגורן".)

ד.

איך בין פאַרצווייפלט. אַזוי פיל מלאכות אויסגעפּרואווט, אַזוי פיל פאַכן, און געווען אַ „קאַליוק" און געבליבן אַ „קאַליוק". וואָס וועט ווערן דערפון? און איך ווייס, אַז שולדיק איז אין דעם נאָר דאָס, וואָס מיר ווילט זיך שרייבן!

און איך זאָג ווידער און ווידער, אַז מער ניט: איך וועל זיך אפילו נישט צורירן צו דער פּען! און שפּעטער — אַמאָל שוין אין דער אייגענער נאַכט, אין אַ פּאָר שעה שפּעטער, ווי איך האָב זיך געזאָגט, אַז מער ניט —

אַהאַ, עס ציט שוין ווידער צו דער פעדער און צום פּאַפּיר, ווי אַ נישט־גוטער וואָלט מיך געשלעפּט!...

— אַט נאָר דאָס אָנגעשריבן, און מער ניט! — טו איך זיך שיער ניט אַ נדר...

און דער סוף — ווען איך גיי אויף מאָרגן צו דער אַרבעט, איז דער קאָפּ מיינער פול מיט בילדער פון דער דערציילונג, וואָס איך שרייב; און מיטאָג־צייט, ווען אַלע אַרבעטער גייען אין זייערע היימען, וואָס זיינען דער־ביי אַרום פאַבריק, און איך — אין דעם פּאַרקל, וועלכער איז דערביי, וואו איך עס פאַרבאַהאַלטענערהייט מיין שטיקל ברויט מיט וואורשט, וואָס איך ברענג אין אַ קעשענע פון דער היים (סוראַסקי און די אַנדערע באַקאַנטע אַר־בעטער פון דאָרט מיינען, אַז איך עס מיינע מיטאָגן אין אַ דאָרטיקן רעסטאָ־ראַן, מחמת אַזוי האָב איך זיי דערציילט, ווייל מיר איז ניט אָנגעשטאַנען, אַז עמיצער פון זיי זאָל מיך רופן אַהיים צו זיך עסן די מיטאָגן) — קורץ, אפילו ווען איך באַהאַלט זיך דאָרט אין יענעם פּאַרקל און קיי מיין מיטאָג, טראַכט איך אויך וועגן די בילדער פון מיין דערציילונג...

— שלעכט, — קלאָג איך זיך פאַר פּאַליען, — איך קאָן ניט דורכקומען מיט די פעדים ביי דער אַרבעט. זיי רייסן זיך און רייסן זיך, און וויל איך דאָרט פאַרבינדן, פאַרקניפּן, אַריינציען מיט די פינגער, צערייס איך דאָרט נאָך מער. אַ גאַנצן חורבן מאַך איך!...

רופט זי זיך אָן אַמאָל צו מיר, אַז זי פאַרשטייט ניט, פאַרוואָס איך זאָל נישט קאָנען די תורה, וואָס לייבל סוראַסקי און די אַנדערע קאָנען. איך זאָל איר זאָגן, וואָס אַן ערך דאַרף איך טאָן?

דערצייל איך איר. איך מאָל־אויס פאַר איר דאָס גאַנצע בילד מיט ווערטער, ווי אַזוי דער „לום" אַרבעט, און ווי דאָס וועבט די זיידענע פעדים, און ווי דאָס שאָטל יאָגט זיך...

נעמט מיינע די צוויי שטולן, וואָס מיר פאַרמאָגן אין אונדזער באַלעבאָ־טישקייט, שטעלט זיי אַוועק מיט די ווענטלעך איינס קעגן אַנדערן, און באַ־ציט זיי מיט פעדים פון אַ גאַנצן שפּול.

— אַט דאָס איז דער „לום", און דאָס זיינען די פעדים, וואָס פון זיי ווערט אויסגעוועבט דאָס שטיק זיידנס... רייסט זיך אָפּ אַט דאָ־אָ אַ פאָדים, נעמט מען דאָס אַזוי אַריין. אַט אַזוי און אָט אַזוי, און אָט אַזוי, — דערקלערט זי מיר ווייטער.

איך וואונדער זיך: הער נאָר, דאָס איז דאָך טאַקע אַזוי פשוט, אַזוי קלאָר און אַזוי גרינג!

און איך פאַרזיכער איר, אַז איך וועל דאָס איצט קענען. דאָס איז דאָך אַזוי קלאָר, אַז אפילו אַ קינד וואָלט עס געקענט.

נאָר ווייס איך וואָס, אויף מאָרגן ביי דער אַרבעט — דער אייגענער קאַליוק!...

לאַנג בין איך קיין וועבער נישט פאַרבליבן — אַן ערך צוויי וואָכן, נישט מער. איין מאָל, ווען איך בין געשטאַנען נעבן מיין „לום" און האָב געטראַכט וועגן דער דערציילונג, וואָס איך האָב מיט אַ נאַכט צוריק אינדער־היים גענומען שרייבן, איז פאַרבייגעגאַנגען דער פאַרמאַן פון דער פאַבריק און ער האָט אַ קוק געטאָן פונדערווייטנס אויף מיין „לום".

ער האָט אַ קוק געטאָן און איז שטיין געבליבן. נאָכדעם איז ער האַסטיק צוגעגאַנגען צו מיין „לום" און האָט אים אָפגעשטעלט.

איך האָב ניט באַמערקט, אַז ביי מיר איז געוועזן דאָרט אַ „סמעזש", בעת דער „לום" האָט ווייטער געאַרבעט...

און דער סוף איז געוועזן — אַ „סעק", און אויס וועבער!

פיר דאָלאַר האָט מען מיר באַצאָלט פאַר מיין אַרבעט דאָרט, בעת מען האָט מיך „געסעקט".

אַז איך בין געקומען אַהיים, בין איך געוועזן מוראדיק פאַרצווייפלט.

אָבער פאַליאַ האָט זיך אָנגערופן:

— דערפון טראַכט איצט ניט. מיר געפעלט דיין דערציילונג, וואָס דו האָסט גענומען שרייבן. וועגן איר טראַכט און שרייב זי אָן...

* * *

דער סוזשעט פון יענער דערציילונג האָט אונדז באַזונדערס אינטערעסירט.

אין יענער צייט האָבן די איינוואוינער פון די שטיקענדיקע טענעמענט־הייזער געשלאָפן אויף די דעכער אין די הייסע, זומערדיקע נעכט.

גאַנצע געזינדן — מאַן און ווייב און קינד — אינאיינעם מיט זייערע „באָרדערס" און „באָרדערקעס", זיינען געטריבן געוועזן פון דער שטיקענ־דיקער ביינאַכטיקער היץ צו די דעכער פון די טענעמענט־הייזער מיט זייער בעטגעוואַנט.

דאָרט האָבן זיי זיך אויסגעבעטעט איינע נעבן די אַנדערע און האָבן גע־נעכטיקט די גאַנצע נאַכט.

און אויף אַזאַ אופן האָט די היינטיקע געזעלשאַפט דעם אינטימסטן לעבן ביי מענטשן צעשטערט און געמאַכט ליידן אַ סך פון זיי.

דאָס איז געוועזן דער סוזשעט — און דאָס מיינט אויך די אידייע פון יענער דערציילונג, וואָס איך האָב דעמאָלט געשריבן.

איך מאָל דאָרט אַ יידישן אַרבעטער, וואָס איז זייט זעקס חדשים פאַר־היראַט מיט אַ ווייבל. ער ליבט זי ליידנשאַפטלעך און ער איז זייער איי־פערזיכטיק צו איר. ליידט ער גרויסע יסורים דערפון, וואָס ער מוז זוכן יעדע נאַכט פרישע לופט אויפן דאַך פון דעם טענעמענט־הויז, וואו ער וואוינט.

דער געדאַנק, טאָמער, חלילה וחס, דעקט זיך אָפּ זיין ווייבל אין שלאָף און אַנדערע, פון די „באָמערס", וואָס נעכטיקן אויך דאָרט אויפן דאַך קענען נאָך „כאַפּן אַ קוק", לאָזט אים ניט רוען.

איבערהויפּט איז דאָרט פאַראַן איינער אַ דזשעק, וואָס ער האָט אים פיינט שנאת מות, מחמת ער האָט באַמערקט, אַז יענער „באָמער", דזשעק, הייסט עס, הערט גאָר ניט אויף צו קוקן אויף זיין ווייבל.

עס ווערט דאָרט צווישן אַנדערס דערציילט:

„עס איז שוין גרויסער טאָג געווען, ווען בערל [דער מאַן פון יענעם ווייבל] האָט געעפנט די אויגן. ער האָט אַ קוק געטאָן אַרום זיך און... דאָס ווייבל זיינס איז געלעגן ניט צוגעדעקט, דאָס ליילעך איז געלעגן אונטער איר. עס האָט אינסטינקטיוו אַ קוק געטאָן דזשעק, און יענער, ליגנדיק, האָט געהאַלטן דעם פּנים אַרונטערגערוקט פונעם קישן און מיט אָפענע אויגן אַראָפּגעקוקט אויף זיין חוהן...

„בערל האָט האַסטיק אַ ריס־געטאָן דאָס ליילעך פון אונטער זיין שלאָפנ־דיקער חוהן, האָט זי צוגעדעקט און מיט אומרואיקע אויגן גענומען קוקן אויף דזשעקן און וויטער אַרום...

„אַרום האָט מען נאָך געשלאָפן. עס האָט אויסגעזען ווי אַ פלאַץ, אויף וועלכן עס ליגן מתים, מתים אין ווייסע תכריכים; אַנדערע אויסגעצויגן אויפן רוקן מיט אָפענע מיילער, אַנדערע צונויפגעקאָרטשעטע, קלומקעס, ווייבער מיט נאַקעטע לייבער...

„בערל האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויף דזשעקן, יענער איז שוין גע־לעגן מיט צוגעמאַכטע אויגן.

„דער געדאַנק, אַז דער ,באָמער' האָט געזען דאָס לייב פון זיין ווייבל לאָזט בערלען נישט רוען; ער פילט זיך טיף באַליידיקט.

„און דער סוף איז — אינמיטן חודש ציט ער זיך אַרויס פון דאָרט אין אַן אַנדער טענעמענט הויז, וואָס אים מיט זיין יונג ווייבל וועט ווידער אויס־קומען צו נעכטיקן אויפן דאַך פון דעם אַנדערן טענעמענט־הויז די הייסע זומער־נעכט אינאיינעם מיט די אַנדערע מאַנסביל און ווייבער און קינדער און זייערע ,באָרדער' און ,באָרדערקעס', וואָס וואוינען דאָרט אין יענעם טע־נעמענט־הויז, צווישן וועלכע עס זיינען זיכער געווען גענוג אַנדערע אַזעלכע ,באָמערס', ווי דזשעק..."

בעת איך האָב געשריבן אָט־די דערציילונג, האָב איך אינגאַנצן פאַר־געסן אָן אַלע צרות, און פול מיט פרייד בין איך אַליין געווען און אויך פאָליא, אַז איך האָב די דאָזיקע דערציילונג דערנאָך געלייענט פאַר איר.

איך האָב איר אַ נאָמען געגעבן „פאַרוואָס בערל האָט געמופט", און זי געבראַכט צו פיליפ קראַנצן.

אין עטלעכע טעג שפעטער איז זי אָפגעדרוקט געווען אינעם „אַבענד בלאַט". איך געדענק פון יענער צייט אַזאַ סצענע:

איך בין אויף יענער זייט פונעם שטאַכעט, וואו די רעדאַקציע פונעם

יעקב מילך

„אַבענד בלאַט" געפינט זיך. אַחוץ קראַנצן, זיינען דאָרט יעקב מילך און נאָך אַ פאָר געניאָסן פון קראַנצעס יידן. און מען טומלט דאָרט. מען דיס־קוטירט דאָרט וועגן דער „אַרבייטער צייטונג" פובלישינג אַסאָסיעישאָן און וועגן פאַרטיי־פראַגן.

און, ווי געווינלעך, קאָכט זיך יעקב מילך מער איידער די אַנדערע. און, ווי געווינלעך, זיינען די מיינונגען, וואָס זיי ווערן אַרויסגעבראַכט אין די

דיסקוסיעס ביי קראַנצן הינטערן שטאַכעט, אינגאַנצן דער היפוך פון מיי־נונגען, וואָס וואָלטן אַרויסגעבראַכט געוואָרן ביי קאַהאַנען הינטערן שטאַ־כעט, וואו די רעדאַקציע פון דער „אַרבייטער צייטונג״ געפינט זיך, הייסט עס.

און, אויך ווי געוויינלעך, בשעת אַלע אַרום דאָרט שרייען און קאָכן זיך, איז ער, קראַנץ אַליין, רואיק. ער רעדט גאָרניט, נאָר זיצט ביי זיין שרייב־טיש מיט אַ דינעם סיגאַרל אינעם מויל, הערט זיך צו און שמייכלט אין זיין שוואַרץ בולאַנזשע־בערדל.

מיטאַמאָל קומט אָן אַב. קאַהאַן מיט אַ גאַנצער כאָפּטע פאַרשוינען, צווישן וועלכע איך זע אויך מיינע פריינט, די דיכטער באַבאַד, לעמפערט, קייזער, שאַרקאַנסקי און אויך פּרענאָוויצן, וואָס איך בין באַפריינדט געווען מיט אים נאָך פון פילאַדעלפיע.

און זיי אַלע שרייען, דיסקוטירן וועגן עפּעס, און העכער פון די אַנדערע שטימען הערט זיך דער קאַרטאַווער, פּאַליוועגער קול פון קאַהאַנען.

ווערט שטיל אַהינטער קראַנצעס שטאַכעט און מען הערט זיך צו וועגן וואָס טומלט מען דאָרט אַהינטער דעם אַנדערן שטאַכעט, וואו קאַהאַן, הייסט עס, מיט דער גאַנצער כאָפּטע שטייען איצט.

הערט זיך זיין קול:

— אין אַ סאָציאַליסטישער צייטונג צו דרוקן אַזאַ זאַך איז דער גרעסטער סקאַנדאַל! די גאַנצע סקיצע איז אַן אוממאָראַלישער שטיק ציניזם!

— אַ גוטע סקיצע, גענאָסע קאַהאַן! — בעט זיך ביי אים פּרענאָוויץ.

און אויך באַבאַד און קייזער און לעמפּערט היצן זיך, אַז די סקיצע איז אַ גוטע. אפילו מ. שאַרקאַנסקי, דרייענדיק אַ פינגער אין זיין נאָז, ווי זיין טבע איז געווען, שאָקלט אויך צו מיטן קאָפּ און בורטשעט:

— אַ גאַנץ גוטע סקיצע; געמעגט זיין געדרוקט, געמעגט!

דערהערט זיך נאָך העכער קאַהאַנס קול:

— ביי אייך איז דאָך אַלצדינג, וואָס קראַנץ טוט, גוט. איר זייט ניט קיין סאָציאַליסטן. ווען איר וואָלט געווען סאָציאַליסטן, וואָלט איר פאַר־שטאַנען, אַז אַזוינע סקיצן טאָר אַ סאָציאַליסטישע צייטונג ניט דרוקן. און וואָלט זי כאָטש אָנגעשריבן געווען מיט אַ ברעקל טאַלאַנט!...

און באַלד ווייזט זיך אַרויס, אַז ער מיינט דאָס טאַקע מיך און מיין נייע דערציילונג: „פאַרוואָס בערל האָט געמופּט״.

און נאָכדעם ווערט שוין אַ קאָך אַהינטער דעם שטאַכעט, וואו מיר מיט קראַנצן געפינען זיך. יעקב מילך לויבט די דערציילונג און אויך די אַנ־

דערע, וואָס זיינען דאָרט אַרום קראַנצן. און מיינע פריינט, די דיכטער, גייען אויך אַריבער פון קאַהאַנס שטאַכעט אין אונדזערן אַריין און לויבן שוין איצט, ווי אויף צו־להכעיס קאַהאַנען, די דאָזיקע דערציילונג.

יעקב מילך האָט זיך דעמאָלט אָנגערופן:

— גענאָסע קראַנץ, זאָגט אויך אייער מיינונג וועגן אָט־דער סקיצע. מיר ווילן טאַקע הערן אייער מיינונג וועגן איר.

האָט קראַנץ דעמאָלט מיט זיין רואיקן שמייכל געענטפערט:

— אַז זי וואָלט מיר ניט געפעלן געוואָרן, וואָלט איך זי ניט געדרוקט. איך וואָלט זי דאַן ניט געדרוקט, ווען זי וואָלט אפילו געוווען געפעלן יענעם משוגענעם (ער האָט געמיינט קאַהאַנען). אַ שאָד נאַר, וואָס זי איז געשריבן אויף „זשאַרגאָן"...

און ער האָט דערקלערט, וואָס ער האָט געמיינט:

— אין יעדער אַנדערער ליטעראַטור וואָלט מען אַזוינע זאַכן אָפּגע־שאַצט... און ביי אונדז? יאָ, אַ שאָד. ווי לאַנג, איבערהויפּט, וועט לעבן „זשאַרגאָן" דאָ אין אַמעריקע?...

אין עטלעכע יאָר שפּעטער, אגב, אין 1899, איז די זעלביקע דערציי־לונג געדרוקט געוווען אין איינעם פון די מאָנאַט־העפטן פון דעם רוסיש־יידישן זשורנאַל „וואָסכאָד" אין דער איבערזעצונג פון יאַקאָוו ראמבּרא (פיליפּ קראַנצן).

פון דעם אייגענעם שרייבער — יאַקאָוו ראמבּרא — איז אין דער זעל־ביקער צייט דעמאָלט געדרוקט געוווען אין יענעם זשורנאַל אַן אַרטיקל „זשאַר־גאננאיא ליטעראַטורא אוו אמעריקע", אין וועלכן עס איז געוווען גערעדט וועגן ז. ליבּינען און מיר.

אויך, אגב, וועגן דעם איינדרוק, וואָס אָט־די דערציילונג מיינע האָט געמאַכט דעמאָלט, ווען זי איז אָפּגעדרוקט געוווען אין דעם „וואָסכאָד" אין יאַקאָוו ראמבּראס איבערזעצונג, קען עדות זאָגן קאָלעגע א. בוקשטיין פונעם „טאָג".

ער דערציילט מיר ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק, אַז דער איינדרוק פון יענער דערציילונג „פאַרוואָס בערל האָט געמופּט" איז פאַרבליבן ביז היינט פריש אין זיין זכרון.

איך דערצייל דאָס קעגן דעם, ווייל, ווען קאַהאַן האָט אָנגעקלאָגט קראַנצן פאַר דער עקזעקוטיוו פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי — אויב איך האָב ניט קיין טעות, איז דאָס געוווען אין 1895 — אַז ער, פיליפּ קראַנץ, איז נישט פייאיק און נישט ראוי צו זיין דער רעדאַקטאָר פון דעם סאָציאַ־

ליסטישן „אַבענד בלאַט״, האָט ער אים באַשולדיקט אין דרוקן אַזוינע אומ־מאָראַלישע סקיצן, ווי מיין „פּאַרוואָס בערל האָט געמופּט״.

קראַנץ האָט אַמאָל דערציילט, אַז קאַהאַן האָט דעמאָלט געטענהט פאַר יענער עקזעקוטיווע, וואָס זי איז באַשטאַנען דורכאויס פון ניט־יידן — אַז אַזאַ דערציילונג, ווי יענע מיינע, האָט געקאָנט אָנשרייבן נאָר איין פּאָל דע קאָק...

זעקסטער קאַפּיטל

פילפּ קראַנץ

ווען די מיטגלידער פון דער „אַרבייטער צייטונג פּאַבלישינג אַסאָסיעי־שאַן" — אַלע אויסגעשפּראָכענע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און ס׳רוב פון זיי יידישע אינטעליגענטן, — האָבן אינעם יאָר 1890 גערדאַרפט אַרויסגעבן די „אַרבייטער־צייטונג", וועלכע האָט געזאָלט פּראָפּאַגאַנדירן דעם סאָציאַליזם און באַקעמפן די אַנאַרכיסטן אויף דער היגער יידישער גאַס, האָבן זיי זיך געווענדט צו פילפּ קראַנצן, ער זאָל זיין דער רעדאַקטאָר פון זייער צייטונג.

קראַנץ איז צו יענער צייט געווען אין לאָנדאָן דער רעדאַקטאָר פון דעם אומפּאַרטייאישן, ראַדיקאַלן „אַרבייטער פריינד", אין וועלכן מ. ווינטשעווסקי, ב. פייגענבוים און י. יאַפּע זיינען געווען די הויפּט־מיטאַרבעטער.

זיי האָבן זיך געווענדט צו קראַנצן, ווייל זיי האָבן געוואָלט האָבן אַ רעדאַקטאָר, וואָס ער זאָל מיט זיין רעפּוטאַציע צוגעבן זייער צייטונג פּרעסטיזש. און אַזאַ רעדאַקטאָר איז אין זייערע אויגן געווען קראַנץ, וועלכער איז באַקאַנט געווען אַלס יאַקאָוו ראַמבראַ, אַ רוסיש־יידישער זשורנאַליסט, מיט אַ רעפּוטאַציע: דער מיטאַרבעטער פון „וואָסכאָד" און „ראַזסוויעט" און אַלס אויסגעשפּראָכענער סאָציאַל־דעמאָקראַט, קאָלעקטיוויסט, אַ קעגנער פון אַנאַרכיסטן און קאָמוניסטן.

רעדנדיק אַמאָל מיט מ. קאַטצן וועגן יענער צייט, האָט ער מיר דערציילט, אַז באַלד נאָכדעם, ווי עס איז דאָ אָנגעקומען אַן ענטפער פון קראַנצן, אַז ער נעמט אָן די רעדאַקציע פון דער „אַרבייטער צייטונג", האָט ער, קאַטץ, געטראָפן אַב. קאַהאַנען, און קאַהאַן, אַ באַגייסטערטער, האָט צו אים אויסגעשריען:

— מיר האָבן פילפּ קראַנצן! יידיש, יידיש וועט מען אין אונדזער צייטונג שרייבן! — האָט נאָך קאַהאַן צוגעלייגט, וועלכער איז דעמאָלט נאָך ניט געווען אַזוי „פּאַרפּאַטעיטעוועט" ווי היינט.

אַזוי ווי די אַנאַרכיסטן האָבן זיך דאַן געקליבן אַרויסצוגעבן די „פרייע אַרבייטער שטימע". האָט אים קאַהאַן, הייסט עס, געגעבן אָנצוהערן, אַז זייער צייטונג וועט ניט קאָנען קאָנקורירן מיט דער „אַרבייטער צייטונג", וועלכע וועט האָבן אַזאַ רעדאַקטאָר, ווי פּ. קראַנץ, און וועלכע וועט רעדן יידיש און ניט יענע האַמעטנע, דייטשמערישע שפּראַך פון די דעמאָלטדיקע אַנאַרכיסטישע שרייבער...

דערפאַר איז ער געווען ניט נאָר דער ערשטער רעדאַקטאָר פון דער „אַרבעטער־צייטונג", וועלכע האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אינעם יאָר 1890,

נאָר אויך פון דער אַמאָליקער „צוקונפט”, וועלכע האָט אָנגעהויבן אַרויס־צוגיין אינעם יאָר 1892. און ווען די מיטגלידער פון דער „אַרבעטער־צייטונג פּאָבלישינג אַסאָסיעישאַן” האָבן אין 1894 אָנגעהויבן אַרויסגעבן דעם טעגלעכן „אַבענד־בלאַט”, איז ווידער קראַנץ געווען דער רעדאַקטאָר פון דער דאָזיקער צייטונג אויך.

דערביי דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז ער איז געווען ניט דער איינציקער קאַנדידאַט פאַר אַ רעדאַקטאָר פון אַ סאָציאַליסטישער צייטונג. אַב. קאַהאַן

פיליפּ קראַנץ

איז אויך געווען אַ קאַנדידאַט, און לואי מילער האָט אויך געקאָנט זיין רע־דאַקטאָר, און זאַמעטקין און מאָריס הילקאָוויטש (דער שפּעטערדיקער היל־קוויט) זיינען אויך נאָענט פאַרבונדן געווען מיט דער „אַרבעטער־צייטונג פּאָב־לישינג אַסאָסיעישאַן”.

דער אינטעליגענטער עלעמענט אין דער „אַרבעטער־צייטונג פּאָבלישינג אַסאָסיעישאַן” איז אַלע מאָל געווען פאַר קראַנצן, ווען מען האָט געדאַרפט אויסוויילן אַ רעדאַקטאָר, טראָץ דעם, וואָס ער האָט מיט יענע, וועלכע האָבן געדאַרפט אויסוויילן דעם רעדאַקטאָר, קיין פּאָליטיק קיינמאָל ניט געטריבן.

אַפּריער קראַנץ, דערנאָך ערשט אַב. קאַהאַן. ווען קראַנץ האָט זיך אָפּ־געזאָגט פון זיין רעדאַקטאָר־שטעלע, איז אַב. קאַהאַן געוואָרן דער רעדאַקטאָר

פון דער „אַרבעטער־צייטונג״, ערשט נאָכדעם, ווי קראַנץ האָט דאָרט זיין שטעלע אויפגעגעבן, און אַזוי איז אַב. קאַהאַן אויך שפּעטער געוואָרן רע־דאַקטאָר פון דער „צוקונפט״, נאָך קראַנצן. אָבער אַזוי לאַנג ווי קראַנץ אַליין האָט זיין שטעלע ניט געוואָלט פאַרלאָזן, ווי אינעם „אָבענד־בלאַט״, צום ביי־שפּיל, האָט קיין אַנדערער זיין רעדאַקטאָר־שטעלע ניט געקאָנט פאַרנעמען. די מיטגלידער פון דער „אַרבעטער־צייטונג פּאָבלישינג אַסאָסיעישאָן״ האָבן שטענדיק אים אויסגעווײלט.

און דאָס האָט ער דערגרייכט ניט דערפאַר, ווייל ער האָט „פּאָליטיק״ מיט זיי געטריבן.

זינט 1894 האָב איך געהאַט די געלעגנהייט אים צו קענען. פּאָליטיק טרייבן — דאָס איז אינגאַנצן פרעמד געווען זיין רואיקער, געלאַסענער און אויפריכטיקער נאַטור, וועלכע, דאַכט זיך מיר, איז גאָרניט פּיאיק געווען אויף שמד־שטיק. קיינמאָל האָט ער ניט געזוכט צו באַפעסטיקן זיין רע־דאַקטאָר־פּאָזיציע פון „הינטן־אַרום״, מיט דעמאַגאָגישע שטיק, צי מיט אינ־טריגירן קעגן אַנדערע פון זיינע קאָלעגן, וואָס זיי זיינען געווען קאַנדידאַטן פאַר רעדאַקטאָר, ווי אַנדערע אין זיין קרייז האָבן דאָס אַזוי אָפט שפּעטער געטאָן קעגן אים אַליין...

ער איז געווען דער דזשענטעלמאַן צווישן זיינע קאָלעגן. דער מאַן מיט אַ קאָרעקטער און אויפריכטיקער באַציאונג צו זיי און צו אַלעמען מיט וועמען ער איז געקומען אין באַרירונג. אַ מענטש מיט אַ „פילאָסאָפישן טעמ־פּעראַמענט״, וואָלט איך געזאָגט, איז ער אינגאַנצן געווען דער היפוך, צום ביישפּיל, פון זיין קאָלעגע אַב. קאַהאַן, מיט דעם מוראדיקן „אַרטיסטישן טעמפּעראַמענט״. ער איז קאַרג געווען אויף קאָמפּלימענטן, ווען עמיצער אָדער עפּעס איז אים געפעלן געוואָרן, און נאָך קאַרגער — אויף זידלערייען, ווען עמיצער צי עפּעס איז אים ניט געפעלן געווען.

דעם שטאַרקסטן וואָרט, וואָס איך האָב אַמאָל פון אים געהערט וועגן זיינעם אַ קעגנער, וועלכער האָט געגאָסן אויף אים פּעך און שוועבל ממש, איז געווען:

— משוגע!...

און ווי ער האָט דאָס אַרויסגערעדט, מיט וואָס פאַר אַן אויף־מיר־אַ־דאגה שמייכל!

איז דאָס דער שטאָלץ, וואָס איז מבטל אַ קעגנער, וואָס דורך זיין שטו־מען שווייגן רעדט אָפט די טיפסטע פאַראַכטונג אַרויס? ניין, דאָס איז קראַנצעס „פילאָסאָפישער טעמפּעראַמענט״, וואָס זיין אויסדרוק איז קראַנצעס באַזונ־דערער אויף־מיר־אַ־דאגה שמייכל; דאָס רעאַגירן פון אַ געזונטן, ניט־נער־

ווען גוף, און נשמה, וואָס זיי זיינען אפשר דערפאַר אַזוי געזונט, מחמת זיי זיינען געבוירן געוואָרן אינעם דאָרף, צווישן וואַלד און פעלד (קראַנץ איז געבוירן געוואָרן אין אַ דאָרף אין פּאָדאָליער גובערניע).

שטאָלץ אין דעם געוויינלעכן סנאָבישן זין איז ער קיינמאָל ניט געווען. פאַרקערט, ווי ווייט איך געדענק, האָט ער זיך אַלע מאָל געהאַלטן פשוטער און איינפאַכער פון אַלע זיינע אַנדערע קאָלעגן. אַ שרייבער מיט דער רע־פּוטאַציע פון אַ רוסישן זשורנאַליסט (ניט קיין קלייניקייט אין יענער צייט, און טיילווייז נאָך היינט ביי אונדז, יידן!) האָט ער דאָס קיינמאָל ניט געלאָזט פילן קיינעם. פאַרשטויבן די אויגן פון די אַרומיקע געגאַסן מיט זיין „איג־טעליגענץ" און „גרויסקייט", ווי דאָס האָבן אַמאָל געטאָן אַנדערע פון זיינע קאָלעגן, — דאָס האָט ער קיינמאָל ניט געזוכט.

אויב אין דעם סטיל פון אַ שרייבער קאָן מען זען דעם שרייבער אַליין — ווי עס וויל האָבן אַ געוויסער פראַנצויזישער שריפטשטעלער — קאָן מען קראַנצן זען אינגאַנצן אין זיין סטיל.

איינפאַך און קורץ און אָן שום באָמבאַסטישע פראַזן. אָן שום ריידעריי, איז דער סטיל פון זיין שרייבן. וואָס ער ווייסט און וואָס ער גלויבט, דאָס זאָגט ער אַרויס פשוט און קלאָר, ניט באַמיענדיק זיך דאָס צו באַפּאַרבן און באַפּוצן.

שרייבנדיק די פּראָגראַם פאַר דער „אַרבעטער־צייטונג" אין יענער צייט, ווען די באָמבאַסטישע, רעוואָלוציאָנערע פראַזע האָט אַזוי געהערשט, האָט ער אפילו אויך דאָרט אויסגעמידן די שיינע פראַזע.

מיר לייענען דאָרט צום ביישפּיל אין דעם ערשטן נומער פון דער „אַר־בעטער־צייטונג" דעם דעמאָלטדיקן סאָציאַליסטישן „אני מאמין", אויסגע־דריקט פון אים אין אַזאַ פשוטער שפּראַך

„מיר זיינען סאָציאַליסטן, ווייל מיר ווילן איינפירן קאָלעקטיוויסטישע אייגנטום אַנשטאָט דער סיסטעם פון פּריוואַט אייגנטום...

„מיר זיינען רעוואָלוציאָנערן, ווייל מיר זיינען איבערצייגט, דאָס די אומ־ענדערונג וועט ניט געשען אָן אַ געוואַלד־צוזאַמענשטויס...

„אינטערנאַציאָנאַליסטן זיינען מיר, ווייל מיר אָנערקענען ניט קיין אונ־טערשייד פון ראַסן, נאַציאָן און רעליגיאָן...

„דעמאָקראַטן זיינען מיר, ווייל מיר מישן ניט צוזאַמען קלאַסן־שטאַט מיטן צוקונפטיקן פאָלקס־שטאַט... אַרבעטער מוזן האָבן די פּאָליטישע מאַכט אום צו קאָנען קעמפן קעגן קאַפּיטאַליזם און צוועקמעסיק אָרגאַניזירן די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

„אויך פּראָגרעסיסטן און עוואָלוציאָניסטן זיינען מיר, ווייל פאָרווערטס

ניט פלוצלינג, זאָנדערן ביסלעכווייז וועלן מיר עררייכן אונדזער ציל. יעדע רעפאָרם טרייבט צו ווייטערן פראָגרעס".

אין דער פראָגראַם, ווייטער, דערציילט ער, ווי די אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך אין אַלע ציוויליזירטע לענדער אָנגעהויבן פון שפּאָר־קאַסען, קאָאָפּעראַטיוון, טרעיד־יוניאָנס און האָט זיך אַזוי אַנטוויקלט ביז צו דעם וויסנשאַפטלעכן און רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם.

דער יידישער אויסדרוק הינקט אונטער דאָ און דאָרט אין דעם דאָזיקן אַרטיקל זיינעם (פאַרגעסט ניט, אַז דאָס איז געשריבן געוואָרן מיט איבער פופציק יאָר צוריק, ווען ער, קראַנץ, אַזוי ווי די אַנדערע זיינע קאָלעגן, האָבן ערשט גענומען שאַפן דעם יידישן אויסדרוק, איבערזעצנדיק אים אינעם קאָפּ פון דעם רוסישן); אָבער אין דעם דאָזיקן גאַנצן אַרטיקל איז ניטאָ קיין זיין באָמבאַסטישע פראַזע.

געלאַסן און פשוט, אָן קונצן — אַזוי איז קראַנצס סטיל און אַזוי איז קראַנץ אַליין...

דער לעזער דאַרף אָבער ניט מיינען, אַז ווייל דער געזונטער און געלאַסענער קראַנץ, דער מאַן מיטן „פילאָסאָפישן טעמפּעראַמענט", איז גלייכגילטיק צו די מיינונגען פון אַנדערע וועגן אים און צו אַ סך זאַכן, פון וועלכע אַן אַנדערער אויף זיין פּלאַץ וואָלט זיך פלאַם־פייער אָנגעצונדן, — דערפאַר איז ער, קראַנץ, בכלל אַן אויך־מיר־אַ־דאגה־מענטש, וואָס ביי אים איז רעכט אי ווייס, אי שוואַרץ, אַז דערפאַר, הייסט עס, איז ער סתם אַ מענטש, אָן באַשטימטע, פעסטע איבערצייגונגען.

אַזאַ מיינונג וועגן אים וואָלט געווען דורכאויס פאַלש.

ניין, קראַנץ איז דווקא אַ מענטש מיט זייער פעסטע און באַשטימטע איבערצייגונגען. אָט טאַקע דערפאַר, ווייל זיין טעמפּעראַמענט איז אַזאַ, זיינען די איבערצייגונגען ביי אים ניט קיין אויבנאויפיקע, ניט קיין פונקען, אָנגעהויכטע פון אַ רעוואָלוציאָנערער צייט און סביבה אויף אַ באַגייסטערטן, שטורמישן און ניט־אויסגערעכנטן יונגנמאַן, וועלכער כאַפּט זיי אויף, די דאָזיקע פונקען, מיט אַן אָפענעם האַרצן און מיט אַ מוח, וואָס איז פאַרשיכורט פון הייסן, שוימענדיקן בלוט; נאָר זיי זיינען ביי אים אַ רעזולטאַט פון געלאַסענעם, און אפשר שווערן און לאַנגזאַמען נאָכדענקען און נאָכטראַכטן, און אַזוינע איבערצייגונגען זיינען, געוויינלעך, ערשט די אמת פעסטע, די אמת טיפע...

קראַנץ דערמאָנט מיר אָן איינעם פון טורגעניעווס העלדן, אין דעם ראָמאַן „נאָוו". סאָלאָמין הייסט דאָרט יענער העלד. אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס אין היפוך צו דעם אַנדערן רעוואָלוציאָנערן העלד אין יענעם ראָמאַן —

ניעזשדאַנאָוו, וועלכער רעדט אַ סך מיט רעוואָלוציאָנערן פייער און פּראַזן, רעדט ער, סאָלאָמין, דאָרט וויניק און טוט זיך רואיק און געלאַסן זיין רע־וואָלוציאָנערע זאַך.

פון דעם איינדרוק, וואָס יענער, סאָלאָמין, הייסט עס, האָט אויף מיר איבערגעלאָזט מיט אַ יאָר פופציק צוריק, בעת איך האָב „נאָוו" געליינט, מאָלט ער זיך אין מיין פאַנטאַזיע אַלס אַ געזונטער מענטש, סיי מיטן גוף און סיי מיט דער נשמה, מיט דעם אויסזען פון אַ בכבודיקן בורזשוא. ער איז אַ טיף־איבערצייגטער רעוואָלוציאָנער, אַ פּראַקטישער טוער, נאָר אַז דעם רעוואָלוציאָנערן קאָכן־זיך און די רעוואָלוציאָנערע פּראַזן פון דעם אַנדערן העלד אין יענעם ראָמאַן, ניעזשדאַנאָוו, וועלכער אָטעמט ממש מיט רעוואָלוציאָנערן פייער.

איך געדענק ניט, וואו סאָלאָמין האָט געשטודירט. אפשר האָט יענער אויך געשטודירט אין דעם פּעטערבורגער טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט כעמיע, ווי קראַנץ. איך בין אויך כמעט זיכער, אַז יענער, אַזאַ געלאַסענער מענטש, האָט אויך אַזוי הנאה געהאַט פון עסן, ווי אונדזער קראַנץ, האָט ביים עסן ניט געכאַפּט, ניט אַרונטערגעשלונגען גאַנצע שטיקער, ווי דאָס טוען גע־ווינלעך צעטראָגענע, נערוועזע מענטשן, נאָר האָט פריער יעדן ביסן גוט צעקייט און געלאַסן דערנאָך אַרונטערגעשלונגען, ווידער ווי אונדזער קראַנץ (אגב, דאָס וואָס קראַנצס קעגנער האָבן אים שטענדיק אויפגעוואָרפן). און אפשר האָט יענער אויך הנאה געהאַט פון באָדן זיך אינעם ים און שווימען, אגב, אויך געלאַסן, אַזוי ווי אונדזער קראַנץ, און האָט אויך פאַרגעניגן גע־האַט פון אַ גוטער דערציילונג, און אַמאָל פון אַ „געפעפערטער" נאָך מער, און אפשר האָט אויך אַזוי ליב געהאַט די פראַנצויזן און זייער שפּראַך און זייער ליטעראַטור, ווי אונדזער קראַנץ.

און מסתמא איז יענער אויך שטענדיק אָנגעטאָן געווען אַזוי נעט, כמעט ספּאָרטיש, און האָט אַזוי וויניק געטראָגן אויף זיך דעם וועלט־שמערץ און די רעוואָלוציע, ווי אונדזער הויכער, ברייט־אַקסלדיקער קראַנץ, מיטן שטאַרקן און רויטן פּנים, פראַנצויזישן בערדל און קאָרע, רואיקע אויגן, וועלכער האָט שטענדיק אויסגעזען ווי אַן אָנשטענדיקער פאַבריקאַנט, וואָס האָט ביי זיך קיינמאָל קיין סטרייקס ניט געהאַט...

קראַנץ צווישן זיינע גענאָסן און קאָלעגן איז אַלעמאָל געווען ווי סאָ־לאָמין צווישן די ניעזשדאַנאָווס. זייביידע האָבן געהאַט זייערע פעסטע רע־וואָלוציאָנערע איבערצייגונגען און זייערע קלענערע אָדער גרעסערע מענטש־לעכע שוואַכקייטן, אָבער זיי האָבן זיי אויסגעדריקט אויף אַ רואיקן, געלאַ־סענעם אופן. דערפאַר איז קראַנץ אַזוי אָפט מיספאַרשטאַנען געוואָרן פון

געוויסע קורציכטיקע מענטשן אַרום אים, וועלכע האָבן געטענהט, אַז ער האָט אַלצדינג אין דר׳ערד...

נישט איין מאָל איז ער צוליב זיינע איבערצייגונגען געגאַנגען קעגן שטראָם, און אַ פּאָר מאָל האָט ער צוליב זיי געהאַנדלט אפילו אומגעלומפּערט, בעת ער איז געווען רעדאַקטאָר פונעם „אַבענד־בלאַט״ — ווי אין דעם פאַל פון דער באַרימטער דרייפוס אַפערע, און אין דער צייט פון דער מלחמה מיט שפּאַניע.

זייענדיק אַן איבערצייגטער „אינטערנאַציאָנאַליסט״ און אויך טיילווייז מסתמא דערפאַר, ווייל ער איז פאַרפירט געווען פון זיין ליבע צו דעם פראַנצויזישן פאָלק, האָט ער דעמאָלט, ווען די גאַנצע יידישע וועלט האָט געשטורעמט מיט דער דרייפוס אַפער, שיער זיך ניט אָנגענומען פאַר די פראַנצויזן און זיך דערקלערט אינעם „אַבענד־בלאַט״ קעגן דעם היסטערישן, שאָווינִיסטישן געשריי פון די יידן. „דאָס אַבענד־בלאַט״, וועלכע איז צו יענער צייט געווען די פּאָפּולערסטע צייטונג אויף דער יידישער גאַס, מיט דער גרעסטער צירקולאַציע (אַרום 18 טויזנט צירקולאַציע האָט זי דאַן געהאַט; זייער אַ גרויסע פאַר יענער צייט), האָט דאַן כמעט אַ העלפט פון אירע לייענער דערפאַר פאַרלאָרן; קראַנץ האָט זיך אָבער ניט אונטערגעגעבן. זיין איבערצייגונג האָט ער פאַר צירקולאַציע ניט געוואָלט פאַרקויפן!...

אַזוי האָט ער אויך באַצאָלט מיט צירקולאַציע, ווען ער איז אַרויסגעטראָטן אינעם „אַבענד־בלאַט״ קעגן אַמעריקע אין דער צייט, ווען זי האָט מלחמה געהאַלטן מיט שפּאַניע.

טראָצדעם, וואָס די היגע יידן, אי אַלס אַמעריקאַנישע פּאַטריאָטן, אי אַלס היסטאָרישע שונאים פון שפּאַניע, זיינען אַלע געווען פאַר אַמעריקע, האָט קראַנץ זיך מיט דעם ניט גערעכנט. ער, דער סאָציאַליסט, האָט געזען אין דער דאָזיקער מלחמה דעם אימפּעריאַליסטישן אַפּעטיט פון אַ גרויס לאַנד, וועלכע האָט געזוכט צו פאַרשלינגען אַ קלענער און אַ שוואַכער לאַנד, און ער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב אַרויסצוטרעטן קעגן דעם, נישט רעכענענדיק זיך מיט די פּאַטריאָטישע געפילן און סענטימענטן פון זיינע לייענער, און אפשר דערפאַר נאָך מער, כדי זיי אויפצוקלערן!...

און ווידער האָט דאָס „אַבענד־בלאַט״ לייענער פאַרלאָרן. אָבער קראַנץ האָט דערפילט זיין סאָציאַליסטישן חוב, ווי ער האָט עס געזען. מען קאָן פון דעם זען, ווי פעסט ער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינע פּרינציפּן, אַז פאַר צירקולאַציע האָט ער זיינע פּרינציפּן ניט פאַרבויגט.

* * *

קראַנץ איז אויך צופעליק געוואָרן אַ יידישער שרייבער, אַזוי ווי כמעט אַלע זיינע קאָלעגן, די טאַטעס פון דעם היגן גייסטיקן לעבן אויף דער יידי־שער גאַס.

געבאָרן אין אַ דאָרף אין פּאָדאָליער גובערניע (זיין פּאָטער איז דווקא געווען אַ ווילנער), האָט ער שפּעטער באַזוכט די גימנאַזיע אין כאַרקאָוו און איז דערנאָך, זייענדיק אין די לעצטע קלאַסן, אַרעסטירט געוואָרן אַלס „פּאָ־ליטישער" און אָפּגעזעסן אַ יאָר צייט אין דער כאַרקאָווער טורמע.

אַרום 1877 איז ער אָנגעקומען אַלס סטודענט אין דעם טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט אין פּעטערבורג, וואו ער האָט שטודירט כעמיע. דאָרט איז ער צוגעשטאַנען צו דער גרופּע „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און איז באַפריינדעט גע־וואָרן מיט דעם באַרימטן רעוואָלוציאָנער גרינעוויצקי און מיט דער נאָך מער באַרימטער סאָפיא פּעראָווסקאַיאַ.

אין דער אייגענער צייט האָט ער מיטגעאַרבעט אַלס יאַקאָוו ראָמבראָ אין דעם רוסיש־יידישן „ראַזסוועט" און אין „קיִיעווסקאיא זאַריאַ", וואָס איז רע־דאַקטירט געווען פון דעם באַקאַנטן רוסיש־יידישן פּובליציסט קולישער.

אין 1881, ווען מען האָט היגגעריכטעט אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, טראָגט זיך אָפּ קראַנץ פון רוסלאַנד און באַזעצט זיך אין פּאַריז. פון דאָרט שיקט ער זיינע רוסישע אַרטיקלען און קאָרעספּאָנדענצן אין „וואָסכאָד" און „ראַזס־וועט", דרוקט דאָרט זיינע „זאַפּיסקי סומאשעדשאַוואָ אָרעם־באָכעראַ" („כתבים פון אַ משוגענעם אָרעם־בחור") און שטודירט ווייטער.

אַרום 1884 קומט ער אָן פון פּאַריז נאָך לאָנדאָן, שוין ניט מער קיין „נאַראָדאָוואָליעץ", נאָר אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט.

צו יענער צייט האָט מאָריס ווינטשעווסקי דאָרט אַרויסגעגעבן זיין „פּוי־לישן אידעל". טרעפט, אַז אין יענער צייט איז געווען אַ פּאָגראָם אין ניזשני־נאָווגאָראָד, און ווינטשעווסקי בעט קראַנצן, ער זאָל אָנשרייבן אַן אַרטיקל וועגן דעם דאָזיקן פּאָגראָם פאַר זיין צייטונג. דאָס איז געווען זיין ערשטער יידישער אַרטיקל, וואָס קראַנץ האָט אויף זיין לעבן אָנגעשריבן. וועגן דעם דאָזיקן אַרטיקל, האָט מיר קראַנץ דערציילט, אַז ער האָט אַ האַלבן טאָג אויף דעם געשוויצט, און ווינטשעווסקי האָט מיר דערציילט, אַז פּונקט אַזוי האָט ער אויף דעם אייגענעם אַרטיקל געשוויצט דעם אַנדערן האַלבן טאָג, יידישנ־דיק אים...

דערווייל שיקט קראַנץ ווייטער זיינע קאָרעספּאָנדענצן אינעם „וואָסכאָד", וואו זיי דרוקן זיך אונטערן קעפּל: „בריוו פון ענגלאַנד".

דער „אַרבעטער פריינד" הויבט אָן אַרויסצוגיין. קראַנץ ווערט דאַן זיין רעדאַקטאָר. און ניט נאָר דער רעדאַקטאָר, נאָר אָפּט דער זעצער אויך. און

ניט נאָר דער זעצער, נאָר דער צונויפשטעלער (דער מענטראַפּאַזש) פון דעם זאַץ אויך.

אַזוי אַרבעט ער דאָרט ביז מען רופט אים פון ניו־יאָרק, אין 1890, צו ווערן רעדאַקטאָר פון דער „אַרבעטער צייטונג".

פון יענער צייט אָן האָט ער ניט אויפגעהערט צו שרייבן אין יידיש. ער האָט נאָר אונטערבראָכן זיין יידישע זשורנאַליסטיק אויף אַ קורצער צייט אינעם יאָר 1893, ווען ער איז אין משך פון אַ יאָר געווען אַסיסטענט פּראָפעסאָר פון כעמיע אין ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט. דערנאָך איז ער צוריקגעקומען צו דער יידישער זשורנאַליסטיק און איז שוין פאַרבליבן אַ יידישער זשורנאַליסט.

פון זיינע ווערק, וואָס זיינען דערשינען אין באַזונדערע ביכער, זיינען באַקאַנט: „קולטור־געשיכטע", אין דריי בענדער; „אַמעריקע פאַר קאָלאָמבוס"; „גאַנץ אַמעריקע" — געשיכטע פון אַלע רעפּובליקן אין דער נייער וועלט, אַרויסגעגעבן פון דעם אַרבעטער־רינג; „פּאָפּולערע אַסטראָנאָמיע" און „די געשיכטע פון סאָציאַליזם".

די „אַרבעטער־צייטונג" אונטער דער רעדאַקציע פון קראַנצן און דערנאָך פון קאַהאַנען, האָט אָפּגעגעבן אַ בכבודיקן פּלאַץ דער ליטעראַטור, טראָץ דעם וואָס דער הויפּט־ציל אויך פאַר דער דאָזיקער צייטונג איז געווען סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע.

זי איז געווען די ערשטע צייטונג, וועלכע האָט געדרוקט דעם ליטעראַרישן ראָמאַן (און בכלל, דוכט זיך, אַ ראָמאַן) און די ליטעראַרישע דערציילונג און סקיצע.

אויף איר שוים, קאָן מען זאָגן, איז געבאָרן געוואָרן די היגע יידישע ליטעראַטור; זי האָט געלערנט די יידישע ליטעראַטור ווי צו רעדן, ווי צו גייך, און דעם ווענ איר אָנגעצייכנט, איבער וועלכן זי, די יידישע ליטעראַטור, הייסט עס, איז שפּעטער אַוועק, ווען זי איז אויסגעוואַקסן.

איך מיין ניט, חלילה, צו באַשולדיקן קראַנצן און זיינע חברים, וואָס זיי איז באַשערט געווען צו לייגן דעם גרונטשטיין פאַר דער היגער יידישער ליטעראַטור אין דער „אַרבעטער צייטונג", אַז זיי האָבן פון אָנפאַנג אָן איינזינען געהאַט צו שאַפן אַ יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע. די לייענער, וועלכע האָבן געלייענט מיינע פריערדיקע קאַפּיטלעך, ווייסן, אַז אַזאַ זאַך האָט זיך זיי, אונדזערע ערשטע גאַר ערשטע פּיאָנערן פון דעם גייסטיקן לעבן אויף דער היגער יידישער גאַס, אפילו ניט געחלומט; אַז כמעט אַלע פון זיי האָבן געגלויבט, אַז באַלד־באַלד קומט אָן די סאָציאַלע רעוואָלוציע און דעמאָלט

וועט זיין איבעריק ניט נאָר אַ יידישע ליטעראַטור, נאָר דאָס יידישע פאָלק אינגאַנצן...

דער אמת איז, אַז דעם ראָמאַן און די דערציילונג האָבן זיי לכתחילה דאָרט געדרוקט, כדי צו פאַראינטערעסירן דעם עולם אין דער צייטונג, וועלכע האָט דער עיקר געזאָלט דעם לעזער באַקערן צום סאָציאַליזם. נאָר דרוקנ־דיק שוין בעלעטריסטיק, האָבן זיי זיך דאָן ניט גערעכנט מיט דעם גראָבן געשמאַק פון דעם לייענער, — אפילו קאַהאַן אויך ניט, וועלכער איז נאָך דאַן ניט געווען אַזוי פאַרצירקולאַציעוועט און פאַרלעזערט ווי היינט, — נאָר מיט זייער אייגענעם געשמאַק, וועלכער איז דערצויגן געוואָרן אויף דער איי־ראָפּייאישער ליטעראַטור.

די ערשטע ראָמאַנען, וואָס זיינען געדרוקט געווען אין דער „אַרבעטער־צייטונג“, אונטער דער רעדאַקציע פון קראַנצן, זיינען געווען „סאַלאַמבאַ“ פון פלאָבער און „זשערמינאַל“ פון זאָלא. די ערשטע דערציילונגען, וואָס איך האָב געלייענט אין דער „אַרבעטער־צייטונג“, ווי ווייט איך געדענק, זיינען געווען פון טשעכאָוו און פון קאָראָלענקאָ.

„סאַלאַמבאַ“ האָט קראַנץ אַליין איבערזעצט. „זשערמינאַל“ (שפּעטער) קראַנץ מיט דער הילף פון ב. גאָרין, און די דערציילונגען פון טשעכאָוון און פון קאָראָלענקאָ האָט, דוכט זיך, קאַהאַן איבערזעצט.

מיטן איבערזעצן אַזוינע ווערק פון דער אייראָפּייאישער ליטעראַטור דעמאָלט, ווען קיין אָריגינעלע יידישע בעלעטריסטיק איז נאָך ביי אונדז ניט געווען, האָבן קראַנץ און זיינע חברים ווי אַוועקגעשטעלט אַ ליטעראַרישן מוסטער פאַר די שפּעטערדיקע יידישע בעלעטריסטן, האָבן אַזוי ווי אָנגע־צייכנט פאַר זיי דעם ליטעראַרישן וועג; אָט אויף דעם וועג זאָלט איר גיין און ניט אויף אַן אַנדערן...

און זיי זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן דערצויגן די יידישע שפּראַך; וואָס האָבן געשטרעבט אַרויסצוראַטעווען דעם יידיש פון די האַמעטנע דייטש־מערישע הענט, געבן אים זיין נאַטירלעכן אויסדרוק, און זיי האָבן געקעמפט פאַר דעם...

אַזוי, למשל, האָבן קראַנץ און זיינע חברים שוין אַמאָל אפילו „געסקעבט“ אויך צוליב דער יידישער שפּראַך!

וועגן דעם האָט מיר דערציילט קראַנץ אַזוי:

ווען דער צווייטער נומער פון דער „אַרבעטער־צייטונג“ איז אַרויס, כאַפּט ער זיך, אַז די שפּראַך — קאַראַול! — איז אַן הענט און אַן פיס. הוילע גרייזן, אַ צעקאַליעטשעטער טערקיש... די זעצער, וועלכע זיינען דער־צויגן געוואָרן אויף דעם בליי פון די דעמאָלטדיקע אַנדערע יידישע צייטונגען,

האָבן דאָס אַזוי „פּאַרבלייעוועט“ די שפּראַך פון דער נייער צייטונג... פאָדערט דעמאָלט קראַנץ פון דער יוניאָן נייע זעצער. ענטפערט אים די יוניאָן: לאָ! (מיט אַן „עין“, דוכט זיך, זאָגט קראַנץ) און אָרדערט אַ סטרייק ביי דער „אַרבייטער צייטונג“...

אַוודאי איז דער סטרייק אים, דעם רעדאַקטאָר פון דער סאָציאַליסטישער צייטונג, ניט אָנגענעם געווען; אָבער מען האָט ניט געקאָנט צולאָזן, אַז די שפּראַך פון דער „אַרבייטער צייטונג“ זאָל אַרויסקומען צעהרגעט און צעקאַליעטשעט. האָט ער, קראַנץ, וועלכער האָט געקענט די מלאכה פון זעצן נאָך פון דעם „אַרבייטער פריינד“, פּאַרקאַטשעט די אַרבל און דאַוואַי, זעצן די יידישע שריפט אין דעם ריכטיקן יידיש; און לואי מילער, וועלכער האָט אויך געקענט די מלאכה פון זעצן, מחמת ער האָט דעמאָלט אַליין געזעצט פאַר זיין רוסישער צייטונג „זנאַמיאַ“, איז געשטאַנען פון זיין רעכטער האַנט, ווי אַ גוטער מלאך און אים געהאָלפן; און מ. זאַמעטקין, וועלכער האָט די מלאכה פון זעצן ניט געקענט, האָט זיך אויך מתעסק געווען און האָט אונטערגעשטופּט דעם בליי...

און דער סוף איז געווען, — האָט דערציילט קראַנץ, — אַז ער און לואי מילער, מיט דער הילף פון אַ פּאָר „רעגעלע סקעבס“, האָבן די צייטונג „אויפגעזעצט“ און אַרויסגעגעבן. די שונאים פון דער יידישער שפּראַך זיינען באַזיגט געוואָרן. אין די ווייטערע נומערן פון דער „אַרבעטער צייטונג“ איז די יידישע שפּראַך שוין אַרויס מיט גאַנצע ביינער...

ווען איך האָב דאָס געהערט פון קראַנצן, האָב איך ניט ווילנדיק אַ טראַכט געטאָן:

ניט אַנדערש, די יידישע ליטעראַטור האָט אַ גוטן גייסט געהאַט, וועלכער האָט זיך דעמאָלט אַנטפּלעקט צו קראַנצן און זיינע חברים, אומבאַוואוסט פאַר זיי אַליין...

איך האָב פריער באַמערקט, אַז אויף דעם שויס פון דער „אַרבייטער־צייטונג“, קאָן מען זאָגן, איז געבוירן געוואָרן די יידישע ליטעראַטור. ניט נאָר האָט די צייטונג געדרוקט די ערשטע איבערזעצטע ליטעראַרישע זאַכן, נאָר אויך די ערשטע אָריגינעלע סקיצן און דערציילונגען.

די ערשטע זאַכן פון ליבינען און פון גאָרדינען האָט זי געדרוקט, וואָס מיט זייערע סקיצן הויבט זיך אָן אונדזער היגע אָריגינעלע בעלעטריסטיק. און קאַהאַן האָט דאָרט אויך געדרוקט זיין „יאַנקל דער יענקי“ און זיין „רפאל נעריצך“ — דאָס לעצטע, הגם אַן אַגיטאַציע־זאַך, איז דאָך געשריבן געוואָרן אין אַ גוטן ליטעראַרישן יידיש.

קורץ, די היגע יידישע ליטעראַטור איז אין דער „אַרבייטער־צייטונג“

געבוירן געוואָרן און איז געהאָדעוועט געוואָרן דערנאָך אין דער אַמאָליקער „צוקונפט" און דעם טעגלעכן „אָבענד־בלאַט" אונטער דער אויפזיכט פון קראַנצן און זיינע חברים. אַזוי אויך די ליטעראַרישע יידישע שפּראַך, וועלכע, איך זאָג דאָס נאָך אַמאָל, איז דערהויפּט דורך די דאָזיקע רעדאַקטאָרן און מיטאַרבעטער פון די דאָזיקע סאָציאַליסטישע צייטונגען באַפרייט געוואָרן פון דעם דעמאָלטדיקן שווערן, דייטשמערישן גלות.

אַ באַזונדערע ראָלע — מען קאָן זאָגן, די גרעסטע ראָלע — האָט געשפּילט אין דער באַפרייאונג און אין דער דערציילונג פון יידיש דווקא אַב. קאַהאַן, דער אייגענער, וועלכער דערהרגעט היינט און וואָלט אינגאַנצן געוואָלט דערהרגענען דעם יידיש און די בעסערע יידישע שרייבער מיט זיינע פּאָטעיטאָ־באָמבעס...

אונדזערע בעסטע ליטעראַריש־שאַפנדיקע כוחות האָבן זיך אַנטפּלעקט אויף די זייטן פון דער „אַרבייטער־צייטונג", „צוקונפט" און „אָבענד־בלאַט". ליבין, גאָרין, ז. לעווין (אונטערן נאָמען ז. לעשץ), מיין אייגענע ווייניקייט, — מיר אַלע האָבן אַוועקגעשאָנקען אונדזערע בעסטע כוחות די דאָזיקע צייטונגען.

אויך האָבן זיך דאָרט שפּעטער געדרוקט י. ל. פּרץ אונטערן נאָמען „פּלאַי" און דוד פּינסקי אונטערן נאָמען „ד. פּולס".

איך האָב געזאָגט, מיר האָבן אַוועקגעשענקט „אונדזערע כוחות" און דאָס קאָן פאַרשטאַנען ווערן אין דעם בוכשטעבלעכן זין. ווייל קיינער פון די מיטאַרבעטער, אַחוץ דעם רעדאַקטאָר, האָט ניט באַקומען קיין באַצאָלט פאַר זיין אַרבעט, ניט אין דער „אַרבעטער־צייטונג" און ניט אין דער דעמאָלטדיקער „צוקונפט" און אפילו אין דעם טעגלעכן „אָבענד־בלאַט" האָבן בלויז יענע שרייבער, וואָס האָבן אינעווייניק געאַרבעט, באַקומען געהאַלט, אָבער ניט די בעלעטריסטן, וועלכע האָבן די יידישע ליטעראַטור געשאַפן, ווייניקסטנס ניט די ערשטע פאַר יאָר, ווי ווייט איך געדענק.

דער רעדאַקטאָר פון דער „אַרבייטער צייטונג" (פריער קראַנץ און דערנאָך, ווען ער האָט זי פאַרלאָזן — קאַהאַן) האָט באַקומען שכירות צען דאָלער אַ וואָך פאַר רעדאַקטירן און פאַר שרייבן די אַרטיקלען און פאַר איבערזעצן דעם ראָמאַן. און ווען קראַנץ איז געוואָרן רעדאַקטאָר פון דעם טעגלעכן „אָבענד־בלאַט" איז זיין געהאַלט געווען פופצן דאָלער אַ וואָך.

וועגן אַן אייגענעם תכלית האָט קיינער פון די, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר די דאָזיקע צייטונגען, ניט געטראַכט.

האָבנדיק פאַר זיך די מעגלעכקייטן צו „מאַכן געלט" אויסער דער ליטעראַטור, זיינען זיי בעסער צופרידן געווען צו הונגערן, ממש צו הונגערן,

און אָפּגעבן זייער צייט צו די חלומות, וואָס האָבן זיך אין זייערע נשמות געוועבט און וועלכע זיי האָבן דערנאָך געלאָזט אַנטפּלעקן זיך פאַר דעם לייענער דורך זייער צייטונג.

ניט נאָר האָבן זיי פון זייער צייטונג דעמאָלט קיין האָנאָראַר ניט באַקומען, נאָר ניט זעלטן האָבן זיי זייערע לעצטע סענטן, וועלכע זיי האָבן פאַרדינט, אַרבעטנדיק ערגעץ אין אַ שאַפּ, איר אָפּגעגעבן, כדי איר נשמה צו דערהאַלטן...

זיי האָבן עס ניט געטאָן צוליב דעם „מאָרגען״, ווייל זיי זאָלן האָבן געהאָפט, אַז מאָרגן וועלן זיי זייער באַלוינונג באַקומען. אָ, ניין! אין דעם קרייז וואו זיי האָבן זיך געפונען, האָט קיינער, דאַרף מען געדענקען, ניט געגלויבט ניט אין דער יידישער ליטעראַטור און ניט אין דער יידישער שפּראַך פון מאָרגן. ווי אָפט האָט קראַנץ דעמאָלט געטענהט, דערמאָן איך, אַז די יידישע פּרעסע וועט דאָ ניט אויסלעבן אירע פינף־און־צוואַנציק יאָר...

וואָס דען האָט זיי געטריבן צו הונגערן און צו שרייבן און צו דערציען אַ שפּראַך, וועלכע וועט מוזן שטאַרבן? דער אומבאַוואוסטער שאַפונגס־דראַנג, אָט דאָס און נאָר דאָס אַליין האָט זיי צו דעם געטריבן!

און איך גלויב, ווייל אין אונדז האָט געלעבט דער דאָזיקער כוח, האָבן מיר געקאָנט דאָ באַשאַפן אַ יידישע ליטעראַטור, און אונדזער אַרבעט איז דערפאַר הייליק און טייער געווען, און מיט אַ ריינעם האַרצן און מיט אַ ריינער כוונה האָבן מיר זי געטאָן. און דאָס בעסטע, וואָס איז אין אונדז געווען, האָבן מיר אַלע אין דעם אַריינגעטאָן, — יאָ, ווייל אין אונדז האָט געלעבט דער כוח פון דעם אומבאַוואוסטן שאַפונגס־דראַנג!...

און מיר פאַלט איין, אַז אפילו דער רואיקער און פּראָזאַאישער קראַנץ, ווען ער האָט זיך דעמאָלט אָנגענומען פאַר דער יידישער שפּראַך אין וועלכער ער האָט ניט געגלויבט, איז אויך אין יענער רגע געטריבן געווען צו דעם פון דעם אומבאַוואוסטן שאַפונגס־דראַנג!...

פּיאָנערן זיינען מיר געווען... יאָ! וואָרום נאָר פּיאָנערן ווייסן פון דעם דאָזיקן געטלעכן כוח, וואָס שאַפט עפּעס פון „תוהו ובוהו״, נאָר זיי פאַרמאָגן יענעם קינסטלערישן ווילן און יענע געדולד און יענע ליבע, און יענע ברייטוויליקייט צו ליידן און צו מקריב זיין זיך פאַר דעם „עפּעס״, וואָס דאַרף ערשט באַשאַפן ווערן.

די פּיאָנערן זיינען ערשט די אמתע קינסטלער...

זיבעטער קאַפּיטל

דער „זיידע" מאָריס ווינטשעווסקי

דער ערשטער שריפטשטעלער, וואָס האָט געריעדט צו די יידישע אַר־בעטער־מאַסן וועגן סאָציאַליזם אין אַ קלאָרער יידישער און געשליפענער שפּראַך איז געוועזן מאָריס ווינטשעווסקי, דער „זיידע" פון דעם סאָציאַ־ליסטישן וואָרט אין יידיש, סיי אין פּראָזע און סיי אין פערזן.

ווען די יידישע סאָציאַליסטישע פּרעסע האָט זיך דאָ גענומען שאַפן, איז ער שוין דאַן באַרימט געוועזן.

זיין רום האָט זיך געטראָגן צו אונדז פון לאָנדאָן. דאָרט האָט ער גע־שריבן זיינע „צעשלאָגענע געדאַנקען פון אַ משוגענעם פילאָסאָף" און זיינע רעוואָלוציאָנערע לידער. דאָרט האָט ער אָנגעהויבן זיין שריפטשטעלערישע און רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט אין דער יידישער שפּראַך, דאַכט זיך, מיטן אַרויסגעבן זיין צייטונג „דאָס פּוילישע אידעל", אין 1884.

איך געדענק דעם איינדרוק, וואָס ער האָט אויף מיר געמאַכט, בעת מיר איז איין מאָל, אַרום 1893, אַריינגעפאַלן אין די הענט אַ יאָרגאַנג פון דעם לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד".

איך לייען דאָרט זיינע „משוגעתן" און ער מאַכט אויף מיר אַזאַ שטאַרקן און טיפן איינדרוק מיט זיין אייגנאַרטיקן סטיל, מיט דער קלאָרער און גע־שליפענער שפּראַך און מיט דער וואַרעמער, יונגער נשמה, וואָס אָטעמט אַרויס פון זיין יעדער שורה, אַז איך פאַרליב זיך פשוט אין אים. און — מערק־ווירדיק, איך ווייס ניט פאַרוואָס — עפּעס מאָלט ער זיך אויס אין מיין פאַנ־טאַזיע אַלס בלאָנדער, מיט העלע, ליכטיקע אויגן און שמייכל.

יאָ, איך בין אַ הייסער חסיד זיינער געוועזן. סיי דערפאַר, ווייל די ריכ־טונג פון זיין שרייבן איז מיר געוועזן הייליק און סיי פאַר די ליטעראַרישע מעלות פון זיין שרייבן.

אין יענער צייט האָט זיך קיינער פון די סאָציאַליסטישע שרייבער ניט געקאָנט פאַרגלייכן צו אים ניט מיט דער שפּראַך און ניט מיט דעם סטיל פון שרייבן.

זיין סטיל איז געוועזן זיינער, דורכאויס זיינער, און זיין שפּראַך איז געוועזן אַ פיין־געשליפענע און געטאָקטע, ווי די האַנטשריפט זיינע, מיט וועלכער איך האָב זיך שפּעטער באַקאַנט.

אין לאָנדאָן איז ער באַפריינדעט געוועזן מיט דעם באַרימטן ענגלישן

רעוואָלוציאָנערן דיכטער און עסטעט וויליאַם מאָריס, און קאָנטיק אַז יענער האָט אויף זיין שרייבן אַן איינפלוס געהאַט.

ווייל פאַרגלייכט מען דאָס שרייבן פון די אַנדערע יידישע רעוואָלוציאָנערן פון יענער צייט צו ווינטשעווסקיס, מוז מען זיך וואונדערן, ווי געשליפן און געטאָקט איז זיין יעדער זאַץ געווען, אַזוי ווי אַן אויסגעפוצט ציטעריק קינד זיינס ער וואָלט אויסגעריכט אויף גאָטס וועלט, און ווי ראַפינירט ער איז אין זיין שרייבן געווען!

מ. ווינטשעווסקי

ווינטשעווסקי האָט געהאַט אַ סך וויץ. ער איז, נאָך מיין מיינונג, דער טיפּישסטער ליטווישער וויצלינג, דער איינציקער פון דעם מין, אין אונדזער יידישער ליטעראַטור.

זיין וויץ האָט שטענדיק געהאַט אַן ערנסטע כוונה, און שטענדיק אויסן געווען צו קריטיקירן עפּעס און צו וועקן דעם געדאַנק ביי דעם לייענער.

פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט איז ער נאָך גאָרנישט אָפּגעשאַצט געוואָרן ביי אונדז.

דערפאַר אפשר איז זיין וויץ ביי אונדז ניט גענוג אָפּגעשאַצט געוואָרן, ווייל דער וויץ איז פאַרלאָרן געגאַנגען צוזאַמען מיט יענע טעגלעכע פראַגן פון צענדליקער יאָרן צוריק, וועלכע האָבן אים דאַן אויפן מאָמענט אַרויסגערופן.

איך בין אָבער זיכער, אַז דער צוקונפטיקער יידישער ליטעראַטור־היס־טאָריקער וועט עס אַלצדינג געהעריק אָפּשאַצן און וועט אָפּגעבן ווינטשעווסקין דעם פּלאַץ, וואָס געהערט נאָר אים אַליין אין אונדזער ליטעראַטור.

איך געדענק, ווי אָפּגענאַרט איך האָב זיך דערפילט, ווען איך האָב אים צום ערשטן מאָל דערזען.

דאָס איז געווען אין פילאַדעלפיע, דאַכט זיך, אין 1894. איך געדענק יענע מאַסן־פאַרזאַמלונג אין דייטשן לייבאָר לייסעאום אויף זעקסטער און ברוין סטריט, וואו אַ גרויסער עולם איז געקומען אים מקבל פּנים זיין. דאַן האָב איך געזען, אַז איך בין ניט דער איינציקער, וואָס האָט אים אַזוי פאַרערט.

איך האָב זיך אָבער געפילט אָפּגענאַרט, וויל מיין בלאָנדער ווינטשעווסקי מיט די העלע אויגן האָט אויפן וואָר געהאַט פעך־שוואַרצע האָר און וואָנצעס...

אַלס רעדנער איז ער מיר דעמאָלט ניט שטאַרק געפעלן געוואָרן. איך געדענק, ער האָט גערעדט זיכער און גלאַט, האָט זיך געהאַלטן גלייך און מיט ווירדע, אָבער אין זיין רעדע האָט געפעלט יענער רעדנערשער פונק, וואָס האָט דעם כוח אָנצוצינדן הערצער פון צוהערער. פייגענבוים, וועלכער האָט אויך אויף יענער פאַרזאַמלונג גערעדט, איז מיר ניט־אין־אַן־ערך בע־סער געפעלן געוואָרן אַלס רעדנער, איידער ער.

שפּעטער האָב איך זיך באַקענט מיט אים אין ניו־יאָרק און בין געבליבן זיינער אַ פאַרערער.

איך דערמאָן זיך אָן אַזאַ סצענע. אין אַ רעגנדיקן זונטאָג איז דאָס גע־ווען. איך האָב געוואוינט אין האָבאָקען, אין אַן אַלט הילצערן־שטיבל, אונ־טערן דאַך.

ער האָט געדאַרפט קומען צו מיר צו־גאַסט. וואַרט איך אויף אים מיט אומגעדולד, שיער ניט ווי אַ חסיד אויף זיין רבין, אַזוי אויך מיין ווייב.

אין דרויסן גיסט אַ קאַלטער גאָס־רעגן און קלאַפּט אונדז אין די פאַר־מאַכטע פענצטער און ווײנט דורכן סופיט אין שטוב אַריין.

מאַכט מיין ווייב:

— אין אַזאַ גאָס־רעגן וועט ער ניט קומען...

און דווקא ווי איר אויף צו־להכעיס, הויבט זיך אָן אונדזער הויז — די חורבה, — צו וויגן און מיר דערהערן דעם כריפּען פון די טרעפּ... הייסט עס, עמיצער קומט... איך עפן די טיר...

— העלאָ, קינדער!

— העלאָ, זיידע!...

און ער קומט אַריין. שוואַרץ זיינען די האָר און וואָנצעס, הויך און שלאַנק זיין געשטאַלט, פאַטערלעך־פריינטלעך איז זיין שמייכל און וואַרעם

און יוגנטלעך זיין בליק. ער איז אינגאַנצן דורכגענעצט און אָן אַ שירעם.

— גאָר אָן אַ שירעם, זיידע?

— איך האָב פיינט שירעמס, קינדער. שירעמס און וועכטער און באַ־שיצער, — מאַכט ער מיט זיין פּאַטערלעך־פריינטלעכן שמייכל.

איך און מיין פרוי קוועלן־אָן פון דעם דאָזיקן ענטפער. פאַר אונדז איז דאָס דער ענטפער פון דעם „משוגענעם פילאָסאָף", וועלכן מירביידן פאַר־ערן דעמאָלט אַזוי.

ער איז דאָן דער רעדאַקטאָר פון דעם „אמת" — אַ וועכנטלעכע סאָ־ציאַליסטישע צייטונג, וואָס ער, מיט דער הילף פון אייניקע איבערגעגעבענע גענאָסן און פאַרערער זיינע, האָבן דאָן אַרויסגעגעבן אין באָסטאָן.

פאַר זיין רעדאַקטירן די צייטונג האָט ער באַקומען הונגער־שכירות און די איבעריקע מיטאַרבעטער — הונגער אָן שכירות...

ווי שיין איז יענער הונגער געווען!...

ער וויל איך זאָל אים אַ סקיצע געבן פאַר זיין „אמת". גראַד דעמאָלט האָב איך אַ אידייע פאַר אַ נייער סקיצע. איך וויל באַשרייבן אַ חזן, וואָס יינגל־וויַיז האָב איך ביי אים אַמאָל געזונגען. איך פאַרשפּרעך אים די דאָזיקע סקיצע פאַר זיין „אמת". איז ער צופרידן.

שפּעטער באַגלייט איך אים צו דער „פּערי". דער רעגן גיסט און ביי אים פּייפּן די שיך, ניט גאָר גאַנצע, פאַר נאַסקייט. ער הערט אָבער דעם רעגן און די שיך ווי אין טראַק, און רעדט און רעדט מיט היץ וועגן זיין „אמת", וועגן דער „באַוועגונג", און מיר אַליין איז אויך אַזוי וואַרעם פון זיינע ווערטער, ווי נאָר אַ גרינעם אין יענער גרינער צייט...

אגב, וועגן יענער סקיצע. איך מוז דאָס דערציילן, ווייל עס וועט ווייזן, ווי אַזוי מיר האָבן געאַרבעט אין יענער צייט.

געקומען דערנאָך אַהיים, זעץ איך זיך באַלד שרייבן מיין סקיצע: „מאָטקע פּייפל". שרייב זי מיט ליבע, מיט התפעלות, וויסנדיק, אַז פאַר מיין אַרבעט וועל איך קיין סענט ניט באַקומען. נאָר דער געדאַנק אַליין, אַז זי וועט געדרוקט זיין אין ווינטשעווסקיס „אמת", וואַרעמט און באַגייסטערט מיין אַרבעט.

איך שרייב ביינאַכט, קיין גאַז איז נישטאָ. פאַר קעראָסין פעלן די עט־לעכע סענט, שרייב איך פאַר אַ ליכטל...

אין דרויסן גיסט נאָך דער רעגן. די שויבן לאָזן אַרויס גלעזערנע און פּייכטע קלאַנגען: צאַפּ־צאַפּ־צאַפּ! און דורכן סופיט — טראַפּ־טראַפּ־טראַפּ! און דאָס פּייערל פון דעם ליכטל אויפן טיש פאַר מיר ציטערט יעדע ווײלע אויף, און איך שרייב...

און באַלד בין איך שוין מער נישטאָ אין מיין הויז, אין האָבאָקען. איך בין העט איבער אַלע ימים, דאָרט, אין דער היים פון מיין קינדהייט; ביי מיין חזן אינעם הויז בין איך און צוזאַמען מיט אַנדערע משוררים זינג איך אין די ימים־נוראימדיקע „שטיקלעך“...

און פלוצים... וואו בין איך? אַ פינצטערניש האָט מיך אַרומגע־וויקלט... איך טו זיך אַ כאַפּ, דאָס איינציקע ליכטל האָט זיך פאַרלאָשן, איז אויסגעגאַנגען אינמיטן שיינעם זינגען!

קוים דערלעבט ביז עס איז טאָג געוואָרן. געענדיקט, געקראָגן ערגעץ עטלעכע סענט און אַוועקגעשיקט מיין „מאָטקע פייפעל“ צום „אמת“.

אַזוי האָבן מיר געאַרבעט דאָ, אין אַמעריקע, אין יענער „גרינער“ צייט!

ווינטשעווסקין האָב איך דערנאָך אָפט געטראָפן, דערקענט אים נעענטער, באַמערקט אויך שוואַכקייטן, וואָס זיינען מיר ניט גאָר געפעלן געווען, אין זיין כאַראַקטער, אָבער דעם רעספּעקט צו אים האָב איך קיינמאָל אינגאַנצן ניט פאַרלאָרן.

ווינטשעווסקי האָט אויך ניט געשאַנעוועט זיינעם אַ קעגנער, אָבער זיין קעגנערשאַפט האָט אַ מאָס געהאַט, אַ גרענעץ און אַ צייט, און רודפן אַ קעג־נער עד חרמה, ווי מען זאָגט, בין איך זיכער, וואָלט ער ניט געקאָנט.

חוץ דעם האָט ווינטשעווסקי אַלעמאָל געהאַט די גרעסטע אַכטונג פאַר דעם שרייבער, וועלכער האָט גוטע אַרבעט געטאָן, און דעם גרעסטן אָפּשיי פאַר דעם געדרוקטן יידישן וואָרט און פאַר דעם יידישן לייענער. דאָס גע־דרוקטע יידישע וואָרט איז ביי אים ניט קיין שטרוי געווען און דער יידישער לייענער — ניט קיין בהמה...

איינער, אַן אַלטער פריינט פון ווינטשעווסקין און אַ קלוגער מענטש, האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט אַזוי וועגן אים:

— ווינטשעווסקיס אומגליק איז געווען, וואָס ער האָט אַלץ געוואָלט זיין אַ „פּאָליטיקער“ אין דער באַוועגונג — דאָס וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געקענט און ניט געדאַרפט זיין. — ער, ווינטשעווסקי אַליין, האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט אין איינער פון זיינע לידער, אַז ער קאָן ניט זיין קיין ציגל פאַר אַ געביידע, קיין פאַרטיי־מאַן קאָן ער ניט זיין.

און דער סוף איז געווען, אַז קאַהאַן האָט אים אויפגעהערט צו דרוקן אין דער צייטונג, וואָס ער, ווינטשעווסקי, איז געווען איינער פון אירע באַ־שאַפער...

עס איז שוין אַפּנים אַזוי דער גורל פון פּיאָנערן, צו זיין די פלאַנצער און די זייער, אָבער ניט די געניסער פון זייער אַרבעט...

אַכטער קאַפּיטל

לואי מילער

אין יענער צייט, ווען איך האָב זיך מיט אים צום ערשטן מאָל געטראָפן, איז ער שוין געווען זייער שטאַרק פּאָפּולער אויף דער היגער יידישער גאַס, און גלייך האָט ער אויף מיר אַ טיפן איינדרוק געמאַכט.

אַ שטאַרקע, שטורמישע פּערזענלעכקייט איז ער געווען. די איינציקע אמת שטאַרקע פּערזענלעכקייט צווישן זיי אַלעמען, און די סאַמע טראַגישסטע.

ער האָט באמת געקאָנט זאָגן: „אַ הויז האָב איך געבויט, און אַן אַנדערער האָט עס פאַרנומען"...

ווייל ער איז געווען דער הויפּט־בויער פון דער היגער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און פון דער היגער יידישער סאָציאַליסטישער פּרעסע; ווייל ער איז אויך געווען דער ווילן און דער טעמפּעראַמענט און די ענערגיע פון דעם „פאָרווערטס", ווען די דאָזיקע צייטונג האָט זיך באַוויזן אויף דער היגער יידישער גאַס; און יאָרן לאַנג דערנאָך, ווען מען האָט דעם „פאָרווערטס" געמוזט אַריינגעבן נייע כוחות, אַריינשפּריצן אין אים ניי בלוט, כדי ער זאָל קאָנען ווייטער לעבן, איז דאָס מילער געווען דער יענער, דער עיקר מילער, וועלכער האָט אין אים זיינע כוחות אַריינגעגעבן, זיין בלוט אַריינגעשפּריצט...

איך בין זיכער, אַז ווען דער „פאָרווערטס" זאָל זיין אַ לעבעדיק באַשעפעניש און מען זאָל עס אַ שניט טאָן, וואָלט אפילו נאָך היינט פון אים מילערס בלוט אַרויסגעשפּריצט...

אַזוי אויך וואָלט מען געקאָנט געפינען זיינע כוחות און זיין ענערגיע אין דעם לעבן פון דער היגער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג.

און כוחות האָט ער געהאַט גרויסע, דינאַמישע, פול מיט לעבן, ענערגיע און קאַמפּס־לוסט, וועלכע האָבן קיינמאָל ניט געקאָנט רוען.

וואו קאַמף איז געווען, דאָרט איז מילער געווען און דאָרט האָט ער זיך געפילט ווי אַ פיש אין וואַסער; וואו קעגנערישע שטאַרקייט איז געווען, דאָרט האָט זיך מילער געמאָסטן מיט זיינע כוחות.

און ווי אַגרעסיוו און קאַמפּסלוסטיק ער איז ניט געווען, האָט ער קיינמאָל ניט אַטאַקירט אַ קעגנער, וועלכער איז שוואַך געווען. אַ שטאַרקן קעגנער — יאָ, און נאָך ווי! אָן רחמנות, און אַמאָל אפילו מיט ניט גאָר קיין כשרע מיטלען אויך; אָבער אַ שוואַכן קעגנער צו אַטאַקירן, אַזוי ווי ער האָט געקאָנט, — דאָס איז אַלע מאָל געווען קעגן מילערס געזונטער און, מען קאָן זאָגן, ספּאָרטישער נאַטור.

ער איז געווען דער היפּוך פון קאַהאַנען. בעת קאַהאַן האָט שטענדיק אַטאַקירט דעם שוואַכן צד, ווען ער האָט נאָר געפילט, אַז מיט אים איז דער שטאַרקערער צד, האָט מילער אַלע מאָל אַטאַקירט דעם שטאַרקן צד, ווען ער האָט נאָר געפילט, אַז מיט אים איז דער שוואַכער צד...

שטאַרקער צו מאַכן דעם שוואַכן צד און שוואַכער צו מאַכן דעם שטאַרקן — אויף דעם איז מילער שטענדיק גרייט געווען. ווייל דאָ האָט זיך גע־פאָדערט צו קעמפן, צו מעסטן זיך מיט כוחות.

כל־זמן, צום ביישפּיל, דער „פאָרווערטס" איז שוואַך געווען; כל־זמן מען האָט געדאַרפט קעמפן יעדן טאָג פאַר זיין לעבן, האָט מילער פאַר אים געקעמפט; געקעמפט קעגן דעם „אַבענד בלאַט", קעגן דעם שטאַרקערן צד, אויפגעגעבן זיין אָפּיס (אַ לאָיער איז ער געווען) און געקעמפט פאַר דער עקזיסטענץ פון דעם „פאָרווערטס", באַקומענדיק איין מאָל אין דריי וואָכן די צוואַנציק דאָלער געהאַלט, וואָס ער האָט געזאָלט באַקומען אַלס רעדאַק־טאָר פונעם „פאָרווערטס" יעדע וואָך...

ער האָט געהונגערט און די שוואַכע צייטונג ניט פאַרלאָזן. ווען אים איז שוין געוואָרן צו־ענג, האָט ער דאַן די רעדאַקציע איבערגעגעבן צו אַנ־דערע, פאַרדינט עטלעכע דאָלער אין זיין „לאָ־אָפּיס", געזעטיקט אויף אַ ווײַלע זיין הונגער, און איז צוריקגעקומען אין „פאָרווערטס" און האָט ווײַ־טער געקעמפט פאַרן לעבן פון דער צייטונג.

קאַהאַן איז שוין געווען לאַנג אַוועק פון „פאָרווערטס", ניט מער ווי עטלעכע חדשים איז ער מיט דער צייטונג דאַן אָפּגעווען, ווייל זי האָט קוים געזשיפּעט און ניט געקענט צאָלן און ווייל מיט איר האָט ער זיך דאַן גע־פילט דער שוואַכער צד, איז ער אַוועק אַרבעטן צום ענגלישן „קאָמערשאַל אַדווערטאַיזער" אַלס רעפּאָרטער פאַר צוואַנציק דאָלער וועכנטלעכן געהאַלט און האָט דאָרט געאַרבעט עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד, ביז דער „פאָרווערטס" האָט שוין געקענט שטיין אויף זיינע אייגענע פיס. דאַן האָט מילער דער־זען, אַז ער איז שוין דאָרט ניט אַזוי נויטיק ווי פריער, און ער מיט ווילִיאַם ליעף זיינען דאַן אַוועק צו קאַהאַנען און, ווי מילער האָט מיר דערציילט, האָט ער צו קאַהאַנען אַזוי געזאָגט:

— איר האָט אַ צוקונפט אין דער יידישער פּרעסע, ניט אין דער ענג־לישער. קומט צוריק אין „פאָרווערטס".

און מילער און ליעף האָבן אים געמוזט גאַראַנטירן דרייסיק דאָלער אַ וואָך און דווקא אין מזומנים, ניט אין טשעקס. דאַן האָט קאַהאַן פאַרלאָזן זיין „רעפּאָרטער דזשאַב" אינעם קאָמערשאַל אַדווערטאַיזער" און איז צו־ריקגעקומען אין „פאָרווערטס".

אָבער איך בין ניט אויסן דאָ צו דערציילן די געשיכטע פונעם „פאָר־ווערטס“, דאָס וועל איך טאָן שפּעטער — איך דערמאָן דאָ נאָר דעם דאָזיקן פאַקט וועגן מילערס אַרבעט פאַר דעם „פאָרווערטס“, אַלס אילוסטראַציע פאַר מילערס כאַראַקטער.

כל זמן דער „פאָרווערטס“ האָט געשוועבט צווישן לעבן און טויט, איז מילער מיט אים געווען און האָט פאַר זיין לעבן געקעמפּט. איז דער „פאָר־ווערטס“ שטאַרקער געוואָרן און דער אַנדערער צד, דאָס „אָבענד־בלאַט“ שוואַכער (דאָס „אָבענד־בלאַט“ איז טאַקע באַלד דאַן אונטערגעגאַנגען) האָט מילער דאַן דערפילט, אַז זיין קאַמף איז שוין איבעריק, און ער האָט דעם „פאָרווערטס“ איבערגעגעבן דעם מענטשן, וועלכער איז פון „פאָרווערטס“ אַוועק בעת מען האָט געדאַרפט קעמפן פאַר זיין עקזיסטענץ.

דאָס איז געווען מילער. אַזוי איז ער אַלעמאָל געווען.

איך קאָן ניט פאַרגעסן די וואונדערלעכע קאַמפּס־פיאיקייט, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן באַזונדערס איין מאָל, ווען דער „פאָרווערטס“ איז געווען אין דער העכסטער סכנה.

דאָס איז געווען ווען די געגנאָסן פונעם „פאָרווערטס“ האָבן אָפּט געמאַכט אונטערנעמונגען, כדי צו שטיצן זייער ציייטונג. האָבן זיי איין מאָל אין יענער צייט געהאַט אַן „עקסקוירשאָן“ איבערן האַדסאָן און אויף יענעם „עקסקוירשאָן“ האָט אַן אומגליק געטראָפן: אַ מיידל, איינע, וועלכע איז געפאָרן צום „עקסקוירשאָן“, איז עפּעס צופעליק אויף איינער פון די שיפן דערשאָסן געוואָרן. פאַר שרעק זיינען די איבעריקע אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז אַ סך פון די דאָזיקע „עקסקוירשאָניקעס“ זיינען געבליבן נעכטיקן אינעם וואַלד, וואו זיי האָבן אַראָפּגעשטיגן פון די שיפן. דער גאַנצער קוואַרטאַל האָט זיך אויפגעהויבן און איז באַפאַלן דעם „פאָרווערטס“. מאַמעס האָבן געפאָדערט זייערע טעכטער, ווייבער זייערע מענער, מענער זייערע ווייבער.

און דערצו נאָך איז דאָס „טאַגעבלאַט“ דאַן אַרויס מיט אַן אויפרייצנדיקן אַרטיקל קעגן דעם „פאָרווערטס“.

אין אַ שרעקלעכער לאַגע איז דאַן דער „פאָרווערטס“ געווען, און מען קען זיכער זיין, אַז ווען אַן אַנדערער וואָלט דאָרט געווען אויף מילערס פּלאַץ, וואָלט מען דעם „פאָרווערטס“ צעטראָגן. מילער אָבער... ער האָט דאָ געהאַט אַ געלעגנהייט צו דערפילן זיך אַליין און צו לאָזן אַנדערע אים צו דערפילן...

דעם שטורעם פון די אַלע אויפגערעגטע מענטשן האָט ער באַגעגנט מיט שטורעם... ניט באַהאַלטן זיך פון זיי, ניט אַנטלאָפן פון זיי, ווי אַן אַנדערער אויף זיין פּלאַץ וואָלט זיכער געטאָן, נאָר איז אַרויס צו זיי מיט אַ שטורמי־

שער רעדע און באַלד האָט ער זיי אַלעמען אונטער זיין קאָנטראָל געהאַט...

נאָך מער: אויף דער אַטאַקע פונעם „טאָגעבלאַט" האָט ער געענטפערט אין „פאָרווערטס" מיט אַזאַ „קעגן־אַטאַקע, אַז עס האָט שיער ניט אויסגעזען, אַז שולדיק אין דעם אומגליק אויף דעם „עקסקוירשאָן" איז געווען גאָר... דאָס „טאָגעבלאַט"...

דאָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר מילערן. מילער האָט נאָר דאַן געלעבט מיט אַלע זיינע חושים, ווען ער האָט געקעמפט. און וואָס שווערער

לואי מילער

און פאַרוויקלטער דער קאַמף איז געווען, אַלץ היימישער האָט ער זיך אין אים געפילט.

אָפט איז ער געווען צו־פערזענלעך אינעם קאַמף, אַמאָל שרעקלעך פערזענלעך און ניט זעלטן, ווי איך האָב שוין באַמערקט, האָט ער זיך באַנוצט מיט ניט גאָר קיין כשרע מיטלען אין זיין קאַמף. אָבער ווי פערזענלעך ער איז ניט געווען, דאַרף מען געדענקען, אַז ער האָט קיינמאָל ניט געקעמפט פאַר זיינע פערזענלעכע אינטערעסן, נאָר כמעט אַלעמאָל קעגן זיינע פערזענלעכע אינטערעסן. דאָס וועלן אפילו ניט קענען אָפלייקענען זיינע ביטערסטע

שונאים, ווען זיי זאָלן וועלן אומפּאַרטייאיש זיך אַריינטראַכטן אין מילערס קאַריערע.

וואָלט ער אינזינען געהאַט זיינע אייגענע אינטערעסן, וואָלט ער פאַר־בליבן דער רעדאַקטאָר פונעם „פאָרווערטס". וואָלט ער אינזינען געהאַט זיינע פּערזענלעכע אינטערעסן, וואָלט ער געווען אַ דערפאָלגרייכער לאָיער, ווייל די פייאיקייטן צו זיין אַ גוטער לאָיער האָט ער אַלעמאָל געהאַט. ער האָט אָבער שטענדיק פאַרנאַכלעסיקט זיין „לאָ־אָפיס", ווייל דער גזעל'שאַפטלע־כער קאַמף האָט אים תמיד מער אינטערעסירט, איידער זיינע אייגענע אינ־טערעסן.

אין 1897 האָט ער געשטודירט מעדיצין אין בערלין (ער האָט אינזינען געהאַט אויפצוגעבן אינגאַנצן זיין אַדוואָקאַטור, וועלכע ער האָט פיינט גע־האַט)... באַקומט ער דאַן מיטאַמאָל אַ בריוו פון קאַהאַנען, אַז ער מוז קו־מען ראַטעווען די באַוועגונג און די פּרעסע — פון דעליאָנען און קראַנצן. וואַרפט מילער זיין שטודיום און קומט קיין ניו־יאָרק העלפן זיין פריינט קאַ־האַנען „ראַטעווען די באַוועגונג און די פּרעסע". ער האָט ניט געקלערט וועגן זיין אייגענעם תכלית. דערהערט דעם רוף „קאַמף", האָט ער וועגן זיינע אייגענע אינטערעסן מער ניט געטראַכט...

און חוץ דעם, איז טאַקע מילער אויך אויסן געווען צו העלפן זיין פריינט קאַהאַנען, ווייל דאָס איז אויך געווען איינער פון די הויפּט־שטריכן אין זיין כאַראַקטער — פאַר אַ פריינט איז ער גרייט געווען צו גיין אין פייער און אין וואַסער.

מילער האָט געקאָנט האַסן, ער האָט אָבער אויך געקאָנט ליבן. האַסן פאַר אַ מענטשן איז מענטשלעך, אויב יענער קאָן אויך ליבן. קאָנען האַסן און ניט קאָנען ליבן — דאָס איז די אייגנשאַפט נאָר פון דעם טייוול, צי פון אַן אָבנאָרמאַלן מענטשן

אין דעם אונטערשיידעט ער זיך אויך פון קאַהאַנען. ער האָט געקאָנט האַסן, אָבער ליבן אפשר נאָך מער. קאַהאַן קאָן נאָר האַסן, אָבער ניט ליבן.

קאַהאַן איז אַמאָל סענטימענטאַל, אָבער סענטימענטאַליטעט איז כמעט אַלעמאָל דער אויסדרוק פון שוואַכקייט, פון צעקראַכנקייט, פון היסטעריש־קייט, זעלטן פון אַ שטאַרקן ליבע־געפיל.

צוליב זיין איבערגעגעבנקייט צו זיינע פריינט, האָט ער, מילער, זיך צעקריגט מיטן „פאָרווערטס" אויך און אים דאַן פאַרלאָזן — צוליב קאַהאַנס האַנדלונג קעגן גאָרדינען און ליעסינען, וואָס וועגן דעם וועל איך נאָך שפּע־טער שרייבן.

מילער האָט זיך קיינמאָל ניט נאָכגעשלעפּט, ווי קאַהאַן, נאָכן „שטראָם״, נאָר איז אַלעמאָל געגאַנגען קעגן שטראָם! זיין גרעסטע אַמביציע איז אַלע־מאָל געווען צו ווייזן דעם גאַסן־שטראָם, אַז ער איז שטאַרקער פון אים. אין דעם האָט זיך אַרויסגעוויזן זיין שטאַרקע פּערזענלעכקייט, וועלכע איז זיכער געווען אין אירע קרעפטן פּונקט ווי אין דעם שטענדיקן נאָכשלעפּן זיך נאָכן גאַסן־שטראָם — קאַהאַנס פּערזענלעכקייט.

מילער איז דורכגעפאַלן, קאַהאַן האָט געזיגט; אָבער אין דעם דורכפאַל פון מילערן, איז דער זיג פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט און אין דעם זיג פון קאַהאַנען איז איר דורכפאַל...

מילער איז געווען איינער פון אונדזערע בעסטע זשורנאַליסטן. ער האָט מיר דערציילט, אַז דעם יידישן אַלף־בית האָט אים קראַנץ אויסגעלערנט, וועלכער האָט אים צוגערעדט, ער זאָל אָנהויבן צו שרייבן אין יידיש. אַ לאַנגע צייט האָט מילער ניט געגלויבט אין זיין יידיש שרייבן, ווייל קאַהאַן האָט אַלץ געטענהט, אַז ער האָט ניט קיין ברעקל פיייאיקייט פאַר דער יידי־שער זשורנאַליסטיק. ביז איין מאָל האָט ג. זעליקאָוויטש, וועלכער האָט, אגב, צו יענער צייט געשריבן אין דער „אַרבעטער־צייטונג״ אונטער די נעמען „ליטווישער פילאָסאָף״, „קאַסאַקער טייוול״ און אונטער נאָך אַנדערע נעמען, שטאַרק געלויבט זיינעם אַן אַרטיקל און דערביי זיך אויסגעדריקט, אַז הלוואי זאָל קאַהאַן שרייבן אַזאַ ליטעראַרישן יידיש. די מיינונג פון זע־ליקאָוויטשן האָט דערמונטערט מילערן ווייטער צו שרייבן.

מילער איז געווען דער בעסטער רעדנער צווישן זיינע אַלע פריערדיקע חברים. ער איז געווען דער אמתער אָראַטאָר.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן זיינע אַ רעדע, וואָס איך האָב געהערט באַלד נאָכן קישענעווער פּאָגראָם און די שטימונג, וואָס ער האָט געשאַפן צווישן עולם.

איך וועל אויך קיינמאָל ניט פאַרגעסן, ווי פריינטלעך ער האָט זיך פאַר־האַלטן צו זיינע חברים שרייבער, וואָס האָבן געאַרבעט צוזאַמען מיט אים. איך האָב געאַרבעט מיט אים אַכט חדשים אין דער „וואַרהייט״ און איך האָב אים אמת ליב באַקומען. אַזוי האָבן אים ליב געהאַט אַלע זיינע שרייבער. יעדער גוטער אַרטיקל פון אַן אַנדער שרייבער אין זיין צייטונג האָט אים געפרייט. יעדן שרייבער האָט ער דערמונטערט. און יעדן שרייבער זיינעם איז ער געווען אַן איבערגעגעבענער פריינט. איך דערמאָן זיך, ווי ער איז אַרומגעגאַנגען מיט די פּיעסן פון אַ שרייבער, וואָס האָט אין זיין צייטונג געאַרבעט, איבער די יידישע טעאַטערס און זיי געזוכט צו פאַרקויפן פאַר

אים. דערפאַר ווען איך האָב דערנאָך פאַרלאָזן די „וואַרהייט״ אויף דעם פאַרלאַנג פון די „פאָרווערטס״־געגנאָסן, אין אַ צייט ווען „אונדזער״ צייטונג איז געווען אין גרויסן „טראָבל״ און האָט זיך געגויטיקט אין מיין הילף, האָב איך זיך געזעגנט מיט מילערן דורך אַ בריוול, אין וועלכן איך האָב צו אים אויסגעדריקט מיין אויפריכטיקע ליבע און אַכטונג...

ווער פון די שרייבער, וואָס האָבן דעם „פאָרווערטס״ פאַרלאָזן, האָט אויסגעדריקט ליבע און אַכטונג צו זיין רעדאַקטאָר?

ניינטער קאַפּיטל

אברהם ליעסין

א.

געווען איז ביי אונדז אַמאָל אַ צייט, ווען אין געוויסע קרייזן פון אונדזער פאָלק און דווקא אין די מער־געבילדעטע און פריירע קרייזן איז צו זיין אַ פיינער מענטש, בפרט אַ „רעוואָלוציאָנער" האָט געמיינט — צו פאַראַכטן און צו פאַרשפּאָטן דאָס יידישע פאָלק און אַלצדינג, וואָס איז געווען יידיש און צו פאַרלייקענען דעם יידישן קיום...

ווי אַ שרעקלעכן הויקער האָבן יענע „פריי" אים אויף זיך געפילט. די ערגסטע צווישן זיי האָבן זיך מיט אים געשעמט און אים פאַראַכט, און די בעסטע האָבן פאַר אים געוויינט, אָבער זיי אַלע, אַלע האָבן אים פאַרמשפּט:

— צום טויט!

צום טויט אינעם נאָמען פון אַסימילאַציע מיט אַנדערע פעלקער, אינעם נאָמען פון אויפקלערונג, אינעם נאָמען פון פעלקער־ברודערשאַפט.

אויף אַ גרויסן קבר האָבן זיי אים אָנגעוויזן און געזאָגט:

— גיי באַגראָב דיין הויקער מיט דיין פאַרפייניקטער נשמה, דיין קלאָגעדיקן היינט און דיין צוקונפט אָן האָפענונג — זאָל זיין אַ סוף צו דיר! זיי דו אַ זון פון רוסלאַנד, פון פוילן, פון דייטשלאַנד, פון אַלע אַנדערע פעלקער, נאָר נישט קיין ייד! געשטאָרבן דער ייד, באַגראָבן, אָפּגעזאָגט נאָך אים דעם לעצטן קדיש, אַוועקגעשטעלט אַ מצבה נאָך אים און באַפרייט די וועלט פון דעם מוראדיקן הויקער און אים אַליין פון אייביקן שפּאָט, פון אייביקע יסורים...

האָט דאָך אפילו דער בעסטער דיכטער זייערער פון יענער צייט, י. ל. גאָרדאָן, אים דאָן געלערנט, אַז ער זאָל זיין אַ ייד ביי זיך אינדערהיים און נישט אַ ייד אויף דער גאַס... פאַר דער וועלט מוז ער אַלס ייד טויט זיין...

די גוטע מענטשן האָבן, על כל פנים, ניט פאַרשטאַנען און ניט געוואוסט, וואָס פאַר אַ לעבעדיקער קוואַל פון יונגע כוחות עס שלאָגט אָט אין דעם אַלטן הויקער. האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ לעבנס־־פייאיקייט, ווי די יידישע, וואָס זי האָט הונדערטער און הונדערטער יאָרן נאָכאַנאַנד געברענט אויף אַלערליי פייערן און שייטערהויפנס און איז ניט פאַרברענט געוואָרן, קאָן זיך ניט פאַרלייקענען, קאָן ניט שטאַרבן, ניט אויפן באַפעל און ניט אויפן ראַט פון פיינט אָדער פריינט. זיי האָט זיך אויך ניט געחלומט, אַז קומען וועט אַ צייט, ווען דער דאָזיקער הויקער וועט זיך אַמאָל אויסגלייכן שטאָלץ

און פול מיט קראַפט און וועט אָנהויבן צו רעדן מיט אַ פרייער, דרייסטער שפּראַך, דווקא וועגן לעבן, לעבן, וועגן אַן אייגענעם לעבן...

אין דער יידישער געטאָ האָט זיך אַ נייער קול גענומען הערן, אַ קול פון אַ נייעם טיפּ ייד, וואָס האָט גערעדט ניט וועגן טויט, נאָר וועגן לעבן פון־נעם יידישן פאָלק, וועגן אַ פרייען און באַפרייטן און אַן אייגענעם יידישן לעבן...

און איינער פון אָט־די יידן, וואָס האָט געלאָזט הערן זיין קול פול מיט גלויבן אין דעם קיום פון זיין פאָלק, איז געווען אויך אברהם וואָלט פון מינסק, אברהם ליעסין.

אין 1894, ווען ער איז נאָך גאָר יונג, דריקט ער אויס זיין גלויבן אין דעם קיום פונעם יידישן פאָלק אין אַ מערקווירדיקן ליד „דער אייביקער ייד". אין דעם דאָזיקן ליד זינגט ער:

„איך פיל, איך בין שטאַרקער פון אַלע יסורים
פון מענטשלעכער בייזקייט און שטרייט,
און שטאַרקער פון פייער, פון וואַסער, פון שטורעם,
און שטאַרקער אפילו פון צייט!

עס זיינען פאַר מיר דורך טויזנטער יאָרן,
די מלוכות, די גרעסטע, געגאַנגען פאַרלאָרן,
די פעלקער, די שטאַרקסטע, פאַרטיליקט געוואָרן,
און וועלט־שטעט צעאַקערט אין זאַלץ,
און ריזיקע בערג זיינען לאַנג שוין צעשאָטן,
און אייביקע וועלדער צעפוילט און צעטראָטן,
און מעכטיקע פעלזן צעווייקט און צעקנאָטן, —
איך לעב און געדייע נאָך אַלץ!

איך לעב און איך לעב און איך וועל נאָך אַלץ לעבן
דורך טויזנטער יאָרן פון שטרייט:
איך וועל נאָך אַלץ לעבן און קעמפן און שטרעבן,
און טעמפּ איז דער צאָן פון דער צייט!..."

אַזוי ווי אַ פייערדיקער ענטפער איז דאָס דאָזיקע געדיכט געווען אויף אַלע בייזע קולות, וואָס האָבן גערופן דאָס יידישע פאָלק צום טויט. דער אַל־טער אַלטער גייסט, דער מכבי־גייסט, וואָלט איך געזאָגט, האָט אַרויסגע־רעדט דורך דעם גייסט פון דעם יונגן מינסקער בחור.

אַן אויסערגעוויינלעכער בחור איז ער געווען. פון אַ משפחה פון גרויסע לומדים, האָט ער שוין צו צוועלף יאָר געקאָנט אַ סך תלמוד און מען האָט געקוקט אויף אים ווי אויף אַן עילוי.

שוין אַרום יענער צייט האָט דער אומרואיקער גייסט פון דעם אומגעוויינלעכן מינסקער יינגל זיך געמאַטערט מיט שאלות וועגן גאָט און אַ לעבן אויף „יענער וועלט״. ער איז געווען זייער פרום, האָבן אים די דאָזיקע געדאַנקען געשראָקן און געפייניקט.

די דאָזיקע פייניקונגען פון אים, דעם קליינעם יינגל, האָט ער שפּעטער איבערגעגעבן אין אַ געדיכט, אונטער דעם נאָמען „דער קליינער צווייפלער״.


אברהם ליעסין

אין בית־מדרש צו כל נדרי ברענען די ליכטער מיד־מעלאנכאָליש און די וועקסענע שטראַלן פאַרשפרייטן ציטעריק לופט־סודות, וואָס ווערן אין דעם פלאַטערן פאַרשוואונדן. די קלויז איז פול מיט פחדיקע סודות, פול מיט פלעמלעך און מענטשן אין ווייסן. ס׳הוידען זיך קיטלען, ס׳טאַנצן אום שאָטנס און „אימהדיק קוקן די אַלע געזיכטער, פאַרהוילטע ביינאַכט אין טליתים אַזוי ווי עס וואָלט זיך דאָ שאָקלען אַ מאוימדיקער קהל פון מתים״...

דער קהל הוידעט און שאָקלט זיך און פון פאַרשיידענע זייטן הודזשען תפילות ווי אַלטע ניגונים פון גרויזאַמע צייטן. די תפילות הודזשען, די יעלות

קלאָגן און עס שוידערט דער געוואַלטיקער לשון, אַזוי ווי די ביימער פון דעם אַלטן בית עולם ביינאַכט אין דעם שטורעמדיקן האַרבסט.

דער יינגל איז אויפגעטרייסלט, ער וויל איצט ניט צווייפלען. ער וויל איצט גלויבן. מאַטערט זיך מיט אַלע כוחות פאַרצושטעלן זיך די גרויסקייט פון גאָט און זיין וועזן, אַזוי ווי ער האָט די הייליקע ספרים געלייענט.

„נאָר פלוצים די בייזע, די העלדישע קליפה
מיט עפּעס אַ ווילדן פאַרגעניגן
זי טוט אים אַ שרעקלעכן עגבער אין מוח:
‚און טאָמער איז אַלץ גאָר אַ ליגן!׳"

און אַ גרויסע אימה באַפאַלט דעם יינגל. ער דערמאָנט זיך, וואָס פאַר אַ מוראדיקע שטראָף עס וואַרט אויף אים פאַר די דאָזיקע מחשבות. וואָרום פורכטבאַר איז גאָט אין זיין צאָרן!

און עלנט און איינזאַם בלייבט שטיין דער יינגל, דער צווייפלער, מיט זיין אומגליק צווישן דעם גלויביקן עולם, וואָס הוידעט זיך אין גרויסן עקסטאַז; שטייט צווישן פאָטער און פריינט און ציטערט און פלאַטערט, ווי צום טויט פאַרמשפּט, מיט שוויס און טרערן באַגאָסן.

„און ס׳ווייסן די פריינט ניט און ס׳ווייסט ניט דער פאָטער
די טיפע, די גייסטיקע ליידן,
וואָס האָבן פאַראומערט זיין פרילינג פון לעבן,
גערויבט פון זיין יוגנט די פריידן".

אַזוי האָט דער קליינער אברהמעלע זיך דאַן געמאַטערט מיט זיינע ספקות. ער האָט זיך געראַנגלט מיט זיי. אין אַלערליי מוסר־ספרים זיך געזוכט צו באַהאַלטן פון זיי. צום סוף איז ער גאָר אַנטלאָפן צו די „מוסרניקעס" אין קאָוונע, שוין ביי די דאָזיקע פרומע געזוכט קעגן זיינע זינדיקע רעיונות און מחשבות...

ווער זיינען זיי געווען, יענע „מוסרניקעס"? ליעסין האָט מיר אַמאָל אַזאַ בילד פון זיי געגעבן.

אַרום אַ לאַנגן טיש, אין אַ הינטער־שטיבל פון אַ בית־מדרש, זיינען פרומע בחורים־מוסרניקעס — געזעסן און האָבן אין זיך רעליגיעזן עקסטאַז געוועקט... דאָ און דאָרט האָט זיך אַ צעדביקעטער בחור אויפגעהויבן און זיין עקסטאַז דורך אַ פּסוק אויסגעדריקט... דאָ און דאָרט האָבן אויגן גע־גלאַנצט, האָט זיך אַ קאָפּ צעשאָקלט, אַ גוף זיך געדביקעט, האָבן הענט געפּאַטשט, פינגער צוגעקנאַקט צו אַ פרומען איינטאָניקן ניגון, וועלכער האָט זיך כסדר איבערגעחזרט ווידער און ווידער מיט אַלץ גרעסערער

התלהבות... און דאָ איז גאָר מיטאַמאָל דער לאָמפּ אויסגעלאָשן געוואָרן, און דורך דער פינצטערניש פון דער נאַכט האָט זיך אַ קול, פול מיט עקסטאַז, דערהערט, וועלכער האָט צו תשובה גערופן...

אָט אין דער דאָזיקער אַטמאָספער, מיט פרומען עקסטאַז און גאָטס פּחד אָנגעזאַפּט, האָט דער מינסקער „קליינער צווייפלער" געזוכט זיין פרומקייט צו ראַטעווען פון די זינדיקע ספקות, וואָס האָבן אים געמאַטערט.

אָבער אומזיסט! די בייזע, העלישע קליפּה עגבערט ווייטער און שטאַר־קער און טיפער דעם ייגנלס אומרואיקן מוח: „טאָמער איז אַלץ גאָר אַ ליגן!"...

פערצן יאָר איז ער דאַן אַלט געווען. אים פאַלט איין, ער זאָל פאָרן קיין וואָלאָזשין. אפשר דאָרט, אין דער באַרימטער ישיבה, וועט ער געפינען אַן ענטפער אויף זיינע אַפּיקורסישע שאלות און ספקות?

דאָרט אָבער ווערט ער אינגאַנצן אַן אפּיקורס. ער האָט אפילו ניט קיין ספקות מער... זיינע געדאַנקען ווערן אַלץ מער עולם־הזהדיק. ער הויבט אָן צו דערזען זאַכן, וואָס ער האָט פריער ניט געזען, און לייענען ספרים, וואָס צו אַזוינע וואָלט ער פריער מורא געהאַט אפילו זיך צוצורירן...

ליעסין האָט מיר אַמאָל דערציילט, ווי אין יענער צייט, דאָרט בעת ער איז געווען אין דער ישיבה, האָבן זיך מיטאַמאָל אויך די אויגן ביי אים גע־עפנט אויף דער שיינקייט פון דער נאַטור.

זיצנדיק דאָרט איבער דער גמרא, האָט ער אין זיין פאַנטאַזיע געזען זון־אויפגאַנג און זון־אונטערגאַנג איבער פעלד און וואַלד און דעם שפּיל פון נאַטורס פאַרבן און קאָלירן...

און כסדר, כסדר האָבן אים געצויגן, ווי מיט אַ כישוף, דער וואַלד און דאָס פעלד און די בערגלעך, און די מורמלענדיקע שטראָמען, וואָס האָבן זיך געפונען דאָרט נישט ווייט הינטערן שטעטל.

און גאָר גליקלעך איז ער געווען, ווען ער איז אַמאָל געקומען אַהין און האָט זיך אָנגעטרונקען מיט דער דאָרטיקער זוניקער ליכטיקייט און פיל־פאַרביקייט און אין זיך אַריינגענומען דעם געזאַנג פון שטראָם און פייגל...

מיט אַ באַזונדערער גיריקייט האָט ער דאָס אַלצדינג אין זיך אַריינגע־נומען, ער, דער שפּעטערדיקער דיכטער פון די ממש וואונדערלעכע נאַ־טור־לידער.

דערוויסט מען זיך צום סוף וואָס פאַר אַן אפּיקורס ער איז, און מען וואַרפט אים דאָרט אַריין אין חרם...

און אַ לאַנגע סדרה פון פאַרפאָלגונגען הויבט זיך אָן פאַר אברהמלען.

קיין געלעגער טאָר מען אים ניט געבן און זיין הונגער טאָר מען ניט שטילן.

דער יונגער אברהם וואַלט (ווי זיין אמתער נאָמען איז געווען) הויבט אָן צו פירן אַן אומלעגאַל לעבן אַלס אפיקורס, אַלס כופר בעיקר, אַלס אַ פון חרם פאַרשאָלטענער...

צו אַ באַהאַלטענעם נאַכטלעגער מוז ער אָנקומען; באַהאַלטענערהייט מוז ער זיין הונגער שטילן.

ער האָט זיך פון זיין פריערדיקער סביבה אָוועקגעריסן. פרעמד איז זי אים געוואָרן. פרעמד און פיינטלעך...

אין אַ פּאָר יאָר שפּעטער קומט ער קיין ווילנע. דאָרט לערנט ער די רוסישע שפּראַך, לייענט די סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע ליטע־ראַטור, חברט זיך מיט רעוואָלוציאָנערע טוער און ווערט אַליין אויך איי־נער פון זיי.

ווי האָט ער זיך דעמאָלט באַצויגן צום יידישן פאָלק? אַן אַפּיקורס, אַ „פרייער מענטש", בפרט איינער אַזאַ, וואָס האָט אין זיינע צאַרטסטע יאָרן דורכגעליטן די אכזריות פון אַ יידישן חרם, — די נאַטירלעכסטע זאַך, דאַכט זיך, וואָלט געווען, ווען ער, מיט זיין פייערדיקן טעמפּעראַמענט, זאָל אויך פאַרהאַסן און פאַראַכטן אַלצדינג, וואָס איז געווען יידיש, לכל הפּחות ניט ווייניקער איידער די אַנדערע, די פריערדיקע יידישע קינדער, וואָס זיי זיינען שפּעטער „פרייע מענטשן" געוואָרן.

בפרט נאָך, ווען ער האָט געלעבט איצט אין אַ סביבה, וואו עס האָט געהערשט, אונטער דעם איינפלוס פון די „נאַראָדאָוואָלצעס", די איינציקע און אויסשליסלעכע ליבע צום רוסישן פויער, צו דעם „קלענערן ברודער". אין יענער סביבה האָט מען ווייניק געטראַכט וועגן יידן, און וועגן זיי ווי וועגן אַ באַזונדער פאָלק מיט אַ באַזונדערן פּנים און נשמה — אַוודאי ניט.

קורץ: דער דאָזיקער נייער קרייז און די דאָזיקע נייע סביבה האָבן געדאַרפט אים, דאַכט זיך, אַוועקרייסן פון זיין פאָלק, אָבער ניט וואַלטן, ניט ליעסינען. פאַרוואָס?

מחמת ער האָט זיך אונטערשיידט פון די אַנדערע מיט דעם, וואָס ער האָט געקאָנט אָפּטיילן די שאָלעכץ פון דער יאָדרע און מיט דעם וואָס ער האָט זיך געפילט באַהעפט מיט טויזנטער באַהעפטונגען מיטן יידישן אור־קוואַל...

ער איז אַ סאָציאַליסט, ווייל ער גלויבט, אַז נאָר דער סאָציאַליזם, וואָס וועט באַפרייען אַלע פעלקער, וועט אויך זיין פאָלק באַפרייען, ווי אַ פאָלק. ער אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער, ווייל זיי, די אַרבעטער, זיינען —

באַוואוסטזיניק, צי אומבאַוואוסטזיניק — דער נאַציאָנאַליסטישער טייל ביי יעדן פאָלק.

אין דעם נאָמען פון יידישן נאַציאָנאַליזם פירט ליעסין אָן פייערדיקע וויכוחים מיט אַנטי־נאַציאָנאַליסטן און זיין השפעה לאָזט איבער טיפע שפורן אין דעם סאָציאַליסטישן קרייז, וואו ער אַרבעט — לייענען מיר אין אַן אַרטיקל, געשריבן פון זיין באַוואוסטן לאַנדסמאַן יצחק אייזיק הורוויטש:*

„עס איז אַ פאַקט, אַז ביז אַ געוויסן גראַד איז ער געווען דער פאָטער פון דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק אינעם ,בונד'.“

דער באַוואוסטער רעוואָלוציאָנער מענדל ראָזענבוים, וואָס ער איז אין ווילנע געווען ליעסינס ערשטער לערער, ברענגט נאָך אַזוינע כאַראַקטעריס־טישע שטריכן פון אים, וואַלט־ליעסינען, אין אַן אַרטיקל אין דער „צוקונפט“.

„בעת איך און אַ סך אַנדערע האָבן געפילט ווי רוסישע נאַראָדניקעס און אידעאַליזירט דעם רוסישן פויער, איז ליעסין געווען אַ יידישער נאַראָדניק און האָט אידעאַליזירט דעם אָרעמען יידן“.

ווייטער:

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, זייענדיק אין מינסק, האָט ליעסין אָפּט גע־טענהט צו די פּראָפּאַגאַנדיסטן: „וואָס קומט איר צו די יידן, ווי פרעמדע. מיט גויאישע ביכער? קומט צו זיי ווי אייגענע, מיט יידישער ליטעראַטור, און איר וועט האָבן אַ סך אַ גרעסערן דערפאָלג'...“

אפילו צו דער יידישער רעליגיע האָט זיך ליעסין פאַרהאַלטן אַנדערש ווי די מערצאָל פון אונדז“, — שרייבט מענדל ראָזענבוים ווייטער אין יענעם אַרטיקל, — געוויס איז ער, וואָלט, ווי מיר אַלע, געווען ניט קיין גלויבי־קער; אָבער זיין געפיל צו דער יידישער און קריסטלעכער אמונה איז גע־ווען אַן אַנדערער איידער אונדזערער. אונטער דעם איינפלוס פון דער רו־סישער ליטעראַטור זיינען פיל פון אונדז געווען „פאַרקריסטלעכט“ און יעזוס איז געווען אַן אידעאַל פון אַ סאָציאַליסטישן מאַרטירער. ליעסין איז אָבער געבליבן שטענדיק דער שטאָלצער ייד מיט געפילן פון אַ רעליגיעזן יידן.

און מענדל ראָזענבוים דערמאָנט אויך אַ פּאָר יידישע יונגעלייט פון יע־נעם סאָציאַליסטישן קרייז, וואָס ליעסין האָט זיי אָפּגעהאַלטן פון שמד. מיט זיינע וויכוחים האָט ער זיי איבערצייגט, אַז עס איז זייער ניט שיין צו פאַר־ראַטן די רעליגיע פון אייגענעם, פאַרפאָלגטן פאָלק, אַפילו ווען מען איז ניט קיין גלויביקער.

ליעסין האָט געוואוינט אין זיין שטאָט מינסק אַ היפּשע צאָל אָנהענגער, וואָס האָבן זיך גערופן „וואַלטאָוצי“ דאָס הייסט אויף זיין נאָמען — „וואָלט“.

* זע „צוקונפט“, אַפּריל, 1919. — ל. ק.

אָט־די זיינען דעמאָלט געווען אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע צום „בונד", וואָס האָט געהאַט דאַן אַן אַנדער קוק אויף דער נאַציאָנאַלער פראַגע איידער וואָלט־ליעסין.

אָבער שפּעטער, ווען דער „בונד" האָט אים אין דער פראַגע טיילווייז נאָכגעגעבן, איז ער דעמאָלט ערשט צוגעשטאַנען צו אָט־דער יידיש־סאָציאַ־ליסטישער אָרגאַניזאַציע.

זייענדיק אינעם „בונד", האָט ער זיך אָבער אונטערשיידט פון די מערסטע בונדיסטישע פירער און שרייבער דערמיט, וואָס ביי אים איז תמיד אויפן ערשטן פּלאַץ געשטאַנען דער ייד און ערשט נאָכדעם דער סאָציאַליזם, און ביי יענע — פאַרקערט.

זיין פאָלק קען ער ניט פאַרגעסן. ער קען ניט פאַרגעסן די „מיליאָנען גבורים און קדושים" פון זיין פאָלק, וואָס מיט זייער בלוט זיינען אַזוי פיל „היסטאָרישע וועגן פאַרטרונקען"...

און דערפאַר, ווען ער פאַרטראַכט זיך אַמאָל וועגן דער אַלמענטשלע־כער צוקונפט פון דעם סאָציאַליזם, ווערט ער אומרואיק וועגן דעם שיקזאַל פון זיין יידישן פאָלק — צי וועט ניט דער גרויסער הערױאישער עבר, די גרויסע פאַרגאַנגענהייט פון זיין פאָלק, פאַרשוואונדן ווערן אין דעם אַל־מענטשלעכן גליק פון אַ סאָציאַליסטישער צוקונפט...

און דאַן רייסט זיך ביי אים אַרויס:

„און טראַכט איך, מיין פאָלק, פון די שרעקן פון עבר,
דאַן פאַנגט און באַצווינגט מיך דיין צער —
די פּראַכט פון דיין דאָרן־קראַנץ צווישן די פעלקער,
דער דריי טויזנט־יאָריקער גזר.

און טראַכט איך, מיין פאָלק, פון דער בעסערער צוקונפט,
דאַן ווערט אַזוי שווער, אַזוי באַנג:
צי וועסטו פאַרשווינדן אין גליק? טאָ צו וואָס־זשע
די ליידן יאָרטויזנטער לאַנג!

עס שטראַלט מיר אין קאָפּ די אַלמענטשלעכע צוקונפט.
דאָך שטייט נאָכאַנאַנד פאַר מיר שוואַרץ
דיין פינצטערער עבר, מיין פאָלק, און עס דאַכט מיר,
אַ בר־מינן טראָג איך אין האַרץ.

„איך לעב מיטן קאָפּ אין דער שטראַליקער צוקונפט,
מיין האַרץ דאָך איז פול נאָר מיט דיר —
אָ, פינצטערער, גרויסער, הערױאישער עבר,
ווי טייער, ווי ליב דו ביזט מיר!..."

און דאָס, אגב, האָט ער געשריבן אין יאָר 1897, שוין זייענדיק אין ניו־יאָרק, ווען אין דעם קרייז זיינעם פון די דעמאָלטדיקע „פּאָרווערטס־סאָציאַ־ליסטן" איז דאָס וואָרט „נאַציאָנאַליסט" נישט געווען אַזוי חשובדיק באַליבט...

אָט דאָס איז געווען ליעסין: בעת ער האָט אפילו געחלומט די חלומות וועגן דער סאָציאַליסטישער שטראַליקער צוקונפט, איז זיין האַרץ פול גע־ווען מיט זיין פאָלק, מיט דעם שיקזאַל פון זיין פאָלק.

אָבער ניט אַלעמאָל איז ער געווען פּעסימיסטיש וועגן דעם שיקזאַל פון זיין פאָלק, און ניט אַלעמאָל האָט ער געצווייפלט וועגן זיין קיום. טיף ביי אים אין האַרצן, האָט ער שטענדיק געגליבט אין דעם אייביקן קיום פונעם יידישן פאָלק, ווי דאָס איז אויסגעדריקט אין זיין ליד „דער אייביקער ייד".

מיר אַליין איז גראָד צוערשט אויסגעקומען צו לייענען עטלעכע לידער ליעסינס פון גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער — ריינע נאַטור־לידער. אין 1894 איז דאָס געווען. איך האָב דאַן געוואוינט אין פילאַדעלפיע און האָב מיט־געאַרבעט אין דער דאָרטיקער „פילאַדעלפיער שטאָט־צייטונג". אין יענער צייט, ווען אונדזער יידיש־סאָציאַליסטישע פּאָעזיע איז דורכאויס טענדענציעז געווען, ווען יעדעס געדיכט פון אונדזערע היגע דיכטער, וואָס איז געדרוקט געווען אין דער סאָציאַליסטישער פּרעסע, האָט מיט קאַמף און אַרבעטער־עלנט געקלונגען; אָט אין יענער צייט איז אין דער דעמאָלטדיקער יידיש־סאָציאַליסטישער „אַרבעטער־צייטונג" דערשינען אַ ליד פון אַן אומבאַקאַנטן יידישן דיכטער ליעסין, וואָס האָט געקלונגען מיט אַ גאַנץ נייעם טאָן און איז אינגאַנצן אַ נייס געווען צווישן די לידער, וואָס זיינען געדרוקט געווען געוויינלעך אין יענער צייטונג.

דאָס ליד („הערבסט ביים טייך", האָט עס געהייסן) האָט ניט וועגן קאַמף־און אַרבעטער־עלנט געזונגען. אַ נאַטור־ליד איז עס געווען פון ריינסטער פּראָבע, וואָס האָט אין אַ שטילן, פאַרטראַכטן טאָן געזונגען פון „זילבערנע פאָסן" און „שטיקלעך צעבראָקטע לבנות".

דערנאָך איז אין דער אייגענער צייטונג דערשינען אַ צווייט ליד, „די לבנה־נאַכט", פון דעם זעלביקן דיכטער, און נאָך ביז היינט איז ניט אינגאַנצן אָפּגעווישט געוואָרן פון מיין זכרון יענער איינדרוק, וואָס דאָס דאָזיקע ליד האָט אויף מיר געמאַכט.

איך דערמאָן זיך: עטלעכע מאָל האָב איך עס דעמאָלט פאַר פריינט איבערגעלייענט, און וואָס מער איך האָב עס געלייענט, אַלץ מער איז עס מיר געפעלן. אַ דיכטערישע צאַרטקייט און פאַרחלומטקייט האָט זיך אין דעם געפילט, נאָך מער איידער אין דעם ערשטן ליד, און ווי לבנה־שיין

האָט פון דעם אַרויסגעהויכט און ווי מיט לבנה־קלאַנגען, וואָלט איך געזאָגט, האָט עס געקלונגען.

ווען מען זאָגט מיר דעמאָלט, אַז דער דיכטער פון די דאָזיקע נאַטור־לידער איז אַליין אַ רעוואָלוציאָנער און פירט אָן ערגעץ אין ווייס־רוסלאַנד רעוואָלוציאָנערע פראָפּאַגאַנדע, וואָלט איך עס בשום אופן ניט געגלויבט.

אַ רעוואָלוציאָנער, און אַ ייד נאָך דערצו, וועט גאָר באַזינגען אַ לבנה־נאַכט, צי הערבסט ביים טייך, צי גאָר פרילינג־שיכרות, סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין, וועט סתם זינגען לשם זינגען, אָן שום רעוואָלוציאָנערע כוונות, — ווי קאָן עס זיין?

נאָכדעם זיינען אַנדערע זיינע לידער דערשינען אין דער „אַרבייטער־ציטונג" און אין דער „צוקונפט", און אַמאָל איז אונטער זיי אונטערגעשריבן געווען דער נאָמען ליעסין און אַמאָל בויסמאַן, און שפּעטער ערשט האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דער דיכטער פון דידאָזיקע לידער איז אַ געוויסער יידישער רעוואָלוציאָנער פון מינסק, וואָס זיין נאָמען מוז פאַרבלייבן אַ סוד צוליב זיין רעוואָלוציאָנערער אַרבעט אין רוסלאַנד.

איז עס פאַר מיר דערפאַר אַ גרויסער חידוש געווען: אַ יידישער רע־וואָלוציאָנער און אַ ייד פון מינסק נאָך דערצו — און זינגט דווקא ניט פון „קאַמף"...

דאָן איז ער אַליין אין אַמעריקע געקומען.

אין מאַי 1897 איז ער אַהער געקומען, ווען דער „פאָרווערטס" איז אַ פּאָר וואָכן אַלט געווען. דעמאָלט האָב איך זיך מיט אים באַקענט.

איך דערמאָן זיך, ווי איך האָב אים צום ערשטן מאָל געטראָפן.

אויף דער זייט איסט בראָדוועי, וואו עס שטייט היינט סואַרד פּאַרק, איז געשטאַנען דעמאָלט אַ ראַנד הילצערנע קראָמען. אין איינער פון יענע קראָ־מען האָט אַ געוויסער וויים געעפנט אַ קאַפע־הויז. אַהין זיינען געגאַנגען די „פאָרווערטס"־געגנאָסן, ווייל דער באַלעבאָס פונעם קאַפע־הויז איז געווען אַ מיטגליד פון דער „פאָרווערטס"־אַסאָסיעישאָן".

זיץ איך דאָרט אַמאָל. באַקאַנטע פּנימער, דער באַקאַנטער טומל, און אויך די באַקאַנטע טענות.

קומט אַריין דער שרייבער פּעסקין מיט אַ גאַנץ אומבאַקאַנטן יונגן מאַן און זיי בלייבן שטיין ביי דער טיר מיט דעם דעמאָלטדיקן געשעפטס־פאַר־וואַלטער פונעם „פאָרווערטס", וויליאַם ליעף.

איך קוק אָן דעם אומבאַקאַנטן. נאָך אַ גרינער, קאָנטיק. זעט אויס נאָך גאָר יונג. אַ יונגער, פאַרברוינטער פּנים און עפּעס קינדערשעס, נאַאיוועס און גוטמוטיקס אין דעם שמייכל אויף די דינע ליפּן און אין די העלע אויגן.

און דערדאָזיקער גוטמוטיקער פּנים מיטן שמייכל פון אַ געזונט קינד איז געווען אינגאַנצן עפּעס אַ קאָנטראַסט צו זיין פעסטער, ברייט־אַקסלדיקער פיגור פון מיטל־וואוקס, מיט אַ ברייטער אין פאָראויס־אויסגעשטעלטער ברוסט, וועלכע האָט געסטראַשעט, האָט זיך געדאַכט:

— אַגו, פּרואוו אָקאָרשט מיך פאַרטשעפּען!...

אין אַ ווײַלע אַרום, ווען זיי גייען פאַרביי דעם טישל, וואו איך זיץ, שטעלט אים פעסקין פאָר פאַר מיר:

— ליעסין!

— וואָלט! — כאַפּט אונטער יענער מיט זיין גוטמוטיקן שמייכל און פון זיינע אויגן שפּריצט אַרויס אַ מין קינדערשע הנאה.

און ווען זיי זעצן זיך אַוועק דערנאָך ביי אַ הינטערשטן טישל, פאַלט מיר גאָרניט איין, אַז דערדאָזיקער אומבאַקאַנטער יונגערמאַן איז דער דיכטער פון דער „לבנה נאַכט" און פון די אַנדערע לידער, וואָס זיי זיינען מיר אַזוי געפעלן געוואָרן...

און דאָ דערטראָגט זיך צו מיר דעם יונגנמאַנס קול אויף רוסיש:

— אַך, מאַמע מיינע, „דאַ פּאָזוואָלטיע!"...

מיט אַזאַ עקשנותדיקן טאָן.

איך טו אַ קוק אויף אים — ער זיצט מיטן פּנים צו מיר צו — וואו איז אַהינגעקומען דער פריערדיקער גוטמוטיקער, קינדערשער שמייכל? אַן עקשנותדיקער אויסדרוק איז צעגאָסן אויף זיין פאַרברוינטן פּנים. די דינע ליפּן זיינען נאָך דינער און ווי פאַרשטשעמעט, און פון די העלע אויגן, וואו עס האָט פריער געלויכטן אַזאַ קינדערשע ווייכקייט, שפּאַרט אַרויס אַ צע־רייצטע עקשנות. די האַנט, וואָס ער האַלט אויפן טיש, באַוועגט זיך ביי אים און דריקט זיך אין אַ פויסט.

ער רעדט דאָרט העכער אין אַן עשנותדיקן טאָן רוסיש, און פון צייט־צו־צייט גליטשט זיך ביי אים אַרויס אַ יידיש וואָרט, צי אַ גאַנצע יידישע פראַזע, איבערהויפּט דער אויסגעשריי: „אַך, מאַמע מיינע!"...

פון די איינציקע פראַזן, וואָס זיי דערטראָגן זיך צו מיר, שטויס איך זיך אָן, אַז ער רעדט דאָרט מיט פעסקינען וועגן יידן און סאָציאַליזם.

איך דערוויס זיך שפּעטער, אַז דאָס איז דער דיכטער ליעסין, און, ווען איך רעד נאָכדעם מיט אים וועגן זיינע לידער, לייכטן ווידער זיינע אויגן מיט קינדערשער מילדקייט און אויף זיינע דינע ליפּן קרויזט זיך ווידער דער נאַ־איווער און גוטמוטיקער שמייכל פון אַ געזונט קינד.

אַזוי האָבן מיר זיך באַקענט און באַפריינדעט.

איך האָב געוואוינט דעמאָלט אויף קענאַן סטריט, עטלעכע גאַסן פון דזשעקסאָן סטריט פּאַרק.

אָפט זיינען מיר פון מיין היים געגאַנגען אין פּאַרק אַריין און דאָרט האָבן מיר שעה׳ן לאַנג פאַרבראַכט, שמועסנדיק וועגן ליטעראַטור, ס׳רוב וועגן דער רוסישער, וועלכע מירביידע האָבן ליב געהאַט.

און אַמאָל האָט ער פאַרגעלייענט זיינס אַ ניי ליד, און אַן אַנדערש מאָל האָט ער געמוזט זיין מיינער אַ קרבן...

געקומען אַהער פון דער רוסיש־יידישער באַוועגונג, איז ער דאָ די ערשטע עטלעכע חדשים פון דער היגער באַוועגונג געשטאַנען פונדערווייטנס.

גראָד איז אין יענער צייט דער קאַמף צווישן די „אַבענד־בלאַט״יסטן און „פאָרווערטס״יסטן געווען אין מיטן ברען. ער האָט זיך צוגעקוקט. די „פאָר־ווערטס׳יסטן זיינען אים סימפּאַטישער געווען, איז ער צום סוף צו זיי צו־געשטאַנען.

די ערשטע זעקס חדשים האָט ער נאָר לידער געדרוקט, און אַ סך לי־דער. זיי האָבן גרויס אויפזען געמאַכט. בפרט זיינע יידיש־נאַציאָנאַלע לי־דער. זיי זיינען באמת געווען אַ רעוואָלוציע אין דער יידיש־סאָציאַליסטישער פּרעסע, וואו ביז ליעסינען האָבן אַזוינע לידער בשום אופן קיין אָרט ניט געקענט געפינען.

דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס״ איז אין יענער צייט געווען לואי מילער. און צום גוטן זאָל ער דאָ דערמאָנט ווערן: זייענדיק אַליין דער היפוך פון אַ יידישן נאַציאָנאַליסט, האָט ער אָבער גערן געדרוקט ליעסינס יידיש־נאַציאָנאַלע לידער, האָט פאַרשטאַנען ווי אָפּצושאַצן די פּאָעזיע אין זיי.

אַזוי, צום ביישפּיל, האָט מיר ליעסין דערציילט, ווען זיין באַוואוסט ליד „דער אייביקער ייד״ איז אינעם „פאָרווערטס״ דערשינען, האָט מען מילערן פאַרגעוואָרפן, הלמאי ער דרוקט אַזוינע נאַציאָנאַלע לידער אינעם סאָציאַליס־טישן „פאָרווערטס״, האָט ער, מילער, אויף דעם געענטפערט:

— איך דרוק עס, ווי איך וואָלט געדרוקט אַ גוט ליד וועגן דעם, ווי דער ים רוישט.

ב.

ליעסין האָט תמיד געווייטאָקט מיט די ווייטאָקן פונעם יידישן פאָלק. אויך דעמאָלט, ווען מיר האָבן שפּאַצירט איבער דזשעקסאָן סטריט פּאַרק, צי ווען מיר זיינען געזעסן ביי מיר אינדערהיים, האָט ער מיטאַמאָל גענומען ריידן וועגן יידן, און פון זיינע מילדע, קינדערשע אויגן האָט דעמאָלט דער פאַרטראַכטער, אַלטער גרייז־גרויער יידישער צער אַרויסגעקוקט.

שפּאַצירן מיר אַמאָל בײַנאַכט איבער דזשעקסאָן פּאַרק.

אַ שײנע לבֿנה־נאַכט געװען. אינעם איסט ריװער בײַם פּאַרק האָט אַ גרױסע לבֿנה זיך געטובלט.

אין יענער צײַט איז די געגנט אַרום פּאַרק באַװאױנט געװען פֿון אַ געװיסן קלאַס אײַרישע (אירלענדער), װאָס זײַנען אָפּט באַפֿאַלן ייִדישע פֿאַרבײַגײערס. פֿאַר ייִדן איז געװען דעמאָלט סכּנות נפֿשות דורכצוגײן יענע געגנט.

שפּאַציר איך אַזױ מיט אים איבערן פּאַרק אַרום איסט ריװער. און דװקא איז ער גוט אױפֿגעלײגט. ער האָט מיר פֿאַר דער שײן פֿון דער לבֿנה ניט לאַנג איבערגעלײענט זײַנס אַ נײַ ליד, װאָס איז מיר שטאַרק געפֿעלן געװאָרן. רעדן מיר װעגן אָט דעם ליד. די אױגן בײַ אים לײַכטן קינדעריש־גוטמוטיק, װי געװײנלעך, בעת מען לױבט זײַנס אַ ליד...

קומען אונדז אָן אַנטקעגן צװײ אירלענדער, ריכטיקע „גאַיס" און מיטן ברוך הבא „העלאָ שיניס", טוט אײנער פֿון זײ אַ רײַב זײַן אַקסל אָן ליעסינס און גײט אַװעק מיט זײַן חבֿר װײַטער מיט אַ געלעכטער.

אַזש ליעסין טוט זיך אַ ריס:

— „פּאַדליעץ, סװאָלאַטש, ניעגאָדיאַי, יא טעביע װו׳מאָרדו דאַם!" — שרײַט ער אױף רוסיש, און אין זײַנע אױגן שפּרינגען צערײצט שאַרפֿע גלעזלעך, און זײַן גאַנצע פֿיגור מיט די ברײטע אַקסלען און ברוסט רײַסן זיך װי צו אַטאַקירן.

איך האַלט אים צוריק און שלעפּ אים אַװעק. ער קאָן זיך ניט באַרויִקן.

— ניט אַ ייִדן װאָלטן זײ דאָך ניט געטשעפּעט! — שרײַט ער. — װײַל מיר זײַנען ייִדן האָבן זײ דאָך אונדז געטשעפּעט! ניט געטאָרט פֿאַרשװײַגן! אַזױנע המנס נאָר איבערן קאָפּ, נאָר מיטן קולאַק!...

און װען מיר גײען װײַטער שטעלט ער זיך אָפּ און קוקט זיך אום אַהינטער, װאו יענע זײַנען פֿאַרשװוּנדן, און ער טענהט צו מיר:

— פֿאַרװאָס האָט איר מיך אָפּגעהאַלטן? איך װאָלט זײ בײדן באַ׳דמ׳ט! אײַ־אײַ־אײַ — ניט געדאַרפֿט פֿאַרשװײַגן. דרך־ארץ זאָלן זײ האָבן פֿאַר דעם ייִדן, דרך־ארץ!

מיר האָבן נאָכדעם אַ היפּשע צײַט פֿאַרבראַכט, אָבער דער קינדעריש־גוטמוטיקער שמײכל האָט שױן מער יענעם אָװנט פֿון זײַנע העלע אױגן ניט אַרױסגעקוקט, נאָר דער אַלטער, גרײַז־גרױער ייִדישער צער, װעלכער האָט געקרעכצט, װי מיר האָט זיך געדאַכט:

— װײַל מיר זײַנען ייִדן האָבן זײ דאָך אונדז געטשעפּעט!...

אין יענער צײַט — װי איך האָב שױן באַמערקט פֿריער — האָט ליעסין בלױז לידער געדרוקט אינעם „פֿאָרװערטס". און גערעכט איז געװען יואל

ענטין, ווען ער האָט באַמערקט אין אַן אַרטיקל זיינעם וועגן ליעסינען, „אַז יענע ערשטע יאָרן פון ליעסינס זיין אין אַמעריקע זיינען זיין שענסטע אויפ־בליאונגס־עפּאָכע אַלס פּערזין־דיכטער. יענע עפּאָכע האָט אין ליעסינען דעם קרעפטיקסטן און שענסטן יידיש־אַמעריקאַנישן פּאָעט געפונען".

צוגעשטאַנען צו די „פאָרווערטסיסטן", ווערט ער איינער פון די הויפּט־טוער אין דער היגער יידיש־סאָציאַליסטישער פּרעסע, און מיט דער צייט הויבט ער אָן צו שרייבן פּראָזאאישע אַרטיקלען איבער טאָג־פראַגעס, ווייל ער רעכנט, אַז אַרטיקלען איבער פראַגעס, וואָס באַרירן די מאָמענטאַלע אינטערעסן פון דעם יידישן אַרבעטער, זיינען נויטיקער צו שרייבן איידער לידער.

און וואָכן גייען אַוועק און חדשים, און גאַנצע יאָרן, ווען ליעסין שרייבט ניט קיין איין ליד.

דערפאַר אָבער געווינט דערפון די יידישע פּובליציסטיק.

זיינע פּראָזאאישע אַרטיקלען מאַכן אַ רושם סיי אויף די אינטעליגענטע לייענער און סיי אויף די עמך־לייענער. ווייל עס איז אַ ליגן די אָנגענומענע מיינונג, אַז גוט־געשריבענע און אינטעליגענטע אַרטיקלען קאָן בלויז באַ־נעמען דער אינטעליגענטער לייענער. זאָל נאָר אין אַן אַרטיקל שלאָגן אַ לעבעדיק האַרץ, אַ לעבעדיקע נשמה, וועט עס דער איינפאַכער לייענער דער־פילן און פאַרנעמען...

איך געדענק, ווי מיט זיינע אַרטיקלען — און דווקא מיט זיינע בעסטע אין יענער צייט — האָבן זיך די פּשוטע אַרבעטער אַרומגעטראָגן ווי פרומע יידן מיט דער תורה. איך געדענק אויך, ווי דער אַרטיקל זיינער „דער פּעינ־טער" האָט באַשאַפן אין יענער צייט די פּעינטער יוניאָן, און איך דערמאָן זיך, ווי זיינער אַן אַרטיקל וועגן דעם רוסישן רעוואָלוציאָנער פורען, וואָס מען האָט געזאָלט אַרויסשיקן פון דאַנען, האָט דאַן אַרויסגערופן אַ פורען־באַוועגונג, וואָס האָט ניט דערלאָזן, אַז מען זאָל אים, דעם רוסישן רעוואָ־לוציאָנער, אַרויסשיקן פון אונדזער לאַנד.

אין יענער צייט האָט ער געשריבן לייט־אַרטיקלען אינעם „פאָרווערטס", און יעדער לייט־אַרטיקל זיינער האָט אויפזען געמאַכט.

וויפל ער האָט דאָס דאַן געאַרבעט פאַר דעם „פאָרווערטס" און וויפל ער איז דאָרט שפּעטער אויסגעשטאַנען פון אַב. קאַהאַנען!

אַזוי ווי דאָס וואָלט נעכטן געווען. אָט זע איך די רעדאַקציע פונעם „פאָרווערטס" אויף דועין סטריט, איבער אַ סאַלון. קאַהאַן איז נאָך דאָרט און לואי מילער און יעקב גאָרדין, און מ. זאמעטקין און ש. פּעסקין, און ער, ליעסין, און איך, דער שרייבער פון אָט־די שורות.

און אָט זע איך די רעדאַקציע פונעם „פאָרווערטס" אויף דיוויזשאָן סטריט,

אונטער דר׳ערד, אין אַ חושכדיקן קעלער — און קאַהאַן איז שוין דאָרט נישטאָ. ער איז אַוועק צום „קאַמוירשעל אַדווערטאַיזער" אַרבעטן. דערפאַר זיינען דאָרט דאָ זאַמעטקין און ליעסין, און יאָזעף באַראָנדעס, און מאַקס פיין אויך, דאַכט זיך. און ווי זיי אַרבעטן דאָרט אַלע! זאַמעטקין איז דאַן רעדאַקטאָר, זיצט ער צוגעבויגן צו אַ מין הינקעדיקן טישל און שרייבט פאַר דעם שיין פון אַ געז־ברענער אינמיטן העלן טאָג; ליעסין שטייט אויף די קני פאַר אַ שטול, וואָס איז דאָרט זיין שרייבטיש, אין אַן אַלטן מאַנטל, מיט צעשפּאָרטע קעשענעס פון די צייטונגען, וואָס ער האָט אַהין אַריינגעפּאַקט, און פאַרענדיקט זיינעם אַן אַרטיקל. און באַראָנדעס בייזערט זיך: „גזלנים, גיכער, די צייטונג ווערט היינט ווידער פאַרשפּעטיקן!?

די צייטונג איז אַ קליינע, אינגאַנצן פיר זייטן און צו זעקס שפּאַלטן אויף אַ זייט. קיין זעץ־מאַשינען זיינען נישטאָ. מען זעצט די צייטונג מיט די הענט, אות צו אות, וואָרט צו וואָרט. ווען די צייטונג איז געשלאָסן, פירט מען ערשט דאַן אַוועק די פורעמס מיטן זאַץ דאַון־טאַון צום דרוקער, און פון דאָרט ערשט אין „ביזנעס־אָפיס", וואָס געפינט זיך ערגעץ אין אַ פינצטערן הינטער־חדר פון עמעצנס אַ קראָם.

אָט אונטער אַזוינע אומשטענדן אַרבעטן זיי דאָרט. זיי אַרבעטן אָבער מיט אַזאַ חשק און מיט אַזאַ הייליקן ברען, און אין דער אַרבעט פאַרגעסן זיי אָפּט זייער הונגער...

און יאָרן־לאַנג הונגערט ליעסין, אַרבעטנדיק פאַרן „פאָרווערטס", הונגערט צוזאַמען מיט מילערן און מיט אַנדערע שרייבער, וואָס גיבן אַוועק זייער גאַנצע צייט און ענערגיע יענער צייטונג.

איך דערמאָן זיך: איך קום אַמאָל צו ליעסינען אויפן קוואַרטיר, ערגעץ אויף מאַנראָו גאַס. אַ קליין צימערל אין אַ טענעמענט־הויז. אַ וואַנט פון אַ צווייטן טענעמענט־הויז איז אַריינגערוקט אין דעם איינציקן פענצטערל. קיין טיש, קיין שטול, נאָר אַ בעט...

איך זע: מיין ליעסין ליגט זיך אויפן דיל מיטן רוקן אַרויף צווישן אַנגעוואָרפענע צייטונגען און ביכער און באַשריבענע מיט גרויסע אידישע אותיות בייגעלעך פּאַפּיר, און מיט אַ סיגאַרעט אינעם מויל, און שרייבט אַזוי אַן אַרטיקל פאַר דעם „פאָרווערטס".

אין דעם פּרט, ווי אין געוויסע אַנדערע פּרטים, איז ער באמת געווען אַ טשעקאָווער מענטש.

דערציילט מיר אַמאָל וויליאַם עדליך, דער רעדאַקטאָר פונעם „טאָג", אַז ווען ליעסין און ער האָבן אין 1903 רעדאַקטירט דעם „פאָרווערטס", איז ווען ליעסין איז געקומען דאַן אין רעדאַקציע צו שרייבן אַ לייט־אַרטיקל, האָט ער

אַ טבע געהאַט זיך אָוועקצושטעלן מיט ביידע קני אויף אַ שטול און אויסציען זיך מיטן אויבערשטן האַלבן קערפּער אויפן שרייבטיש און אַזוי שרייבן...

ער האָט ניט געקאָנט אָבער בשום אופן שרייבן, ווען אַ קאַץ האָט זיך אַריינגעמישט. יאָ, יאָ, אַ קאַץ, אַ געוויינלעכע, אַ פּיר־פּיסיקע, הייסט עס...

ער האָט געמעגט זיין ווי פאַרכאַפּט אין יענער צייט פון דעם, וועגן וואָס ער האָט געשריבן. איז אָבער אַריינגעקומען אַ קאַץ בשעת ער האָט דאָרט געשריבן — ווער שמועסט נאָך מיט אַ מיאַוקען — איז אַ סוף געווען צו זיין שרייבן! אַ שפּרונג־אויף מיט אַ געשריי:

„אַ־אַ־פּ־פּ־ש־ש־ק־ק!"

ער זאָגט מיר אַמאָל, ליעסין, אַז ער האָט פיינט קעץ, ווייל זיי האָבן עפּעס אין זיך פון אַ פּוילישן אַנטיסעמיט. אַזוי פאַלש און אַזוי געפערלעך, הייסט עס.

און ער דערקלערט מיר, וואָס ער מיינט:

אַ קאַץ, איידער זי דערשטיקט איר׳ן אַ קרבן, איז זי אדרבא ואדרבא מיט אים, ממש האָניק־זיס, שפּילט זיך מיט אים אַרום, און אפשר רופט זי אויך אים „פּאַן", אָדער „פּאַני" אויף איר קעצישן לשון, ווי דאָס טוען די פּוילישע אַנ־טיסעמיטן אין די רוסיש־פּוילישע שטעטלעך בנוגע יידן, וואָס זיי וואָלטן וועלן דערשטיקן...

ג.

עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד איז מיר אויסגעקומען צו וואוינען אין שכנות מיט אים אין ברוקלין. ער איז שוין געווען פאַרהייראַט. נאָך ביז היינט שטייט פאַר מיר זיין ווייב ליבע גינזבורג, אַ טאָכטער פון דעם סמאַרגאָנער רב, רבי מנשה גינזבורג.

ווי אַ הייליק געדיכט, אַרומגעזוגנגען פון אַ מאַרטירער גייסט, איז זי פאַר־בליבן אין מיין זכרון... יאָ, נאָר ווי אַ הייליק געדיכט האָבן אַרויסגעהויכט אירע גרויסע און שוואַרצע, שטילע און פאַרטראַכטע, פול מיט פאַרבאָרגענעם צער און ווייטאָק, מאַרטירער־אויגן.

ווי זי האָט געציטערט איבער איר אברהמען! ווי זי האָט פאַר אים גע־ליטן! ווי זי האָט אים געטרייסט, ווען ער איז אַמאָל געקומען אַהיים אויפ־געגרעגט פון קאַהאַנען, וואָס ער איז אין יענער צייט שוין ווידער געווען רע־דאַקטאָר פונעם „פאָרווערטס"!

ווי מיט אַ קינד איז זי זיך מיט אים באַגאַנגען, ווי אַ מאַמע מיט אירס אַ קינד, איבער וועלכן זי ציטערט.

און ווי שטאָלץ זי איז געווען אויף אים. ניט איין מאָל האָט זי מיר און מיין פרוי געזאָגט:

— אַזוינע ווי וואָלט זיינען ניט פאַר אַמעריקע... (אַמאָל האָט זי אים גערופן „וואָלט״ אַמאָל — „ליעסין״ און אַמאָל ביי זיין ערשטן נאָמען — „אברהם״).

איך און מיין פרוי, וועלכע האָט זיך מיט איר שטאַרק באַפריינדעט, זיינען אָפט געגאַנגען צו זיי. זיי האָבן געלעבט אין דחקות און נויט, אָפט דורכגע־קומען דעם גאַנצן טאָג מיט אַ פּאָר קרעקערס. זיי האָבן ניט גערעדט דערפון. זי נאָך ווייניקער. זי איז צו־שטאָלץ געווען, אַזוי שטאָלץ, אַז ווען זי איז גע־זעסן אַמאָל ביי אונדז און מיר האָבן זיך געבעטן ביי איר, אַז זי זאָל עסן מיט אונדז, האָבן מיר בשום אופן דאָס ביי איר ניט געקענט פועלן, דווקא דערפאַר, ווייל זי האָט געהונגערט...

און געהונגערט האָבן זיי אָפט דעמאָלט, ווייל ליעסין האָט ניט געשריבן, און ניט געשריבן האָט ער צוליב קאַהאַנען. קאַהאַן האָט זיך שוין געסטאַרעט, אַז ליעסין זאָל ניט וועלן שרייבן. ווייל אַז ליעסין האָט געשריבן, האָט מען זיינע אַרטיקלען געלייענט, און דאָס האָט קאַהאַן ניט געקענט פאַרטראָגן...

— ליעסין קען ניט אָנשרייבן קיין איין ריכטיקע שורה פּראָזע, — האָט מיר אַליין אין יענער צייט קאַהאַן געזאָגט. — פּאָעזיע — יאָ, — האָט ער צוגעגעבן, — אָבער פּראָזע וואו...

און פאַר אַנדערע האָט קאַהאַן גערעדט, אַז ליעסין האָט אַ צען לייענער; אַז די איבעריקע לייענער פאַרשטייען ניט, ניט זיין שפּראַך און ניט זיין שרייבן. דאָס האָט, נאַטירלעך, אויפגערעגט ליעסינען; האָט ער דאַן זיין מיינונג אויך אַרויסגעזאָגט וועגן קאַהאַנען, און מענטשן, וואָס זאָלן וועלן זיך אונטערלעקן צו קאַהאַנען, זיינען אַרום „פאָרווערטס״ אַלעמאָל געווען איבער־געגנוג. האָט מען נאָכדעם ליעסינס מיינונג איבער קאַהאַנען דערטראָגן צו קאַהאַנען, און אַזוי האָט זיך געבורעט צווישן זיי...

קורץ, אַחוץ וואָס קאַהאַן האָט בכלל ניט געקאָנט פאַרטראָגן ליעסינס אַר־טיקלען, מחמת מען האָט זיי געלויבט, און ליעסינען אַליין, ווייל ער איז געווען איינער פון דער זייער קליינער צאָל שרייבער אינעם „פאָרווערטס״, וואָס האָט פאַרמאָגט כאַראַקטער און אייגענע ווירדע, האָבן אים נאָך מער די „פליאָט־קעס״ קעגן ליעסינען אויפגערייצט...

האָט קאַהאַן אָנגעווענדט דערפאַר אַלע מיטלען, אַז ליעסין אַליין זאָל ניט וועלן שרייבן.

ניט דרוקן אים אינגאַנצן האָט ער ניט געקאָנט, מחמת ליעסין האָט געהאַט אַ שטאַרקן צד אינעם „פאָרווערטס״: מילער איז נאָך דאַן געווען, און דער געשעפטס־פאַרוואַלטער פונעם „פאָרווערטס״, יאַפּע, איז געווען אַן איבערגעגעבענער פריינט פון ליעסינען.

איז קאַהאַן געפאַלן אַמאָל אויף אַזאַ פּלאַן: ליעסין האָט, למשל, אָנגעשריבן אַן אַרטיקל איבער אַ טאָג־פראַגע — האָט קאַהאַן אים אָפּגעדרוקט ערשט אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, ווען די טאָג־פראַגע איז שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן...

האָט ליעסין נאָכדעם אַ צייט־לאַנג ניט געשריבן און חדשים־לאַנג גע־הונגערט, ממש געהונגערט...

און נאָך מער פון ליעסינען האָט געליטן דערפון זיין ווייב, ליבע. מער ווי פון פיזישן הונגער האָט זי געליטן פון דעם, וואָס מען שטערט אויף אַזאַ אכזריותדיקן אופן איר אברהמען צו שרייבן.

זי איז געווען זיין ערשטע לעזערין, ווען ער האָט אָנגעשריבן עפּעס, און אפשר זיין בעסטע. זיין שרייבן איז איר געווען נאָענט, נאָענט און טייער זייענדיג איר געווען זיינע געדאַנקען און געפילן, ווי אים, אגב, אירע. סיי זי און סיי ער זיינען געווען ווי אַריינגעוועבט אין דעם יידישן עבר, ביידע ווי אָפּשטראַלונגען פון דעם שענסטן יידישן אַמאָל...

כאָטש זי איז געווען אַ סאָציאַליסטקע נאָך פונדערהיים, איז זי ניט ווייניקער געווען יידישע טאָכטער ווי ער — יידישער זון...

— נאָר איין ליעסין האָט געקענט אָנשרייבן אַזאַ געדיכט ווי זיין „אייביקער ייד”, — מאַכט זי אַמאָל צו מיר אויף איר שטילן אופן, און אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן זיינען באַשיינט בעת דעם מיט אַ באַזונדערער ליכ־טיקייט, מיט פרומער ליכטיקייט, וואָלט איך געזאָגט.

ווען איך און מיין ווייב זיינען געקומען צו זיי, האָבן מיר באַלד, אַזוי נאָר ווי מיר זיינען אַריין צו זיי, געוואוסט, אויב ליעסין האָט עפּעס אָנגעשריבן. אויפן פּנים ביי איר האָבן מיר וועגן דעם געלייענט. אין דעם ליכ־טיקן בליק פון אירע שוואַרצע אויגן.

און אַמאָל איז זי געגאַנגען אונדז אַנטקעגן מיט שטילער התפעלות און אונדז אָנגעזאָגט אויף איר שטילן אופן:

— ער האָט היינט עפּעס אָנגעשריבן... איר'ט באַלד הערן...

און ליעסין האָט זיך זייער גערעכנט מיט איר מיינונג.

צענטער קאַפּיטל

א. ליעסין און אב. קאַהאַן

כמעט אַלעמאָל, בעת מיר האָבן גערעדט וועגן עפּעס, בפרט וועגן עפּעס, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, האָט מען געקענט הערן פון אים, וואָס זיין ווייב ליבע האָט געזאָגט וועגן דעם.

קורץ, ליבע האָט זייער געליטן דערפון, וואָס קאַהאַן האָט זיך איזדיעקעוועט איבער איר ליעסינען מעשה סאַדיסט...

דערמאָן איך זיך: איין מאָל האָט זי, וואָס איז געוויינלעך צו־שטאָלץ געווען אויף צו קלאָגן זיך, אָנגערופן זיך צו מיר מיט טרערן אין די אויגן:

— וואָס האָט קאַהאַן צו מיין אברהמען?...

און וויפל וויטאָק האָט זיך דאָס געפילט אין איר שטילן קול! וויפל פאַרצווייפלונג!...

נאָר נעבן דעם אומגליקלעכן קינד אירן, האָט ליבע אַמאָל פאַרגעסן איר מאַן. ווי זי האָט דאָס געליבט איר רחלען! ווי זי האָט געוויטאָקט פאַר איר! און ווי ליעסין האָט דאָס געוויטאָקט פאַר זייביידן!...

און זייער קינד רחלע — וואָס זי איז אויסגעוואָקסן מיטן באַוועגלעכן, קלאָרן מוח פון איר טאַטן און מיטן שיינעם באַוועגלעכן גייסט פון איר מאַמען, האָט זיך, נעבעך, פיזיש ניט געקאָנט באַוועגן.

די אויסגעמוטשעטע מאַמע האָט צום סוף ניט אויסגעהאַלטן און זי איז געשטאָרבן אין שפּיטאָל אין גרויסע יסורים און מיטן לעצטן געדאַנק וועגן איר קראַנק קינד און וועגן דעם קינדס טאַטן. איז ליעסין נאָכדעם פאַר דעם קינד געווען סיי אַ טאַטע און סיי אַ מאַמע, וויניקסטנס מיט זיינע געפילן...

ער האָט ליב זיין רחלען. ער באַמיט זיך מיט זיין ליבע צו מאַכן איר פאַרגעסן וועגן איר אומגליק. ער לאַכט מיט איר, שטיפט מיט איר, ווי זי וואָלט געהאַט כוחות צו באַוועגן אירע גלידער, ווי אַנדערע געזונטע קינדער. ליעסין איז אין דער היים פריילעך, רחלע הערט זיין געלעכטער. זי פרייט זיך מיט איר טאַטנס פרייד, און דאָס איז דאָך וואָס ליעסין, דער טאַטע, איז אויסן...

און אַמאָל איז ער אין דער היים אויף אַן אמת פריילעך, אויף אַן אמת גליקלעך. דאָס פּאַסירט, ווען ער באַמערקט ביי זיין רחלען דעם געזונטן גייסט אירן.

ווי ביילע גינזבורג — ליבעס שוועסטער, וואָס זי האָט זיך נאָך ליבעס טויט, ממש מקריב געווען פאַר רחלען און איר טאַטן — דערציילט מיר, האָט ליעסין איר ניט איין מאָל געזאָגט, אַז רחלע האָט זיין געזונטן גייסט...

אָבער נאָך אָפטער האָט אים געפּייניקט דער געדאַנק וועגן דעם, פאַר־וואָס רחלע מיט איר געזונטן גייסט איז קראַנק געווען פיזיש...

און אומגליקלעך האָט ער זיך געפילט דעמאָלט און אין אַזוינע מאָמענטן האָט ער זיך דערמאָנט אָן זיין פאַרשטאָרבענער פרוי, אָן דער מאַמען, וואָס זי האָט איר לעבן אַוועקגעגעבן פאַר איר קראַנק קינד.

אגב, זיין ווייב ליבען האָט ער קיינמאָל ניט פאַרגעסן. אין דעם צווייטן באַנד, וואָס איז געווידמעט צו איר אָנדענק, זיינען פאַראַן געננג אינטימע, אויסגעווייטאָקטע לידער, וואָס רעדן וועגן זיין ליבען און זייער טאָכטער מיט אַזוי פיל צערטלעכקייט און מיט אַזוי פיל פּיין...

ווען ניט דער חודש־זשורנאַל „די צוקונפט" וואָלט ליעסין שוין לאַנג ניט אויסגעהאַלטן. אָט־דער זשורנאַל, וואָס מיטגלידער פון דער „פאָרווערטס" אַסאָסיעישאָן האָבן אים אין 1913 פאַרכאַפּט ביי זיינע אַרויסגעבער און באַ־שטימט ליעסינען פאַר זיין רעדאַקטאָר, איז געווען פאַר אים, ליעסינען, די גרעסטע ישועה.

ווייל קאַהאַן האָט אים נאָך אַלץ פאַרפאָלגט. ער, ליעסין, איז נאָך אַלץ געווען אַ דאָרן אים אין די אויגן. און קאַהאַן האָט נאָך אַלץ ניט געקענט ברעכן די מענטשלעכע און שרייבערשע ווירדע ביי ליעסינען.

אמת, ער, ליעסין, איז געווען אַלעמאָל אַ „פאָרווערטס"־מאַן, אָבער קיינ־מאָל ניט קיין „מאַשין־מענטש". ווייל די מאַשין איז שטענדיק געווען מיט קאַהאַנען און פאַר קאַהאַנען. און ליעסין איז תמיד געווען, זינט איך האָב אים געקענט, קעגן קאַהאַנען, דאָס הייסט, קעגן דער מאַשין און קעגן אַלצדינג, וואָס קאַהאַן און זיין מאַשין האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך.

אין דער „פאָרווערטס" אַסאָסיעישאָן האָט ער אַלע מאָל געקעמפט קעגן דער ווילדער דיקטאַטור פון קאַהאַנען און קעגן זיין יענטע־טעלעבענדע־גייסט, מיט וועלכן ער האָט פאַרטעלעבענדעוועט דעם סאָציאַליסטישן „פאָרווערטס".

האָט זיך מיט אים קאַהאַן אָפּגערעכנט דערפאַר. געוויזן אים, אַז דער באַלעבאָס פון „פאָרווערטס" איז ער און אים קען קיינער ניט זאָגן קיין דעות, ווען ער וויל ניט דרוקן קיין שרייבער, צי פשוט ווען ער וויל אַ שרייבער דערשטיקן, איינגאַנצן טויט מאַכן...

וואָס, ליעסין איז אַ וויכטיקער שרייבער פאַר דעם „פאָרווערטס"? נאַר אידיאָטן זאָגן דאָס!...

ליעסין הונגערט? גוט, זאָל ער וויסן!

טענהן אַנדערע פון די ,פאָרווערטס"־גענאָסן צו קאַהאַנען, צווישן זיי, דאַכט זיך, אויך אַדאָלף העלד, דער דעמאָלטדיקער געשעפט־פאַרוואַלטער פו־נעם „פאָרווערטס":

ליעסין איז עלנט, צעוויטאָקט דערפון, וואָס דאָס ווייב איז ביי אים געשטאָרבן, האָט אַ קראַנק קינד; ער הונגערט, גענאָסע קאַהאַן, זיין קראַנק קינד הונגערט; מען טאָר זיי ניט לאָזן פאַרהונגערן.

ענטפערט זיי גענאָסע קאַהאַן אויף דעם:

ער וועט ליעסינס אַרטיקלען בשום אופן ניט דרוקן, סיידן אונטער אַן אַנדער נאָמען, ניט אונטער ליעסינס נאָמען...

דאָס האָט געמוזט זיין, גלויב איך, אַרום 1912, ווען דער „פאָרווערטס" איז שוין געווען רייך; ווען ער האָט שוין געהאַט אַ יאָריקע הכנסה פון אַיבער אַ פופציק טויזנט דאָלער פּראָפיט, און ווען מ'האָט דאָרט געגלויבט, אַז פאַר אָט־דער גרויסער הכנסה האָט מען צו פאַרדאַנקען געהאַט נאָר דעם רעדאַקטאָר פונעם „פאָרווערטס" אַליין.

דערמאָן איך זיך, ווי ליעסין האָט מיר אין יענער צייט דערציילט איין מאָל וועגן דעם דאָזיקן ענטפער, וואָס קאַהאַן האָט געגעבן יענע „פאָרווערטס"־גענאָסן און צום ערשטן מאָל האָב איך געזען דעמאָלט, געדענק איך, ליעסינען אַ דערשלאָגענעם, אַ פאַרלוירענעם, — ניט דעם ליעסינען, וואָס איך בין געוואוינט־געווען צו זען.

דער ליעסין, ווען איך האָב געקענט, האָט קיינמאָל ניט אויסגעזען דערשלאָגן און פאַרלאָרן אין אַ קאַמף מיט אַ קעגנער, צי גאָר אַ שונא. פאַרקערט, ערשט דער קאַמף האָט געוועקט ביי אים זיכערקייט אין זיך און טראַציקייט, ווידערשטאַנד. בפרט דער קאַמף מיט דעם מענטשן, וואָס האָט זייט יאָרן געזוכט צו דערנידעריקן זיין מענטשלעכע און שרייבערישע ווערדע און איינגאַנצן אים דערשטיקן — דער קאַמף מיט קאַהאַנען...

און דעמאָלט האָט ער אויך געעפנט פאַר מיר זיין האַרץ, וואָס געוויינלעך האָט ער דאָס קיינמאָל ניט געטאָן, הגם איך בין געווען פון די נאָענטסטע פריינט זיינע און אַ שטענדיקער מיטקעמפער זיינער קעגן דעם רעדאַקטאָר פונעם „פאָרווערטס" און דער „פאָרווערטס"־אַסאָסיעישאָן.

— גיי, טו, מאַך, אַז די גאַנצע „פאָרווערטס"־אַסאָסיעישאָן איז מיט אים! — רעדט ער פאַרלאָרן. — זיי מיינען דאָך אַלע, אַז נאָר ער האָט אַזוי אַרויפגעאַרבעט די צייטונג. אַ מלחמה צווישן רוסלאַנד און יאַפּאַן — לויפן יידן דערפאַר פון רוסלאַנד קיין אַמעריקע אין די צענדליקער, אין די הונדערטער טויזנטער; קריגט דער „פאָרווערטס" דאָ מער און מער לעזער מחמת דעם. און ווער האָט עס אויפגעטאָן? קאַהאַן! אין רוסלאַנד פאַלט־דורך די רעוואָלוציע אין 1905, שרעקלעכע פּאָגראָמען ברעכן־אויס דאָרט; אַ גרויסע יידישע עמיגראַציע טראָגט זיך פון דאָרט קיין אַמעריקע, צווישן זיי אַ סך, וואָס דער „בונד" האָט דערצויגן, פאַרטיקע לעזער פון אַ יידישער סאָציאַ־

ליסטישער צייטונג. קריגט דער „פאָרווערטס״ דערפאַר נאָך און נאָך לעזער — און אויפגעטאָן האָט עס ווער? ווידער קאָהאַן! איז עס אַ חידוש, וואָס ער דערלויבט זיך אַזוי פּיל?

און מיטאַמאָל רייסט זיך ביי אים אַרויס שטיל און ווי פאַרשטיקט:

— ווען ניט רחלע... אַ סך מאָל, ווען איך קום אַהיים, בין איך אַזוי צעבראָכן, אַז איך וואַרף זיך ניט אויסגעטאָנענערהייט אויפן בעט, אין די שיך און קליידער, און איך האָב נאָר איין וואונטש: אַנטשלאָפן ווערן און ניט אויפשטיין...

איך געדענק קלאָר זיינע ווערטער. אַזוי שטאַרק איז געווען דער איינדרוק, וואָס ער האָט געמאַכט דעמאָלט אויף מיר.

אַרום יענער צייט האָט ער מיר אויך געלייענט אַ ליד, וואָס האָט אויסגעדריקט אָט־דעם געמיט־צושטאַנד זיינעם פון דעמאָלט. דאָס ליד האָט ער אָפּגעדרוקט דאַן אין „די צוקונפט״ אין יאַנואַר־נומער פון 1912:

עס ווילט זיך מיר זינגען און זינגען;
איך וואָלט מיט מיין זינגען פאַרטריבן
דעם רוח דעם שוואַרצן, וואָס האָט זיך ביי מיר אין נשמה פאַרקליבן.

און זאָלן זיך טראָגן די לידער אין מעכטיקע, שטורמישע טענער
און אויפהויבן הויך די נשמה אַלץ פרייער, אַלץ העכער, אַלץ שענער.

אַרום איז דאָס אָרט אַזוי אומריין;
איך שרעק זיך דאָ לידער צו זינגען —
דער קראָקען פון ראָבען, פון שוואַרצע,
זאָל העסלעך מיין קול ניט פאַרשלינגען.

עס ווילט זיך מיר וויינען און וויינען;
עס וואָלט אין מיין וויינען צעגאַנגען
דער קאַלטער, דער שטיין־שווערער אומעט
וואָס האַלט מיר דאָס האַרץ ווי אין צוואַנגען.

און לאָזן זיך פּערלען די טרערן,
אין הייסע, אין גליאיקע רוימען
און דורכלויכטן זאָל דאָ די יוגנט
מיט גרויסע, מיט שטראַלנדע טרוימען.

אַרום איז די לופט אַזוי פראָסטיק;
איך שרעק זיך — די זודיקע טרערן,
ווי באַלד זיי פאַרלאָזן די אויגן,
זיי זאָלן פאַרפראָרן ניט ווערן״.

אַט פון אַזאַ פינצטערן געמיטס־צושטאַנד איז ליעסין באַהערשט געווען דעמאָלט, וואָס בטבע איז ער געווען אַ ליכטיקע, לעבנסלוסטיקע, געזונטע און פריידיקע נאַטור (אַנדערש וואָלט ער דאָך ניט געקאָנט איבערלעבן דאָס וואָס איז אים אויסגעקומען דורכצולעבן!). און באַפרייט האָט אים פון אָט־דער שטימונג „די צוקונפט", ווען ער איז געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון אָט־דעם זשורנאַל.

ווי איך האָב באַמערקט פריער אין אָט־דעם אַרטיקל, האָט מען אָט־דעם סאָציאַליסטישן זשורנאַל פאַרכאַפּט ביי זיינע פריערדיקע אַרויסגעבער, דאָס הייסט, ביי די מיטגלידער פון דער „צוקונפט" פּרעס אַסס׳ן.

געטאָן האָבן עס געגנאָסן, וואָס זיי זיינען געווען סיי מיטגלידער פון דער „פאָרווערטס" אַסאָסיעישאַן און סיי פון דער „צוקונפט" פּרעס אַסס׳ן. מיט אַ מערהייט שטימען האָבן זיי דאַן דורכגעפירט, אַז מען זאָל דעם זשורנאַל אָוועקנעמען ביי דער „צוקונפט" פּרעס אַסס׳ן און אים איבערגעבן צו דער „פאָרווערטס" אַסס׳ן.

און אויסן, לכתחילה, זיינען זיי געווען דערמיט, אַז די „צוקונפט", וואָס איז אַלע מאָל געווען אַ קעגנערין פון דעם „פאָרווערטס" און וואָס האָט כּסדר אים קריטיקירט, זאָל ווערן אַן אייגענער זשורנאַל, אַ לייב־און לויב־זשורנאַל, אַזוי צו זאָגן, פונעם „פאָרווערטס".

און איבערגייענדיק צו דער „פאָרווערטס" אַסס׳ן, איז די „צוקונפט" דערנאָך ניין חדשים רעדאַקטירט געווען פון אַ רעדאַקציע־קאָלעגיע פון פינף, אָבער מיט גאָר אַ קנאַפּן דערפאָלג.

אַט אין יענער צייט האָבן פריינט פון ליעסינען געאַרבעט אין דער „פאָרווערטס" אַסס׳ן, אַז מען זאָל פּרוּאוון מאַכן ליעסינען פאַר דעם רעדאַקטאָר פון „די צוקונפט". דעמאָלט, אגב, ווען דער פּראָבלעם וועגן זיין שרייבן אויך פאַרענטפערט ווערן, — האָבן זיי געטענהט.

און אַזוי איז ליעסין געוואָרן דעמאָלט רעדאַקטאָר פון אָט דעם זשורנאַל און ער איז אויף אַזאַ אופן באַפרייט געוואָרן אויך פון אַ מוראדיקער לאַגע — פון צו זיין אָפּהענגיק פון די קאַפּריזן פון זיכער אַ ניט־נאָרמאַלן מענטשן...

ערשט אין „די צוקונפט" איז ליעסין געקומען צו זיינע ריכטיקע כּוחות. דאָרט ערשט האָט ער זיך באַוויזן אין זיין פולער גרויס און טיף, ווען קיי־נער האָט אים ניט געשטערט מער, סיי אין זיינע לידער און סיי אין זיינע פּראָזע־אַרטיקלען.

די מערסטע פון זיינע פּראָזע־אַרטיקלען זיינען געווען באמת אויך לי־

דער, נאָר אין פּראָזע. אין זיי האָט געשלאָגן זיין וואַרעם האַרץ, זיין ליריזם און זיין דיכטערישער שוואונג.

אונטער זיין רעדאַקציע איז „די צוקונפט" געוואַקסן און איז געוואָרן אַ גרויסער דערפאָלג. אין אַ פּאָר חדשים שפּעטער ווי ער איז געוואָרן רעדאַקטאָר שרייבט ליעסין אין זיינע רעדאַקציאָנעלע נאָטיצן:

„,די צוקונפט' האָט איצט באַוויזן, אַז אפילו אַן ערנסטער סאָציאַליסטישער זשורנאַל קען אויך האָבן אַ גרויסן לעזער־פּובליקום. און דאָס איז אַ זייער אָנגענעמע איבערראַשונג פאַר אַלע פריינט פון דער יידישער ליטעראַטור. אונדזער לעזער שטייט פיל העכער, ווי מען שטעלט זיך עס פאָר אין געוויסע קרייזן".

און וואָס פאַר „געוויסע קרייזן" ער מיינט, קאָן זיך דער לעזער אַליין אָנשטויסן.

און נאָך שפּעטער דערקלערט ער:

„,די צוקונפט' ווערט אַרויסגעגעבן פון דער ,פאָרווערטס' אַסאָסיעישאָן, אָבער ניט פון דעם רעדאַקטאָר פון ,פאָרווערטס', און דאָס איז אַ גרויסער אונטערשייד. ,די צוקונפט' איז אין קיין פאַל ניט אַ טייל פון דעם ,פאָרווערטס'. מיר ווילן דאָס באַטאָנען".

ניין, „די צוקונפט" אונטער דער רעדאַקציע פון ליעסינען איז ניט געוואָרן קיין לייב־און לויב־זשורנאַל פון דעם „פאָרווערטס". צוויי באַזונדערע וועלטן זיינען דער „פאָרווערטס" און „די צוקונפט" געווען און אַזוי זיינען זיי פאַרבליבן כּל־זמן ליעסין איז געווען איר רעדאַקטאָר.

האָט דער רעדאַקטאָר פונעם „פאָרווערטס", אברהם קאַהאַן, קיין נחת דערפון אַוודאי ניט געהאַט און ער האָט גוזר געווען, אַז דער נאָמען פון אָט דעם זשורנאַל, „די צוקונפט", זאָל ניט דערמאָנט ווערן אין דעם „פאָרווערטס".

און ווי געוויינלעך, האָט מען אין דעם „פאָרווערטס" זיין גזר אָפּגעהיט ביז צום מינדסטן פּינטעלע און זיין גזר איז געבליבן גזר אויף אַלע יאָרן, כּל־זמן „די צוקונפט" און איר רעדאַקטאָר האָבן געלעבט...

פרעמדע וועלטן זיינען זיי געווען און פאַרבליבן די אַלע יאָרן — „די צוקונפט" און דער „פאָרווערטס" — פרעמדע אין אַלצדינג, אַזוי ווי אברהם ליעסין און אברהם קאַהאַן...

צווייטער טייל

יידישע טרוימער און רעוואָלוציאָנערן

ערשטער קאַפּיטל

יידישע אימיגראַציע אין די אַכציקער יאָרן

אין די לעצטע קאַפּיטלען האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ריי פּערזענלעכקייטן אין יידישן קוואַרטאַל — קראַנץ, מילער, ווינטשעווסקי, ליעסין, קאַהאַן. עס האָבן זיך באַקומען, ספּעציעל אין פאַרבינדונג מיטן לעצטן, אַ היפּש ביסל שאָטן־זייטן. איך האַלט דעריבער פאַר נויטיק אומצוקערן זיך צו די ערשטע יידישע טרוימער און רעוואָלוציאָנערן דאָ אין לאַנד. און טאַקע אויך דערפאַר, ווייל עס איז וויכטיק, אַז דער היינטיקער לייענער זאָל וויסן, וואָס פאַר אַ גרויסן איינפלוס עס האָבן געהאַט יענע טרוימער און רעוואָלוציאָנערן אויף אַלץ וואָס מיר האָבן דאָ שפּעטער געבויט און געשאַפן.

אין דער היסטאָרישער מאַסן־עמיגראַציע פון 1881־1882, וואָס האָט זיך געטראָגן דעמאָלט קיין אַמעריקע, האָבן זיך געפונען אויך יענע אויסגעוויילטע בעלי־חלומות, וואָס האָבן געפירט מיט זיך איבער דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן דאָס וויגעלע פון דער היינטיקער אַרבעטער און קולטורעלער באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס אין אַמעריקע.

זיי האָבן עס מיט זיך געפירט ניט וויסנדיק וועגן דעם...

זיכער זיינען זיי געווען ניט גרויס אין צאָל לגבי דער גרויסער מאַסע פון דעם דעמאָלטדיקן דורכשניטלעכן יידישן עמיגראַנט — ניט מער ווי אַ קליין הייפל — זיי האָבן אָבער געגעבן קאָליר, אַן אידעאַליסטישן קאָליר — דער גאַנצער דעמאָלטדיקער יידישער מאַסן־עמיגראַציע.

דאָס זיינען געווען די אויסגעוויילטע יחידים, די „געציילטע", וואָס האָבן געטראָגן אין די פאַלדן פון זייער נשמה די קערנער פון דעם שפּעטערדיקן גייסטיקן לעבן אויף דער יידישער גאַס אין אַמעריקע.

כמעט יעדער איינציקער פון אָט־די יחידים איז געווען אין אַ געוויסן זין אַ היסטאָרישע פּערזענלעכקייט אין אונדזער גייסטיקן לעבן דאָ־הי אין אַמעריקע. כמעט יעדער איינציקער פון זיי איז געווען אַ פלאַנצער און אַ זייער פון גוטס ביי אונדז דאָ אויף דער יידישער גאַס.

איבער די גייסטיקע שטרעמונגען אויף דער יידישער גאַס האָט זייער גייסט געשוועבט; די אידעאַלן אויף דער דעמאָלטדיקער יידישער גאַס ביי אונדז אין אַמעריקע זיינען געווען ביין פון זייער ביין און גייסט פון זייער גייסט.

יאָ, אָט יענע בעלי־חלומות, דאָס קליינע הייפל רוסיש־יידישע יונגעלייט, רעוואָלוציאָנערן און „עם־עולמניקעס" מיט חלומות וועגן וועלט־דערלייזונג אין אַמעריקע, האָבן באַזעלט די דעמאָלטדיקע יידישע גאַס מיט זייערע אידעאַלן און זי באַטרוימט מיט זייערע חלומות — די דעמאָלטדיקע הפקרותדיקע און תוהו־ובוהודיקע יידישע גאַס, — וואָס זיי האָבן דערמיט

זי ממש אַרויסגעראַטעוועט פון צו ווערן פאַרזונקען אין דעם טיפסטן גייס־טיקן זומפּ...

איך האָב די מערסטע פון זיי געקענט און בין מיט זיי באַפריינדעט געווען.

איך האָב געקענט און בין באַפריינדעט געווען מיט די פריערדיקע „עם־עולמניקעס״: מיט ג. אליניקאָוו, דר. פּאָול קאַפּלאַן, מ. זאַמעטקין, דר. אב. קאַספּע, אַלעקסאַנדער האַרקאַווי, י. נעטער, סאָלאָמאָן מענאַקער און מיט נאָך אַנדערע.

און איך האָב זיך געטראָפן מיט משה הערדער, וואָס ער איז געווען איינער פון די צוויי גרינדער פון דער „עם־עולם״ באַוועגונג אין רוסלאַנד (דער אַנדערער איז געווען באַקאַל).

זיי אַלע זיינען היינט טויט, אָבער ניט פאַר מיר, וואָס איך האָב געקענט זיי אַליין און זייערע חברים און וויים וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן אין יענער צייט פאַר אַנדערע יידן דאָ־הי אין אַמעריקע.

נאָך עד היום לעבן זיי דאָך אין אַלצדינג, וואָס פאַרמאָגט דאָ ביי אונדז עפּעס פון אידעאַליסטישער שיינקייט.

ווען איך קוק אַהין איצט צו יענע בעלי־חלומות, צו יענע זייער און פּלאַנצער פון אידעאַלן גלויבן דאָ ביי אונדז, — ווען איך קוק אַהין פון דעם היינטיקן יידישן ניו־יאָרק, וואָס איז אַזוי צעפּרעסן פון ציניזם און גלייכ־גילטיקייט און פון ביטול־באַציאונג, טראַכט איך מיר: וואָס פאַר אַ גליק זיינען געווען יענע פאַר אונדזערע דעמאָלטדיקע יידן אין אַמעריקע, און ניט דווקא פאַר די דעמאָלטדיקע, נאָר ממילא אויך פאַר די היינטיקע, מיין איך!

און איך טראַכט אויך ווי „אויסערן פּלאַץ״ יענע וואָלטן געווען היינט דאָ אויף דער יידישער גאַס, ווי פאַרשטופּט און פאַרשטויסן און אויסגע־לאַכט זיי וואָלטן דאָ היינט געווען פון מענטשן מיט חוצפּהדיקע עלנבויגנס...

איך בין געקומען קיין אַמעריקע מיט אַ יאָר צען שפּעטער נאָך זיי. אין משך פון אָט־די צען יאָר האָבן זיי אַ סך דורכגעמאַכט און דורכגע־לעבט אין אַמעריקע, אָבער זייער אידעאַליזם האָבן זיי ניט אויפגעגעבן און ניט דעם חלום וועגן אַ שענערן און בעסערן לעבן פאַר די יידישע מאַסן און פאַר אַלע מענטשן.

אַדאַנק אָט דעם אידעאַליזם זייערן און זייער אַרבעט, איז די יידישע גאַס אין יענער צייט באַרימט געוואָרן אויך צווישן ניט־יידן, ווי אַ באַזונ־דער וועלטל, וואו עס האָט געלעבט און געחלומט זיינע חלומות „דער טרוי־מער פון דער געטאָ״, דער ראַדיקאַל און רעוואָלוציאָנער, יענער טיף מענטש, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר זיין הייליקן חוב איבערצובויען די גאַנצע וועלט און וואָס האָט מיט רייד און מעשים געקעמפט פאַר דעם.

און אָט דאָס טשעקאָווע וועלטל פאַר יענער צייט אין אַמעריקע האָט אויך צוגעצויגן צו זיך גרויסע רעוואָלוציאָנערע קעמפּער פון דער ניט־יידישער גאַס, ווי למשל, די צוויי באַרימטע רוסן, דעם פּאָזיטיוויסט וויליאַם פרעי, און דעם סאָציאַליסט סערגעי שעוויטש, צ״ל, ווי נאָכדעם שפּעטער, דעם באַרימטן אַנאַרכיסט יאָהאַן מאָסט, אָדער, ווי דעם פראַנצויזישן קאָמונאַר, לוסיען סעניעל, דעם דייטשן סאָציאַליסט אַלעקסאַנדער יאָנאַס און דעם אַמעריקאַנישן דאַניעל דעליאָן, צ״ל, נאָך שפּעטער, אַזאַ איינעם, ווי יודזשין וו. דעבס.

יעדער איינציקער פון זיי האָט געפונען דאָרט זיין עולם, זיינע צוהערער און זיינע פרומע מיטטרוימער און מיטקעמפער. פאַר יעדן איינציקן פון אָט־די באַרימטע רעוואָלוציאָנערן איז די דעמאָלטדיקע יידישע גאַס געווען אַ צעאַקערטער פרישער באָדן, וואו ער האָט געקאָנט פאַרזייען זיינע אידייען און אידעאַלן.

און ניט דווקא סאָציאַליסטישע פירער אַליין. איך און מיין ווייב האָבן אָפּט באַזוכט די אָוונטן ביי דער באַרימטער מיס ליליען וואַלד אין הענרי סטריט, האָבן דאָרט ניט־יידישע באַרימטע פערזענלעכקייטן — ניט קיין סאָציאַליסטן — אויך גערעדט מיט באַגייסטערונג וועגן דעם אידעאַליזם אויף דער אָרעמער יידישער „איסט סאַיד״.

איך בין ניט אויסן צו זאָגן, אַז עס איז געווען כולו ליכט, כולו אידעאַליזם אויף דער יידישער גאַס אין יענער צייט. פאַרקערט, עס איז געווען דאָרט אַן אַ שיעור הפקרות, אַן אַ שיער מאָראַלישער שמוץ, מחמת דעם טאַקע אויך זיינען אַזוי וויכטיק געווען יענע יחידים אידעאַליסטן און זייער אַרבעט פאַר דעם דעמאָלטדיקן יידישן לעבן אין אַמעריקע, וואָס אַן אָט־דער אַרבעט וואָלט עס זיכער פאַרזונקען געוואָרן אין דעם טיפסטן גייסטיקן זומפּ, ווי איך האָב שוין פריער באַמערקט.

און מחמת דעם אויך איז גאָרניט אָפּצושאַצן דעם היסטאָרישן פאַרדינסט פון יענע אידעאַליסטן ביי אונדז, אי פון די יחידים און אי פון די מאַסן.

דאָס זיינען דאָך געווען זיי און זייער אידעאַליזם און זייער גרויסער, גייסטיקער כּוח, וואָס האָבן גורם געווען מיט דער צייט, אַז די צייטונגען, ווי די „ניו־יאָרק טאַימס״, „סאַן״ און דער אַמאָליקער „ניו־יאָרק העראַלד״ און נאָך אַזעלכע, זאָלן אָפּגעבן גאַנצע זייטן אין זייערע זונטאָג־אויסגאַבן פאַר דעם דעמאָלטיקן יידישן טעאַטער אויף דער באָוערי. אין יענע אַרטיקלען — לויב־געזאַנגען וועגן דעם יידישן טעאַטער, וועגן די יידישע פּיעסן און די יידישע אַקטיאָרן — זיינען געשריבן געוועזן פון אַזעלכע ערנסטע אַמעריקאַנישע טעאַטער־רעצענזענטן, ווי דזשאַן קאָרבין, נאָרמאַן האַפּגוד וכדומה —

אַמעריקאַנער שרייבער, וואָס האָבן געחלומט אין יענער צייט וועגן אַן ערנסטן טעאַטער אויף בראָדוועי...

אין יענער צייט — לויט אַן אַרטיקל פון דזשאָן קאָרבין, וואָס איז דער־שינען ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק אין „האַרפּערס מאַגאַזין" — זיינען די גרינדער פון דעם שפּעטערדיקן „גילד־טעאַטער" אויף אונדזער אַמעריקאַ־נער בינע געלאָפן כסדר אין יידישן טאַליאַ טעאַטער אויף דער באַוערי, כּדי צו זען ערנסטן טעאַטער, ערנסטע פּיעסן און אַן ערנסטן קינסטלערישן שפּילן.

די קאָרבינס און די האַפּגודס האָבן געקוקט אויף די יידישע דראַמאַ־טורגן, ווי אויף יידישע איבסענס. יענע אַרטיקלען, אויב מען וויל, קאָן מען נאָך היינט לייענען אין די אַמאָליקע אַמעריקאַנישע זונטאָג־צייטונגען.

צי זיי זיינען טאַקע געווען „יידישע איבסענס" יענע יידישע דראַמאַ־טורגן, צי ניט, — וועגן דעם גייט דאָ ניט; עס גייט דאָ וועגן דעם ווי אַזוי די ניט־יידישע וועלט האָט אין יענער צייט געקוקט אויף אונדז און אונדזערע אויפטואונגען.

סטודענטן פון קאָלומביע אוניווערסיטעט מיט זייערע פּראָפעסאָרן האָט מען דעמאָלט געקאָנט טרעפן צווישן דעם עולם אינעם יידישן טעאַטער; און אַז ישראל זאַנגוויל איז געקומען קיין אַמעריקע און ער האָט געזען אַ טעאַ־טער־פאָרשטעלונג אויף דער באַוערי — טאַקע ב. טאָמאַשעווסקין אין „פּיפּעלס טעאַטער" מיין פּיעסע „צווײ שוועסטער" — האָט ער געשריבן נאָכדעם אין דעם ניו־יאָרקער זונטאָגדיקן „העראָלד", אַז בראָדוועי דאַרף זיך נעמען פאַר אַ מוסטער דעם יידישן טעאַטער און די פּיעסן, וואָס ווערן דאָרט געשפּילט, און ווי זיי ווערן געשפּילט, אויב זיי ווילן האָבן אַ קינסטלערישן טעאַטער.

און מענעדזשערס פון בראָדווייער טעאַטערס האָבן געזוכט אַקטיאָרן און אַקטריסעס אַוועקצונעמען פון עם יידישן טעאַטער פאַר זייערן. און זיי האָבן טאַקע אַוועקגענומען בערטאַ קאַליש און זיי האָבן זיך געשיינדלט מיט איר פאַר דעם בראָדווייער טעאַטער־עולם יאָרן נאָכאַנאַנד. און דעם כאַראַקטער־קאָמיקער טארענבערגן האָבן זיי אַוועקגענומען, און זיי האָבן איינגעלאַדן יעקב אַדלערן צו שפּילן „שיילאָק" ביי זיי. דערביי זיינען זיי איינגעגאַנגען אפילו אויף דעם, אַז ער אַליין זאָל שפּילן אין דער יידישער שפּראַך און די איבעריקע אַמעריקאַנער אַקטיאָרן זאָלן שפּילן אין ענגליש.

און אויך דוד קעסלערן האָבן זיי געפּרואווט אַוועקנעמען ביים יידישן טעאַטער; און מאָריס מאָסקאָוויטש, דערצויגן אויף דער דעמאָלטדיקער בעסערער יידישער בינע, אַז ער איז שפּעטער אַוועק צו דער ענגלישער, האָט ער דאָרט פאַרנומען באַלד אַ פּלאַץ אויבנאָן צווישן די באַרימטסטע ענג־לישע אַקטיאָרן.

ווען די באַרימטע רוסישע אַקטריסע וויערא קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ מיט איר קאָמפּאַניע און מיט דעם גרויסן אַקטיאָר בראַוויטש בראש זיינען געקו־מען צו אונדז קיין אַמעריקע, האָט זי געשפּילט אין דעם יידישן טהאַליאַ טעאַטער אויף דער באַוערי, ווייל דאָרט האָט זיך געפונען איר עולם, וואָס איז אימשטאַנד געווען אָפּצושאַצן אירע קינסטלערישע פאָרשטעלונגען.

דאָס אייגענע איז געווען מיט דעם גרויסן רוסישן אַקטיאָר פּאַוועל אָר־ליענעוו, ווען ער איז געקומען צו אונדז מיט זיין טרופּע, אין וועלכער עס האָט זיך אויך געפונען זיין ווייב, אַללאַ נאַזימאָוואַ.

אויך ער האָט געפונען אַן עולם פאַר זיינע קינסטלערישע פאָרשטעלונ־גען אין אַ טעאַטער נישט אויף בראָדוועי, נאָר אויף דער דעמאָלטדיקער יידישער גאַס.

אין רוסלאַנד דערשיינט אין אַ רוסישן זשורנאַל טאָלסטאָיס פּיעסע „דער לעבעדיקער מת". די דאָזיקע פּיעסע ווערט שפּעטער געשפּילט אין אַלע אייראָפּייאישע טעאַטערס און אויף אַלע שפּראַכן. דאָ, אין אַמעריקע, ווערט זי געשפּילט שפּעטער פון דזשאָן באַרימאָר. אָבער ביי אונדז, אין דעם דע־מאָלטדיקן יידישן טעאַטער, ווערט דער „לעבעדיקער מת" געשפּילט באַלד, ווי די פּיעסע דערשיינט אין יענעם רוסישן זשורנאַל, פון יעקב אַדלערן אין טהאַליאַ טעאַטער אין מיין און מיין פרויס איבערזעצונג — געשפּילט פריער, איידער אויף וועלכע ניט איז אַנדערע שפּראַכן.

וואָס דאַרפט איר מער? אפילו דער טאַלאַנט פון דעם גרויסן מאַקסים גאָרקי איז אָנערקענט געוואָרן ביי אונדז אויף דער דעמאָלטדיקער יידי־שער גאַס פריער איידער אין וועלכער ניט איז אַנדערער ליטעראַטור, אַחוץ אין דער רוסישער.

אין דעם סאָציאַליסטישן זשורנאַל „נייע צייט", אַרויסגעגעבן אין 1898־1899 פון דער יידישער סעקציע פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, איז געדרוקט געווען מיינע אַן איבערזעצונג פון גאָרקיס „מאַקאַר טשודרא", מיט מיינער אַ באַמערקונג, אַז אָט־דער נייער רוסישער שרייבער פּאַראינ־טערעסירט מיט זיין טאַלאַנט (אָדער אומגעפער אַזוי). נאָכדעם האָב איך אי־בערזעצט אַנדערע דערציילונגען זיינע פאַר דעם „אַבענד־בלאַט", און אַ שטיקל צייט שפּעטער, ווען פּראָפעסאָר ליאָ ווינער, פון האַרוואַרד אוניווערסיטעט, האָט געבראַכט פון רוסלאַנד די ערשטע דריי בענדער פון גאָרקין און זיי גע־ליען מיר, האָב איך זיי געגעבן דער אַלטער עליזאַבעט האַפּגוד, דער ענגלי־שער איבערזעצערין פון טאָלסטאָיס ווערק, אַז זי זאָל זיי לייענען, און זי האָט זיי איבערזעצט אויף ענגליש.

אַט אַזוי, ווי איר זעט, איז דורך דער דעמאָלטדיקער יידישער גאַס אין אַמעריקע אפילו מאַקסים גאָרקי צוערשט באַקאַנט געוואָרן דער גרויסער ניט־יידישער וועלט אויך.

און עס איז אויך נאַטירלעך כמעט, אַז מיט יאָרן שפּעטער, ווען ער, מאַקסים גאָרקי,, איז געקומען קיין אַמעריקע, האָט אים צוערשט אויפגענו־מען דאָ די יידישע גאַס, וואָס האָט געמאַכט דעמאָלט פאַר אים אַ פייערלעכן קבלת פנים אין דעם אַמאָליקן ניו אירווינג האָל אויף ברום סטריט.

און שפּעטער, ווען די אַמעריקאַנער היפּאָקריטן, כדי צו ראַטעווען כלומרשט די מאָראַל, האָבן אים געצוואונגען, צו דער שאַנד פון די דעמאָלט־דיקע אַמעריקאַנער שריפטשטעלער, צו פאַרלאָזן דעם האָטעל, וואו ער האָט געוואוינט מיט זיין פריינדין, מיט דער רוסישער אַקטריסע אַנדרעיעווא, איז ווידער געווען ווי נאַטירלעך, אַז ער זאָל דערנאָך געפינען אַ ריכטיקע „היים״ פאַר זיך און זיין פריינדין אויף דער יידישער גאַס, טאַקע ביי אַ רעדאַק־טאָר פון אַ יידישער צייטונג אינדערהיים, ביי איינעם פון די פריערדיקע וויכטיקסטע פּיאָנערן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און דער יידי־שער אַרבעטער־פּרעסע אין אַמעריקע — ביי לואי מילער...

און ווי אונדזער אַמאָליקע יידישע גאַס האָט געקעמפט, ווען מען האָט געוואָלט אַמאָל אַרויסשיקן פון דאַנען אַן אויסלענדישן רעוואָלוציאָנער; און ווי זי האָט געשטיצט מיט געלט און מעשים די פאַרשיידנסטע נאַציאָנאַלע און רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען און פאַרטייען אין אַנדערע לענדער, בפרט אין דעם אַמאָליקן צאַריסטישן רוסלאַנד; און ווי זי האָט געטאָן און געטאָן, און געטאָן נאָך אַנדערע זאַכן, אין וועלכע זי האָט אַרויסגעוויזן גרויסן אי־דעאַליזם און גאָר אַ גרויסן גייסטיקן כוח.

און דאָס אַלצדינג איז דאָך אַרויסגעוואָקסן פון די קערנער, וואָס עס האָבן ביי אונדז פאַרזייט די פּיאָנערן אונדזערע, די „עם־עולמניקעס״ און די פריערדיקע רוסיש־יידישע רעוואָלוציאָנערן, אָדער די שפּעטערדיקע אימי־גראַנטן, וואָס זיינען געוואָרן אידעאַליסטן אַדאַנק דער אַרבעט פון יענע.

אַרום און אַרום האָט יענע געשיכטלעכע עפּאָכע פון דער יידישער עמי־גראַציע קיין אַמעריקע פאַרמאָגט אַ סך וואונדערלעכע קאַפּיטלען; אָבער דער וואונדערלעכסטער פון די אַלע איז געווען דער, וואָס וואָלט געקאָנט דערציילן ווי אַזוי יידישע עמיגראַנטן, פון דער היים גראַשענע מאַרק־הענד־לער, לופט־מענטשן, און באַלמעלאָכעס — בלוטיקע אביונים, מיט דער גאַנ־צער נאַאיוויטעט און צוריקגעשטאַנענקייט פון אָרעמע, דערשלאָגענע קליינ־שטעטלדיקע יידן אין יענער צייט — ווי אַזוי זיי זיינען דאָ איבערגעשאַפן געוואָרן, אַדאַנק דער אַרבעט פון יענעם הייפל יידישע אידעאַליסטן.

צווייטער קאַפּיטל

די אימיגראַציע פון „עם־עולם"

א.

יענע יידישע טרוימער און רעוואָלוציאָנערן זיינען געווען רוסיש־יידישע סטודענטן, גימנאַזיסטן, לערער, געענדיקטע אין דעם ווילנער לערער־אינ־סטיטוט און משׂכּילים.

די מערסטע זיינען געווען אינטעליגענטן־רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען אָנגעזאַפּט געווען מיטן גייסט פון דער רוסישער קולטור און מיט דער אידע־אָלאָגיע פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער יוגנט פון יענער צייט.

זיי האָבן פאַרלאָזן רוסלאַנד אין די אַכציקער יאָרן, נאָך די פּאָגראָמען פון 1881־1882 און זיי זיינען געקומען קיין אַמעריקע מיט זייער גאַנצן באַ־גאַזש פון אידעאַלן, ווי צו גרינדן קאָמוניסטישע קאָלאָניעס און אַזוי ווייטער.

ביז די פּאָגראָמען זיינען די מערסטע פון זיי געווען נאָר „צופעליקע" יידן; מיט זייערע געדאַנקען און זייער „וועלט־אַנשויאונג" זיינען זיי גע־ווען ווייט פון זייער יידישן פאָלק און נאָך ווייטער פון דעם „זשאַרגאָן" פון זייער פאָלק.

ווען דאָקטאָר קאַספּע האָט אָנגעפירט זיין רעוואָלוציאָנערע טעטי־קייט אין ווילנע צווישן די יידישע אַרבעטער, — האָט ער מיר דערציילט אַמאָל, — האָט ער די ערשטע זאַך גענומען לערנען מיט זיי די רו־סישע שפּראַך. מחמת אויף דעם יידישן „זשאַרגאָן" איז אים געווען שווער זיך צונויפצורעדן מיט זיי. און, סתם, ווי אַזוי האָט די רעוואָלוציע געקאָנט רעדן דעם יידישן „זשאַרגאָן", דעם לשון פון יידישע קרעמער און מעקלער...

און ווי ער, האָבן אויך די אַנדערע יידישע רעוואָלוציאָנערן — טאַקע ווי די שפּעטערדיקע שאַפער פון דער יידישער קולטור דאָ־הי אין אַמעריקע — זיך באַצויגן צום יידישן פאָלק און זיין שפּראַך אין יענער צייט אינ־דער'הים.

די דאָזיקע יונגעלייט האָבן גערעדט רוסיש און געטראַכט און געפילט ווי די אידעאַליסטן צווישן די רוסישע רעוואָלוציאָנערן אין יענער צייט.

און ניט נאָר זיי אַליין, די רעוואָלוציאָנערע יידישע יונגעלייט אין יע־נער צייט, האָבן זיך פאַרהאַלטן אַזוי צום יידישן פאָלק און זיין שפּראַך, נאָר אפילו די ניט־רעוואָלוציאָנערע משׂכּילים אויך, וואָס האָבן גערופן דאָס יידישע פאָלק צו אַסימילאַציע.

ברעכן־אויס מיטאַמאָל די פּאָגראָמען און די גאַנצע יידישע באַפעלקע־רונג איז אויפגעטרייסלט. אַ באַזונדערן איינדרוק מאַכן די דאָזיקע פּאָגראָמען

אויף דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס דערפילט פּלוצים, אַז זי איז רוס־לאַנדס אַ שטיפקינד.

ש. פרוג, וואָס ער האָט אין יענער צייט ערשט אָנגעהויבן צו זינגען אין רוסיש, גייט אַרויס מיט אַ קלאָג־ליד וועגן דער שטיפמאַמע רוסלאַנד („מאַטשיכאַ ראָססיא"). און דאָס דאָזיקע ליד, וואָס גיט איבער דעם צער און צאָרן פון יידישער אינטעליגענץ, מאַכט אַ טיפן איינדרוק אויף דער יידי־שער יוגנט. אַן אַנדער דיכטער — זיין נאָמען ווייס איך ניט — דרוקט אָפּ דעמאָלט אַ רוסיש ליד: „סיאָן, סיאָן, סוויאַטאָי סיאָן" (ציון, ציון, הייליקער ציון) און מען זינגט עס נאָכדעם אין יעדן יידישן הויז.

אָט אין יענער צייט, אונטער דעם איינדרוק פון יענע פּאָגראָמען, הויבט זיך אויף אַן עמיגראַציע־באַוועגונג איבער דעם גאַנצן יידישן תּחום פון רוסלאַנד.

אָבער וואוהין?

און די פירער פון דער דאָזיקער באַוועגונג האָבן זיך צעטיילט אויף צוויי פּאַרטייען: איין פּאַרטיי האָט אָנגעוויזן דעם וועג קיין פּאַלעסטינע, די אַנדערע — קיין אַמעריקע.

די ערשטע האָבן זיך גערופן „פּאַלעסטינצעס", אָדער „ביל"וצעס" („ביל"ו איז צונויפגעשטעלט פון די ווערטער: „בית יעקב לכו ונלכה"), די אַנדערע — „אַמעריקאַנצעס".

צווישן די „בילוצעס" זיינען געווען אויך סאָציאַליסטיש־דענקענדיקע יידן (ווי דער באַוואוסטער דר. חיים ספּיוואַק, למשל — אַ סטודענט אין יענער צייט אין רוסלאַנד), וואָס האָט געחלומט צו שאַפן אין פּאַלעסטינע סאָציאַ־ליסטישע קאָלאָניעס.

אָבער נישט אין אַן ערך אַ גרעסערן דערפאָלג האָט געהאַט די פּאַרטיי פון די „אַמעריקאַנצעס".

די דאָזיקע פּאַרטיי האָט אַגיטירט פאַר אַמעריקע — פאַר דער „פרייער, גרויסער וועלט־רעפּובליק".

און אויך מיט דעם ציל צו שאַפן קאָמוניסטישע קאָלאָניעס...

און אין פאַרשיידענע שטעט האָבן זיך דאַן קאָמיטעטן געגרינדעט, צו העלפן די עמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך אַ לאָז־געטאָן פון רוסלאַנד, ווי אַ טשע־רעדע צעשראָקענע שאָף.

דער דאָזיקער שטראָם האָט זיך געטראָגן קיין אַמעריקע, ווייל די פריי־הייט פון דער גרויסער רעפּובליק האָט געערדט מער צום האַרצן פון יענע עמיגראַנטן, איידער די טערקישע ארץ־ישראל; און, אפשר, מחמת דער גע־

אַלעקסאַנדער האַרקאַווי ביים אָנקומען מיטן „עם עולם" אין 1882

זונטער אינסטינקט פון דעם יידישן פאָלק האָט אים אונטערגעזאָגט, וואוהין צו לויפן, וואו צו זוכן אַן עיר־מקלט און אַ זיכערע היים...

סיי ווי סיי, אַז מען קוקט אויף דעם אין דעם ליכט פון אונדזער מורא־דיקן היינט, מוז מען צוגעבן, אַז יענע מאַסן־עמיגראַציע אונדזערע קיין אַמע־ריקע, איז געווען איינער פון די גרעסטע נסים אין אונדזער יידישער גע־שיכטע...

אָבער יענע מאַסן־עמיגראַציע קיין אַמעריקע איז געווען אַ כאַאָטישע, האָט זיך געטראָגן ווי אַ בהלה, און די עמיגראַנטן האָבן זיך אויפגעפירט אין אויסלאַנד, ווי פאַרצווייפלטע מענטשן, און זיינען אָפט געווען אַ שווערע לאַסט אויף דער דאָרטיקער יידישער באַפעלקערונג.

אָט דעמאָלט האָט אין רוסלאַנד זיך אָנגעהויבן די באַרימטע „עם־עולם"־באַוועגונג.

די דאָזיקע באַוועגונג האָט זיך לכתחילה געשטעלט פאַר אַ ציל — אַריינ־צוברענגען אָרדענונג אין דער עמיגראַציע קיין אַמעריקע.

די אמתע גרינדער פונעם „עם־עולם" זיינען געווען הערדער און באָקאַל.

משה הערדער, אַ מלמד פון אָטשאַקאָוו (כערסאָנער גובערניע) און באָ־קאַל — איינער פון די שענסטע אידעאַליסטן, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף מענטשן, וואָס זיינען געקומען אין נאָענטער באַרירונג מיט אים, — האָבן אָרגאַניזירט אַ קאָמיטעט אין אָדעס, וואָס האָט קאָרעספּאָנ־דירט מיט פאָרשטייער פון אַנדערע גרופּן אין אַנדערע שטעט און אויך אין אויסלאַנד.

דער דאָזיקער קאָמיטעט האָט באַשטימט אויף פונקטן, וואו די עמי־גראַנטן זאָלן זיך צונויפקומען אין גרופּן. ער האָט אויך זיי געהאָלפן אַרי־בערצוגיין די גרענעץ.

ב.

די „עם־עולם"־באַוועגונג איז לכתחילה געווען אַ ריין־נאַציאָנאַלע, ווי מען קאָן זיך אָנשטויסן, אגב, פון דעם נאָמען „עם־עולם" אַליין, וואָס מיינט: „דאָס אייביקע פאָלק".

און איר ציל איז לכתחילה געווען, — ווי איך האָב באַמערקט פריער — אַריינצוברענגען אָרדענונג אין דער כאַאָטישער עמיגראַציע־באַוועגונג און, בכלל, צו העלפן יידן עמיגרירן קיין אַמעריקע.

אָבער אין אַנדערע ערטער שטייען־צו צו איר רעוואָלוציאָנער־געשטימטע יידישע יונגעלייט, וועלכע באַזעלן זיי מיט זייער אידעאַליזם. שאַפן אין אַמע־

דיקע קאָמונעס לויט דעם מוסטער פון דעם באַרימטן ראָבערט אָוען — ווערט דער אידעאַל.

און דער דאָזיקער אידעאַל פון אַ קאָמוניסטישן לעבן אין אַמעריקע באַ־גייסטערט יידן; מען אַגיטירט וועגן דעם אויף פאַרזאַמלונגען, מען האַלט לעקציעס וועגן דעם און מען קלייבט אַ „קאָמונע־פאָנד" פאַר אַמעריקע...

איין גרופּע אין אָדעס איז קעגן דעם נאָמען „עם־עולם", ווייל עס קלינגט נאַציאָנאַליסטיש. די דאָזיקע גרופּע ווערט דאָרט אָנגעפירט פון אונדזער שפּע־טערדיקן גוט־באַקאַנטן דר. פּ. קאַפּלאַן. די מענטשן, וואָס באַלאַנגען דאָרט, זיינען כמעט דורכאויס סאָציאַליסטן און אפילו אַ קריסט אַ סאָציאַליסט געפינט זיך אויך צווישן זיי.

דער דאָזיקער פאַקט און דערצו נאָך דער פאַקט, וואָס די דאָזיקע גרופּע איז ניט צופרידן געווען מיטן נאָמען „עם־עולם", באַווייזט, וואָס פאַר אַ פאַרב יענער עמיגראַציע־שטראָם האָט געהאַט.

אויך זיינען אין דער ווילנער גרופּע פונעם „עם־עולם" געווען אַ סך סאָציאַליסטיש־דענקענדע יידישע יונגעלייט. דער פירער פון אָט־דער גרופּע איז געווען דער שפּעטערדיקער פריינט מיינער, דאָקטאָר אב. קאַספּע, וואָס ער האָט אָנגעפירט אין יענער צייט, ווי איך האָב פריער דערמאָנט, אין ווילנע אַ קאָנספּיראַטיווע רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט.

און אַזוי איז אויך ב. אליניקאָוו, אַ סטודענט פון קיעווער אוניווערסיטעט און אַ סאָציאַליסט, געווען דער פירער פון אַזאַ „עם עולם"־גרופּע אין קיעוו.

קורץ, כמעט אין יעדער שטאָט, וואו אַזעלכע גרופּעס האָבן זיך דעמאָלט געגרינדעט, זיינען די הויפּט־פירער געווען יידישע יונגעלייט, וואָס זיינען באַ־זעלט געווען פון סאָציאַליסטישע אידעאַלן.

כדי צו ווייזן אַ ביישפּיל פון אַ קאָמוניסטישן לעבן, האָבן אַנדערע פון אָט־די יונגע לייט שוין אויפן וועג קיין אַמעריקע אָנגעהויבן צו לעבן קאָמוניסטיש.

דר. קאַפּלאַן האָט מיר אַמאָל דערציילט, אַז זיין (קאַפּלאַנס) „עם־עולם"־גרופּע פון אָדעס האָט, בעת זי איז נאָך געווען אין בראָד, אויסגעאַרבעט סטאַטוטן פאַר איר שפּעטערדיקער קאָמונע אין אַמעריקע.

צווישן אַנדערע פּונקטן אין יענער קאָנסטיטוציע איז געווען אַ פּונקט, ניש׳ט צו דערלאָזן, אַז אין דער קאָמונע ביי זיי זאָלן אַרבעטן לוין־אַרבעטער.

נאָך אַ ציל האָט זיך געשטעלט יענע גרופּע פון קאַפּלאַנען: צו בויען דאַמף־שיפן אויף צו באַפרייען פון סיביר די פאַרשיקטע רוסישע רעוואָלו־ציאָנערן, באַזונדערס דעם באַרימטן טשערנישעווסקין, און בכלל צו באַשאַפן אין אַמעריקע אַ נייע ציוויליזאַציע.

און ב. אליניקאָוו, וואָס ער האָט אָנגעפירט אין יענער צייט די קיעווער

גרופּע פונעם „עם־עולם", האָט דערציילט אַזוינע פאַקטן פון יענער צייט.
די נייעס, אַז אַ גרופּע סטודענטן פונעם „עם־עולם" פאָרט קיין אַמעריקע, צו גרינדן קאָמוניסטישע קאָלאָניעס, האָט זיך געטראָגן פאַר זיי אויפן גאַנצן וועג פון זייער נסיעה. אין בראָד, לעמבערג, קראָקע, ברעסלאַו, בערלין, און אַזוי ווייטער, האָבן זיך אָרגאַניזירט קאָמיטעטן פון די דאָרטיקע סאָציאַליסטן, כדי זיי צו העלפן. אין קראָקע האָט מען אַלייניקאָוון דערלאַנגט אַ מתנה פאַר אים און זיין גרופּע. די מתנה איז געווען... „דאָס קאַפּיטאַל" פון קאַרל מאַרקס...

ג.

ניט ווייניקער כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער היסטאָרישער צייט און פאַר יענע היסטאָרישע פערזענלעכקייטן איז דער אינצידענט, וואָס דר. קאַספּע האָט מיר אַמאָל דערציילט.

און מעג אָט־דער אינצידענט, וואָס איך וועל אים דאָ דערציילן, זיך אויסווייזן די היינטיקע קלוגע און פּראַקטישע מענטשן גאָט ווייסט ווי נאַריש און קינדיש, אין מיינע אויגן אָבער איז ער דער קלאָרסטער באַווייז, ווי אידעאַליסטיש עס זיינען יענע געווען און ווי זיי האָבן געגלויבט אין זיך און אין זייערע שיינע חלומות, וואָס זיי האָבן געחלומט צו פאַרווירקלעכן אין דעם נייעם לאַנד, אַמעריקע. ניט אומזיסט זיינען זיי געווען — פאַלט מיר איין — קינדער פון יענעם פאָלק, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט די גרעסטע נאַאיווע בעלי־חלומות אין דער וועלט־געשיכטע, אונדזערע נביאים!

וועגן יענעם אינצידענט האָט דר. אַב. קאַספּע מיר אַמאָל אַזוי דערציילט:

ווען ער מיט זיין ווילנער גרופּע זיינען געפאָרן קיין אַמעריקע, איז אויפן וועג צו זיי צוגעשטאַנען זאַמעטקין מיט זיין אָדעסער גרופּע.

ער, קאַספּע, האָט געפירט מיט זיך דאַן די גאַנצע „קאַזנאַטשייסטוואָ" — די קאַסע, הייסט עס, פון זיין גרופּע, דאָס הייסט, דעם גאַנצן „קאָמונע פאָנד", אַן ערך אַכט הונדערט רובל, וואָס מיט אָט־דעם געלט האָבן די ווילנער געזאָלט אויפבויען אין אַמעריקע זייערע קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס.

ווי איר זעט, איז דאָס הייליקע געלט געווען און קאַספּע האָט דאָס געהיט ווי די אויגן אין קאָפּ.

קורץ, זאַמעטקין און זיין גרופּע, מיט זייער באַגאַזש פון שיינע אידעאַלן, און קאַספּע און זיין גרופּע מיט זייער „קאַזנאַטשייסטוואָ", און מיט זייער באַגאַזש פון שיינע אידעאַלן זיצן אויפן שיף און זיי פאָרן אַלע נאָך דעם לאַנד פון די שיינע חלומות און האָפענונגען...

ווי פאַרברענגען אַזוינע יידן אויפן שיף?

מיט גוטמוטיקן הומאָר האָט דר. קאַספּע דערציילט:

— צעשפּילט זיך דער ים און הויבט אָן צו שליידערן זיינע כוואַליעס ביז צו די וואָלקנס, איז אַ סוף דעמאָלט צו די אַלע שיינע חלומות און פּלע־נער, וואָס סיי ער, קאַספּע, און סיי זאַמעטקין פירן מיט זיך איבערן אַט־לאַנטישן אָקעאַן. מחמת, גיי, זיי דעמאָלט אַ העלד און שוועב דאָרט אין די הימלען פון דער שיינער צוקונפט, ווען דיין פּראָזאַאישער חומר ווערט אַרומ־געשליידערט איבערן שיף. ווי אַ פּילקע, און די פּאַסקודנעווירקלעכקייט, די מחלה פון דער געגנוואַרט, שפּאַרט דיר אונטערן לעפעלע!...

איז אָבער דער ים רואיק און די שיף טראָגט זיך איבער אַ שטילן וואַסער, דעמאָלט איז חי — מען פאַרקאַשערט די אַרבל און מען הויבט אָן צו קנעטן דעם טייג פון דעם נייעם צוקונפטיקן שיינעם לעבן...

און עס פלעגט זיך אַ „פּלוגתא" דעמאָלט צווישן זאַמעטקינען און קאַס־פּען, ווי אַזוי, הייסט עס, זאָל דאָס נייע צוקונפטיקע לעבן אויסגעקנאָטן ווערן, אַ פּלוגתא שיער ניט ווי צווישן בית־שמאי און בית־הלל, אין די אַלטע צייטן.

זאָגט בית־זאַמעטקין: אויסגעקנאָטן מוז דאָס ווערן על־פּי נוסח טשער־נישעווסקי, דאָס הייסט: קאָמוניסטישע קאָלאָניעס מיט „פּאַליסאַדניקעס" (גערטעלעך) און אוניווערסיטעטן...

זאָגט בית־קאַספּע: קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס דערווייל על־פּי נוסח ראָבערט אָוען...

צעהיצט זיך בית־זאַמעטקין: קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס איז דאָך אָבער ניט וואָס טשערנישעווסקי וויל...

ענטפערט בית־קאַספּע: דאָס איז וואָס אָוען וויל, שפּעטער וועלן מיר אָנהויבן טראַכטן וועגן דעם, וואָס טשערנישעווסקי וויל...

צעפלאַמט זיך בית־זאַמעטקין און פייערט אויף בית־קאַספּען: דאָס הייסט דאָך געמאַכט קאָמפּראָמיסן מיט דער בורזשואַזיע! אמתע רעוואָלו־ציאָנערן טאָרן ניט גיין אויף קאָמפּראָמיסן! פון אָנהויב־אָן דאַרף מען בויען אַזאַ געזעלשאַפט, ווי טשערנישעווסקי לערנט אונדז.

בית־קאַספּע אָבער איז פאַרעקשנט: ניין, נאָר קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָ־ניעס דערווייל!... און, אַחוץ דעם, איז אַ גרויסע פראַגע, צי קאָן מען מיט אַכט הונדערט רובל בויען קאָמוניסטישע קאָלאָניעס און נאָך מיט „פּאַלי־סאַדניקעס" און אוניווערסיטעטן! גיכער איז עס אַן אוטאָפּיע...

— ניין, דווקא קאָמוניסטישע קאָלאָניעס, און דווקא מיט „פּאַליסאַדני־קעס" און אוניווערסיטעטן!...

און בית־זאַמעטקין מאַכט אַזאַ פאָרשלאַג צו בית־קאַספּען:

— גיט אונדז איבער די אַכט הונדערט רובל און מיר וועלן אויסבויען

פאַר איך די שענסטע פּאָליסאַדניקעס און די בעסטע אוניווערסיטעטן אין אונדזערע קאָלאָניעס.

ווייל אָבער בית־קאַספּע ניט ריזיקירן מיט זייער פאָנד, דאָס הייסט, מיט די צוקונפטיקע קאָלאָניעס, וואָס דאַרפן אויפגעבויט ווערן מיטן געלט פון דעם דאָזיקן פאָנד. מחמת בית־קאַספּע גלויבט,אַז מיטן געלט קאָנען אויפּ־געבויט ווערן נאָר קאָלאָניעס לויטן נוסח פון אָונען און ניט טשערני־שעווסקי...

צעבייזערט זיך בית־זאַמעטקין·

— זייט איר ניט קיין רעוואָלוציאָנערן! האָט איר ניט געלייענט ניקאָ־לאַי טשערנישעווסקין! ווייסט איר גאָרניט וואָס ער וויל! און עס איז גאָרניט כדאי מיט אייך וועגן דעם דעבאַטירן!...

נאָכאַמאָל: מעגן אָט־די מענטשן פון דעם דאָזיקן אינצידענט זיך אויס־ווייזן אונדז, אין דער היינטיקער פּראַקטישער, „רעאַליסטישער" צייט, גאָט ווייסט, ווי נאַריש און קינדיש, דערמאָנט מען זיך אָבער וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן מיט זייער נאַרישער אומפּראַקטישקייט און קינדערשן אידעאַליזם דאָ אין אַמעריקע אויף דער יידישער גאַס, ווערט קלאָר, אַז עס איז פאַ־ראַן אַ כוח, וואָס איז שטאַרקער איידער די אויסגערעכנטע פאָרמולעס פון דער לאָגיק...

וואָרום דער רעאַליסטישער, אויסגערעכנטער לאָגיק אַליין וואָלט קיינ־מאָל גאָר ניט געקאָנט איינפאַלן צו קומען דאָ צו דעם אַמאָליקן קליינשטעטל־דיקן, צוריקגעשטאַנענעם יידן, צו דעם אַמאָליקן יידישן עמיגראַנט, און אַוועקלייגן שטיקער געזונט, ווי מען זאָגט, כדי יענעם „אויפקלערן", מאַכן יענעם פאַר אַ מיטגליד פון אַ פּראָפעסיאָנאַלן פאַראיין, פון אַ יוניאָן, פון אַ סאָציאַליסטישער באַוועגונג און אַזוי ווייטער...

דאָס טאָן האָט געקאָנט נאָר דער גרויסער שאַפנדיקער כוח פון אַזעלכע ווי יענע אומפּראַקטישע זיינען געווען — יענע מיט זייער גרויסן גלויבן און אידעאַליזם...

אָט־דער גלויבן האָט זיי געהאָלפן אַלע שוועריקייטן און שטערונגען אי־בערצוקומען. מחמת גאָר שווערע שטיינער האָבן זיך זיי געהאַט אָפּצוראַמען פון דעם באָדן אויף דער דעמאָלטיקער יידישער גאַס, איידער זיי האָבן אים גע־נומען באַאַקערן, באַזייען און באַפלאַנצן...

זיי האָבן פאַרמאָגט יוגנטלעכע באַגייסטערונג און רעוואָלוציאָנערן גלויבן, און דעם פייערדיקן דראַנג צו שאַפן און בויען, בויען, בויען...

אַ סך פון זיי, אָנקומענדיק קיין אַמעריקע, האָבן זיך באַזעצט דעמאָלט אין קאָמונעס.

דריטער קאַפּיטל

דער רוסישער שרייבער מאטשטעט און פּרעיס פּרוי

א.

דיביידע זיינען געווען פריערדיקע רוסישע אַריסטאָקראַטן און ביידע האָבן זיי געהאַט אַ רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט.

שעוויטש איז דאָ געווען דער רעדאַקטאָר פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער דייטשער „פאָלקס־צייטונג". ער איז געווען אַ גוטער שרייבער און רעדנער. פאַר אונדזערע יידישע פּיאָנערן האָט ער געהאַלטן רעדעס אויף רוסיש. און דאָס האָט אים געמאַכט פאַר אַ נאָענטן מענטשן, מחמת ער האָט געקאָנט צו זיי ריידן אויף זייער שפּראַך, וואָס איז געווען רוסיש.

און, אַחוץ דעם, האָט ער פאַר זיי נאָך געהאַט אַ באַזונדערן רייץ, מחמת זיין ווייב איז געווען די באַרימטע הע̇לענע פאָן דע̇ניגען, די אייגענע הע־לענע, צוליב וועלכער פערדינאַנד לאַסאַל האָט אַוועקגעלייגט זיין לעבן אין אַ דועל מיט דעם רומענישן אַריסטאָקראַט פאָן ראַקאָוויצאַ.

וויליאַם פרעי איז געווען אַ פריערדיקער אָפיצער, וואָס האָט געענדיקט אין פּעטערבורג די מיליטערישע אַקאַדעמיע. אין די זעכציקער יאָרן איז ער אין רוסלאַנד צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און האָט אַ געוויסע צייט צוזאַמען מיט דעם רוסישן רעוואָלוציאָנער קאַראַקאָזאָוו באַלאַנגט צו טשערנישעווסקיס קרייז „זעמליאַ אי וואָליאַ".

נאָר, משמעות, ווייל ער האָט געהערט צו יענעם מין טיף־מאָראַלישע נאַטורן, צו וועלכע טאָלסטאָי האָט געהערט, איז דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף אים ניט געווען צום האַרצן און זיין אומבאַפרידיקטער, בענקענדיקער גייסט האָט צום סוף געפונען באַפרידיקונג אין דער לערע פון די „פּאָזיטיוויסטן".

די פּאָזיטיוויסטן זיינען געווען תלמידים פון דעם פראַנצויזישן פילאָזאָף אויגוסט קאָנט, וואָס איז געווען דער פאָטער פון דער לערע, וואָס זי איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „די פּאָזיטיווע פילאָזאָפיע".

דער תמצית פון אָט־דער לערע איז, אַז אין דער נאַטור ביי יעדן מענטשן לעבט דער רעליגיעזער געפיל און די באַדערפעניש צו רעליגיעזער באַגייסטערונג. אַזוי אָבער ווי די איבערנאַטירלעכע רעליגיעס זיינען פאַלש און האָבן אַ פאַרדאַרבנדיקע ווירקונג אויף די מענטשן, דאַרף מען האָבן דע־ריבער אַ נייע רעליגיע פאַר דעם מענטשן, אַ רעליגיע, וואָס זי זאָל האָבן מער שייכות צו דעם מענטש אויף דער ערד, איידער צו אַ גאָט אינעם הימל. דערפאַר האָט ער אָנגערופן די נייע רעליגיע מיטן נאָמען: „די רעליגיע פון דער מענטשהייט".

די מענטשהייט איז ביי די פּאָזיטיוויסטן „גאָט" און מענטשהייט־דינסט איז „גאָט־דינסט".

די באַפרייאונג פון דער מענטשהייט — גלויבן זיי — וועט דערגרייכט ווערן ניט דורך קאַמף קעגן דער געזעלשאַפט און אירע אינסטיטוציעס, נאָר דורך דעם קאַמף, וואָס דער איינציקער מענטש וועט פירן קעגן זיך אַליין, דאָס הייסט, קעגן דעם „יצר הרע", וואָס איז אין יעדן מענטשן פאַראַן...

די אויסלייטערונג פון דעם מאָראַלישן געפיל, די מאָראַלישע זעלבסט־אויסבעסערונג, און די פאַרפלאַנצונג פון דעם געפיל פון מענטשלעכקייט און ברידערלעכקייט צווישן מענטש און מענטש — פון דעם דאָזיקן מענטשלעך־רעליגיעזן געפיל — דאָס וועט באַפרייען די מענטשהייט, בלויז דורך דעם וועט די מענטשהייט אויף אַן אמת אַמאָל אויסגעלייזט ווערן...

ב.

צו פאַרשפּרייטן די דאָזיקע נייע רעליגיע, די רעליגיע פון מענטשלעכ־קייט און ברידערלעכקייט, הייסט עס, איז דער ציל פון די פּאָזיטיוויסטן.

זיי האָבן אויך זייערע רעליגיעזע צערעמאָניעס, וועלכע האָבן דעם צוועק צו באַגייסטערן זיך מיטן געפיל פון ליבע צו דער מענטשהייט. און אַז זיי קומען זיך צונויף צו „גאָטס־דינסט", ריכטיקער: צו „מענטשהייט־דינסט", זינגען זיי באַגייסטערטע לידער צו זייער גאָט — די מענטשהייט — און אַקאָמפּאַניִרן זייער געזאַנג אויף דעם אָרגל. און יום־טובים האָבן זיי אויך זייערע אייגענע.

וויליאַם פרעי האָט זיך איבערגעגעבן צו דער דאָזיקער רעליגיע מיט לייב און לעבן. ער איז געוואָרן דער אַפּאָסטאָל פון אָט־דער רעליגיע, איר הייליקער, אין דעם פולסטן זין פון אָט־דעם וואָרט.

צווישן אונדזערע אַמאָליקע אימיגראַנטן, למשל, איז גוט באַקאַנט גע־ווען דער פאַקט וועגן דער פאַמיליע־טראַגעדיע, וואָס ער האָט דורכגעלעבט, און וועגן דער גרויסער מאָראַלישער קראַפט, וואָס ער האָט דאַן אַרויסגעוויזן, בעת ער האָט געלעבט מיט זיין פרוי אין אַ קאָמונע ערגעץ אין קענזעס שטאַט.

מיט אים צוזאַמען האָבן דאָרט אויך געלעבט ניקאָלאַי טשאַיקאָווסקי, דער אַמאָליקער באַקאַנטער רוסישער רעוואָלוציאָנער, דער גרינדער פון דעם רוסישן רעוואָלוציאָנערן קרייז „טשאַיקאָווצי", און דער רוסישער שריי־בער גריגאָרי מאַטשטעט, דער מחבר פון דער אַמאָליקער באַקאַנטער נודנע־זיסער און טאַלאַנטלאָזער דערציילונג „זשיד".

פרעיס ווייב, אַ רוסישע אַריסטאָקראַטקע, וועלכע ער, פרעי, האָט זייער ליב געהאַט, און מאַטשטעט האָבן זיך פאַרליבט. זייער ליבע האָבן זיי ניט

באַהאַלטן. אַן אָפּענער סוד איז זי געווען פאַר אַלעמען אין דער קאָמונע, אויך פאַר דעם מאַן, וואָס האָט זיין פרוי ליב געהאַט.

פרעי האָט מוראדיק געליטן דערפון, אָבער ניט קיין איין צאָרנדיק וואָרט, ניט קיין איין פאָרוואורף האָבן פון אים געהערט זיין ווייב, אָדער מאַטשטעט, איר געליבטער. ער האָט זיך נאָר צוריקגעצויגן פון זיין ווייב, געלעבט אָפּ־געזונדערט פון איר, כל־זמן זי האָט געליבט מאַטשטעטן.

שפּעטער איז יענע קאָמונע צעפאַלן געוואָרן און פרעי איז געקומען קיין ניו־יאָרק.

און דאָרט איז ער באַלד צוגעשטאַנען צו זיינע לאַנדסלייט, די רוסיש־יידישע אימיגראַנטן, און האָט גענומען פּריידיקן צווישן זיי „פּאָזיטיוויזם" און וועגעטאַריאַנסטווע.

ער האָט אויף זיי אַ טיפן איינדרוק געמאַכט און אַ גרויסע השפּעה אויף זיי געהאַט, ווייל ער איז געווען אַ רוסישער לאַנדסמאַן און האָט גערעדט אויף דער רוסישער שפּראַך, און אויך ווייל ער איז געווען אַ הויך־געבילדעטער מענטש מיט אַ רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט און דערצו נאָך ווייל ער איז געווען אַ הויך־מאָראַלישע פּערזענלעכקייט, ממש אַ הייליקער...

און דעמאָלט, ווען ביי אונדזערע פּיאָנערן, וואָס האָבן נאָך ניט געהאַט קיין באַשטימטע פּראָגראַם פאַר זייער טעטיקייט און קיין באַשטימטע פּלע־נער, האָט זיך אויפגעהויבן די פראַגע וואָס צו טאָן, און די דיסקוסיעס האָבן זיך צעברענט, און די לופט אַרום זיי איז פאַרהילכט געוואָרן מיט ווערטער וועגן סאָציאַלער רעוואָלוציע, קאָמוניזם, סאָציאַליזם, אַרבעטער־באַוועגונג און וועגן קאַמף, קאַמף, קאַמף, און די פאַנטאַסטישע פּלענער זיינען אויפגעוואָרפן געוואָרן, — האָט זיך דעמאָלט מיטאַמאָל דערהערט דער שטילער קול פון דעם הייליקן וויליאַם פרעי:

— פריינט, הויבט אָן דעם קאַמף פון אייער אייגענעם „איך". אַרבעט, אַרבעט איבער אייער נאַטור, זי זאָל זיך אַזוי ניט היצן און קאָכן; זי זאָל ניט האַסן, נאָר זי זאָל ליבן... הייליק איז דער מענטש, הייליק איז די גאָט־הייט, די מענטשהייט. ווען יעדער מענטש זאָל ליב האָבן דעם אַנדערן; ווען יעדער מענטש וועט זוכן זיך אַליין אויסצובעסערן, וועט די געזעלשאַפט אינ־גאַנצן ממילא אויסגעבעסערט ווערן. מיט ליבע זאָלן מיר באַקעמפן די שלעכטע געזעלשאַפט, און מיר, מיט אונדזערע מעשים, מיט אונדזערע האַנד־לונגען, זאָלן זיין אַ ביישפּיל פאַר איר...

און ער אַליין מיט זיינע מעשים האָט געזוכט צו געבן אַ ביישפּיל פאַר די אַנדערע. די קליידונג, וואָס ער האָט געטראָגן, האָט ער מיט זיינע איי־גענע הענט אויפגענייט... ער האָט ניט געגעסן קיין פלייש, ניט געגעסן קיין פיש און אַגיטירט פאַר ערד־אַרבעט.

און די מערסטע פון אונדזערע פּיאָנערן זיינען אויף אַ געוויסער צייט געוואָרן פּאָזיטיוויסטן, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער צווייטער איינ־פלוסרייכער רוסישער לאַנדסמאַן סערגעי שעוויטש, דער סאָציאַליסט, האָט מיט זיינע רעדעס שטאַרק באַקעמפט פּרעיס פּאָזיטיוויזם.

אַ באַזונדערן איינפלוס האָט פּרעי געהאַט אויף די אימיגראַנטן פון פּאול קאַפּלאַנס גרופּע, וועלכע האָבן געוואוינט אין זייער קאָמונע „ניו אָדעסאַ", ערגעץ אויף עליזאַבעט סטריט.

די מערסטע פון די דאָזיקע אימיגראַנטן, וואָס מען האָט זיי געהאַלטן פאַר די ראַדיקאַלסטע, די אייגענע, וואָס האָבן אַמאָל פריער פּראָטעסטירט קעגן דעם נאָמען „עם־עולם", ווייל עס האָט געקלונגען צו־נאַציאָנאַליסטיש — האָבן זיך אונטער זיין השפּעה דערקלערט פאַר פּאָזיטיוויסטן. אַ גאַנץ קליינע צאָל איז פאַרבליבן רעוואָלוציאָנער, אונטער דעם איינפלוס פון שעוויטשן.

אָבער אפילו דאָס ביסל פון די אימיגראַנטן, וואָס זיינען פאַרבליבן רע־וואָלוציאָנערן אין „ניו אָדעסאַ". אַזוינע ווי פּאול קאַפּלאַן, למשל, זיינען אויך געווען פאַר אַן ערד־אַרבעט קאָמונע.

און עס איז געלונגען צו פאַראינטערעסירן אין דעם עטלעכע פּראָמי־נענטע רייכע יידן און מיט זייער הילף איז שפּעטער, אין 1883, געגרינדעט געוואָרן אַ קאָמוניסטישע קאָלאָניע אין אָרעגאָן שטאַט פון עטלעכע הונדערט אַקער לאַנד מיט וואַלד, און מען האָט זי אַ נאָמען געגעבן קאָמונע „ניו אָדעסאַ". וועגן דער קאָמונע „ניו אָדעסאַ" איז מיר אויסגעקומען אַ סך צו הערן.

מענטשן, ווי דאָקטאָר פּאָול קאַפּלאַן, וואָס זיי אַליין האָבן דאָרט געוואוינט און געאַרבעט, און טאַקע אויך אָנפירער געווען פון יענער קאָמונע, האָבן מיר דערציילט וועגן איר און וועגן דעם, ווי מען האָט געלעבט דאָרט און ווי אַזוי און פאַרוואָס אָט־די קאָמונע איז דעמאָלט אונטערגעגאַנגען.

איינע פון די הויפּט־סיבות פאַרוואָס זי איז אונטערגעגאַנגען דעמאָלט, איז געווען דער אידייען־קאַמף, וואָס איז דאָרט כסדר אָנגעגאַנגען צווישן די רעוואָלוציאָנערן און פּאָזיטיוויסטן.

וועגן דעם, וואָס ער האָט מיר אין יענער צייט דערציילט און וואָס לואיס, מאַדאַם סאַראַ אַדלערס ברודער, וואָס איז אַ לאַנגע צייט געווען קאַסירער אין די טעאַטערס, וואו זיין שוואָגער, דער באַרימטער יעקב פּ. אַדלער האָט געשפּילט, וועל איך שפּעטער דערציילן.

ער, לואיס, אַן אַמאָליקער פּאָזיטיוויסט, וועגעטאַריאַנער און אַ מיטגליד פון יענער קאָמונע, האָט דאַן חתונה געהאַט מיט פּרעיס טאָכטער, וועלכע איז דערנאָך געשטאָרבן אין אַ משוגעים־הויז.

ווען איך האָב זיך מיט לואיסן געטראָפן, איז ער געווען קאַסירער אין פּיפּלס טעאַטער. אין יענער צייט האָט ער זיך אַמאָל פאַרבענקט נאָך דער אידעאַליסטישער סביבה פון זיינע אַמאָליקע יאָרן און דאַן האָט ער מיר דערציילט וועגן דעם לעבן אין יענער קאָמונע, וועגן זיין שווער, „גענעראַל" פּרעי, און וועגן זיין ווייב, פרעיס טאָכטער, וועלכע איז שוין געווען דעמאָלט אינעם משוגעים־הויז.

פאַרוואָס ער האָט גערופן זיין שווער „גענעראַל", ווייס איך ניט. אפשר דערפאַר, ווייל עס איז מער כבוד צו זיין אַן איידעם פון אַ גענעראַל פּרעי, איידער פון אַ פּשוטן פּרעי. און אפשר דערפאַר, מחמת לעבנדיק שוין אַ לענגערע צייט אין דער דעמאָלטדיקער סביבה פונעם יידישן טעאַטער, האָט ער, לואיס, יעקב פּ. אַדלערס שוואָגער, קיין קלענערע ראָל פון אַ „גענעראַל" זיין שווער ניט געוואָלט געבן...

וועגן דעם וואָס ער האָט מיר אין יענער צייט דערציילט און וואָס דר. פּאול קאַפּלאַן און אַנדערע האָבן מיר דערציילט וועגן דעם לעבן אין יענער קאָמונע, האָט זיך אין מיין פאַנטאַזיע געשאַפן אַ בילד, וואָס איך האָב דעמאָלט אָפּגעדרוקט אין אַ צייטונג.

און איך דערמאָן זיך, וואָס דר. קאַפּלאַן האָט מיר געזאָגט, בעת ער האָט דאָס דערנאָך איבערגעלייענט אין דער צייטונג.

ער, וואָס איז געווען איינער פון די הויפּט־אָנפירער פון די רעוואָלוציאָנערן אין יענער קאָמונע און דער הויפּט־קעמפער דאָרט קעגן די פּאָזיטיוויסטן, האָט מיר דעמאָלט געזאָגט:

— ריכטיק ווי גאָלד. אָט אַזוי ווי איר שרייבט, איז טאַקע געווען. ווען איך ווייס ניט ווער דאָס האָט געשריבן, וואָלט איך געשוואוירן, אַז דער שרייבער איז אַליין דאָרט געווען און האָט דאָס אַלצדינג מיט זיינע אייגענע אויגן געזען!

קיין גרעסערן קאָמפּלימענט פאַר די אויגן פון מיין פאַנטאַזיע האָב איך קיינמאָל פון קיינעם ניט באַקומען אין דער גאַנצער צייט פון מיין ליטעראַרישער קאַריערע...

פערטער קאַפּיטל

דער אונטערגאַנג פון „ניו אָדעסאַ"

א.

אין יענעם בילד פון דער קאָמונע „ניו אָדעסאַ" אין אָרעגאָן סטעיט, וואָס איז געווען געדרוקט מיט צענדליקער יאָרן צוריק און וואָס לויט אַזאַ אויטאָריטעט ווי דאָקטאָר פּאול קאַפּלאַן, האָט ריכטיק כאַראַקטעריזירט דעם לעבן אין דער קאָמונע, האָב איך געשילדערט אַזוי:

פאַרטאָג. אַלע זיינען צו דער אַרבעט אַרויס.

עס וויקלט זיך נאָך דער נאָענטסטער וואַלד אין דעם ביינאַכטיקן נעפּל. עס שפּרייטן זיך נאָך וואו־ניט־איז שטערן.

די מענטשן, וואָס זיינען צו דער אַרבעט אַרויס, טרעטן מיט פריילעכע טריט איבערן פייכטן, ווייסן וועג דורכן נעפּל און טראָגן העק און זעגן, ברעך־אייזנס פאַר דעם וואַלד און דעם באָדן, און בלעכענע עמערס פאַר צו מעלקן די קי, וואָס פּאַשען זיך דאָרט אינעם וואַלד.

זיי וועקן מיט זייערע טריט די פאַרטאָגיקע שטילקייט, וואָס טוליעט זיך דאָרט אין דעם ווייסן נעפּל.

זיי זיינען אַריין אין וואַלד. יענע, וואָס זיינען מיט די עמערס, גייען־צו צו די קי, וואָס הויבן זיך אויף דערנאָך פּאַמעלעך און שטיל פון זייערע פייכטע ערטער, און באַלד הילכט די וואַרעמע מילך אין די בלעכענע עמערס.

אַן אַנדערער גייט־צו צו אַ פערד, וואָס קאָרטשעט זיך דאָרט און פאַרשקעט און קלאַפּט מיט די קאָפּיטעס איבער דעם פייכטן גראָז, און פירט אים אַוועק צו דער אַרבעט.

אין אַ ווילע אַרום שטייט יעדערער פון זיי ביי זיין אַרבעט. עס זעגט די זעג, עס האַקט די האַק, באַגלייט פון אַ מענטשישן קאָפּ, און דער ברעך־אייזן קלינגט, אָנשלאָגנדיק זיך אָן שטיינער.

אָט האָט זיך דער ברעג פונעם הימל גענומען רויטלען. אין די נעסטן אויף די בוימער האָט זיך גענומען רירן און באַוועגן. פייגעלעך האָבן גענומען טשירקען, האָבן זיך געוויגט אויף די פאַרטרוימטע צווייגן און זיינען אַרומגעפלויגן פון בוים צו בוים מיט אַ פּיפּסעריי.

דער הימל ווערט קלערער, די בוימער און דאָס גראָז — גרינער. דערווייל צעפלאַקערט זיך דער מאָרגנשטערן און צעוואַרפט איבערן הימל גאָלדענע שטרייפן.

דאָס גראָז און די בוימער, און די שטיינער הויבן אָן צו רויכערן. דער דאָזיקער רויך, ווייס ווי קלאָרער שניי, וויקלט זיך דורך דער פייכטער לופט,

ווי פון אַ פאַרבאַרגענער האַנט געוויקלט, אַרויף, אַרויף, אין איין ריכטונג...

דערנאָך — די רויט־פייערדיקע זון איז אַרויסגעשוואומען און האָט אַלצ־דינג באַגאָסן מיט ליכט און וואַרעמקייט. עס הילכט דער וואַלד מיט פייגל־געזאַנג...

די הערצער ביי אונדזערע אידעאַליסטן צינדן זיך אויך אָן מיט זון־וואַ־רעמקייט און געזאַנג. פלינקער באַוועגן זיך די גלידער, פריילעכער און לע־בעדיקער די אַרבעט. עס זינגט די זעג אונטער זייערע הענט, און די האַק און דער ברעך־אייזן. און באַלד צעגיסט זיך איבערן וואַלד אַ רוסיש ליד וואָס ווערט אונטערגעכאַפּט דאָ און דאָרט פון אַלע זייערע, וואָס אַרבעטן דאָרט...

און עס גיסט זיך דערדאָזיקער רוסישער געזאַנג, פריש, פריילעך און מעכטיק, ווי די וואַרעמע, גאָלדענע שטראָמען ליכט, וואָס די זון גיסט דאָרט אין דער פייכטער, פרימאָרגנדיקער לופט, און איר מישט זיך אויס מיטן אַרומיקן פייגל־געזאַנג און דעם זעג־און האַק־און ברעך־אייזן־געזאַנג...

פלוצים שרייט־אויס איינער פון זיי:

— עך, פאַדליעצי! מיר זינגען דאָ און אין סיביר מאַטערן זיך טשער־נישעווסקי און די אַנדערע! ווען וועלן מיר אָנהויבן צו בויען די שיפן זיי צו באַפרייען פון סיביר? *

און גלייך הויבט זיך אָן אַ דיסקוסיע, וואָס באַזירט זיך שוין נישט בלויז אויף טשערנישעווסקין און זיינע רוסישע חברים, נאָר אויף דער גאַנצער מענטשהייט, וואָס שטיקט זיך אין אַ יאַמערטאָל...

ב.

עס נעמט נישט לאַנג און די אַרבעט איז אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. זעג און האַק און ברעך־אייזן אַוועקגעוואָרפן, און מען שטייט און מען היצט זיך, איפערנדיק זיך איבער דעם, ווי אַזוי צו מאַכן גליקלעך די גאַנצע מענטשהייט:

די רעוואָלוציאָנערן שרייען:

— דורך רעוואָלוציע, דורך רעוואָלוציאָנערן קאַמף!

און די פּאָזיטיוויסטן טענהן:

— דורך מאָראַלישער זעלבסט־אויסבעסערונג פון יעדן איינציקן יחיד

* ווי איך האָב שוין באַמערקט פריער, האָבן די אימיגראַנטן פון קאָפּלאַנס גרופּע „עס עולם" זיך געשטעלט צוויי צילן: צו שאַפן אַ נייע ציוויליזאַציע אין אַמעריקע און צו בויען שיפן מיטן צוועק צו באַפרייען טשערנישעווסקין און די אַנדערע פּאָליטישע פאַר־שיקטע פון סיביר. — ל. ק.

באַזונדער, פון יעדן אינדיווידואום באַזונדער, און דורך פאַרפלאַנצן צווישן מענטשן די נייע רעליגיע, די רעליגיע פון דער מענטשהייט...

און אַזוי האָבן זיי כסדר דעבאַטירט און וויכוחים אָנגעפירט צווישן זיך, סיי ווען זיי האָבן געאַרבעט, סיי ווען זיי האָבן גערוט, סיי ווען זיי זיינען ביים טיש געזעסן און סיי אפילו ווען זיי זיינען אויף זייערע געלעגערס געלעגן, ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין...

די פראַגע: ווי אַזוי צו באַפרייען די מענטשהייט — איז ביי זיי געווען די פראַגע פון אַלע פראַגן...

אַזוי אָבער ווי די רעוואָלוציאָנערן און די פּאָזיטיוויסטן האָבן געזען גאַנץ פאַרשיידענע וועגן, וואָס האָבן געזאָלט פירן צו דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט, האָבן זיי לאַנג אין שלום נישט געקענט לעבן צווישן זיך, און וואָס ווייטער זיינען זיי געוואָרן אַלץ פרעמדער און פרעמדער איינע די אַנ־דערע, ממש פייער און וואַסער. און ווען ניט פרעי, וואָלט די קאָמונע שוין באַלד דעמאָלט צעפאַלן. ער אָבער, וואָס פאַר אים האָבן די רעוואָלוציאָנערן אויך דרך־ארץ געהאַט, האָט מיט זיין מילדקייט און גוטסקייט אויפגעהאַלטן אַ געוויסע צייט דעם שלום צווישן די דאָזיקע קעגנער.

שפּעטער אָבער, ווען די רעוואָלוציאָנערן האָבן גענומען אָפּשפּאָטן פון דעם „גאָטעס־דינסט", וואָס די פּאָזיטיוויסטן האָבן געפראַוועט, וועלכע אַנ־דערע פון זיי האָבן גערופן „רעאַקציע־דינסט", האָבן פרעי מיט זיינע תלמידים זיך צוערשט אָפּגעזונדערט פון די רעוואָלוציאָנערן און זיי האָבן זיך אַריבער־געקליבן אין אַ באַזונדער הויז, וואו זיי האָבן זייער „גאָטעס־דינסט" גע־פראַוועט. נאָכדעם, אַז דאָס האָט אויך קיין שלום ניט געבראַכט, האָט פרעי מיט זיינע תלמידים אינגאַנצן פאַרלאָזן די קאָמונע.

די רעוואָלוציאָנערן זיינען געבליבן דעמאָלט די איינציקע באַלעבאַטים פון „ניו־אָדעסאַ", אָבער זיי אַליין האָבן אויך וואָס ווייטער אַלץ מער דעם חשק פאַרלוירן צו אַ קאָמוניסטישן לעבן. דעם שטאָטישן אידן האָט די שטאָט גענומען רופן, דעם אינטעליגענטן — דאָס לערנען און שטודירן, דעם רעוואָלוציאָנערן יידן — די ברייטע רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט צווישן דער שטאָטישער באַפעלקערונג, און ביי אַנדערע פון זיי האָט סתם זיך אויפגע־וועקט דער פּראַקטישער אינסטינקט וועגן אַ תכלית...

און צוזאַמען מיט דעם איז זיי קלאָר געוואָרן, אַז זייער פּלאַן וועגן בויען שיפן מיטן צוועק צו באַפרייען פּאָליטישע פאַרשיקטע פון סיביר, איז קינ־דיש. און, אַז זיצנדיק פאַרוואָרפן אין אַ וואַלד, ביי זיי אין דער קאָמונע, וועלן זיי קיין ציוויליזאַציע אין אַמעריקע ניט שאַפן...

האָבן זיי נאָכדעם, אין 1887, ביסלעכווייז אויספאַרקויפט די שותפות־

דיקע באַלעבאַטישקייט, און אין 1888 האָבן זיי זיך צוריקגעקערט קיין ניו־יאָרק.

אַזוי איז אונטערגעגאַנגען דעמאָלט די קאָמונע „ניו־אָדעסאַ", וואָס די רעוואָלוציאָנערן פון קאַפּלאַנס גרופּע „עם־עולם" האָבן געגרינדעט צוזאַמען מיט די פּאָזיטיוויסטן פון וויליאַם פרעי אין אָרעגאָן שטאַט אין 1883.

ג.

די אַנדערע קאָמונעס, וואָס אונדזערע אַנדערע פּיאָנערן האָבן געגרינדעט אין פאַרשיידענע געגנטן, האָבן אויך קיין בעסערן מזל ניט געהאַט צוליב אַנדערע טעמים.

אַזוי זיינען דורכגעפאַלן די קאָלאָניעס, וואָס הערמאַן ראָזענטאַל, דער שפּעטערדיקער הויפּט־פאַרוואַלטער פון דער רוסישער אָפּטיילונג אין דער ניו־יאָרקער שטאָטישער ביבליאָטעק, אויף דער 24טער גאַס, האָט געגרינדעט דעמאָלט.

זיין ערשטע קאָלאָניע האָט זיך געפונען אין לואיזיאַנאַ שטאַט און געהייסן האָט זי „קרעמיע", אַ נאָמען נאָך דעם באַוואוסטן ייִדיש־פראַנצויזישן מיניסטער קרעמיע.

אַ יאָר האָט זיך די דאָזיקע קאָלאָניע געהאַלטן, נאָכדעם איז זי אונטערגעגאַנגען פון אַ פאַרפלייצונג.

שפּעטער האָט הערמאַן ראָזענטאַל געגרינדעט אַ צווייטע קאָלאָניע אויך מיטן נאָמען „קרעמיע", אין סאַוט דאַקאָטאַ. זיינע חברים קאָלאָניסטן אָבער האָבן שוין ניט געקענט אַרבעטן מער מיט יענעם מוט, מיט וועלכן זיי האָבן געאַרבעט אין דער פריערדיקער קאָלאָניע.

דער אונטערגאַנג פון דער פריערדיקער קאָלאָניע, אויף וועלכער זיי האָבן אַזוי פיל כּוחות אַוועקגעלייגט, האָט זייער מוט דערהרגעט. חוץ דעם האָט דאָס, וואָס די אַנדערע חברים זייערע, וועלכע זיינען נאָך דער פאַרפלייצונג אין די שטעט אַוועק, וואו זיי האָבן געפונען אַרבעט און מעגלעכקייט צו שטודירן, אַזוי געווירקט אויף זיי, די פאַרבליבענע קאָלאָניסטן, הייסט עס, אַז זיי זאָלן פאַרלירן דעם חשק אינגאַנצן צו לעבן ווייטער ווי זיי האָבן געלעבט אין אַזאַ קאָלאָניע.

און אַזוי איז די דאָזיקע קאָלאָניע אויך אונטערגעגאַנגען.

אַרום 1883 איז נאָך אַ קאָלאָניע געגרינדעט געוואָרן אין סאַוט־דאַקאָטאַ — די קאָמוניסטישע קאָלאָניע „בית לחם", און אָט־די קאָלאָניע האָט זיך אויך ניט געקענט לאַנג האַלטן צוליב געלט־מאַנגל.

אין דעם זעלביקן יאָר האָבן סאָלאָמאָן מענאַקער און הערדער, דער גרינדער פון „עם־עולם", געגרינדעט אַ קאָלאָניע אין אַרקענזאַס שטאַט. אַרום דרייסיק אימיגראַנטן האָבן אין אָט־דער קאָלאָניע געאַרבעט.

זיי האָבן אָבער ניט געקאָנט אויסהאַלטן דעם דאָרטיקן קלימאַט און די קדחת, וואָס האָט געבושעוועט דאָרט. און אַזוי איז אויך די דאָזיקע קאָלאָניע צעפאַלן.

שפּעטער, אין 1885, האָבן סאָלאָמאָן מענאקער און נאָך אַנדערע געגרינדעט די „לאסקער" קאָלאָניע אין קענזאס שטאַט, וואָס זי איז באַשטאַנען פון פערציק פאַרשוינען; אָבער אויך די קאָלאָניע האָט מער פון אַ יאָר זיך ניט געהאַלטן, צוליב אַנדערע סיבות: צוליב טריקעניש און הייישעריקן, למשל...

קורץ, אונדזערע פּיאָנערן איז ניט באַשערט געווען דורכצוברעכן דעם שווערן, אָבער געבענטשטן וועג צו ערד־אַרבעט אין קאָלאָניעס פאַר אונדזערע יידישע מאַסן אימיגראַנטן, ווי זיי האָבן שפּעטער דורכגעבראָכן דעם וועג פאַר די אייגענע מאַסן צו אַרבעטער־יוניאָנס און צו דער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל.

אָבער אַ סך פון זיי, קומענדיק אין די שטעט פון די פאַרלאָזענע קאָלאָניעס, האָבן זייערע כוחות דערנאָך אָנגעווענדט אויף צו באַשאַפן דאָרט קאָאָפּעראַטיווע שעפּער, וועשערייען און בעקערייען קאָאָפּעראַטיווע, פאַר די דעמאָלטדיקע יידישע מאַסן.

מיר אַליין איז נאָך אויסגעקומען צו זען אַזאַ קאָאָפּעראַטיווע פאַבריק אין כרמל, ניו־דזשוירזי, אין דעם ערשטן יאָר, ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע.

סאָלאָמאָן מענאקער און איינער, אַ געוויסער קאשעט, אויך אַן אידעאַלע פּערזענלעכקייט, זיינען געווען די פאַרוואַלטער פון יענעם קאָאָפּעראַטיוון שאַפּ.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן יענע צייט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט צווישן יענע מענטשן... וואָס פאַר אידעאַליסטן זיי זיינען דאָס געווען! וואָס פאַר ליבע, גרויסע קינדער און ווי זיי האָבן געגלויבט אין זייער אידעאַל און וויפל זיי האָבן דאָס מקריב געווען פאַר אים!

וואוינענדיק דעמאָלט ביי מענאקערן אין הויז, האָב איך געפילט ממש די ברידערלעכקייט פון אַ „צוקונפטיקער געזעלשאַפט", ווי זי האָט זיך געמאָלן אין יענער צייט אין מיין פאַנטאַזיע.

וויפל שיינקייט יענע מענטשן האָבן פאַרמאָגט, און ווי גוט מיר איז געווען צווישן זיי. און מיינט ניט, אַז דערפאַר נאָר, ווייל איך בין דעמאָלט אַזוי יונג געווען!...

סאָלאָמאָן מענאקער איז אַן עקשן געווען. זיין עקשנות אָבער איז נישט געווען פון אַן איינגעשפּאַרטן מענטשן, וואָס וויל אַרויפצווינגען זיין מיינונג

אויף אַן אַנדערן סתם צוליב משונהדיקע שגעונות. נאָר זיין עקשנות איז תמיד געווען די עקשנות פון איבערצייגונג, די רעליגיעזע עקשנות פון דעם אמתן גלויבן... און אַזוי איז ער פאַרבליבן דער פאַרעקשנטער אידעאַליסט אויף זיין גאַנץ לעבן. ווען איך האָב זיך שפּעטער געטראָפן מיט אים, האָט ער שוין געהאַט אַ ווייסן קאָפּ, אָבער יונג איז ער געווען ווי פריער. אין דער מחלוקה אינעם אַרבעטער־רינג צווישן די „אַלטע" און „יונגע", איז ער געשטאַנען אויף דער זייט פון די יונגע, דער יינגסטער צווישן זיי...

פינפטער קאַפּיטל

גענעראַלן און סאָלדאַטן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג

א.

מיט זייערע ערד־אַרבעט קאָלאָניעס זיינען אונדזערע פּיאָנערן דורכגע־פאַלן און אַזוי אויך מיט אַלערליי אַנדערע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען, ווי קאָאָפּעראַטיווע וועשערייען, שעפּער פון העמדער, ראפּערס און אַזוי ווייטער, וואָס זיי, די פּיאָנערן אונדזערע, האָבן פון צייט צו צייט געפּרואווט גרינדן.

דערפאַר אָבער זיינען זיי ניט דורכגעפאַלן מיט זייער אויפקלערונגס־אַר־בעט צווישן די מאַסן רוסיש־יידישע אימיגראַנטן, וועלכע האָבן דאָ אין שע־פּער אָנגעהויבן צו אַרבעטן.

אמת, גרינג איז זיי די דיזאָזיקע אַרבעט אויך ניט אָנגעקומען. די מערסטע פון יענע אימיגראַנטן, וואָס האָבן דעמאָלט אין די שעפּער געאַרבעט, זיי־נען געווען פריערדיקע היימישע קליינהענדלער און קרעמערס, וואָס יעדער פון זיי האָט באַטראַכט זיין אַרבעט אין שאָפּ ניט מער ווי אַ דערווייליקע פּרנסה, ביז, מיט גאָטס הילף, ער וועט אָפּשפּאָרן עטלעכע דאָלער, און דאַן וועט ער קויפן אַ „ביזנעס״, צי ער וועט גאָר אַליין ווערן אַ קאָנטראַק־טאָר פון אַרבעט. דערצו האָבן די מערסטע פון זיי ניט געוואוסט דעם אונ־טערשייד פון אַ סאָציאַליסט ביז אַ מיסיאָנער. דעמאָלט, אַז אַ סאָציאַ־ליסט האָט אָנגעהויבן צוריידן צו אַזאַ עולם, האָט מען אים אָפּט, דעם סאָ־ציאַליסט, הייסט עס, מיט שטיינער פאַרוואָרפן און מען איז אים נאָכגעלאָפן מיט געשרייען:

— מיסיאָנער! מיסיאָנער!...

דערפאַר האָט זיך אַ לאַנגע צייט דערדאָזיקער מאַטעריאַל ניט געלאָזט אַזוי גרינג צו אָרגאַניזירן אין אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און האָט מען פון אים עפּעס אַ יוניאָן געמאַכט, האָט עס אָפּט דאַן געהאַט אַ האַפט פון אַ קאָרטן־שטיבל: ביי דעם ערשטן בלאָז איז עס צעפאַלן געוואָרן.

די פּיאָנערן אונדזערע האָבן אָבער דעם מוט ניט פאַרלאָרן. זיי האָבן געטאָן ווייטער זייער אויפקלערונגס־אַרבעט. האָבן ניט גערוט. בפרט די „פּראָסטע סאָלדאַטן״, אַזוינע ווי ב. וויינשטיין, למשל, דער וועטעראַן צווישן די פּשוטע סאָלדאַטן אין דער היגער אַרבעטער־באַוועגונג, צי ווי שפּעטער מאַקס פּיין, מייז ליבער לאַנדסמאַן און פריינט, וואָס איך האָב אים ליב געהאַט דווקא דערפאַר, וואָס ער איז זיין גאַנץ לעבן פאַרבליבן אַ סאָלדאַט

צווישן סאָלדאַטן אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, טראָצדעם וואָס לויט זיינע פיאיקייטן און זיין אַרבעט האָט ער געקענט און געדאַרפט זיין דאָרט וויניקסטנס אַ פּאָלקאָווניק... אָט־די דאָזיקע וויינשטיינס און פיינס און נאָך אַזעלכע ווי זיי, וועלכע איך אַליין האָב אַמאָל געקענט און וועלכע אַנדערע האָבן געקענט, — זיי באַזונדערס האָט די היגע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג צו פאַרדאַנקען פאַר איר לעבן און פאַר איר עקזיסטענץ.

ווען דער רעדנער, דער „גענעראַל", האָט אַמאָל געפעלט צו אַ פאַרזאַמ־לונג, האָבן זיי גערעדט. אפשר ניט אַזוי שיין ווי דער גענעראַל זייערער, אָבער אויפריכטיקער און אמתער האָבן זיי געוויס גערעדט. ביי די גענעראַלן זיינען די אַרבעטער אַלעמאָל געווען „איר" און ביי זיי, די פיינס און די וויינ־שטיינס, זיינען די אַרבעטער אַלעמאָל געווען „מיר". די גענעראַלן האָבן געזוכט צו ווירקן אויף די אַרבעטער מיט ברענענדיקע פראַזן און די פיינס און די וויינשטיינס מיט ברענענדיקע שטיקער האַרץ...

און ווען דער רעדנער, דער גענעראַל, האָט אויף אַ פאַרזאַמלונג גערעדט, האָבן זיי געטיילט די הענד־בילס פאַר דער פאַרזאַמלונג, אויסגעשטעלט די בענק אינעם פאַרזאַמלונג־לאָקאַל און האָבן געפילט, אַז ווען זיי וואָלטן גע־קענט וואָלטן זיי מיט געוואָלד אַריינגעהאַקט יעדן אויפקלערונגס־געדאַנק, וואָס דער רעדנער האָט אַרויסגעזאָגט, דעם עולם אין מוח.

און איז אַמאָל אַ סטרייק געווען, זיינען זיי ניט נאָר די רעדנער געווען, נאָר אָפט די „פּיקעטס" אַרום די שעפער, די הענד־בילס פאַרטיילער וועגן סטרייק און די וואָס האָבן פאַרגעסן ווייב און קינד צוליב דעם סטרייק און די וואָס האָבן אָפט איינגעשטעלט די קעפּ אונטער די שטיינער פון „סקעבס"...

וויפל מאָל, אַז איך האָב געשריבן אַ דערציילונג, צי אַ פּיעסע פונעם אַרבעטער־לעבן האָב איך זיך דערמאָנט אָן אַזוינע ווי זיי.

אָן אַזוינע וואָלט די היינטיקע אַרבעטער־באַוועגונג ניט געווען און דער היינטיקער גענעראַל פון די אַמאָליקע פיאָנערן־אינטעליגענטן וואָלט היינט קיין גענעראַל ניט געווען, און די היינטיקע אַרבעטער־פּרעסע וואָלט אויך ניט געווען.

די גאָלדענע גענעראַלסקע גאַלונעס האָבן אַזוינע ווי פיין און וויינשטייך אונדזערע גענעראַלן אַרויפגעטאָן...

ווי חסידים צו אַ רבין האָבן זיי אַרויפגעקוקט צו אים, וואָס האָט אין זייערע הערצער דעם אידעאַל אָנגעצונדן און דאָס פייער צום קאַמף. פאַר־הייליקט האָבן זיי אים און פאַרהערלעכט, און זיין רום צווישן די מאַסן פאַר־שפּרייט.

האָבן די גענעראַלן פון דער היגער אַרבעטער־באַוועגונג אַמאָל אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם?

אָבער מיר וועלן זיך צוריקקערן צו אונדזער ענין.

טראָצדעם וואָס דעם יידישן אַרבעטער האָט דעמאָלט אינגאַנצן געפעלט די אַזוי־גערופענע „פּראָלעטאַרישע פּסיכאָלאָגיע", וואָס מיט אַלע זיינע גע־דאַנקען האָט ער זיך געריסן צו ביזנעס און צו פאַרלאָזן דעם שאַפּ, איז אָבער דער אימיגראַציאָנס־שטראָם געווען אַזוי גרויס, אַז די שעפּער זיינען פאַר־פלייצט געוואָרן פון „גרינע הענט". און ניט יעדער פון די אימיגראַנטן, וואָס איז דאָ פאַרוואָגלט געוואָרן אין אַ שאַפּ און איז דאַן געוואָרן אַ העמדל־נייער, אַ מאַנטל־מאַכער און אַזוי ווייטער, האָט זיך געקענט אַרויסרייסן פון־נעם שאַפּ, זיינען געבליבן געננוג „הענט", וואָס האָבן זיך ביסלעכווייז געלאָזט באַאיינפלוסן פון אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע.

דערצו נאָך האָט זיך, אַדאַנק דעם שטענדיקן אימיגראַציאָנס־שטראָם, דאָ שטאַרק צעבליט די באַרימטע שוויץ־סיסטעם.

דידאָזיקע „סיסטעם" האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט יעדן איינעם צו ווערן אַ קאָנטראַקטאָר ביי אַ פאַבריקאַנט און טאָן אַרבעט פאַר אים ביי זיך אין דער וואוינונג. די וואוינונג פון אַזאַ קאָנטראַקטאָר איז אָפט באַשטאַנען פון בלויז צוויי צימערלעך. אין די דאָזיקע צוויי צימערלעך, ס'רוב פינצטערע און פאַרשטיקטע, האָבן ניט זעלטן געאַרבעט אַ טוצענד מענטשן פאַר דעם שיין פון געז. אין דיזעלביקע צימערן האָט די באַלעבאָסטע געקאָכט, גע־וואַשן, געניאַנטשעט די קינדער און שפּעט נאָך האַלבע נאַכט איז זי מיט איר הויזגעזינד, דאָרט אין די אייגענע צימערן, מיין איך, געשלאָפן און אַמאָל האָט דאָרט נאָך צוגעשפּאַרט דעם קאָפּ עמיצער פון די אַרבעטער. וועלכער האָט געזשאַלעוועט צו פאַרלירן די צייט און איז ניט געגאַנגען דער־פאַר אַהיים שלאָפן, מחמת אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט ער זיך געדאַרפט צוריקקערן אַהין צו דער אַרבעט...

און אַזוינע אונטערנעמערלעך, קאָנטראַקטאָרס אַזוינע, האָבן זיך דאַן געפּרוכפּערט און געמערט דאָ, אויף דער „גרינער" יידישער גאַס. קיין קאַ־פּיטאַל צו אַזאַ אונטערנעמונג האָט מען ניט געדאַרפט. ביליקע הענט האָט מען נאָר געדאַרפט און ניט מער. האָט די שטענדיקע עמיגראַציע געננוג אַזוינע הענט געבראַכט.

די „גרינע" יידן האָבן גערנער געאַרבעט אין אַזאַ שוויץ־שאַפּ, איידער אין די גרויסע שעפּער, ווייל דאָ האָבן זיי זיך געפילט אַ סך היימישער ווי אין די גרויסע שעפּער. דאָ האָבן זיי גערעדט און פאַרשטאַנען וואָס אַנדערע רעדן, און אין די גרויסע שעפּער זיינען זיי געווען שטום. דאָ האָבן זיי געקענט אַרבעטן אַזוי שפּעט, ווי זיי אַליין האָבן געוואָלט, אפילו פּראַווען חצות ביי דער אַרבעט האָבן זיי געקענט; און אין די גרויסע שעפּער האָבן זיי געקענט אַרבעטן בלויז באַשטימטע שטונדן; חוץ דעם איז דער באַלע־

באַס פון אַזאַ היימישן שאַפּ טאַקע געווען אַן אייגענער מענטש אויך, אַמאָל גאָר אַ לאַנדסמאַן צי אַ קרוב, און צו אַרבעטן ביי אַ היימישן מענטשן פילט מען זיך דאָך ניט אַזוי אין דער פרעמד, אין גלות.

און אַ גרויסע ראָלע האָט דאָ נאָך אויך געשפּילט, וואָס אין די שוויץ־שעפּער האָט מען ניט געמוזט שבת און יום־טוב אַרבעטן...

די דאָזיקע שוויץ־סיסטעם האָט געשאַפן נאָך מער באָדן פאַר סאָציאַ־ליסטישער פּראָפּאַגאַנדע.

אין דער אייגענער צייט האָבן די אינטעליגענטן צווישן די פּיאָנערן, וואָס האָבן פריער אַגיטירט דורכאויס אין דער רוסישער שפּראַך און צווישן

יוסף באַראָנדעס

אַ באַשרענקטן קרייז פון די רוסיש־יידישע אינטעליגענטן, אָנגעהויבן אַלץ מער און מער צו אַגיטירן צווישן די דאָזיקע גרויסע מאַסן יידישע אימי־גראַנטן אין דעם יידישן „זשאַרגאָן", וועלכן די אינטעליגענטן האָבן פאַר־אַכטעט. צו אָרגאַניזירן זיך האָבן די אַגיטאַטאָרס זיי גערופן, צו קעמפן קעגן דער שוויץ־סיסטעם און פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע בכלל...

און אַרום די רעדנער, די שפּעטערדיקע „גענעראַלן", האָבן זיך גרופּירט יענע טיכטיקע סאָלדאַטן פון דעם פּיין־און ווייִנשטיין־טיפּ, וואָס האָבן זיך

מיט באַגייסטערונג אַריינגעוואָרפֿן אין דער באַוועגונג און אָרגאַניזירט יו־ניאָנס און סטרייקס אָנגעפֿירט און געשאַפֿן אויף אַזאַ אופֿן די היגע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג.

אַ סך פֿון דידאַזיקע „סאָלדאַטן" האָבן אַליין געאַרבעט אין שוויץ־שע־פּער און צווישן די אַרבעטער דאָרט אַגיטירט. אינטערעסאַנטע אינצידענטן פֿון יענער צייט ווען מען האָט אין די שוויץ־שעפּער ביי אונדז געאַרבעט און ווי די אַרבעטער האָבן אויפגענומען די אַגיטאַציע און ווי מען האָט אַמאָל געסטרייקט און פּאַרוואָס — האָט מיר אַמאָל דערציילט ב. שלעזינגער, וועל־כער האָט אַליין יאָרן־לאַנג געאַרבעט אין אַזעלכע שעפּער.

ב.

— אין יענער צייט, — דערציילט מיר ב. שלעזינגער, דער באַקאַנטער יוניאָן־פירער, — האָט ער געאַרבעט ביי פּרויען־מאַנטלען אין שיקאַגאָ. דאָרט האָט אויך דאַן געבליט די סוועט־שאַפּ סיסטעם ניט בעסער ווי אין ניו־יאָרק.

די אַרבעטער זיינען דאָרט אויך געזעסן צונויפגעפּרעסטע אין פֿאַר־שטיקטע צימערן, אַ קאָפּ צו אַ קאָפּ, אַזוי ווי הערינג אין אַ פֿאַס, און האָבן געטריבן זייערע מאַשינען.

אין יענער צייט האָט מען אין די שניידער־שעפּער נאָך ניט געוואוסט, וואָס דאָס מיינט אַזוינס צו טרייבן מאַשינען מיט דער קראַפט פֿון עלעק־טריציטעט אָדער סטים — מען האָט זיי געטריבן מיט דער קראַפט פֿון די אייגענע פֿיס.

און די פֿיס פֿון די אַרבעטער זיינען גאַרניט מיד געוואָרן, טרייבנדיק די מאַשינען. אַוועקגעזעצט זיך פֿאַר דער מאַשין גאַנץ־פֿרי, אַן אַנדערער גאָר פֿאַרטאָג, און זי געדרייט און געטריבן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

אַרבעט שלעזינגער אין אַ שאַפּ אַזאַ. דערמאָנט ער זיך, ווי איינמאָל האָט ער געמאַכט אַ פֿאָרשלאָג צו די שניידער פֿון יענעם שאַפּ, אַז מען זאָל מער פֿון צוועלף שטונדן אַ טאָג ניט אַרבעטן. דאָס הייסט: פֿון זיבן אינדערפֿרי ביז זיבן פֿאַרנאַכט.

שטעלט זיך דאַן אַוועק איינער פֿון די אַרבעטער מיט אַזאַ טענה:

— וואָס הייסט פֿון זיבן ביז זיבן? און וואָס זאָלן מיר טאָן נאָך זיבן?

ענטפֿערט מען אים:

— וואָס הייסט וואָס? איר וועט פֿאַרברענגען מיט אייער ווייב און קינדער אין דער היים.

טוט ער אַ געשריי:

— איר פאַרברענגט מיט אייער ווייב און קינדער אין דער היים, ניט איך!

זאָגט מען אים ווייטער:

— נו, וועט איר גיין אין טעאַטער מיט זיי...

מאַכט ער:

— נו, און ווער וועט באַצאָלן פאַר די טיקעטס?

— וואָס הייסט ווער? אַז איר וועט גיין אין טעאַטער, וועט איר אַליין דאַרפן באַצאָלן, — ענטפערט מען אים.

דערקלערט ער דאַן:

— חכמים! אי צאָלן פאַר טיקעטס, אי דאָ פאַרלירן, ניט איך! עט, דרייט ניט קיין קאָפּ. איכ'ל אַרבעטן מיין „ריכטיקע" צייט!...

און עס איז געבליבן ווי ער האָט געזאָגט. די איבעריקע אַרבעטער, וואָס זיינען געווען פון זיין סאָרט, האָבן ווייטער געאַרבעט די „ריכטיקע צייט".

און מען דאַרף האָבן אויך אינזינען, אַז דאָ רעדט זיך וועגן אַרבעטער ניט אין גאָר דער גרינער צייט, ווען די אַרבעטער־אַגיטאַציע האָט זיך גע־האָט נאָר־וואָס אָנגעפאַנגען, נאָר פון אַרבעטער אין די אָנפאַנג נײַנציקער, ווען די ווערטער: „יוניאָן", „סטרייק", „קירצערע אַרבעטס־שטונדן" האָבן שוין געדאַרפט האָבן אַ באַשטימטע באַדייטונג.

צי אַט דערציילט ב. שלעזינגער וועגן אַ סטרייק אין אַ שוויץ־שאַפּ, ווי אַזוי און פאַרוואָס אַ סטרייק איז אין יענער צייט אין אַזאַ שוויץ־פאַבריק אַרויס־גערופן געוואָרן און ווי מען האָט דערנאָך אים, דעם סטרייק, הייסט עס, „געסעטלט".

אין אַ געוויסן שוויץ־שאַפּ פון פרויען־מאַנטלען האָט געאַרבעט איי־נער אַ רייכמאַן. דער דאָזיקער רייכמאַן, אַ דאַרער, לאַנגער ייד, מיט לאַנגע הענט און פיס און מיט אַן אויסגעדאַרטן פּנים, איז געווען אַזאַ מאַדים אַן אַרבעטער. ער האָט מיט זיינע לאַנגע הענט און פיס אַרויסגעוואָרפן אַרבעט מער פון צען אַנדערע אַרבעטער, וועלכע האָבן נאָך ניט אויסגעזען אַזוי לאַנג און אויסגעצערט ווי ער (ער איז שפּעטער געשטאָרבן פון שווינדזוכט).

האָט מען אים געהאַלטן ווי אַן „אבן־טוב" אין דער שוויץ־פאַבריקל. אַ קאַטאַוועס! אי ער פאַרנעמט ווייניקער פּלאַץ איידער אַן אַנדער אַרבע־טער, וואָס האָט נאָך ניט די שווינדזוכט אין זיינע ביינער, אי ער וואַרפט אַרויס אַזוי פיל אַרבעט!

וואָרום וויסן דאַרפט איר, אַז דער פּלאַץ אין אַ „שוויץ־פאַבריקל", וואָס איז אויך געווען די וואוינונג פון דעם באַלעבאָס מיט זיין פאַמיליע, איז געווען זייער טייער.

דער באַלעבאָס און די באַלעבאָסטע קוקן אים אין די אויגן, ווי ער וואָלט

זיין אַ בן־יחיד ממש. דער באַלעבאָס איז אים אַמאָל מכבד מיט אַ סיגאַרעטל, נעמט אַ סיגאַרעטל ביי אים — קורץ, זיי זיינען שטאַרק „פאַרקנעפּלט" איי־נער מיטן אַנדערן, „דוצן" איינער דעם אַנדערן, און רו און צופרידנקייט הערשן דאָרטן צווישן „קאַפּיטאַל און אַרבעט".

די אַרבעטער פון דעם דאָזיקן שוויץ־פאַבריקל האָבן אויך זייער גרויס דרך־ארץ פאַר דעם לאַנגן רייכמאַנען. זיי גלויבן, אַז בלויז צוליב דעם זכות פון זיינע לאַנגע הענט און פיס, וואָס וואַרפן אַרויס אַזוי פיל אַרבעט, שטייט דער גאַנצער שאַפּ, און זאָל ער, חלילה וחס, אַוועקגיין פונעם שאַפּ, איז אויס שאַפּ, אויס אַרבעט, אויס היונה.

פילט זיך דאָרט דער לאַנגער רייכמאַן ווי אַן אוראַדניק אַמאָל אין אַ רוסיש קליין שטעטל צווישן די דערשלאָגענע יידן, צי ווי אַ וואָרעם אין כריין. און קומט ער איינדערפרי אין שאַפּ, עפנט ער מיט שטירדעס די טיר, פּאַטשט מיט זיינע לאַנגע הענט איבער די מאַשינען, וואָס די אַנדערע אַרבעטער רוקן פאַר אים אָפּ, בעת ער שפּרייזט מיט זיינע לאַנגע פיס צווישן זיי צו זיין מאַשין צו.

די באַלעבאָסטע, וואָס זיצט שוין אויף איר בעט מיט אַרבעט, זאָגט אים אין אַ הניפהשן טאָן „גוט מאָרגן", און אַזוי אויך דער באַלעבאָס.

טרעפט אַמאָל אַזאַ מעשה:

אין דרויסן איז אַ ביטערע קעלט, און דער באַלעבאָס איז עפּעס אויך אויפגעשטאַנען אויף דער „לינקער זייט". קומט דאַן אַריין דער לאַנגער רייכ־מאַן אין שאַפּ. האָט געעפנט די טיר מיט שטירדעס, ווי געוויינלעך, און פאַר־געסן זי צוצומאַכן.

רופט זיך אָן דער באַלעבאָס, וועלכער איז יענעם פרימאָרגן אויפגעשטאַ־נען „אויף דער לינקער זייט":

— פאַרוואָס מאַכסטו ניט צו די טיר?

געפעלט ניט דער טאָן דעם לאַנגן רייכמאַנען און ער ענטפערט אים:

— און דו וואָס? דו ביזט קראַנק צוצומאַכן די טיר, וואָס?

מאַכט דער באַלעבאָס נאָך מער אין אַ טאָן פון דער „לינקער זייט":

— און דו ביזט קראַנק? דו האָסט זי געעפנט, טאָ מאַך צו!

דערקלערט דאַן רייכמאַן דער לאַנגער:

— ניט דערלעבן וועסטו עס ביי מיר! דו וועסט צומאַכן די טיר! אַניט איז אַ סטרייק!

— איך וועל שוין די טיר ניט צומאַכן! — צעשרייט זיך דאַן דער באַלעבאָס, — מעג זי אפילו שטיין אָפן ביז איבעראיאָר!

און וויל די באַלעבאָסטע דערנאָך צומאַכן די טיר, לאָזט איר ניט דער מאַן. ער שרייט:

— אַוועק! ער וועט ביי מיר צומאַכן די טיר! אַניט זאָל ער פרירן!

און וויל אַן אַנדער אַרבעטער די טיר צומאַכן, לאָזט אים ניט דער לאַנגער רייכמאַן. ער שרייט:

— ער וועט צומאַכן ביי מיר די טיר, ער! ניט קראַנק איז ער! אַניט, איז סטרייקן!

דער סוף איז געווען, אַז רייכמאַן האָט אַ זאָג־געטאָן צו די אַנדערע אַרבעטער מען זאָל סטרייקן. זיי האָבן אים געפאָלגט, וואָרום אָן אים — האָבן זיי געגלויבט — האָט דאָך דער שאַפּ סיי ווי סיי ניט געקענט שטיין.

דעם דאָזיקן סטרייק האָט מען דערנאָך „געסעטלט" מיט אַ קאָמפּראָמיס: דאָס הייסט, רייכמאַן האָט געמעגט לאָזן אָפן די טיר יעדן אינדערפרי, נאָר אַנשטאָט דער באַלעבאָס אַליין, איז מחויב געווען זי צוצומאַכן זייב ווייב.

וועגן נאָך אַנדערע אַזוינע סטרייקס דערציילט ב. שלעזינגער. ווי, למשל, וועגן אַ סטרייק אין אַ סוועט־שאַפּ צוליב אַ כלי פאַר ביר, וואָס די אַרבעטער האָבן זי געניצט. דידאָזיקע פינף־סענטיקע בלעכענע כלי איז אַמאָל פאַרלאָרן געגאַנגען, און ווען דער באַלעבאָס פון שאַפּ האָט זיך דעמאָלט אָפּגעזאָגט צו קויפן אַ נייע כלי פאַר פינף סענט פאַר די אַרבעטער אין זיין שאַפּ, האָבן זיי אים דערקלערט אַ סטרייק.

דאָס באַווייזט ווי קינדיש און אומגעלומפּערט עס זיינען סטרייקס דאַן אויסגענוצט געוואָרן און ווי אָרעם אין יעדער הינזיכט איז דער צושטאַנד פון דעם אַרבעטער דאַן געווען. אין דער אייגענער צייט אָבער באַווייזט עס אויך ווי אַזוי די פּראָלעטאַרישע באַוואוסטזיניקייט האָט זיך דאָך געוועקט ביי יענע אַרבעטער, ווי ביי קינדער דער פאַרשטאַנד, אונטער דעם איינפלוס פון דער אַגיטאַציע, וואָס האָט זיך אין דער לופטן געטראָגן, און וועלכע אונדזערע פּיאָנערן האָבן אויפגעהויבן. חוץ דעם באַווייזט עס טאַקע נאָך אַמאָל, צווישן וועלכע עלעמענטן אונדזערע פּיאָנערן איז דאַן אויסגעקומען צו אַרבעטן.

אָבער זיי, די פּיאָנערן אונדזערע, האָבן זיך ניט אָפּגעשראָקן און אַדאַנק זייער אידעאַליזם און זייערע גרויסע גייסטיקע כוחות איז זיי מיט דער צייט דאָך געלונגען אַריינצוברענגען אַביסל ליכט אין די פינצטערע מוחות פון די אַרבעטער פון יענער צייט.

ג.

מאַקס פיין דערציילט מיר, ווי גרינערהייט איז ער אָנגעקומען אַרבעטן צו זיינעם אַ לאַנדסמאַן אין אַ שוויץ־שאַפּ.

אינעם שאַפּ האָט מען געאַרבעט „ני־פּענטס" — קינדערשע הייזקעס.

און פּאָר אויסלערנען די דאָזיקע מלאכה האָט פֿיין געמוזט אַרבעטן דריי וואָכן אומזיסט און צוצאָלן נאָך פֿינף־און־צוואַנציק דאָלער.

דערציילט מאַקס פֿיין:

די דריי רומקעס, פֿון וועלכע די „פֿאַבריקע" איז באַשטאַנען, האָבן גע־דינט אי פֿאַר אַ שאַפּ, אי פֿאַר אַ וואוינונג. ביים אַריינגאַנג איז געווען די „קיטשן" אויף אַ גרויסן טשוגונענעם אויוון האָבן געגליט פּרעס־אייזנס. אַ לאַנגער הילצערנער טיש, אַנגעוואָרפֿן מיט הייזקעס, האָט פֿאַרנומען דעם גאַנצן פּלאַץ. אַ הויכער, דאַרער ייִד, מיט אַ לאַנגער באָרד, האָט זיך געבויגן און געצאַפּלט מיטן פּרעס־אייזן, ווי אַ קאָרן־זאַנג אונטערן ווינט.

אין דעם צווייטן צימער, דעם גרעסטן, זיינען געשטאַנען אַרום נייִ־צען מאַשינען. זיי זיינען געווען אַזוי צוגערוקט איינע צו דער אַנדערער, אַז עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די אָפּערעיטאָרס, וואָס האָבן אויף זיי גע־אַרבעט, זיינען אַזוי ווי אַריינגעקוועטשט געוואָרן אויף זייערע ערטער.

די טיר פֿון בעדרום איז געווען אָפֿן. אויף דער איינציקער בעט, וואָס דאָרט איז געשטאַנען, איז געלעגן אַ פֿרוי, די באַלעבאָסטע. זי האָט אויך „אַרויסגעהאָלפֿן". נעבן איר איז געלעגן אַ בערגל „ני־פּענטס", וועלכע זי האָט „אַרומגעבייסטעט".

געאַרבעט האָט ער דאָרט שטונדן פֿון פֿאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט. זעכציק הייזקעס האָט ער געמוזט מאַכן. דאַן ערשט איז ער פֿאַר־טיק געוואָרן מיט זיין טאָג אַרבעט. פֿאַר די דאָזיקע זעכציק הייזקעס האָט ער באַקומען אַ דאָלער מיט צוואַנציק סענט.

אין יענעם שאַפּ האָט געאַרבעט איינער אַ גוט־ברודער, אַ געוויסער לואי. דער דאָזיקער לואי איז שוין אַביסל „אַנגעכאַפּט" געווען פֿון דער אַר־בעטער־באַוועגונג, ער ווייסט שוין, וואָס יוניאָן מיינט, אָבער עס פֿעלט אים אויס דער קוראַזש צו ווערן אַ יוניאָן־מאַן, ווייל אין יענער צייט אַריינצו־טרעטן אין אַ יוניאָן, האָט געמיינט צו פֿאַרלירן די אַרבעט אינעם שאַפּ.

דערציילט אַמאָל יענער לואי פֿיינען וועגן אַ פּענטס־מאַכער יוניאָן. און פֿיין צינדט זיך גלייך אָן, און ער הויבט אָן איינצורעדן יענעם אַריינצו־טרעטן אין דער יוניאָן.

און איין מאָל גייען זיי ביידע אַוועק אין יוניאָן־אָפֿיס און קריגן דאָרט יוניאָן־ביכלעך.

ווען זיי גייען אַרויס פֿון דעם יוניאָן־אָפֿיס, באַמערקן זיי מיטאַמאָל זייער באָס. ער האָט זיי נאָכגעשפּיאָנירט...

אַן אומרואיקע נאַכט האָט פֿיין דערנאָך פֿאַרבראַכט. ער האָט פֿאַרשטאַ־נען, אַז דער באָס וועט וועלן „שלאָגן מיט אים כפּרות", ווייל קיין „איינגעאַר־בעטע האַנט" איז ער נאָך דאַן ניט געווען.

ער קומט אין שאַפּ. אמת, ווי דאָס האַרץ וואָלט אים געזאָגט: דער באָס איז צו אים צוגעלאָפן מיט אַ רציחה און גענומען רייסן דעם סטענד פון זיין מאַשין פונעם דיל.

זיין כעס איז געשטיגן פון רגע צו רגע, — דערציילט פיין ווייטער, — ווען ער האָט מיין מאַשין אָפּגעריסן, האָט ער אויפגעהויבן זיין האַנט און האָט מיך געוואָלט שלאָגן. איך האָב אים אָפּגעשטופּט.

אייניקע אַרבעטער האָבן אים צוגעהאַלטן. ער האָט דערווייל געשריען:

— לאָז מיך! איכ׳ל אים דערהרגענען דעם גרינעם קירבעס! בונטן וועט ער מיר דאָ מאַכן? איכ׳ל אים ווייזן וואָס אַמעריקע איז!

פּלוצלונג דערהערט זיך לואיסעס קול. מען טוט זיך אַ קער צו אים: ערשט ער שליידערט די אַרבעט אויף אַלע זייטן און שרייט:

— מען טרייבט אונדז גאָר? אַלע זאָלן מיר גיין!

און ער רייסט זיין מאַשין מיט אַלע כוחות.

די איבעריקע אַרבעטער זיינען היגעריסן געוואָרן פון אים און טוען אים נאָך. אין אַ ווײַלע אַרום שטייען שוין די מאַשינען פון די אַרבעטער אַלע אין דרויסן אויפן טראָטואַר.

שפּעטער באַווייזט זיך די דאַרע פיגור פונעם פרעסער. ער קומט דאָס אַלס שליח פונעם באָס.

— דער באָס האָט שוין חרטה, — זאָגט ער, — ער וויל צוריק דעם גרינעם אָפּערעיטאָר. און כדי צו מאַכן שלום, וועט ער שטעלן אַ באַרל ביר.

אָבער לואי, וועלכער ווייזט אַרויס אמתע צייכנס פון אַ פירער, ענט־פערט אים, אַז דער באָס אַליין זאָל אַרונטערקומען. און ער שטעלט אַרויס צום באָס דידאָזיקע פאָדערונגען:

אַ ניקל מער אויף אַ דאָזן הייזקעס, די אָנערקענונג פון דער יוניאָן, די באַנדלעך אַרבעט פון די עקספּרעסן זאָלן די אַרבעטער ניט דאַרפן שלעפּן. „פעידעי״ זאָלן זיי קריגן יעדע צוויי וואָכן, אָנשטאָט דעם, וואָס זיי האָבן דאָס פריער געקראָגן ווען ער, דער באָס, האָט געוואָלט.

און דער באָס אַליין האָט געמוזט אַרויפטראָגן צוריק די מאַשינען אין שאַפּ און צושלאָגן די סטענדס, און ער האָט געמוזט נאָך צוזאָגן, אַז זיין ווייב, די מיסעס, זאָל זיך ניט שילטן.

אָט אַזוי טרויעריק איז געווען דעם אַרבעטערס לאַגע, ווען די באַוועגונג האָט דאַן זיך אָקאָרשט אָנגעפאַנגען. אין דער דאָזיקער אומאָרדענונג האָט מען אָרדענונג געדאַרפט אַריינברענגען, פון דער דאָזיקער שפלות האָט מען דעם יידישן אַרבעטער געדאַרפט אויפהויבן.

און אָט־די גרויסע און שווערע אַרבעט האָבן געטאָן אונדזערע פּיאָ־נערן, די געגעראַלן צוזאַמען מיט די סאָלדאָטן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג

— די לעצטע אַרבעטנדיק אַליין אין די שעפער, פירנדיק זייער אייגענעם קאַמף, דעם קאַמף פון זייער אייגענעם גייסט און בלוט. דערפאַר איז זייער אַרבעט, איך מיין פון די סאָלדאַטן, אין מיינע אויגן אַ סך וויכטיקער געווען, אַ סך פרוכטבאַרער געווען פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג, איידער די אַרבעט פון די פיאָנערן־אינטעליגענטן.

דאָס מיינט אָבער ניט, אַז די אַרבעט פון די לעצטע איז ניט גענוג וויכטיק געווען. דעם קאַמף האָבן זיי אָנגעצונדן; די אידעאַלן האָבן זיי פאַר דער היגער יידישער גאַס געבראַכט.

זיי האָבן געגרינדעט פאַרשיידענע פראָפּאַגאַנדע פאַראיינען, וואו זיי האָבן לעקציעס פאַרגעלעזן און דיסקוסיעס אָנגעפירט — אמת, לכתחילה דורכאויס אין דער רוסישער שפּראַך, אָבער דערנאָך האָבן זיי זיך ביסלעכ־וויז אַרונטערגעלאָזן צו דעם „זשאַרגאָן״, ווען זיי האָבן אָנגעהויבן אַ ברייטערע טעטיקייט צווישן די יידישע מאַסן.

דאַן איז זיי אויך קלאָר געוואָרן, אַז מען מוז האָבן אַ זשאַרגאָנישע צייטונג, דורך וועלכער מען זאָלן קענען רעדן צו די יידישע מאַסן, און די ערשטע יידישע צייטונג איז דאַן געבוירן געוואָרן.

אָבער ניט אַזוי גרינג איז דאָס זיי אָנגעקומען.

דער פּלאַן אַרויסצוגעבן אַן אַרבעטער־צייטונג אין יידיש איז צוערשט געבוירן־געוואָרן צווישן אונגאַרישע און גאַליציאַנער יידישע סאָציאַליסטן.

אויף אַ מיטינג אין 180 ריווינגטאָן סטריט, ניו־יאָרק, האָבן זיי דעם דאָזיקן פּלאַן פאַרהאַנדלט, און אויף יענעם מיטינג, וואָס איז פאָרגעקומען דעם צווייטן מערץ 1885, האָבן זיי באַשלאָסן צו גרינדן אַ קאָאָפּעראַטיווע „פּאָבלישינג אַסאָסיעישאָן״. זיבעצן מיטגלידער האָבן זיך דאַן פאַרשריבן אין דער דאָזיקער „אַסאָסיעישאָן״.

שפּעטער האָבן זיך נאָך פופצן מיטגלידער פאַרשריבן אין דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע און דעם ניינצנטן אַפּריל האָט זי, די דאָזיקע „אַסאָסיעישאָן״ פון אונגאַרישע און גאַליציאַנער יידישע סאָציאַליסטן, זיך פאַראייניקט מיט דעם רוסיש־יידישן אַרבעטער־פאַראיין און זיי האָבן זייער נייע אָרגאַניזאַציע אַ נאָמען געגעבן „דער יידישער אַרבעטער־פאַראיין״.

די אויפגאַבן פון דעם דאָזיקן פאַראיין זיינען געווען סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן אַרבעטער, שטיצע צו יוניאָנס און אַ פאָנד פאַר אַ יידיש־סאָציאַליסטישער צייטונג.

שפּעטער, אויף דעם האַלב־יערלעכן מיטינג פון דעם דאָזיקן פאַראיין, איז אָפּגעגעבן געוואָרן אַ באַריכט פון זייער טעטיקייט און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פאַראיין האָט פאַרן האַלבן יאָר פון זיין עקזיסטענץ

אַריינגעקראָגן הונדערט און זיבן מיטגלידער און האָט שוין געהאַט אין זיין פאָנד... ניינציק דאָלער פאַר דער געפּלאַנטער יידיש־סאָציאַליסטישער צייטונג.

שפּעטער, אין אַ מאָנאַט אַרום, האָט זיך דער דאָזיקער צייטונגס־פאָנד פאַרגרעסערט ביז אויף דער סומע פון צוויי הונדערט פופציק דאָלער.

דאָך האָט דער פאַראיין ניט באַוויזן די צייטונג אַרויסצוגעבן, מחמת צוויי אַרבעטער־צייטונגען אין יידיש האָבן אין יענער צייט גענומען דער־שיינען, ביידע אַרויסגעגעבן פון סאָציאַליסטישע פּריוואַט אונטערנעמער.

זעקסטער קאַפּיטל

ערשטע אַרבעטער־צייטונג אין יידיש

צוערשט איז דערשינען די אַרבעטער־צייטונג „די נייע צייט". די אַרויס־געבער און די רעדאַקטאָרן פון דער דאָזיקער צייטונג זיינען געווען: טש. ראַיעווסקי (דער שפּעטערדיקער דאָקטאָר ראַיעווסקי) און מיסטער קאַהאַן.

דער פינאַנסיר פון דער צייטונג איז געווען טש. ראַיעווסקי. ער האָט דאַן געאַרבעט אין אַ זייף־פאַבריק, וואו ער האָט פאַרדינט פינף־זעקס דאָ־לאַר אַ וואָך. און דעם דאָזיקן קאַפּיטאַל האָט ער כמעט אינגאַנצן אין זיין צייטונג אַריינגעלייגט.

אַ קליינע צייטונג איז דאָס געווען, פון פיר זייטלעך, קנאַפּע צווי חדשים האָט זי זיך געהאַלטן, דערנאָך איז זי אונטערגעגאַנגען. ערשטנס, צוליב מאַנגל אין געלט־מיטלען, און צווייטנס, מחמת אַן אַנדער צייטונג האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען, וועלכע האָט מער דערפאָלג געהאַט, איידער קאַהאַנס און ראַיעווסקיס צייטונג.

דידאָזיקע נייע צייטונג — די „ניו יאָרקער אידישע פאָלקסצייטונג", איז דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פון מאָזעס מינטץ (דער שפּעטערדיקער דאָקטאָר מינטץ און דער אַמאָליקער „בילו׳עוועץ") און פון אב. בראַסלאַווסקי (דער שפּעטערדיקער דאָקטאָר בראַסלאַוו, דער פאָטער פון דער אָפּעראַ־זינ־גערין סאָפיא ברעסלאַו) און זי האָט געהאַט אַ צירקולאַציע פון פינף טויזנט. און האָט מען אײנזינען, אַז די „ניו־יאָרקער יידישע פאָלקסצייטונג" האָט געקאָסט דריי סענט און שפּעטער פיר סענט אַ קאָפּיע אין יענער צייט, מיט אַן ערך זעכציק יאָר צוריק, ווען דער סענט ביי דעם יידישן אַרבעטער איז געווען אַזוי טייער און ווען די אַרבעטער־באַוועגונג איז נאָך געווען אין אירע ווינדעלעך, און זי האָט דאָך געהאַט אַ צירקולאַציע פון פינף טויזנט, מוז מען צוגעבן, אַז זי איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער דערפאָלג.

די אַרויסגעבער פון דער „ניו־יאָרקער יידישע פאָלקסצייטונג" זיינען געווען ברוקס און קאַנטאָר, ביידע סאָציאַליסטן. זי איז דערשינען פרייטאָג, דעם 25טן יוני, 1886, און האָט עקזיסטירט דריי און אַ האַלב יאָר.

שפּעטער, ווען איך בין געקומען נאָך אַמעריקע און האָב געוואוינט אין פילאַדעלפיע, האָב איך געפונען אַ דיקן באַנד פון דער דאָזיקער צייטונג ביי מיינעם אַ לאַנדסמאַן, וועלכער האָט צונויפגעקליבן אַלע אירע נומערן פון דעם ערשטן ביזן לעצטן און זיי איינגעבונדן.

די צייטונג האָט מיך פאַראינטערעסירט. איך האָב זי גענומען ביי מיין לאַנדסמאַן און זי געלייענט.

איך געדענק, אַז זי איז מיר דאַן געפעלן געוואָרן. דער עיקר מיט איר

ערנסטן טאָן. פון יעדער שורה אירער האָט אַרויסגעשטראַלט די פרומע כוונה פון די שרייבער, אויפצוקלערן און צו לערנען דעם אַרבעטער, אַר־טיקלען איבער פאַרשיידענע צווייגן פון נאַטור־וויסנשאַפט האָבן זיך דאָרט געדרוקט — איבער פיזיק, כעמיע, ביאָלאָגיע, מינעראַלאָגיע און אַזוי ווייטער. אויך האָבן זיך דאָרט געדרוקט טעאָרעטישע אַרטיקלען איבער סאָציאַליזם, ווי אויך „לאָהן און קאַפּיטאַל" פון קאַרל מאַרקס.

די שפּראַך פון דער צייטונג, ווי ווייט איך געדענק, איז געווען אַ שווערע און אַ האַמעטנע, גאַנץ אָפט אַ פאַרדייטשמערישטע אין אירע ערנסטע אַר־טיקלען און אַ פאַרזיסטע, פול מיט געגרייזלטער מליצה אין אירע אַגיטאַציע און סתם רעוואָלוציאָנערע אַרטיקלען איבער אַלערליי געזעלשאַפטלעכע פראַגן. איך געדענק, ווי מאָדנע עס האָבן מיר אין יענע אַרטיקלען געקלונ־גען אַזוינע דייטשע ווערטער, ווי, למשל, „זאָנדערן" (נאָר) און „וואַר" (געווען).

אַמבעסטן זיינען מיר דאָרט געפעלן געווען, געדענק איך, די אַגיטאַ־ציע־אַרטיקלען פון איינעם אַ שרייבער, וועלכער האָט זיך אונטערגעשריבן „ישראל בן עולם". איך ווייס ניט, ווער אָט־דער שרייבער איז געווען, איך געדענק אָבער, אַז זיינע אַרטיקלען צו די אַרבעטער האָבן אויף מיר גע־מאַכט אַ גוטן איינדרוק, בעת איך האָב דאָן, זייענדיק אין פילאַדעלפיע, זיי געלייענט אין דער „ניו־יאָרקער יידישער פאָלקס־צייטונג".

דידאַזיקע צייטונג, אגב, האָט אויך געדרוקט די ערשטע אַרבעטער־לי־דער פון מאָריס ראָזענפעלד.

נאַטירלעך, איך אורטייל יענע צייטונג לויט דעם איינדרוק, וואָס זי האָט דאָן אויף מיר געמאַכט, מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק, ווען די שרייבער פון אַ יידישער צייטונג האָבן זיך ערשט געלערנט שרייבן יידיש און קיין גרויסע פאָדערונגען האָט מען צו אונדזער שפּראַך ניט געשטעלט, און ווען וועגן אַ יידישער ליטעראַטור, ווי מיר קענען זי היינט, האָט מען אפילו ניט געחלומט. היינט, קען זיין, וואָלט די „ניו־יאָרקער יידישע פאָלקס־צייטונג" מיר אַזוי ניט געפעלן געווען אַלס אַ צייטונג. אין איין זאַך בין איך אָבער זיכער, אַז אפילו היינט וואָלט דער ערנסטער טאָן פון יענער צייטונג אויף מיר אַן איינדרוק געמאַכט.

ווייל ווי שלעכט און ווי האַמעטנע די „ניו־יאָרקער יידישע פאָלקס־צייטונג" האָט ניט גערעדט, האָט זי, קענטיק, שטענדיק אינזינען געהאַט מיט אירע רייד אויפצוהייבן דעם יידישן לייענער צו זיך און ניט אַרונטער־לאָזן זיך צו אים. אפילו אין אירע אַגיטאַציע־אַרטיקלען, וואָס זיינען פול מיט מליצה געווען, האָט זיך געפילט דער אויפריכטיקער טאָן פון דעם שרייבער, וואָס האָט אַרויסגעזאָגט דעם אמת, וואָס האָט זיין נשמה באַהערשט.

יענעם ביליקן טאָן און פאַבריצירט־היסטערישן און פוסטן הורא־־גע־

שריי פאַר דעם סאָציאַליזם, וואָס איך האָב אים געפילט אין די אַגיטאַציע־אַרטיקלען פון געוויסע שרייבער אין די שפּעטערדיקע אַרבעטער־צייטונגען, — יענעם הוראַ־געשריי, וואָס ער האָט שטענדיק געהילכט אין מיינע אויערן, ווי דער קלאַנג פון אַ פּוסטער פאַס, — אים האָב איך אין דער „ניו־יאָרקער יידישער פאָלקס־צייטונג״ ניט געפילט.

די יידישע אַרבעטער־פאַראיינען האָבן זי אָנערקענט אַלס זייער צייטונג. אין דער אייגענער צייט אָבער האָבן זיי ווייטער געאַרבעט פאַר אַ צייטונגס־פאָנד, כדי צו האָבן די מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן אַן אַנדער אַרבעטער־צייטונג, אויב די אַרויסגעבער פון דער „ניו־יאָרקער יידישע פאָלקס־צייטונג״ וועלן זי מער ניט קענען אַרויסגעבן.

די צייטונג האָט געלעבט דריי און אַ האַלב יאָר, ווי איך האָב שוין באַמערקט — פון יוני 1886 ביז דעצעמבער 1889. און די גאַנצע צייט, כל־זמן זי האָט געלעבט, האָט זי געאַרבעט פאַר דעם אויפבוי פון דער היגער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

זי איז געווען אַן אומפּאַרטייאישע אַרבעטער־צייטונג און איז געלייענט געוואָרן סיי פון אַנאַרכיסטן און סיי פון סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן נאָך דאַן ניט געטראַכט פון צו האָבן זייערע אייגענע באַזונדערע צייטונגען, הגם אין יענער צייט האָבן זיי שוין באַקעמפט איינע די אַנדערע.

ביז 1886 האָט די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי זיך ניט פאַרנומען מיט פּאָליטישער טעטיקייט, ווייל זי האָט גערעכנט, אַז דער באָדן איז נאָך ניט גענוג צוגעגרייט געווען צו פּאָליטישע „קאַמפּעינס״, האָבן די אַנאַרכיסטן דערפאַר געקענט אַרבעטן צוזאַמען מיט די סאָציאַליסטן, וואָס זיינען געווען מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

אָבער אין 1886 האָבן די אַרבעטער אויפגעהויבן אַ קאַמף פאַר אַן אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג. צום ערשטן מאַי, פון יענעם יאָר, איז דער דאָזיקער קאַמף אַזוי שטאַרק געווען, אַז אין אַ סך שטעט זיינען פאָרגעקומען גרויסע מאַסן־דעמאָנסטראַציעס פון אַרבעטער און סטרייקס. די פאַבריקאַנטן פון זייער זייט זיינען אויך ניט געשלאָפן און דער סוף איז געווען, אַז דער דאָזיקער קאַמף פאַר אַן אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג איז דורכגעפאַלן. דאָס האָט דאַן געבראַכט דערצו, אַז די סאָציאַליסטן־פּאַרטיי זאָל אָננעמען דעם פּאָליטישן קאַמף. און אַזוי ווי די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז נאָך צו־שוואַך געווען אָנצופירן איינע אַליין אַ פּאָליטישן קאַמף מיט דערפאָלג, האָט זי באַשלאָסן צו פאַרבינדן זיך מיט רעפאָרם־פּאַרטייען, כדי אויף אַזאַ אופן אויסוויילן געוויסע קאַנדידאַטן, וואָס זאָלן אויך פאַרטרעטן די אַרבעטער־אינטערעסן.

האָט זי זיך דאַן פאַראייניקט מיט דער סענטראַל־לעיבאָר יוניאָן (דער

פאַרבאַנד פון די ניו־יאָרקער יוניאַנס) און די אָנהענגער פון העגרי דזשאָרדזש, די סינגל־טעקסער, אין אַ „יונאַיטעד לעיבאָר פּאַרטי", וועלכע האָט אַרויס־געשטעלט הענרי דזשאָרדזש אַלס קאַנדידאַט פאַר מעיאָר פון ניו־יאָרק.

דערצו איז דאָס נאָך געווען אין דער צייט, ווען עס האָט פּאַסירט די באַרימטע טראַגעדיע מיט די שיקאַגער אַנאַרכיסטן, וועלכע האָט דאַן אויפ־גערודערט די אַרבעטער־וועלט.

אָט־די טראַגעדיע האָט נאָך מער באַאיינפלוסט די סאָציאַליסטן, זיי זאָלן זיך אַריינוואַרפן אין דעם פּאָליטישן קאַמף. ערשטנס, האָבן זיי דורך דעם געוואָלט אויסדריקן סיי פאַר די אַנאַרכיסטן און סיי פאַר די קאַפּיטאַליסטן און סיי פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס, אַז פּאָליטישער קאַמף איז אַ ריכטיקערער מיטל צו קעמפן קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, איידער טעראָר מיט באָמבעס, און צווייטנס, האָבן זיי גערעכנט, אַז אָנפאַנגענדיק אַ שטאַרקן פּאָליטישן קאַמפּעין, וועלן זיי דערמיט קענען ראַטעווען די לעבנס פון די פאַרמשפּטע אַנאַרכיסטן.

אָט־דער דאָזיקער פּאָליטישער קאַמפּעין האָט אַרויסגערופן דאַן ריי־סערייען צווישן די סאָציאַליסטן און די אַנאַרכיסטן. און צום סוף האָבן די אַנאַרכיסטן זיך איינגאַנצן אָפּגעטיילט און געגרינדעט זייער באַזונדערע אָר־גאַניזאַציע, „די פּיאָנערן דער פרייהייט", מיטן צוועק צו פּראָפּאַגאַנדירן דעם אַנאַרכיזם, צו אַגיטירן פאַר דער באַפרייאונג פון די פאַרמשפּטע אַנאַרכיסטן און צו קלייבן אַ פאָנד פאַר אַן אַנאַרכיסטישער צייטונג.

אַז די אַנאַרכיסטן האָבן פאַרלאָזן דעם יידישן אַרבעטער־פאַראיין, איז ער דערנאָך אונטערגעגאַנגען. בלויז איין אָרגאַניזאַציע האָט נאָך געהאַט מיטגלידער סיי סאָציאַליסטן און סיי אַנאַרכיסטן — „דער רוסישער פּראָג־רעסיווער פאַראיין", וואָס האָט געאַרבעט פאַר רוסלאַנד.

אין דעם דאָזיקן פאַראיין האָט מען יעדן זונטאָג אַראַנזשירט לעקציעס אין דער רוסישער שפּראַך און די רעדנער זיינען געווען אי סאָציאַליסטן אי אַנאַרכיסטן.

אויסער דעם דאָזיקן פאַראיין אָבער האָבן די אַנאַרכיסטן באַקעמפט די סאָציאַליסטן, און די סאָציאַליסטן די אַנאַרכיסטן, און וואָס ווייטער האָט זיך דער דאָזיקער קאַמף אַלץ מער און מער צעברענט, ביז צום סוף, ווען די „ניו־יאָרקער יידישע פאָלקסצייטונג" איז שפּעטער אונטערגעגאַנגען, איז פון דעם דאָזיקן קאַמף אַרויסגעוואַקסן די סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיס־טישע פּרעסע.

זיבעטער קאַפּיטל

דער קאַמף צווישן די אַנאַרכיסטן און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן

א.

דער דאָזיקער קאַמף, וואָס האָט אַזאַ ראָלע געשפּילט אין דער ווייטער־דיקער גייסטיקער באַוועגונג אויף אונדזער היגער יידישער גאַס, האָט זיך באַזונדערס צעברענט אין דעם יאָר 1886.

ביידע צדדים, סיי דער אַנאַרכיסטישער און סיי דער סאָציאַליסטישער, האָבן אָנגעפירט אַ טיכטיקע פּראָפּאַגאַנדע אויף דער יידישער גאַס פאַר זייערע אידייען דורך לעקציעס, דעבאַטעס און דיסקוסיעס. און איין צד האָט באַ־קעמפט די מיינונגען און די „וועלט־אַנשויאונג" פון דעם אַנדערן.

די אַנאַרכיסטן, תלמידים פון יאָהאַן מאָסט, האָבן געזען אין רעליגיע איינע פון די הויפּט־פעסטונגען, וואָס האָט געשטיצט די היינטיקע קאַפּי־טאַליסטישע אָרדענונג, און זיי האָבן געזוכט דידאָזיקע פעסטונג חרוב צו מאַכן מיט דעם, וואָס זיי האָבן אָנגעפירט אַ מין צו־להכעיס־מלחמה קעגן רעליגיע. און די סאָציאַליסטן האָבן געטענהט, אַז רעליגיע איז אַ פּריוואַט־זאַך און אַז אַ רעליגיעזער מענטש קאָן אויך זיין אַ גוטער קעמפער „אין די אַרבעטער־רייען".

די אַנאַרכיסטן זיינען געווען קעגן „וואַל־קאַמפּעינס", קעגן פּאָליטישן קאַמף, האָבן ניט געהאַלטן פון דער באַוועגונג פאַר אַן אַכט־שטונדיקן אַר־בעטס־טאָג און אַנדערע אַרבעטער־רעפאָרמס, טענהנדיק, אַז דאָס זיינען ניט מער ווי „פּאַליאַטיוון", אויבערפלעכלעכע מיטלען, הייסט עס, וואָס קאָנען, אין בעסטן פאַל, בלויז פאַרלייכטערן די לאַגע פון דעם אַרבעטער, אָבער ניט באַפרייען אים פון דעם קאַפּיטאַליסטישן יאָך. דערפאַר, ווען די אַר־בעטער גיבן אָפּ זייער צייט און זייערע קרעפטן צו „פּאַליאַטיוון", פאַרשווענדן זיי דערמיט אומזיסט זייער רעוואָלוציאָנערע ענערגיע און האַלטן צוריק די סאָציאַלע רעוואָלוציע.

ווייטער, האָבן די אַנאַרכיסטן געטענהט, אַז — וואָס ערגער איז בעסער — דאָס הייסט, וואָס ערגער עס איז די לאַגע פון דעם אַרבעטער, אַלץ בע־סער איז עס פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג, ווארום דעמאָלט איז לייכטער צו וועקן אין דעם אַרבעטער זיין רעוואָלוציאָנערע באַוואוסטזיניקייט און צו רופן אים צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע...

און די סאָציאַליסטן האָבן געטענהט, אַז די וואַל־קאַמפּעינס זיינען אַ גוטער אַגיטאַציע־מיטל און אַז דער פּאָליטישער קאַמף איז „אַ מעכטיקע

וואַפע" אין די הענט פון די אַרבעטער. זיי, די סאָציאַליסטן, האָבן גע־טענהט, אַז וואָס בעסער עס ווערט די לאַגע פון דעם אַרבעטער, וואָס ווייניקער שטונדן ער איז געצוואונגען צו אַרבעטן, אַלץ מער צייט וועט ער האָבן צו אַנטוויקלען זיך, צו אָרגאַניזירן זיך. און וואָס מער ער וועט אויסקעמפן, אַלץ מער וועט ער פאָדערן. וואָרום זיינע באַדערפעני־שן וועלן זיך אַלץ מער פאַרגרעסערן און ער וועט זיך שוין ניט קאָנען צופרידנשטעלן מיט דעם, וואָס ער האָט אויסגעקעמפט פריער. און אויף אַזאַ אופן וועט ער מוזן קו־מען פריער אָדער שפּעטער צו דער פאָדערונג פון אַ סאָציאַליסטישער גע־זעלשאַפט.

ווייטער: די סאָציאַליסטן האָבן געלערנט, אַז אָרגאַניזאַציעס מוזן זיך פירן לויט די אָפּשטימונגען און באַשלוסן פון דער מאַיאָריטעט. די אַנ־אַרכיסטן אָבער, וואָס זיינען געווען קעגן דער הערשאַפט פון אויטאָריטעט בכלל, האָבן אויך ניט אָנערקענט די אויטאָריטעט פון מאַיאָריטעט־הער־שאַפט און אָפט האָבן זיי געזוכט דורכצופירן דיזאָזיקע טעאָריע זייערע אין די פאַרשיידענע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס.

די מערסטע אַנאַרכיסטן פון יענער צייט האָבן געגלויבט אין דער אַזוי־גערופענער „פּראָפּאַגאַנדע דער טאַט", דאָס הייסט, אַז אַ באָמבע אין דעם ריכטיקן מאָמענט קאָן מער אויפקלערן דעם אַרבעטער, איידער פּראָפּאַגאַנדע דורך וואָרט און שריפט. און סאָציאַליסטן, פאַרקערט, האָבן אויפגעוויזן וויפל שאָדן אַזאַ „פּראָפּאַגאַנדע דער טאַט" ברענגט דער אַרבעטער־באַוועגונג.

די אַנאַרכיסטישע אַרבעט איז אָנגעפירט געוואָרן פון דער גרופּע „פּיאָ־נערן דער פרייהייט". דיזאָזיקע גרופּע האָט פונדעסטוועגן אויך אָנטיילגע־נומען אין דער יוניאָן־באַוועגונג, ווייל זי האָט ניט געוואָלט צולאָזן אין די יוניאָנס דעם איינפלוס פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און אַ היפּש ביסל יו־ניאָנס האָט זי געהאָלפן צו אָרגאַניזירן אין ניו־יאָרק.

די סאָציאַליסטישע אַרבעט איז אָנגעפירט געוואָרן פון אַכטן ברענטש פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. דער דאָזיקער ברענטש האָט געטאָן די הויפּט־אַרבעט פאַר די סאָציאַליסטן, פּונקט ווי די גרופּע „פּיאָנערן דער פרייהייט" פאַר די אַנאַרכיסטן.

אין דעם דאָזיקן יאָר 1888 איז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן אַלס אַ זעלבסטשטענדיקע פּאַרטיי אויפן פּאָליטישן פעלד, נאָכדעם ווי זי האָט צוויי מאָל געפּרואווט מאַכן „פיוזשאָן" מיט אַנדערע ראַדיקאַלע פּאַרטייען, דאָס הייסט, מיט דער הענרי דזשאָרדזש־פּאַרטיי און דערנאָך מיט אַן אַנדער פּאַרטיי, וועלכע האָט געהייסן „פּראָגרעסיווע לעי־באָר פּאַרטיי". דער אַכטער ברענטש האָט דאַן זייער טיכטיק געאַרבעט פאַר דעם ערשטן קאַמפּעין פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי... דער

אייגענער אַקטער ברענטש האָט אויך אין דעם זעלבן יאָר געגרינדעט די היינטיקע פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן.

קורץ, סיי די סאָציאַליסטן און סיי די אַנאַרכיסטן האָבן זייער טיכטיק געאַרבעט אין יענעם יאָר, און וואָס טיכטיקער זיי האָבן געאַרבעט, אַלץ מער האָבן זיי באַקעמפט איינע די אַנדערע.

צום סוף האָט דער דאָזיקער קאַמף געפירט דערצו, אַז זיי איז אוממעגלעך געוואָרן צו אַרבעטן צוזאַמען אפילו אין דעם „רוסישן פּראָגרעסיון פאַראיין", וואו זיי האָבן ביז דעמאָלט געאַרבעט צוזאַמען פאַר רוסלאַנד. און דעם 27טן מאַי איז אין יענעם פאַראיין פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג צווישן די אַנאַרכיסטישע און סאָציאַליסטישע מיטגלידער.

די הויפּט־קעגנער פון די אַנאַרכיסטן אין דעם „רוסישן פּראָגרעסיוון פאַראיין" זיינען געווען לואי מילער, די דינאַמישע קראַפט פון דער היגער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פון דער שפּעטערדיקער יידישער סאָציאַליסטישער פּרעסע, וואָס וועגן זיין טעטיקייט האָב איך געשריבן אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך, און זיין ברודער לעוו, אָדער לעאָן באַנדעס.

לעאָן באַנדעס איז געווען, דערציילט מען, אַן אויסערגעוויינלעכע, אינטערעסאַנטע און ליכטיקע פּערזענלעכקייט. אַ פייאיקער רעדנער און שרייבער אין דער רוסישער שפּראַך, האָט ער אַלע זיינע פייאיקייטן אָפּגעגעבן צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אין דער היגער רוסיש־יידישער קאָלאָניע האָט מען אים זייער ליב געהאַט און געאַכטעט פאַר זיין אידעאַליזם, פאַר זיין טיפן גלויבן אין דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, וואָס אין קאַמף פאַר אים איז ער פּאַקטיש געשטאָרבן, אַזוי ווי דוד עדעלשטאַט פאַר זיין אידעאַל, און פאַר זיינע פריינטלעכע, אמת־ברידערלעכע באַציאונגען צו מענטשן.

עלטער מיט צוויי יאָר פון לואי מילער, איז ער ניט געווען אַזוי אַגרעסיוו און אַזוי קאַמפּלוסטיק ווי זיין יינגערער ברודער.

אָבער אין איין זאַך זיינען זיי געווען ענלעך איינער צום אַנדערן, זיינען זיי ליבלעכע ברידער געווען — האָבן זיי געאַרבעט פאַר עפּעס, האָבן זיי זייער גאַנץ לייב און לעבן אין דעם אַריינגעלייגט...

דערפאַר, ווען לעאָן באַנדעס איז אָנגעקומען אין ניו־יאָרק אין 1887, האָט ער באַלד אַ רושם געמאַכט אויף דער היגער רוסיש־יידישער קאָלאָניע מיט זיין סאָציאַל־דעמאָקראַטישער טעטיקייט.

אַ קראַנקער איז ער אַהער געקומען. אין רוסלאַנד איז ער פריער אין טורמע געזעסן פאַר זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט און אַז ער איז דערנאָך אַהער געקומען, האָט ער די שווינדזוכט שוין געהאַט. דאָך האָט ער זיך מיט זיין קראַנקהייט ניט גערעכנט און זיינע לעצטע קרעפטן, ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן, האָט ער דער היגער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אַוועק־

געגעבן. אגב, פאַרזיכערט מען מיך, אַז ער איז אויך געווען דער פּאַקטישער גרינדער פון די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן אין יאָר 1888.

ער איז געשטאָרבן אין צוויי יאָר אַרום נאָך זיין קומען אַהער. שבת, דעם 8טן מערץ, 1889. 25 יאָר איז ער דאַן אַלט געווען.

אָט־די צוויי ברידער, לואי מילער און לעאָן באנדעס, זיינען געווען די הויפּט־קעגנער פון די אַנאַרכיסטן אין דעם „רוסישן פּראָגרעסיוון פאַראיין".

דער דאָזיקער פאַראיין האָט פאַרמאָגט אַביסל געלט אין זיין קאַסע און אַ היפּשע ביבליאָטעק.

סיי די אַנאַרכיסטן און סיי די סאָציאַליסטן האָבן געוואָלט פאַרכאַפּן די קאַסע און די ביבליאָטעק פון דעם פאַראיין, ווען זיי האָבן מער ניט געקאָנט אַרבעטן צוזאַמען. דער סוף איז געווען, די סאָציאַליסטישע מיטגלידער, אָנגעפירט פון באנדעס און מילערן און אויף באַנדעסעס פאַרשלאַג, האָבן פאַרכאַפּט די ביבליאָטעק און די קאַסע פון פאַראיין, שטיצנדיק זיך אויף דעם, וואָס זיי, די סאָציאַליסטישע מיטגלידער, זיינען געווען אין אַ מאַיאָריטעט, און האָבן דאָס אַוועקגעגעבן צו דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

דאָס איז געווען דער לעצטער פאַראיין וואו סאָציאַליסטן האָבן געאַרבעט צוזאַמען מיט אַנאַרכיסטן.

פון יענער צייט אָן האָט דער קאַמף פוןביידע צדדים אָפּט געטראָגן אַ מיאוסן פּערזענלעכן כאַראַקטער.

די דאָזיקע באַוועגונג האָט געשאַפן אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס דריי נייע סאָציאַליסטישע און ראַדיקאַלע צייטונגען. אַ בלעטל „נייע וועלט", רעדאַקטירט פון דר. ראַיעווסקי, וואָס איז באַלד אונטערגעגאַנגען; אַ ראַדיקאַלע צייטונג, דער „פאָלקס־אַדוואָקאַט", רעדאַקטירט פון ג. זעליקאָוויטש, און אַ רוסישע — די „זנאַמיאַ" (די פאָן).

דער אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פון „זנאַמיאַ" איז געווען לעאָן באַנדעס. די „זנאַמיאַ" איז געווען אַ שטאַרק־אויסגעשפּראָכענע סאָציאַליסטישע צייטונג. געשטיצט האָט זי דער פאַרשטאָרבענער סטאַלעשניקאָוו, וועלכער איז מיט יאָרן צוריק געווען זייער פּאָפּולער אין די היגע רוסיש־יידישע קרייזן. דער דאָזיקער סטאַלעשניקאָוו, אַ רוס, אַ רעוואָלוציאָנער, וועלכער איז געקומען אַהער נאָך אין די זיבעציקער יאָרן, איז געווען איינער פון די אַרכיטעקטאָרס, וואָס האָבן געבויט דעם קאַרנעגיע האָל. וואוינענדיק אין ניו־יאָרק, האָט מען אים שטענדיק געזען אין דעם קרייז פון די רוסיש־יידישע אימיגראַנטן. ער איז אויך געווען אַ פריינט פון יעקב גאָרדין, און צוליב אים, גאָרדינען, האָט ער, דער גוי סטאַלעשניקאָוו, אויך באַלאַנגט אַלס מיטגליד אין דעם שפּעטערדיקן פאַראיין „פרייע יידישע פאָלקסבינע", וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון גאָרדינען, ענטינען און אַנדערע מיטן צוועק

צו אַרבעטן פאַר אַ בעסערער יידישער בינע. וועגן דעם דאָזיקן פאַראייך, וואו עס האָט זיך אָנגעהויבן מיין דראַמאַטישע טעטיקייט, וועל איך שרייבן שפּעטער, ווען איך וועל שרייבן וועגן מיין ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט יעקב גאָרדינען.

קורץ, אָט־דער אייגענער סטאַלעשניקאָוו האָט דאַן אונטערשטיצט די „זנאַמיאַ".

ווען באַנדעס איז געשטאָרבן פון שווינדזוכט, האָט זיין ציַיטונג אויפ־געהערט צו דערשיינען. אין אַ יאָר שפּעטער איז די ציַיטונג ווידער אַרויס אונטער דער רעדאַקציע פון לואי מילער.

ב.

אַביסל שפּעטער האָבן די אַנאַרכיסטן אַרויסגעגעבן אַ ציַיטונג „די וואַר־הייט". זי איז געווען אַ וועכנטלעכע אַכט־זייטיקע ציַיטונג. זי האָט זיך גע־האַלטן אַרום פינף חדשים און איז נאָכדעם אונטערגעגאַנגען. נאָכדעם האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אַ נייע ציַיטונג „דער מאָרגן שטערן".

לכתחילה איז דער „מאָרגן שטערן" געווען אַן אומפּאַרטייאישער אָרגאַן, אָבער ביסלעכווייז האָבן די אַנאַרכיסטן געקראָגן אויף אים אַן איינפלוס און דאַן איז ער כמעט געוואָרן דער קאַמפּס־אָרגאַן פון די אַנאַרכיסטן קעגן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

די שאַרפע אַטאַקעס פון דעם „מאָרגן־שטערן" האָבן געטריבן די סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטן אונטערצואיילן זיך מיט זייער ציַיטונג, וואָס זיי האָבן פאַר איר געזאַמלט אַ פאָנד.

איבער טויזנט דאָלער האָבן זיי אָנגעזאַמלט — אין יענע ציַיטן אַ „פאָרטשון"...

און דעם 7טן מערץ 1890 איז דערשינען דער ערשטער נומער פון דער „אַרבעטער־ציַיטונג" אונטער דער רעדאַקציע פון פיליפּ קראַנץ.

די מיטאַרבעטער פון דער „אַרבעטער־ציַיטונג" זיינען געווען: אַב. קאַהאַן, לואי מילער, מ. זאַמעטקין, מ. הילקאָוויטש (דער שפּעטערדיקער היל־קוויט), פיין און נאָך אייניקע.

דער „מאָרגן־שטערן" האָט זיך דאַן לאַנג ניט געקענט האַלטן. דערצו נאָך האָט אַ דריטע ציַיטונג, אויך אַרויסגעגעבן פון אַרבעטער — „די פרייע אַרבעטער־שטימע" — שוין געקלאַפּט אין טיר.

און דער „מאָרגן־שטערן", נאָך דעם 23טן נומער, איז אונטערגעגאַנגען.

דאַן האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען „די פרייע אַרבעטער־שטימע" אונ־טער דער רעדאַקציע פון צוויי רעדאַקטאָרן, אַן אַנאַרכיסטישן און אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישן, ווייל „די פרייע אַרבעטער־שטימע" האָט לכתחילה געזאָלט

זיין אַן אומפּאַרטייאישער אָרגאַן. דער אַנאַרכיסטישער רעדאַקטאָר איז גע־וועזן דוד עדעלשטאַדט און דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער — ר. ברעס־לאַווסקי. שפּעטער איז די צייטונג געוואָרן אַ ריין־אַנאַרכיסטישע.

אַזוי איז דאָס באַשאַפן געוואָרן די יידישע פּרעסע, פון וועלכער עס איז אַרויסגעוואַקסן די היגע יידישע ליטעראַטור. פון דער יידישער אַרבע־טער־באַוועגונג האָט זי אַרויסגעשפּראָצט, אַ קינד פון עם קאַמף איז זי און פון פּראָפּאַגאַנדע און דערפאַר איז זי אין די ערשטע יאָרן געוועזן דורכאויס אַ פּראָלעטאַרישע און פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור.

ראָזענפעלד, עדעלשטאַדט, באָוושאָווער און די שפּעטערדיקע, פאַרשטאָר־בענע דיכטער: ב. באַבאַד, לעמפּערט, ראָזענבלום, און נאָך אַנדערע, ווי וויליאַם קייזער. זיי אַלע האָבן אין די ערשטע יאָרן פון אונדזער היגער ליטעראַטור געזונגען כמעט דורכאויס פון דעם יידישן פּראָלעטאַריער.

יענע אימיגראַנטן־רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיי זיינען געקומען אַהער פון רוסלאַנד אין די אַכציקער יאָרן נאָך די דעמאָלטדיקע פּאָגראָמען, האָט זיך זיכער ניט געחלומט, בעת זיי האָבן דאָ אָנגעהויבן צוצוגרייטן די יידישע אַרבעטער־מאַסן פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, אַז זיי זיינען זייער און פלאַנצער פון אַ באַזונדערער ליטעראַטור, און נאָך אין דעם פּאַראַכטעסטן „זשאַרגאָן"! פון אַ ליטעראַטור, וועך שמועסט, וואָס וועט אין יאָרן שפּע־טער מיט זיך נאָך פאַראינטערעסירן די רייכע וועלט־ליטעראַטור, — פון דעם האָבן זיי אַוודאי ניט געקענט חלומען.

ווילד און משוגע וואָלט דאָס זיי אויסגעזען. אַזוי משוגע, ווי מען וואָלט זיי דאַן, צום ביישפּיל, געזאָגט, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען די צירקו־לאַציע פון יידישע צייטונגען אין אַמעריקע וועט ציילן אין די הונדערטער טויזנטער, אָדער אַז יידישע שרייבער וועלן אַמאָל פאַרדינען מער ווי זיבן דאָלער אַ וואָך און דווקא אין מזומנים!

איך גלויב נאָך, אַז ווען מען וויזט זיי דעמאָלט דורך אַ מין כישוף, וואָס פון זייער אַרבעט וועט אַרויסוואַקסן, אַז אַ יידישע שפּראַך וועט זיך דאָ צעבליען און אַ יידישע ליטעראַטור און שולן וועלן דאָ זיין, וואו מען וועט די היגע יידישע קינדער אין דער יידישער שפּראַך דערציען און אין דעם יידישן גייסט, — דאַן — גלייב איך, וואָלטן זיי, יענע עמיגראַנטן־רעוואָלו־ציאָנערן, וואָס זיי זיינען דאָס די אמתע פלאַנצער און זייער פון דעם אַלעם — די העכסטע פאַרבראָכן אין פאַרצווייפלונג.

ווייל ניט דאָס זיינען זיי דאַן אויסן געווען. זייער אידעאַל, אין וועלכן זיי האָבן דאַן געגלויבט איז געווען אינגאַנצן דער היפוך פון דעם, וואָס פון זייער אַרבעט איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן.

אין ז'עם שמעלץ־קעסל פון דער גרויסער, פרייער מענטשהייט האָט

אַלצדינג, וואָס עס איז יידיש, געזאָלט צעשמאָלצן ווערן. דאָס איז געווען זייער אידעאַל. דער יידישער אַרבעטער האָט אינגאַנצן געהערט צו דער גרויסער משפּחה פון די פּראָלעטאַריער פון דער גאַנצער וועלט. ביי זיי האָט געמיינט דער פּסוק: „אַרבעטער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך" — אַז די יידישע אַרבעטער דאַרפן זיך פאַרשמעלצן מיט הויט און ביינער מיט די אַרבעטער פון אַלע לענדער, הייסט עס, איין פאָלק, וואָס עס האָט איינעם און דעם זעלביקן קאַמף און איינעם און דעם זעלביקן ציל פאַר זיך...

אָבער כדי דאָס צו פּראָפּאַגאַנדירן צו די יידישע מאַסן, האָט מען גע־מוזט רעדן צו זיי אין דער יידישער שפּראַך, האָט מען געמוזט האָבן פאַר זיי אַ יידישן אָרגאַן. מען האָט געפּרואווט גרינדן אַן אָרגאַן אין דער רוסישער שפּראַך, ווי לעאָן באַנדעס די „זנאַמיא", צום ביישפּיל, צי ווי שפּעטער, איסאַק הורוויטש מיט יאַקאָוו גאָרדינען די רוסישע צייטונג „פּראָגרעס", האָבן דידאָזיקע רוסישע צייטונגען געהאַט מער שרייבער איידער לייענער, און טעג נאָך וויניקער... איז יאַקאָוו גאָרדין דאַן געצוואונגען געווען, ווען ער האָט געפילט די באַדערפעניש זיך אויסצודריקן אַזוי, אַז זיין אויסדרוק זאָל ניט פאַרלוירן־גיין און זאָל אַ ווירקונג האָבן, צו רעדן אין דער לעבעדיקער שפּראַך פון די יידישע מאַסן, אין יידיש, הייסט עס, און ער איז צום סוף געוואָרן יעקב גאָרדין, דער יידישער דראַמאַטורג און שריפטשטעלער, דער רעפאָרמאַטאָר פון דער יידישער בינע און פון דער יידישער שפּראַך אויף דער יידישער בינע, וואו מען האָט ביז אים גערעדט דייטשמעריש...

פּונקט ווי איסאַק הורוויטש איז דערנאָך געוואָרן אונדזער געאַכטעטער יידישער שריפטשטעלער יצחק אייזיק...

קורץ: זיי, אונדזערע ערשטע אימיגראַנטן־רעוואָלוציאָנערן, זיינען גע־ווען בלינדע ווערקצייג אין די הענט פון יענער נויטווענדיקייט, וואָס האָט אין זיך געטראָגן די זוימען פון דער שפּעטערדיקער יידישער ליטעראַטור, פון דער שפּעטערדיקער יידישער קולטור אין אַמעריקע.

דידאָזיקע שאַפנדיקע נויטווענדיקייט זע איך אויך אין דעם דעמאָלט־דיקן קאַמף צווישן דער „אַרבעטער־צייטונג" און דער „פרייע אַרבעטער־שטימע". ווייל, ערשטנס, האָט דערדאָזיקער קאַמף געטריבן די אָנהענגער, ווי פון דער, אַזוי אויך פון דער אַנדערער צייטונג, צו אַרבעטן מיט מסירת־נפש ממש פאַר זייער אָרגאַן, צו פאַרשפּרייטן אים אין די פאַבריקן און לאָקאַלן, אין די גאַסן און אין די הייזער, און אויף אַזאַ אופן האָבן זיי צו־געוואוינט דעם עולם צו לייענען.

צווייטנס, כדי צו פאַראינטערעסירן דעם עולם אין דער צייטונג, האָט מען אין איר אָנגעהויבן צו דרוקן „לייכטערע שטאָף" אויך, ווי ראָמאַנען און

דערציילונגען... אַזוי, צום ביישפּיל, האָט די „אַרבעטער־צייטונג" געדרוקט דעם ראָמאַן „סאַלאַמבאָ" פון פלאָבער און „זשערמינאַל" פון זאָלאַ.

און דאָס האָט שוין ממילא געפירט צו דעם, אַז מען זאָל שפּעטער אָנהויבן צו דרוקן די אָריגינעלע סקיצן און דערציילונגען פון אונדזערע ערשטע יידישע בעלעטריסטן: ז. ליבין און י. גורדאַ, אָדער ב. גאָרין, און פון אַנדערע, דאַן ערשט האָט זיך די יידישע ליטעראַטור גענומען וועבן, וועלכע האָט ניט נאָר יידיש גערעדט, נאָר געטראַכט און געפילט, געלאַכט און געזיפצט יידיש...

אָט זיי, די עטלעכע בעלעטריסטן אונדזערע, האָבן דאָס אַריינגעהויכט די נאַציאָנאַל־יידישע אַטמאָספערע אין אונדזער היגער ליטעראַטור. דערמיט אַליין, וואָס זיי האָבן געשילדערט דאָס יידיש לעבן און יידישע לעבנס־פּאַרמען אין זייערע סקיצן און דערציילונגען, האָבן זיי, צי באַוואוסטזיניק צי אומבאַוואוסטזיניק, באַשיצט דעם יידישן לייענער קעגן דער ראַדיקאַלער, אַנטי־יידישער פּראָפּאַגאַנדע...

און אַזוי ווי דידאַזיקע אַלע בעלעטריסטן האָבן נאָך דערצו געדרוקט זייערע זאַכן אין די צייטונגען פון יענע, וואָס האָבן אָנגעפירט אַן אַנטי־נאַציאָנאַלע יידישע פּראָפּאַגאַנדע, איז זייער אַרבעט געווען אַ מין קעגן־גיפט פאַר די לייענער פון יענע צייטונגען...

ליבינס סקיצן אין יענער צייט, אפילו דורכאויס פון אַרבעטער־לעבן, און גאָרדינס פון דעם היימישן לעבן, זיי האָבן דאַן געהאַלטן דאָס האַרץ פון דעם יידישן לייענער פון די ראַדיקאַלע צייטונגען אין קאָנטאַקט מיטן יידישן לעבן, בענקעניש אין אים געוועקט, אין דער יידישער אַטמאָספערע אים אויפגעהאַלטן...

דאָס קאָן געזאָגט ווערן בכלל וועגן דעם אויפטו פון אונדזער בעלעטריסטיק, ווען זי וואָלט אפילו באַוואוסטזיניק ניט באַהאַנדלט קיין יידישן פּראָבלעם אין יענער צייט און אין יענע צייטונגען פון אַ ריין־יידישן שטאַנדפּונקט.

אָבער זי, אונדזער בעלעטריסטיק, איז אויך געווען די ערשטע אויף דער היגער גאַס, וועלכע האָט נאָך מיט כמעט פופציק יאָר צוריק אָנגעהויבן צו באַהאַנדלען אַ יידיש פּראָבלעם פון אַ יידישן, אָדער ריכטיקער, פון אַ ראַדיקאַל־נאַציאָנאַלן, יידישן שטאַנדפּונקט, ווי מען פאַרשטייט עס ביי אונדז היינט, און דווקאָ אין דעם „אַבענד־בלאַט", וואו קראַנץ איז געווען רעדאַקטאָר.

אויך איך האָב אפילו מיט מיינע גאָר ערשטע סקיצן דעם יידן אָן דאָס יידישע דערמאָנט... איך דערמאָן זיך, וואָס פאַר אַ מהומה עס האָט אַרויסגערופן צווישן די אַמאָליקע ראַדיקאַלע לייענער איינע פון מיינע ערשטע סקיצן: „וואָס איז ער?", וועלכע איז געדרוקט געווען אין דעם אַמאָליקן „אַבענד בלאַט". אין יענער סקיצע שילדערט אַ מאַמע, אַ סאָציאַליסטקע,

די טראַגעדיע פון איר קינד ניקאָלאַי טשערנישעווסקי, וועלכער איז ניט קיין ייד און ניט קיין „גוי", און זי פרעגט: ווער איז ער?

וויפל פּראָטעסטן עס זיינען עס דאַן אָנגעקומען אין „אבענד בלאַט" קעגן דער דאָזיקער סקיצע!

אַלס רעדאַקטאָר האָט קראַנץ אַלעמאָל געגעבן דער סקיצע אָדער דער־ציילונג אַ פרייע פּלאַטפאָרמע. ער האָט זי קיינמאָל ניט געפּענטעט מיט דער טענדענץ פון זיין צייטונג. דערפאַר האָט געקענט טרעפן, אַז ער זאָל דרוקן אַ סקיצע, וועלכע מיט איר גייסט איז געווען דער היפּוך צו דעם גייסט פון זיין צייטונג.

און דערפאַר האָט ער אויך אָפּגעדרוקט אין „אבענד בלאַט" דידאָזיקע סקיצע, וועלכע איך ברענג ווייטער און וועלכע האָט אַרויסגערופן אַן אמתע מהומה צווישן די לייענער.

איך ברענג יענע סקיצע מיינע ניט צוליב אירע באַזונדערע ליטעראַ־רישע מעלות, נאָר צוליב דעם, מחמת זי איז געווען דער ערשטער אויסדרוק פון דעם נאַציאָנאַל־יידישן געפיל אין יענער צייט, אויסגעדריקט אינעם סאָ־ציאַליסטישן „אבענד בלאַט".*

---

* דידאָזיקע סקיצע, אין אַ באַאַרבעטעטער פאָרם איז מיט יאָרן שפּעטער דערשינען אין דער צייטונג „דאָס יידישע פאָלק", רעדאַקטירט פון דר. סירקין. — ל. ק.

אַכטער קאַפּיטל

אַ שטורעם איבער אַ סקיצע אין סאָציאַליסטישן „אַבענד בלאַט"

א.

וואָס איז ער?

(אויס דעם טאָגבוך פון אַ נוטער אַ סאָציאַליסטקע)

„...און וואָס נעענטער איך קוק זיך צו צום לעבן אַרום מיר; וואָס מער איך צעגלידער איינצלנע פאַקטן פון דער אַרומיקער ווירקלעכקייט, אַלץ טרויעריקער ווערט מיר אויפן האַרצן, און די געדאַנקען, וואָס האָבן זיך אַריינגעגנבעט אין מיין מוח אומבאַמערקט ווי שלאַנגען, לאָזן זיך פילן שטאַרקער, מוטשען און פּלאָגן, שטעלן פראַגן און פאָדערן אַן ענטפער...

„איבערגאַנגס־מענטשן!" אַך, ווען דאָס וואָלט אַזוי אין דער ווירקלעכקייט געווען: ווען אָפּרייסנדיק זיך פון דאָס אַלטע, וואָלטן מיר צוגעקומען צו דאָס נייע, וואָלט שוין רעכט געווען. אָבער... אַך, די געדאַנקען, די פראַגן!

ווען איך זאָל זיי אויסרעדן פאַר מיין מאַן, דעם פּראַקטישן אינטערנאַציאָנאַליסט, וואָלט ער מיך זיכער אויסגעלאַכט. „יידענע", וואָלט ער מיר געזאָגט, „דו רעדסט עס דערפאַר, ווייל ביי דיר אינעם מאָגן ליגט נאָך דער טעם פון דעם צימעס און קוגל... נאָך דעם בענקסטו!"...

אָבער, וואָלט עס געווען אַן ענטפער אויף מיינע געדאַנקען? ניין! נאָך מער: איך בין זיכער, אַז מיין מאַן אַליין וואָלט ניט צופרידן געווען מיט זיין ענטפער. ער קען מיך צו־גוט. ער ווייסט, אַז איך בין אַזוי פריי פון אַלע רעליגיעזע נאַרישקייטן, פּונקט ווי ער.

אפילו אמת: אין מיר ליגט אַ וואָרעם, וואָס גראָבט און גריבלט זיך אין יעדער איינציקער זאַך באַזונדער. אָבער איז דערפאַר מיר לייכטער? פאַרוואָס רופט ביי מיר ניט אַרויס אָט דאָס דאָזיקע גריבלען זיך פריילעכע, לייכטע געדאַנקען: אַז די וועלט איז שיין און גוט און גערעכט; אַז דו דאַרפסט נאָר איין טראָט טאָן פון דאָס „צעפוילטע אַלטע", ווי עס דערוואַרט דיך שוין דאָס בליענדע „נייע" מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס?

אין דער אמתן אָבער איז עס דווקא פאַרקערט, און דאָס ברענגט מיך צו מיינע טרויעריקע געדאַנקען... ווי זיי מוטשען און פּלאָגן מיך!...

„שיני־מאצי!" מיין גאָט, ווען איך דערמאָן זיך אָן דעם, ברענט מיר דער מוח!

וואָס ווייסט מיין קליינער פינף־יאָריקער ניקאָלאַי טשערנישעווסקי, מיין ליב יינגעלע, פון יידישקייט? וואָס איז ער פאַר אַ ייד? ניט געמלט. ווייסט ניט פון קיין יידישן שבת און יום־טוב, און דאָך... „שיני" רופן אים די קריסטלעכע קינדער, און מיינע פרומע טאַטע־מאַמע — „גוי", און אינעם האַרצן זיכער: „ממזר"...

דאָס דערמאָנט מיר אָן דעם רוסישן ווערטל: „ני פּאַווא, ני וואָראָנאַ" — אָדער ווי מען קאָן עס אַנדערש אויסדריקן מיט די ווערטער: מיט די אייגענע איבערגער׳יסן און מיט פרעמדע ניט פאַרבונדן...

— מאַמע! — לויפט אַריין צו מיר מיין ניקעלע מיט אַ געוויין, — מאַמע, דזשימי שרייט מיר „שיני", און זיין מאַמע רופט מיך „ליטל שיני"...

אָרעמער יינגעלע מיינער! ער פילט, אַז מיט דעם דאָזיקן נאָמען קאָן מען רופן אים און נאָר אים, מעג ער אפילו הייסן ניקאָלאַי טשערנישעווסקי!...

וואָס פאַר אַ גוואַלדיקע איראָניע פונעם שיקזאַל! דאַכט זיך, ווי דאָס לעבן לאַכט פון דיר מיט אכזריות:

„דו האָסט געזוכט זיך אַרויסצורייסן פון דעם חושך פון דער מזרח־נאַכט, מאַלנדיק אין דיין יונגער היציקער פאַנטאַזיע אַ שיינעם, ליכטיקן מערב־טאָג, און אָט וואָס דו האָסט געפונען: אַזאַ פינצטערע נאַכט ווי דו האָסט פאַרלאָזן, מיט דעם אונטערשייד נאָר, וואָס יענע נאַכט האָט דיך געוואַרעמט, און די פרירט דיך!"...

ביי אונדזערע קריסטלעכע שכנים האָט מען לעצטן קריסטמעס גע־שטעלט אַ יאָלקע פאַר די קינדער. אַז מיין ניקעלע האָט דאָס דערזען, איז ער געקומען צו מיר מיט אַ פראַגע:

— מאַמע, וואו איז מיין קריסטמעס־בוים?

— מיר זיינען, קינד, ניט קיין קריסטן, — ענטפער איך אים.

איז מיין ניקעלע צופרידן מיט מיין ענטפער און פרעגט ניט מער.

קומט דער יידישער פסח. אונדזערע יידישע שכנים האָבן אויסגעפוצט זייערע קינדער אין נייע קליידער, האָבן געמאַכט אַ כשרן פסח מיט ווייַן און מיט מעד.

קומט צולויפן מיין ניקעלע מיט נייע שאלות צו מיר:

— מאַמע, וואו זיינען מיינע נייע קליידער? וואו איז אונדזער ווייַן?... ענטפער איך אים:

— מיין קינד, מיר האַלטן ניט פון יום־טוב...

צעוויינט זיך מיין ניקעלע, פאַרקרימט זיינע ליפּעלעך און וויינט.

— וואָס ווייַנסטו, קינד?

— זיינען מיר, מאַמע, „שיניס"? — פרעגט ער מיט אַ געוויין.

— וואָס רעדסטו, מיין קינד? — וואונדער איך זיך.

— קיין קריסטמעס־בוים ניט, קיין יום־טוב מיט נייע קליידער און ווײַן ניט, זיינען מיר דאָך „שיגיס״ — טענהט דאָס נאַאיווו קינד און וויינט.

מיר האָט פאַרקווּעטשט דאָס האַרץ. וואָס האָב איך אים געזאָלט ענט־פערן? אַז מיר זיינען פריידענקער? אַז מיר זיינען סאָציאַליסטן? אַז אונ־דזערע יום־טובים זיינען אין דער צוקונפט?

וואָלט עס אָבער געווען אַן ענטפער פאַר אַ קינד? וואָלט עס געקאָנט באַרואיקן זיין קליין הערצעלע, וואָס ציט זיך צו פרייד, ווי אַ יונגע בלום צו די ליכטיקע, וואַרעמע שטראַלן פון דער זון? וואָס בענקט נאָך דער שמחה, מיט וועלכער עס זיינען פול די הערצעלעך פון אָט יענע קינדער, וואָס טאַנצן דאָרט אַרום דעם קריסטמעס־בוים, צי אָט יענע קינדער, וועלכע זיינען פול מיט דער פּאָעזיע פון דעם פסח און אַנדערע יום־טובים אין די הייזער פון זייערע עלטערן?!...

אין דער פּאָעזיע פון דער קינדהייט ציט די צאַרטע נשמה פונעם קינד איר געזונטן זאַפט, פונקט ווי דער גוף פונעם קינד ציט זיין זאַפט אין גע־זונטע נאַרונג און פרישער לופט...

וואו איז די פּאָעזיע פון מיין ניקעלעס קינדהייט?

די פריידן פון קינדהייט, די שיינע קינדערשע חלומות, געוועבט און גע־שפּונען פון זון־פעדים אויס דעם קינדס צויבער־וועלטל, לאָזן איבער טיפע שפּורן אין דעם מענטשנס נשמה אויף לעבן לאַנג. וואָס פאַר אַ שפּורן וועלן די פריידן און די שיינע חלומות פון מיין ייִנגלס קינדהייט איבערלאָזן אין זיין נשמה?!...

מיר אַלע, די איצטיקע, „איבערגאַנגס־מענטשן״, סיי קינדער פון אָרעמע עלטערן, סיי פון רייכע, דערמאָנען זיך אַמאָל מיט זיסער בענקעניש און אַ קלאַפּנדיקן האַרצן אָן די גליקלעכע מינוטן פון אונדזער קינדהייט, און עס שוועבט דאַן פאַר אונדז די הייליקע העלקייט פון די ליכט, וואָס ברע־נען אין די פינקלדיקע לייכטער אויפן טיש לכבוד שבת און יום־טוב... די שבתדיקע און יום־טובדיקע פנימער פון אונדזערע ליבע און טייערע, אויף וועלכע די נשמה יתירה, דאַכט זיך, טונקט זיך אָפּ... די יום־טובים שוועבן פאַר אונדז״...

און דאָ שילדערט די מוטער, די סאָציאַליסטקע אַ בילד פון די אַלע יידישע יום־טובים, וועלכע פילן אָן די הערצער פון די יידישע קינדער מיט שמחה און פּאָעזיע, און זי רעדט ווייטער:

— וויפל זיסע דעראינערונגען! וויפל גליקלעכע מינוטן!

און מיין קינד וועט זיי ניט האָבן!

וואו איז מיין קינדס פּאָעזיע? וואו זיינען זיינע גליקלעכע מינוטן, וואָס זאָלן איבערלאָזן אַ טיפן שפּור אויף זיין כאַראַקטער, אויף זיין נשמה, אָן

וועלכער ער וועט זיך אַמאָל אין יאָרן אַרום קאָנען דערמאָנען מיט אַ זיסער בענקעניש ? !

ניטאָ ! איך זע זיי ניט ! איך זע נאָר אַרום זיך אַן אומבאַשטימטע, סאָרע ווירקלעכקייט, אַ מיש־מאַש, עפּעס אַן זאַפּט און אַן לעבן, אַן ליכט און אַן וואָרעמקייט. און מיר דאַכט זיך, אַז אין דער דאָזיקער תוהו־ובוהו־אַטמאָס־פּערע וועט ער אויך אויסוואַקסן אַ סאָרער, אַ טרוקענער, אַ מיש־מאַש עפּעס פון סתם אַ מענטשן אַן זאַפּט און אַן לעבן...

אוי, ווי דאָס מוטשעט מיך !... ניט ווילנדיק מוז איך פון דעם טראַכטן ! מיין ניקעלע איז אָפּגעריסן פון דער פאַרגאַנגענהייט, ווי אַ צווייג פון אַ בוים, און די געגנוואַרט איז אַזוי פּראָזאַאיש קאַלט, אַזוי איינטאָגיק־גרוי פאַר מיין קינדס נשמה... וואָס איז ער ? וואָס איז זיין קינדהייט און וואָס קאָן פון אים אַרויסוואַקסן אין דער צוקונפט ?

אַמאָל פּרואוו איך זיך טרייסטן : איך וועל אים דערציען אַלס פריי־דענקער, אַלס סאָציאַליסט, אַלס קינד פון דער אינטערנאַציאָנאַלער מענטש־הייט... דאַן אָבער פרעג איך זיך : נו, אפילו אַלס קינד פון דער אינטער־נאַציאָנאַלער מענטשהייט, מוז ער דאָך אויך האָבן זיין קינדהייט, די פריידן, די פּאָעזיע פון קינדהייט... וואו איז עס אַלעס און ווי קאָן איך עס אים פאַרשאַפן, וואָס זאָל זיך פאַרגלייכן אפילו צו אַ הונדערטל טייל, ווי מיר האָבן עס געהאַט אין אונדזער קינדהייט ? ! און אַנדערע פראַגן קומען מיר דאַן אַרויף אויפן זינען : וואָרום נעמען ניט אַוועק די סאָציאַליסטן פון אַנדערע פעלקער ביי זייערע קינדער זייערע נאַציאָנאַלע יום־טובים ?״

די דאָזיקע סקיצע, וואָס איז געווען דער ערשטער אויסדרוק פון דעם נאַציאָנאַל־יידישן געפיל, אויסגעדריקט אין אַ היגער סאָציאַליסטישער צייַ־טונג אויף דער יידישער שפּראַך, האָט דאַן אַרויסגערופן אַ מהומה צווישן אירע לייענער און פּראָטעסטן קעגן דער רעדאַקציע פון „אַבענד בלאַט״, ווען מיין סקיצע „וואָס איז ער ?״ איז דאָרט דערשינען... איך שטעל מיר פאָר, אַז ניט קיין גרעסערע מהומה וואָלט עס מסתמא אַרויסגערופן צווישן פרומע יידן, ווען מען וואָלט אַ צלם געוויזן אין אַ בית המדרש, להבדיל...

פון אַלע זייטן זיינען אָנגעקומען פּראָטעסטן אין רעדאַקציע. אַנדערע פון די גענאָסן זיינען געקומען צולויפן צום רעדאַקטאָר מיט טענות : סטייטש, אין אַ סאָציאַליסטישער צייטונג דרוקן אַ זאַך, וועלכע פּאַסט פאַר דער „יאַר־מולקע !״ (אַזוי האָט מען דאַן צווישן די גענאָסן גערופן די „טאַגעבלאַט״).

קראַנץ האָט זיי רואיק געענטפערט :

— דאָס איז בעלעטריסטיק, מענטשהייט ! (זיין ווערטל). אין בעלעט־ריסטיק איז דאָס דערלויבט. ניט געפערלעך, מענטשהייט !...

פונדעסטוועגן האָט ער אָפּגעדרוקט עטלעכע פּראָטעסטן קעגן דער דאָזיקער סקיצע.

איך ברענג דאָ עטלעכע אויסצוגן פון זיינע געדרוקטע פּראָטעסטן, ווייל זיי זיינען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייט און סביבה, אין וועלכער אונדז איז אויסגעקומען צו אַרבעטן.

שרייבט איינע „אַ סאָציאַליסטישע מאַמע", הינטער וועלכער עס האָט זיך באַהאַלטן אַ גוט־באַקאַנטער סאָציאַליסטישער שרייבער און רעדנער, אַז:

„איך בין אויך אַ סאָציאַליסטישע מאַמע און אויף דער פראַגע פון קאַבריגען: ‚וואָס איז ער?׳ קאָן איך ענטפערן: ער איז אַ זון פון אַ צעקראָכענער יידענע, וואָס איז על פּי טעות אַרויסגעקראָכן פון דער ראַלע, וואָס געהערט איר — די ראָלע פון אַן אויסגעצייכנטער, גאָטס־פאַרכטיקער זאָגערקע און קלאָגערקע, און איז פאַרקראָכן אין אַזאַ ראָלע, וועלכע האָט געדאַרפט פאַר אַזאַ ווי זי באַהאַלטן ווערן ביז דער צייט, ווען אַלע מענטשן אָרום, אָדער וויניקסטנס דאָס רוב מענטשן וועלן שוין זיין אין דער ראָלע..."

און נאָך אַ קורצער דערקלערונג, אַז די אמתע סאָציאַליסטישע מאַמעס חלומען ניט אפילו פון אַזוינע „קליינלעכע" פראַגן, ווי „וואָס איז ער?" ענדיקט דער שרייבער־שרייבערין:

„לאָז זיך קאַברינס העלדין דערוויל, ביז דער איבערגאַנג וועט זיין פאַרטיק [דאָס הייסט ביז די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט וועט איינגעאָרדנט ווערן, ווען אַלע פעלקער וועלן זיין איין סאָציאַליסטישע נאַציאָן] זאָל זי דערוויל אָנטאָן אַ ציפּעק און קויפן אַ קרבן־מנחה סידור און נעמען פאַסטן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג און ווערן אַ גאָטספאָרכטיקע באָבע. איך בין גאַנץ צופרידן צו בלייבן

„אַ סאָציאַליסטישע מאַמע".

אַן אַנדער מאַמע שרייבט אַזוי:

„איך פאַרשטיי ניט ווי אַזוי די „אָוועגט בלאַט" גייט דרוקן אַזאַ אַרטיקל... איך בין איבערצייגט, אַז עס זיינען פאַראַן פיל מוטערס, וואָס זייער געדאַנק לויפט ניט מיט דעם גייסטיקן שטראָם פון דער צייט, נאָר אויפגעמונטערט, גייען זיי אָפּ, אַ טריט ווייטער פון דער ‚אַלטער׳ צייט און קומען אַ שריט נעענטער צו דער ‚נייער׳. אָבער ווי אַזוי? אומזיכער, מיט צווייפל, און דער וואָרעם, וועלכער האָט זיך אַריינגעצויגן נאָך אין דער יוגנט, טאָטשעט דאָרט... קומט נאָך קאַברין און העלפט נאָך טאָטשען. אַנשטאָט, אַלס סאָציאַליסט, ער זאָל מער באַלייכטן דעם ‚ערב׳־טאָג און פאַרענטפערן אָט־די אַלע פראַגן און פאַרטרייבן דעם צווייפל פון די ערמידעטע מוטערס, וועלכע זיינען געקומען אין איינקלאַנג מיט דעם גייסט פון סאָציאַליזם דורך לעזן דעם „אָוועגט בלאַט", אָדער דורך דעם מאַנס לאַנגע איינרעדעניש און אַנ־

שטרענגונג — קומט צוגיין קאָברין און פאַרניכטעט דאָס נייע שטיקל, וואָס מען איז אָפּגעגאַנגען מיט אַזאַ מאַטערניש. נאָך מיין ווייבערשן געדאַנק קומט אויס, אַז קאָברין וואָלט געקענט ענדיקן זיין ,וואָס איז ער?׳ מיט אַ וואַרע־מער און דערפרישנדער האָפענונג, איידער מיט אַזאַ פּעסימיזם״.

„וואָס איז ער?״ אַ מענטש, געבוירן געוואָרן ביי עלטערן, ביי וועלכע די רעליגיעזע פאָראורטיילן זיינען אַביסל אָפּגעשטאָרבן. זיי דאַרפן זען אין אים איינפלאַנצן ליבע און מענטשן־רעכט צו אַלע מענטשן, אַנשטאָט צו דער־וועקן אין אים דעם נאַציאָנאַלן פּאַטריאָטיזמוס״...

קאָנטיק, אַז אויף דער שרייבערין, צי דעם שרייבער, פון דעם דאָזיקן פּראָטעסט, האָט מיין סקיצע דאָן אַן איינדרוק געמאַכט. קאָנטיק, אַז זי האָט אָנגערירט אין זיך, צי אין אים דעם וואָרעם, וואָס האָט „געטאָטשעט״... און איך בין זיכער, אַז אַזוינע ווי זי, צי ער, זיינען גענוג געווען, וואָס אויף זיי האָט דידאָזיקע סקיצע שפּעטער אַזאַ איינדרוק געמאַכט...

מיין מוטער, די סאָציאַליסטקע, האָט זיי דאַן געענטפערט אין איר פריי־ערדיקן גייסט, האָט אַוועקגעשטעלט איר פראַגע נאָך שאַרפער. אונטערן נאָמען: „יאָ, וואָס איז ער?״ האָט זי דאַן געשריבן:

„אָרעמע מאַמעס, ווי זיי זיינען בייז אויף מיר, פאַרוואָס איך האָב דעם ,וואָרעם׳ אָנגערירט אין זייערע הערצער!... אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז דער וואָרעם לאָזט מיך פאָרט ניט רוען און עגבערט און מאַטערט מיין מוח, פרעגט שאלות און פאָדערט אַן ענטפער: יאָ, וואָס איז ער? וואָס איז מיין ניקעלע? וואָס וועט פון אים אַרויסוואַקסן אין אַט־דער אומבאַשטימטער גרויער ווירקלעכקייט, אין אַט־דעם מיש־מאַש אונדזערן, אָן לעבן, אָן ליכט און אָן דער זוניקער וואַרעמקייט פון אַ יום־טובדיקער קינדהייט.

„יאָ, איך פרעג זיך ווידער און ווידער: וואו איז די פּאָעזיע פון מיין ניקעלעס קינדהייט? איך דערמאָן זיך אין דער קינדהייט אין דער היים. איך זע די קינדהייט, ווי זי פרייט זיך מיט די יום־טובים... אָט שוועבן זיי פאַר אונדז, וועקנדיק אַזאַ בענקעניש אין אונדז, וואָס מיר זיינען אַזוי וויט פון זיי... די חנוכה מיט די ליכטלעך, מיט דעם חנוכה־געלט... דער פּורים מיט זיינע שלח־מנות, מיט זיין סעודה, מיט זיינע פּורים־שפּילער, מיט די קאלאקאטקעס, מיט די שרייערס, מיט דעם קלאַפּן המן הרשע און מיט דער שמחה, מיט דער גוואַלדיקער שמחה, וואָס מרדכי איז אַזוי דערהויבן געוואָרן און המן הרשע, דער צורר היהודים, איז אויפגעהאַנגען געוואָרן מיט אַלע זיינע צען בנים אויף דעם זעלביקן בוים, וועלכן ער, המן, האָט אָנגע־גרייט פאַר אונדזער מרדכין...

„ווי די קינדערשע פאַנטאַזיע האָט דאַן געפלאַמט, ווי די קינדערשע הערצער האָבן דאַן געטאַנצט פאַר שמחה, פאַר גדולה, פאַר דאַנקבאַרקייט

צו דעם גוטן חרבונהן! ווי די קאַלעקאַטקעס האָבן דאַן געליאַרעמט און די שרייערס, ווי זיי האָבן געפּילדערט!... די יידישע קינדער האָבן זיך דאַן גערעכנט מיט דעם צורר המן, אוי, ווי זיי האָבן זיך מיט אים גערעכנט!

„היינט דער פּסח מיט דעם פרילינג אין דער לופטן און מיט דעם זינגענדיקן פרילינג אין די קינדערשע נשמות! דאָס וואַרטן אויף אים... דאָס באַפרייען זיך פון חדר.

„די אינדיקעס, וואָס מען שטאָפּט לכבוד פּסח, דער רויטער באָרשט אין דער נייער פּסחדיקער קאָטקע, וואָס האָט אין די קינדערשע אויגן אַלע זיינע חנען... דאַן דאָס מצה־באַקן, דאָס מצה־שטויסן, דאָס כשרן די פּסחדיקע כלים ביים טייך... דאָס בדיקת־החמץ מיט דער הילצערנער לעפל, וואָס מען פאַרברענט שפּעטער מיטן חמץ אינאיינעם... דער וויין, דער מעד, די נייע מלבושים, די כוסות ביים סדר... דאָס פרעגן די פיר קשיות ביים טאַטן, וועלכער זיצט אויף אַ הויכער הסב־בעט, ווי אַ קייסער, אין אַ ווייסן קיטל... אליהוס גרעסטער כוס... דאָס וואַרטן, אַז אָט־אָט וועט מען די טיר עפענען און ער וועט אַריינקומען, דער נביא, מיט זיין לאַנגער ווייסער באָרד, און ער וועט אויסטרינקען זיין כוס... דאַן, דאָס שפּילן אין ניס... דאָס קריגן פון זיידן אויף ניס, פון דער באָבען, פון דעם פעטער, פון דער מומען... דאָס גיין גוט־יום־טוב ביטן... וויפל פּאָעזיע, וויפל נאַרונג פאַר אַ קינדס פאַנטאַזיע! וויפל גליק פאַר אַ קינדס נשמה!...

„דאַן דער גוואַלדיקער איינדרוק פון ראש השנה און יום כיפור! דאָס כפרות־שלאָגן... דאָס לייגן פון די קנייטלעך... דאָס גיין זיך בענטשן צום זיידן... דאָס ציטערן פון די קליינע הערצעלעך פאַר אַ שלעכטער כתיבה און חתימה... דאָס בילד אינעם בית המדרש... די גרויסע ברענענדיקע וועקסענע ליכט... די יידן אין די ווייסע קיטלען מיט די הייליקע פּנימער... דער חזן מיט זיינע משוררים... דער בעל־תקיעה מיט זיין שופר... די שרעק, די אימה, דער פּחד, וואָס האָט געשוועבט מיט אַזאַ גוואַלדיקער, מיט אַזאַ מוראַדיקער קראַפט!

„און צום כּוף די פּאָעזיע פון די פריילעכע יום־טובים, פון שמחת־תורה!... די פאָנען מיט די ליכטלעך... דאָס טאַנצן אין שול מיט די ספר־תורהס, קינדער אַקסל־צו־אַקסל מיט זייערע זיידעס!...

„וויפל פּאָעטישע זאַפט פאַר דעם גייסט פון אַ קינד!

„און מיין ניקעלע וועט אַזוינס ניט האָבן!

„מען זאָגט מיר, אַז איך זאָל אים דערציען אַלס פריידענקער, אַלס סאָציאַליסט, אַלס קינד פון דער ,אינטערנאַציאָנאַלער מענטשהייט׳. איך, אַלס סאָציאַליסטקע, גלויב אין דעם כּוח פון אומשטענדן, און איך ווייס, אַז

די ווירקונג פון דעם איינצלנעם אויף די אומשטענדן איז ווי די אומשטענדן פון אַ קליין טייבעלע אויף דעם ברייטן, גרויסן ים...

„איך, דאָס קליין טייבעלע, טראָג מיין ניקעלען צו יענעם הויכן, שיי־נעם באַרג, וואו די אייביק־ליכטיקע זון גיסט אירע גאָלדענע שטראַלן, אָבער איך מוז דורכשניידן דעם ים... וועט דער ים מיך דורכלאָזן מיט מיין ניקעלען צו יענעם שיינעם באַרג, אָדער ער וועט אונדז פאַרשלינגען אין זיין ווייסן, קאָכעדיקן שוים אָדער גאָר אויסשפייען מיין ניקעלען ערגעץ צו אַ וויסטן ברעג, ווי אַן אָפּגעבראָכן, בלאָנדזשענדיק צווייגעלע פון אַ בוים?!

„וואָרום חוץ מיר, דערציען אים נאָך אי די גאַס, אי די שול, אי די פרומע עלטערן, אי די פרומקייט פון די יידישע שכנים... ווער וועט שטאַר־קער באַאיינפלוסן זיין קינדערשן כאַראַקטער? ווי וועט זיך אָפּרופן אויף זיין קינדערשער נשמה די איינדרוקן פון דעם אַרומיקן מיש־מאַש — וואָס זי זויגט אין זיך אַריין? וואָס וועט אַרויסקומען פון מיין ניקעלען, וואָס אַרויסגעריסן אינגאַנצן מיט אַלע וואָרצלען פון דער פאַרגאַנגענהייט, איז ער ווי אַוועקגעוואָרפן אויף דעם הפקרדיקן ווינט?!

„וואָס וועט פון אים אַרויסקומען? יאָ, וואָס איז ער? וואָס איז ער?...״

איבערשרייבנדיק דידאָזיקע שורות, וואָס זיי זיינען געדרוקט געוואָרן כמעט מיט פופציק יאָר צוריק, פאַלט מיר איין: וויפל פון די דעמאָלטדיקע לייענער און לייענערינס, די טאַטעס און מאַמעס פון די קאַרל מאַרקסעס, פערדינאַנד לאַסאַלס, ניקאָלאַי טשערנישעווסקיס און מיכאַאיל באַקונינס (אַזאַ מאָדע איז געווען דאַן אין די היגע ראַדיקאַלע סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע קרייזן, צו געבן זייערע קינדער אַ נאָמען נאָך די באַרימטע סאָציאַליסטישע און אַנ־אַרכיסטישע פירער), — וויפל פון זיי, מיין איך, וואָס האָבן אין יענער צייט אַזוי פּראָטעסטירט קעגן די געדאַנקען און געפילן, וועלכע זיינען אין מיין סקיצע אויסגעדריקט געווען דורך מיין מוטער, די סאָציאַליסטקע, וואָלטן היינט מסכים געווען דורך מיין מוטער, די סאָציאַליסטקע, וואָלטן היינט מסכים געווען מיט יעדן געדאַנק, וואָס זי, די מאַמע פון ניקעלען, פון ניקאָלאַי טשערנישעווסקי, האָט דאַן אויסגעדריקט! וויפל פון זיי וואָלטן היינט, ווען זייערע אַמאָליקע קליינע לאַסאַלס און מאַרקסעס און באַקונינס זיינען אויס־געוואָקסן, געוואָרן גרויסע סתם פרעדי, סתם קאַרלס און סתם מייקס, אונ־טערגעשריבן זיך אונטער יעדן וואָרט פון יענער מאַמע אין מיין סקיצע!...

דאַן, אָבער, האָבן זיי געגוואַלדעוועט, פּראָטעסטירט קעגן קראַנצן, הלמאי ער האָט די דאָזיקע סקיצע און דערנאָך דעם ענטפער געדרוקט און קעגן מיר, הלמאי איך האָב זי אָנגעשריבן. און איך דערמאָן זיך, אַז עס זיינען

געווען אַזוינע, וועלכע האָבן מיך דערפאַר אויפגעהערט רופן „גענאַסע", נאָר „מיסטער", האָבן זיי מיך אָנגעהויבן רופן.

און דאָך האָט קראַנץ דערנאָך געדרוקט מיין סקיצע: „אַננאַס מה נשתנה", וואו אַ מיידל, אַ סאָציאַליסטקע, דריקט־אויס איר בענקעניש נאָך דער יום־טובדיקער שטימונג פון דעם יידישן פסח; מיין אַנדער סקיצע „דזשעניס כל נדרי", וואו די טענער פון „כל נדרי" וועקן־אויף דעם יידישן ווייַ און בענקעניש נאָך איר אַמאָליקער יידישער סביבה, אפילו אין דער נשמה פון אַ פאַרזונקענער מיידל. דאַן מיין דערציילונג „ברוך דיין האמת", וואו איך שילדער די טראַגעדיע פון אַן אַלטער יידישער מאַמע, ווען זי דערוויסט זיך, אַז איר געבילדעטע, קלוגע, שיינע טאָכטער חנהלע אין אַמעריקע, וועלכע איז דאַן געוואָרן אַן אַנאַרכיסטקע, איז פאַרהייראַט מיט אַ קריסט... די אַלע זאַכן געהערן צו דער זעלבער צייט און צו דעם זעלבן מין סקיצן און דערציילונגען...

אַרום יענער צייט, אין 1897, קומט ליעסין נאָך אַמעריקע, און ער וועקט דאָ, אויף זיין באַזונדערן גרויסן שטייגער, דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק און געפיל ביי די סאָציאַליסטישע לייענער.

וועגן ליעסינען האָב איך שוין אַ סך געשריבן. דאָ וויל איך בלויז ברענגען אַ כאַראַקטעריסטישן אינצידענט, וועלכער וועט ווייזן אונטער וואָס פאַר אומשטענדן עס האָבן דאַן געאַרבעט די נאַציאָנאַל־געשטימטע שרייבער אין די סאָציאַליסטישע קרייזן.

ליעסין האָט געוואָלט אָפּדרוקן זיין ליד „צוויי תפילות" אין דער דע־מאָלטיקער „צוקונפט". דער רעדאַקטאָר פון דער „צוקונפט" איז געווען אַב. קאַהאַן. האָט קאַהאַן, ווען ער האָט איבערגעלייענט דאָס ליד, געקלאַפּט אָן טיש און געשריען צו ליעסינען:

— מיר האָבן אַראָפּגעריסן די מזוזות און איר ווילט זיי צוריק צושלאָגן? אייער ליד קאָן ניט געדרוקט ווערן!

דאָס דאָזיקע ליד איז שפּעטער דערשינען אין דער „צוקונפט", ווען מילער איז געווען רעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל; עס איז אָבער דאָרט דערשינען אויך אַ באַמערקונג פון דעם רעדאַקטאָר, אַז ער דרוקט עס צוליב די ליטעראַרישע מעלות פון דעם געדיכט, אָבער די טענדענץ פון דעם ליד בלייבט אינגאַנצן פרעמד דער „צוקונפט".

קורץ, דער אָנפאַנג פון דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין אויף דער היגער יידישער גאַס, האָט זיך אָנגעהויבן דווקא אין דער סאָציאַליסטישער פּרעסע, וועלכע איז, לויט איר ריכטונג, געווען דורכאויס אַנטי־יידיש און אָנגעהויבן האָט עס זיך דאָ אַ סך פריער איידער זשיטלאָווסקי איז אַהער אָנגעקומען, וועלכער האָט, אגב, אפילו שפּעטער, געהאַט אַ ווירקונג בלויז אויף אַ טייל

פון דער היגער אינטעליגענץ, אָבער ניט אויף די ברייטע מאַסן, וואָס אין זיי האָבן דעם נאַציאָנאַלן געפיל אויפגעוועקט און געהאָדעוועט געוויסע עט־לעכע פון אונדזערע ערשטע היגע יידישע שרייבער מיט זייערע אַרטיקלען און לידער, מיט זייערע דערציילונגען און פּיעסן...

די עטלעכע בעלעטריסטן און פּאָעטן אונדזערע, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער ראַדיקאַלער פּרעסע, זיי האָבן, שאַפנדיק די היגע יידישע ליטעראַ־טור, אַריינגעהויכט אין איר דאָס לעבן און דערמיט די נאַציאָנאַל־יידישע אַטמאָספערע אויך...

ניינטער קאַפּיטל

דאַניעל דע ליאָן

א.

אין דער „גרינער" צייט פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און דער יידישער אַרבעטער־פּרעסע אין אַמעריקע זיינען געווען דריי „גויים", וואָס האָבן געהאַט אַ באַזונדערע השפּעה אויף דער דעמאָלטדיקער יידישער גאַס, בפרט אויף די דעמאָלטדיקע יידישע אַרבעטער־מאַסן.

די דריי זיינען געווען: דער אַנאַרכיסט יאָהאַן מאָסט (וועגן אים האָב איך שוין געשריבן אין מיינע פריערדיקע קאַפּיטלען) און די סאָציאַליסטן: דאַניעל דע ליאָן און יודזשין דעבס.

היינט זיינען זיי בלויז נעמען ביי אונדז אויף דער יידישער גאַס, „היסטאָרישע" נעמען, און ביי גאָר אַ סך — אפשר ביי די מערסטע צווישן אונדז — אפילו דאָס אויך ניט; אָבער אין יענער צייט, אין יענער „גרינער" צייט פון „מעשה בראשית" אויף אונדזער דעמאָלטדיקער יידישער גאַס, איז קיינער פון אונדזערע אייגענע באַרימטסטע יידישע בויער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און פּרעסע ניט געווען מער באַרימט ווי אָט־די דריי „גויים" ביי אונדז.

יעדער איינציקער פון זיי איז אויף זיין באַזונדערן אופן, גאַנץ אַנדערש פון דעם אַנדערן, געווען אַ גרויסער כוח, וואָס האָט געהאָלפן צו איבערשאַפן ממש טויזנטער און טויזנטער פון די דעמאָלסטיקע יידישע אימיגראַנטן, — כ'רוב פריערדיקע גראָשענע קרעמער און מאַרק־הענדלער, — אויף נייע מענטשן, מיט אַ נייער נשמה און מיט אַ נייעם אינהאַלט.

און אין דעם קאַמף פון אָט־די נייע מענטשן, וואָס האָבן געהערט צו די יידישע אַרבעטער־מאַסן, פאַר אידעאַלן און פאַר אַ גערעכטער אָרדענונג אינעם לעבן, האָט געשוועבט דער רעוואָלוציאָנערער גייסט פון אָט־די דריי.

מחמת דעם איז יעדער איינציקער פון די דאָזיקע דריי ביי אונדז פאַרגעטערט געווען און זיינע באַזונדערע חסידים געהאַט ביי אונדז אויף דער יידישער גאַס אין יענער צייט.

אין היינטיקן אַרטיקל וויל איך אין קורצע שטריכן אויפלעבן די פּערזענלעכקייט פון דאַניעל דע ליאָן און אַביסעלע אויך די יידישע גאַס פון יענער צייט, ווי זיי זיינען פאַרבליבן ביי מיר אין זכרון.

ב.

דאַניעל דע ליאָן איז געווען פריער אַן אַסיסטענט פּראָפעסאָר פון אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ אין קאָלאָמביע אוניווערסיטעט. איידער ער איז געוואָרן אַ סאָציאַליסט איז ער געווען אַן אָנהענגער פון הענרי דזשאָרדזש און פון

זיין „סינגעל טעקס" טעאָריע און אַ קעגנער פון סאָציאַליזם. נאָך דעם, ווי ער איז געוואָרן אַ סאָציאַליסט, איז ער געווען איינער פון די אויסגעהאַלטנסטע קאָמפּראָמיסלאָזסטע, שטרענגסטע סאָציאַליסטן אין דער סאָציאַליסטישער אַר־בעטער־באַוועגונג.

ער האָט דאָרט באַלד פאַרנומען דעם אויבנאָן און איז געוואָרן איר הויפּט־פירער.

אַ מעכטיקע פּערזענלעכקייט, די מעכטיקסטע, וואָס די היגע סאָציאַליס־טישע באַוועגונג האָט אַמאָל געהאַט, האָט ער דאָ מיט גוואַלד געוואָלט אַ שטופּ־טאָן די היגע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין פאָראויס.

אַ מענטש מיט אַ פאַנאַטישן כאַראַקטער און אַ פייערדיקן טעמפּעראַ־מענט, האָט ער געוואָלט מיט געוואַלד צעשטערן די אַלטע „פּיור ענד סימפּעל" יוניאָנס, וואו דער גייסט פון גאָמפּערסן האָט געהערשט, און אויף זייער פּלאַץ אויפבויען אַנדערע יוניאָנס, וואו דער גייסט פון דעם „קלאַסן־באַוואוסטזי־ניקן" סאָציאַליזם זאָל הערשן. אַ יוניאָן האָט געמוזט זיין סאָציאַליסטיש, אַניט האָט זי קיין תקומה ניט געטאָרט האָבן! אַ מענטש פון דער אַרבעטער־באַ־וועגונג האָט געמוזט זיין אַ סאָציאַליסט, אַניט איז ער געווען אַ „פעיקער", כמעט אַ „קאָנטר־רעוואָלוציאָנער"...

פאַר „אומפּאַרטייאישע" אין דער באַוועגונג האָט ער קיין געדולד ניט געהאַט. אַהער אָדער אַהין — אָדער סאָציאַליסט, אָדער „פעיקער", צי גאָר „סקאָנק" (אויף מאַמע־לשון: טכויר). קיין מיטל־פּונקט האָט דע ליאָן ניט אָנערקענט.

אפשר האָט ער איבערטריבן אין זיין דעמאָלסטיקן פאַנאַטיזם, אָבער אין אים האָט זיך געפילט דער גרויסער און הייליקער גלויבן אין די באַ־פרייאונגס־און אויפבוי־כוחות פון דעם סאָציאַליזם.

דער דאָזיקער גלויבן האָט אַרויסגעפלאַמט פון זיינע רעדעס אויף די פאַרזאַמלונגען און פון זיינע אַרטיקלען אין דער פּאַרטיי־צייטונג „דהי פּיפּל".

קיינער פון די סאָציאַליסטישע פירער איז אַ געוויסע צייט אַזוי ניט געפייערט געוואָרן פון די סאָציאַליסטישע מאַסן, בפרט פון די יידישע, ווי ער. אין יענער צייט, ווען וועלכער איך רעד דאָ, איז ער פאַר דעם גרעסטן טייל סאָציאַליסטן געווען דער פייערדיקער זייל פון דעם סאָציאַליזם.

איך געדענק, ווי אויף דער יידישער גאַס האָבן אים די יידישע אַרבע־טער ממש געטראָגן אויף די אַקסלען פון האָל צו האָל מיט באַגייסטערטע הורא־געשרייען.

עס לעבט־אויף פאַר מיר אַזאַ בילד:

אַ געפּאַקטער האָל אויף פאָרסייט סטריט. דע־ליאָן רעדט. דער עולם

איז באַגייסטערט. אויגן פלאַמען, פנימער ברענען. די לופט אינעם האָל איז הויל באַגייסטערונג, דאַכט זיך.

דע־ליאָן, ברייט און פון מיטעלן וואוקס, מיט אַ טונקל־בראָנזענעם, אָריענטאַלישן פנים און אַ באָרד, ווי פון ווייכן, ווייסן פוך, און מיט אויגן ווי ביי אַ צוואַנציק־יעריקן באַגייסטערטן בחור, שטייט אויף דער פלאַטפאָרמע



דעניעל דעליאָן

און רעדט מיט זיין הילכענדיקן טענאָר, וואָס דערהויבט זיך פון צייט־צו־צייט ביז צו אַ קוויטש.

ער מאָלט פאַר די פאַרזאַמלטע יידישע אַרבעטער אַ סאָציאַליסטישע וועלט, וואו קיין סימן פון שלעכטס, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע וועלט שאַפט, וועט גאָרניט קאָנען געמאָלט זיין; ער וועקט ביי זיי קלאַסן־באַוואוסטזיניקייט און סאָציאַליסטישן גלויבן, און מאַכט זיי פילן פאַר שאַפער און בויער פון יענעם פרייען, גליקלעכן לעבן...

און דערביי פייערט ער אויף די „פעיקערס“ און „בודלערס“, די גאָמפערסעס, די דייקערס און די ווהייטס (קאָנסערוואַטיווע פירער אין דער דע־

מאָלטדיקער אַרבעטער־באַוועגונג) און אויף די „פּעיקערס“ אין די אייגענע סאָציאַליסטישע רייען, וואָס שטיצן די „בודלערס“.

דער עולם שרייט, פּילדערט און אַפּלאָדירט אים.

ער האָט געענדיקט זיין רעדע, וויל אָנטאָן זיין לאַנגן מאַנטל, און דאָ פון אַלע זייטן טוען זיך אַ לאָז צו אים יידישע אַרבעטער, און צענדליקער פון זיי העלפן אים אָנטאָן דעם מאַנטל, קנעפּלען אים די קנעפּלעך.

און מיטאַמאָל, איינער פון יענע יידן טוט אַ כאַפּ דע־ליאָנען מיט אַ התלהבותדיקן „הורא“ און אַ הויב צו זיך אויפן אַקסל, און באַלד שוועבט דע־ליאָן אין דער הויך איבער די פאַרריסענע קעפּ פון דעם גרויסן עולם, וואָס קוקט אַרויף צו דעם מאַן מיט דער וויס־פּוכיקער באָרד און יונגע אויגן קוקן און דריקן אויס זייער פאַרגעטערונג דורך שרייען „הוראַ!“...

און אַזוי ווערט דע־ליאָן אַרויסגעטראָגן פונעם האָל און דער גאַנצער עולם נאָך אים מיט אַ התלהבותדיקן „הוראַ“...

די גאַס איז שוואַרץ, די גאַס הילכט פון די געשרייען. דע־ליאָן זעט אויס ווי אַ רבי, אַ גוטער ייד, וועלכער ווערט געטראָגן פון זיינע חסידים; און יענער יידישער אַרבעטער, וואָס האָט די זכיה צו טראָגן אים אויף זיינע אַקסלען, פּילט ניט די משא, פּילט ניט קיין מידקייט; איבער זיין פּנים איז צעגאָסן אַזאַ גליקלעכער שמייכל; די פיס טאַנצן ביי אים...

דע־ליאָן איז אויך באַגייסטערט. עס שמייכלט זיין טונקל־בראָנזענער, אָריענטאַלישער פּנים; עס שמייכלט זיין ווייסע באָרד, עס צינדן זיך זיינע יונגע אויגן, און מיטאַמאָל טוט ער אַ פּאַך מיט דער האַנט און אַ געשריי:

— באַיעס, הוראַ פאַר דעם קלאַסן־באַוואוסטזיניקן סאָציאַליזם!

און עס ווייזט זיך אויס, אַז הימל און ערד האָבן זיך אָנגעצונדן פון אָט־דער התפעלות, וואָס זיין געשריי רופט אַרויס ביים עולם, וואָס גייט אים נאָך.

מען שרייט ביז צו הייזעריק ווערן. מענטשן שטופּן זיך צו אים נענטער. הענט ציען זיך צו אים, און באַלד זיצט ער שוין ביי אַן אַנדערן אויפן אַקסל, און אַזוי טראָגט מען אים אַריין אין אַן אַנדער האָל...

אָט אַזוי האָט מען דעמאָלט פאַרגעטערט דע־ליאָנען אויף אונדזער היגער, יידישער גאַס, און אַזוי — אַך לעזער! — האָט מען אין יענער צייט געגלויבט ביי אונדז אויף דער יידישער גאַס!...

אָבער צוריק צו די יידישע צייטונגען.

דער פאַרוואַלטונגס־ראַט פון דער „אַרבייטער צייטונג“ „פּאַבלישינג אַסאָסיעישאָן“ איז אין גאַנצן געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון דאַניעל דע־ליאָן און די „אַרבעטער צייטונג“ האָט דורכגעפירט זיין פּאָליטיק. דאָס האָט געשאַפן קעגנער פון דעם פאַרוואַלטונגס־ראַט, וועלכע זיינען אומצופרידן געווען מיט דע־ליאָנס טאַקטיק בנוגע די קאָנסערוואַטיווע יוניאָנס.

קאַהאַן, איינער פון די הויפּט־קעגנער, האָט דערצו נאָך געהאַט זיינע באַזונדערע פּערזענלעכע אינטערעסן.

דער „אַבענד בלאַט" ווערט שטאַרקער, קריגט אַלץ מער און מער איינפלוס אויף דער יידישער גאַס. דער רעדאַקטאָר פון דער „אַרבייטער ציטונג" און זיינע אָנהענגער קריטיקירן אַלץ מער די רעדאַקציע פון קראַנצן; קאַהאַן רייסט אַרונטער די אַרטיקלען, וואָס זיינען דאָרט געדרוקט, און דער עיקר, קאָכט ער זיך, פאַרוואָס דאָס „אַבענד־בלאַט" איז ניט גענוג סאָציאַליסטיש.

אָבער קראַנץ ווערט געשטיצט, ווי איך האָב שוין געוויזן אין מיינע פריערדיקע קאַפּיטלעך, פון די אינטעליגענטערע מיטגלידער פון דער „פּאָבלישינג אַסאָסיעישאָן". בורעט זיך אַזוי צווישן די צוויי צדדים.

אין דער אייגענער צייט אָבער, ווען דער רעדאַקטאָר פון דער „אַרבייטער ציטונג" קריטיקירט אַזוי די רעדאַקציע פונעם „אַבענד־בלאַט", וויל ער שטאַרק ניט ליידן, הלמאי די מיטגלידער פונעם פאַרוואַלטונגס־ראַט זאָגן אים דעות, ווי אַזוי ער זאָל רעדאַקטירן די „אַרבייטער־ציטונג".

אגב, די דאָזיקע מחלוקה מיטן פאַרוואַלטונגס־ראַט איז ביי אים געווען אַן אַלטע, נאָך פון פריער, איידער דיביידע רעדאַקציעס האָבן אַריינגעצויגן זיך אין 138 איסט בראָדוועי, פון יענער צייט נאָך, ווען ער האָט אַ שליידערגעטאָן די מיטגלידער פונעם פאַרוואַלטונגס־ראַט אין פּנים אַריין זיין באַרימט ווערטל: „בעזגראַמאָטנאיאַ סוואָלאָטש".

אָבער די מיטגלידער פון דעם פאַרוואַלטונגס־ראַט, כמעט אַלע קראַנצעס מענטשן, צווישן זיי אויך יעקב מילך, האָבן זיך ניט איבערגעשראָקן פאַר דעם דאָזיקן מוראדיקן ווערטל און זיינען באַשטאַנען אויף זייער רעכט צו האָבן אַ דעה אויף דער פירונג פון דער ציטונג.

און זיי האָבן געהאַט אַ דעה אויף דער ציטונג.

אַזוי האָט די ציטונג געמוזט דורכפירן זייער טאַקטיק בנוגע די יוניאָנס, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון גאָמפּערסן.

די פראַגע איז דאַן געווען, ווי צו באַקעמפן דעם „פּיור ענד סימפּל" יוניאָניזם, וואָס איז געשטיצט געווען פון גאָמפּערסן און די אַנדערע קאָנסערוואַטיווע אַרבעטער־פירער. דער פאַרוואַלטונגס־ראַט האָט זיך געהאַלטן ביי דער מיינונג, אַז אַזוינע יוניאָנס, וואו עס הערשט דער גאָמפּערס־גייסט, מוזן באַקעמפט ווערן, און זיי האָבן געפאָדערט אַ שטרענגע שטעלונג צו די דאָזיקע ניט־סאָציאַליסטישע יוניאָנס. די ציטונג האָט געמוזט אויספירן די פאָדערונג פונעם פאַרוואַלטונגס־ראַט.

דערמיט האָט ער זיך געשאַפן קעגנער צווישן די אַנדערע גענאָסן, וועלכע האָבן ניט מסכים געווען מיט אַזאַ יוניאָן־טאַקטיק. און דידאָזיקע פּרינציפּן־קעגנער זיינען סוף־כל־סוף געוואָרן פּערזענלעכע קעגנער.

אויף אַזאַ אופן האָבן די פאַרוואַלטער פון דער „אַרבייטער צייטונג״ געהאַט צו קעמפן קעגן צווייערליי קעגנער — קעגן קאַהאַנען און זיינע אָנהענגער פון איין זייט, און קעגן יענע, וואָס האָבן ניט מסכים געווען מיט זייער יוניאָן־טאַקטיק — פון דער אַנדערער זייט.

ג.

קאַהאַן און מילער, כאָטש זיי האָבן פריער, איידער דע ליאָן האָט זיך באַוויזן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, שטענדיק באַקעמפט דעם גאָמפּערסיזם אין די יוניאָנס, אַרויסגייענדיק כמעט פון דעם זעלביקן שטאַנדפונקט, וואָס דע־ליאָן, דאָס הייסט: אַז יוניאָנס מוזן אָנטייל נעמען אין פּאָליטישן קאַמף, האָבן זיך פּלוצים דערקלערט קעגן דער דאָזיקער „פּאָליסי״, מחמת זיי האָבן געוואָלט האָבן די קעגנער פון דעם סאָרט אויף זייער זייט אין זייער פּערזענלעכן קאַמף קעגן דעם פאַרוואַלטונגס־ראַט.

די אומשטענדן זיינען זייער גינסטיק געווען פאַר די קעגנער פון דעם פאַרוואַלטונגס־ראַט, ווייל צווישן די יידישע אַרבעטער אין די פּראָווינציעלע שטעט האָט אויך געהערשט אַן אומצופרידנקייט מיט די אַרויסגעבער פון דער „אַרבעטער־צייטונג״.

אויף אַזאַ אופן האָבן דער רעדאַקטאָר פון דער „אַרבעטער־צייטונג״ און לואי מילער אויסגענוצט פאַר זייער פּערזענלעכן קאַמף די פּרינציפּיעלע קעגנער פון דעם פאַרוואַלטונגס־ראַט און אויך די אומצופרידענע פון די פּראָווינציעלע שטעט.

דאַן איז פאָרגעקומען דער „פּאַרטיי־טאָג״ פון די יידישע סאָציאַליסטן איז נואַרק, וועלכער האָט זיך געצויגן דריי טעג, און אויף יענעם פּאַרטיי־טאָג איז מילער צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן קעגן דעם פאַרוואַלטונגס־ראַט מיט דער עפנטלעכער באַשולדיקונג, אַז דער פאַרוואַלטונגס־ראַט און זיינע אָנהענגער זיינען אַ „קליקע״, וואָס האָט פאַרכאַפּט די „אַרבעטער־צייטונג״ ביי די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זי געגרינדעט מיט זייער געלט.

נאָך די היציקע דעבאַטן האָט די קאָנווענשאָן אָנגענומען די דאָזיקע רעזאָלוציע:

אין אָנבאַטראַכט, אַז די פּראַקטישע עקזעקוטיווע, וואָס אַרבעט אין דער יידישער באַוועגונג אין ניו־יאָרק, ליגט, דורך געוויסע פאַרהעלטענישן, אין די הענט פון בלויז עטלעכע געניאָסן, רעקאָמענדירט דער פּאַרטיי־טאָג אַלע סאָציאַליסטן אַריינצוטרעטן אין דער „אַרבעטער צייטונג״ פּאָבלישינג אַסאָסיעישאָן, ווי אויך אַלע סאָציאַליסטישע פאַראיינען, אום צו קאָנען אָנטייל־נעמען אין דער עקזעקוטיוו־אַרבעט.

דער נואַרקער פּאַרטיי־טאָג האָט אָבער ניט איינגעשטילט די צאַנקע־

רייען צווישן דער „אַרבעטער צייטונג פּאַבלישינג אַסאָסיעישאָן" און אירע קעגנער. זיי, די קעגנער, געשטיצט פון דעם רעדאַקטאָר פון דער „אַרבע־טער צייטונג", האָבן געפאָדערט, אַז די „פּאַבלישינג אַסאָסיעישאָן" פון דער „אַרבעטער צייטונג" און פון דעם „אַבענד־בלאַט" זאָל איבערגעגעבן ווערן צו די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זאָלן די דאָזיקע צייטונגען פאַרוואַלטן אויף דעם זעלביקן אופן, ווי די דעמאָלטדיקע „צוקונפט".

ווען איך בין אָנגעקומען אין „אַבענד־בלאַט", האָט שוין דער דאָזיקער קאַמף געפלאַקערט אין דער „פּאַבלישינג אַסאָסיעישאָן". איך דערמאָן זיך, ווי אָפט מיר איז אויסגעקומען צו הערן פון קאַהאַנס חסידים טענות קעגן דער „קליקע" אין דער „פּאַבלישינג אַסאָסיעישאָן", וועלכע האָט פאַרכאַפּט פאַר זיך די צייטונגען און „באַסעוועט" דאָרט, אַזוי ווי איר געפעלט.

און ווייל די „קליקע" איז נאָך אַלץ געווען פאַר קראַנצן און פאַר דע־ליאָנען, האָבן די קעגנער פון דער „קליקע" אַלץ מער און מער געזוכט איינצו־וויקלען זייער קעגנערשאַפט צוליב פערזענלעכע אינטערעסן אין אַ פּרינציפּן־טליתל, וואָס האָט געהייסן „דע־ליאָנס פּאָליטיק און דע־ליאָנס אומטאָלעראַנץ".

די אָנהענגער פון קאַהאַנען און די קעגנער פונעם פאַרוואַלטונגס־ראַט האָבן געטענהט:

— זעסט, וואָס די קליקע טוט, שטיצט קראַנצן, כאָטש דער „אַבענד בלאַט" אונטער זיין רעדאַקציע איז ניט קיין סאָציאַליסטישע צייטונג. שטיצט דע־ליאָנען, וועלכער מיט זיין אומטאָלעראַנץ און זיין פּאָליטיק וועט פאַר־טרייבן די מאַסן פונעם סאָציאַליזם.

אַזוי האָט געטענהט קאַהאַן אויך.

איך דערמאָן זיך: פריער, אין 91 דעלענסי סטריט, האָט ער אַמאָל גע־רעדט וועגן גאָמפּערסן און דעם „בודלער" באַראָנדעסן. איצט, אין 138 איסט בראָדוועי, האָט ער אָדער קריטיקירט דאָס „אַבענד־בלאַט", אָדער דעם פאַר־וואַלטונגס־ראַט, אָניט — די אומטאָלעראַנץ פון דע־ליאָנען. וועגן גאָמפּערסן און באַראָנדעסן האָט ער שוין איצט געשוויגן.

איך געדענק, ווי איין מאָל האָט ער זיך פאַרט צעשריגן, קלאַפּנדיק אין טיש:

— מיר זיינען דאָך סאָציאַליסטן. „פאַר גאָדס סעיק"! ווי קאָנען מיר דערלאָזן, אַז איין מענטש זאָל ביי אונדז אַזוי באַסעווען ווי דער רוסישער צאַר? צאַר דע־ליאָן, טאָרקוועמאַדאָס אייניקל. ערגער טויזנט מאָל איידער באָס קראָקער פון טעמעני האָל. קראָקער פאַרפאָלגט ניט מיט אַזאַ גיפט זיינעם אַ קעגנער, ווי צאַר דע־ליאָן! און דער פאַרוואַלטונגס־ראַט, סאָציאַ־ליסטן, טוען, וואָס אים געפעלט!...

אַזוי, אומגעפער, האָט קאַהאַן דאַן געשריגן, צעקאָכט פון דעם, הלמאי

די סאָציאַליסטן דערלאָזן, אַז איין מענטש זאָל ביי זיי באַסעווען, ווי דער רוסישער צאַר, ערגער איידער דער דעמאָלטדיקער באָס קראָקער אין טע־מעני האָל.

און מען מוז זאָגן, אַז ער איז גערעכט געווען. וואָרום, באמת, וואו איז דאָס געהערט געוואָרן צווישן סאָציאַליסטן, אַז זיי זאָלן דערלאָזן איינעם פון זייערע פירער צו באַסעווען ביי זיי, ווי אַ צאַר, און בפרט נאָך צו פאַרפאָלגן מיט בייזן גיפט זיינעם אַ קעגנער... קאַהאַן האָט געוויס פון אַזאַ זאַך קיינ־מאָל ניט געהערט...

אויף אַ מיטינג פון צוויטן, דריטן, פערטן און פינפטן אסעמבלי דיס־טריקטן, וואָס איז שפּעטער פאַרגעקומען אין 142 דעלענסי סטריט, האָט קאַהאַן טאַקע געוואָלט דורכפירן אַ רעזאָלוציע קעגן דע־ליאָנען; דערביי האָט ער אויסגעדריקט אַ שאַרפן פּראָטעסט קעגן דער אומטאָלעראַנץ פון דע־ליאָנען, הלמאי ער באַנוצט זיך מיט אַלע מיטלען אים צו באַגראָבן.

קאַהאַנס רעזאָלוציע איז דורכגעפאַלן. זיינע קעגנער פון „פּאָבלישינג אסאָסיעישאָן" האָבן געשטימט קעגן איר.

דאָס האָט נאָך מער אויפגעבראַכט קאַהאַנען קעגן זיינע קעגנער.

שפּעטער איז פאָרגעקומען דער יערלעכער פּאַרטיי־טאָג פון די יידישע סאָציאַליסטן אין באָסטאָן, און דאָרט איז אַרויפגעשוואומען דער פּלאַן וועגן אַ נייער צייטונג. דעם דאָזיקן פּלאַן האָט פאָרגעלייגט די באָסטאָנער סעק־ציע, וועלכע איז געווען, פּונקט ווי די אַנדערע סעקציעס אין די פּראָווינ־ציעלע שטעט, קעגן דער „אַרבעטער צייטונג פּאָבלישינג אַסאָסיעישאָן", הלמאי זי שטיצט דע־ליאָנס טאַקטיק בנוגע די קאָנסערוואַטיווע יוניאָנס. זי האָט געטענהט, אַז די דאָזיקע טאַקטיק שטויסט אָפּ די באָסטאָנער שניידער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

די דעבאַטן וועגן אַ נייער צייטונג זיינען געווען שטורעמדיקע. פאַר אַ נייער צייטונג האָבן געקעמפט איבערהויפּט די ניו־יאָרקער אָרגאַניזאַציע „בר־דערלעכקייט" און די באָסטאָנער סעקציע.

די קאָנווענשאָן האָט אָבער צום סוף אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, „אַז אַלע גענאָסן ווערן אויפגעפאָדערט צו שטיצן די „אַרבייטער צייטונג" און דאָס „אָבענד־בלאַט".

די באָסטאָנער סעקציע האָט אָבער ניט געפאָלגט דידאָזיקע רעזאָלוציע און באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ צייטונג.

דידאָזיקע צייטונג איז געווען דער „אמת", אונטער דער רעדאַקציע פון דעם דעמאָלט זייער פּאָפּולערן „זיידן" ווינטשעווסקי, וועלכער איז אַרום יענער צייט אַריבערגעקומען פון לאָנדאָן.

ווינטשעווסקי האָט לכתחילה אָנגענומען די רעדאַקציע מיטן צוועק, ווי

ער האָט דערקלערט, צו באַשאַפן אַ סאָציאַליסטישע אונטערהאַלטונגס־צייטונג, וועלכע זאָל זיין אַ מין ביילאַגע צום „אָוונט־בלאַט".

אָבער גאָר אינגיכן האָט זיך פאַרפירט אַ פּאָלעמיק צווישן דעם „אמת" און דעם „אָוונד־בלאַט".

אָנגעגריפן האָט צוערשט ווינטשעווסקי מיט אַן אַרטיקל „פויל אָדער צוגעפוילט?"

אין יענעם אַרטיקל ווייזט־אָן ווינטשעווסקי, אַז אומעטום אין דער באַוועגונג פילט זיך אַ מרה־שחורה. קיין לעבן איז אין איר ניטאָ, און פרעגט: וואָס איז די סיבה דערפון? איז די באַוועגונג „פויל, אָדער צוגעפוילט?"

אין די ווייטערע אַרטיקלען ווייזט ער שוין אָן אויף דער סיבה — טרעט אַרויס קעגן דע־ליאָניזם און שטעלט אַרויס די פאָדערונג „פרייע פרעסע".

דאָס „אָוונד־בלאַט" האָט געענטפערט דעם „אמת", אַז זיין ראָל איז צו זיין „אַ הויף־אַמוזירער" און האָט אויפגעוואָרפן ווינטשעווסקין, אַז ער איז ניט מער ווי אַ געפילס־מענטש און ער קען ניט אַריינדרינגען טיף אין דער באַדייטונג פון דער באַוועגונג און אַז מיט זיינע אָנצוהערענישן וועגן עפּעס „פוילקייט" וואַרפט ער גאָר אַ חשד אויף דער באַוועגונג, וואָס קאָן אויסגעטייטשט ווערן זייער שלעכט פון מענטשן, וועלכע שטייען אונטער דער באַוועגונג.

די פּאָלעמיק צעהיצט זיך. דער סוף איז געווען, אַז דער „אמת" האָט געפאָדערט אַ קאָנפערענץ פון יידישע סאָציאַליסטן, וואָס זאָל פאַרהאַנדלען וועגן דער פירונג און דער ריכטונג פון דער סאָציאַליסטישער פרעסע. און שפּעטער האָט די באָסטאָנער סעקציע אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף נאָר וועגן אַ פּאַרטיי־טאָג. אויף דעם דאָזיקן אויפרוף האָבן זיך באַלד אָפּגערופן די סעקציעס פון אַנדערע פּראָווינציעלע שטעט.

דער פּאַרטיי־טאָג איז פאָרגעקומען אין ניו־יאָרק אין 1896. די קעגנער פון דער „פּאָבלישינג אַסאָסיעישאָן" האָבן דאָרט אַריינגעשטעלט דידאָזיקע פאָדערונגען:

פאַראייניקן דעם „אמת" מיט דער „אַרבייטער־צייטונג פּאָבלישינג אַסאָסיעישאָן"; די פרעסע זאָל שטיין אונטער דער קאָנטראָל פון די דעלעגאַטן פון פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס; דאָס „אָוונד־בלאַט" זאָל זיין מער סאָציאַליסטיש, פרייע פרעסע, „אָפּענע פענצטער" אין דער באַוועגונג, דאָס הייסט, מען זאָל מעגן אָפּן קריטיקירן די באַוועגונג און קראַנץ זאָל ווערן אויס רעדאַקטאָר פון „אָוונד־בלאַט".

די הויפּט־פאָדערער פון דעם זיינען געווען אַב. קאַהאַן און ווינטשעווסקי, די הויפּט־פירער פון דער אָפּאָזיציע (מילער איז דאַן געווען אין איראָפּע,

וואו ער האָט געשטודירט מעדיצין). זיי האָבן אויך באַשולדיקט די „פּאָבלי־שינג אַסאָסיעישאָן“, אַז זי לאָזט זיך פאַרפירן פון דע־ליאָנען.

די „פּאָבלישינג אַסאָסיעישאָן“ האָט פון איר זייט געענטפערט מיט באַ־שולדיקונגען קעגן קאַהאַנען און ווינטשעווסקין — קעגן דעם ערשטן, אַז אַלס רעדאַקטאָר פירט ער זיך אויף קאַפּריזנע, און קעגן דעם אַנדערן — אַז זיין גאַנצע קעגנערשאַפט איז בלויז דערפאַר, ווייל מען שטעלט אים נית אָן אַלס רעדאַקטאָר.

די קאָנווענשאָן האָט ניט געקענט קומען צו קיין באַשלוס. דאַן האָט פּייגענבוים פאָרגעלייגט, אַז מען זאָל דעם גאַנצן סכסוך פון דער אָפּאָזיציע מיט דער „פּאָבלישינג אַסאָסיעישאָן“ איבערגעבן צו דער נאַציאָנאַלער עק־זעקוטיווע פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

די קאָנווענשאָן האָט זיין פאָרשלאַג אָנגענומען.

און די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע, וועלכע איז באַשטאַנען פון אַלעקסאַנ־דער יאָנאַס, דאַניעל דע־ליאָן, לוסיען סעניאַל, הוגאָ פאָכט, הענרי קיידן, האָט זיך אונטערגענומען אויסצוגלייכן די קריוודעס צווישן דער „פּאָבלישינג אַסאָסיעישאָן“ און אירע קעגנער.

צענטער קאַפּיטל

אַב. קאַהאַן באַשולדיקט פּ. קראַנצן

א.

מען האָט איבערגעגעבן דעם סכסוך צווישן דער „אַרבייטער צייטונג פּאַב־לישינג אַסאָסיעישאַן" און אירע קעגנער צו אַ „שיידס־געריכט" (אַן אַר־ביטרעישאַן באָארד).

קאַהאַן האָט דאָס וואַרעם באַגריסט אין דער „אַרבייטער צייטונג". נאָך זיין מיינונג, — האָט ער געשריבן, — איז אַ שיידס־געריכט דער בעסטער אויסוועג, וואָס מען קען געפינען אונטער די אומשטענדן, און דערביי האָט ער אויסגעדריקט זיין איבערצייגונג, אַז וואָס דער געריכט וועט צופּסקענען, וועלן ביידע צדדים מוזן נעמען פאַר ליב.

ווינטשעווסקי, פאַרקערט, האָט זיך ניט געוואָלט פאַרפּליכטן צום „שיידס־געריכט", און האָט אינעם „אמת" קריטיקירט קאַהאַנס שטעלונג. זיין מיי־נונג איז געווען, אַז פאַראויס, איידער מען ווייסט נאָך וואָס פאַר אַן אַנטשיי־דונג דער שיידס־געריכט וועט אַרויסטראָגן, דאַרף די אָפּאָזיציע קיין פאַר־שפּרעכונגען ניט געבן.

בכלל האָט קאַהאַן ניט גערן געשטיצט ווינטשעווסקין אין זיינע מיינונ־גען, הגם זיי ביידע זיינען געווען פירער פון דער אָפּאָזיציע. ווינטשעווסקי איז אים געווען אַ צו־געפּערלעכער קאָנקורענט. די אַטאַקע, וואָס ווינטשעוו־סקי האָט אָנגעפירט דורך זיין „אמת" קעגן דע־ליאָנען און דער סאָציאַליס־טישער אַרבעטער־פּאַרטיי, און קעגן קראַנצן אין דער „פּאַבלישינג אַסאָסי־עישאַן", האָט געמאַכט אַ גרויסן אויפזען. און דאָס האָט גאָרניט געשמעקט קאַהאַנען. דאָס האָט אים אַזוי ניט געשמעקט, אַז זיין „אַרבייטער־צייטונג" האָט אויך גענומען באַשולדיקן ווינטשעווסקין, אַזוי ווי דאָס „אָווענט־בלאַט", אַז ער מאַכט אינסינואַציעס קעגן דער באַוועגונג.

בפרט ווען ווינטשעווסקיס אָנהענגער האָבן דערנאָך אויף דעם פּאַרטיי־טאָג אין ניו־יאָרק אָוועקגעשטעלט דער „פּאַבלישינג אַסאָסיעישאַן" די פאָ־דערונג, אַז זי זאָל אויך זיך נעמען אַרויסצוגעבן ווייטער דעם „אמת", האָט דאָס אָודאַי ניט געדאַרפט שמעקן קאַהאַנען. און איך בין זיכער, אַז ווען די „פּאַבלישינג אַסאָסיעישאַן" זאָל אים דאַן פאַרלייגן די רעדאַקציע פונעם „אָבענד־בלאַט", וואָלט ער אינגאַנצן זיך געשטעלט אויף איר זייט און קעגן ווינטשעווסקין, ווייל — ווי איך וועל דאָס שפּעטער באַווייזן — האָבן איס אין דער גאַנצער מחלוקה צווישן די ביידע צדדים אינטערעסירט ניט דע־ליאָן און זיין אומטאָלעראַנץ און ניט די אַנדערע פראַגן, וועגן וועלכע די

איבעריקע קעגנער פון „פּאַבלישינג אַסאָסיעישאָן״ האָבן זיך אַזוי געהיצט, נאָר דער עיקר די רעדאַקציע פון „אָווענט־בלאַט״...

דערפאַר האָט ער באַגריסט דעם שייד־געריכט, טראַצדעם, וואָס דע־ליאָן איז געווען איינער פון זיינע מיטגלידער און דער שטאַרקסטער צווישן זיי. מיט דער דאָזיקער באַגריסונג האָט ער, קאָנטיק, געזוכט צו מאַכן אַ גוטן איינדרוק אויף די מיטגלידער פון שיידס־געריכט.

אין דער אייגענער צייט האָט ער געזוכט אַלץ מער עדות, וואָס זאָלן אַרויסטרעטן קעגן קראַנצן און זיין רעדאַקציע פאַר דעם שיידס־געריכט.

אַזוי איז ער אויך איין מאָל געקומען צו מיר אַהיים אין האָבאָקען און האָט אויף פאַרשיידענע אופנים געזוכט ביי מיר צו פועלן, אַז איך זאָל אויך אַרויסטרעטן אַלס עדות קעגן קראַנצן. דער עיקר האָט ער געוואָלט, אַז איך זאָל דערקלערן פאַר דעם שיידס־געריכט, אַז קראַנץ וויל האָבן פאַר דעם „אָווענט־בלאַט״ זנות־אַרטיקלען...

מיט אַ געוויסער צייט פריער האָב איך דעמאָלט געהאַט איבערזעצט פון „וואָסכאָד״ אַן אַרטיקל פאַר דעם „אָווענט־בלאַט״: „די יידן אין אַמע־ריקע״. יענער אַרטיקל האָט, צווישן אַנדערעס, אויך באַרירט די לעגענדעס פון די מאַראָקאַנער יידן. איינע פון יענע לעגענדעס האָט אויף אַן אמת־פּאָ־עטישן אופן דערציילט, ווי אַזוי לילית האָט געוואָלט פאַרפירן אַ געוויסן צדיק, וואָס די מאַראָקאַנער יידן האָבן שטאַרק געגלויבט אין זיינע מופתים. לילית האָט זייער צדיק ניט געקענט פאַרפירן. דאַן האָט זי אָנגעווענדט קעגן אים איר שטאַרקסטן כישוף: איין מאָל, אינמיטן נאַכט, ווען ער האָט תורה געלערנט, האָט ער זי דערזען אין איר גאַנצן רייץ, מוטער־נאַקעט פאַר זיינע אויגן.

דערנאָך האָט די לעגענדע געשילדערט מיט די גליענדיקסטע פאַרבן, אויף אַן עכט־אָריענטאַלישן שטייגער דעם קאַמף צווישן דעם הייליקן צדיק און דער זינדיקער לילית.

קאַהאַן האָט געזאָגט, אַז דאָס איז זנות און פאַרלאַנגט פון מיר, אַז איך זאָל דערקלערן פאַר דעם שיידס־געריכט, אַז קראַנץ האָט ביי מיר באַשטעלט דעם דאָזיקן זנות־אַרטיקל...

איך געדענק, אַ גאַנצן טאָג האָט ער דאַן ביי מיר פאַרבראַכט און אַלץ געפּרוווט, טאָמער וועט ער ביי מיר פועלן. איך דערמאָן זיך, ווען איך האָב יענעם אַרטיקל פאַרטיידיקט, האָט קאַהאַן פּלוצים אויפגעהערט צו רעדן וועגן דער זנות־טעמע און פאַרפירט אַ שמועס וועגן סתם קראַנצן אַלס רעדאַקטאָר...

ער איז אומפּייאיק. ער האָט אַלץ אין דר׳ערד, דעם סאָציאַליזם מיט דער באַוועגונג צוזאַמען. ווען ער, קאַהאַן, וואָלט געווען רעדאַקטאָר פון דעם

„אַבענד־בלאַט", וואָלט ער ערשט באַוויזן, ווי אַ סאָציאַליסטישע צייטונג דאַרף זיין.

קעגן קראַנצן בין איך ניט אַרויסגעטראָטן. דאָס האָט קאַהאַן בשום אופן ניט געקענט ביי מיר פועלן.

דער שיידס־געריכט האָט זיך אָרגאַניזירט דעם 9טן יאַנואַר, 1896. הוגאָ פּאָכט איז דערווײלט געוואָרן פּאַרזיצער; הענרי קוהן, סעקרעטאַר. קעגן דער „פּאָבלישינג אַסאָסיעישאָן" און קראַנצן זיינען אַרויסגעטראָטן: אַב. קאַהאַן, ב. פייגענבוים, מ. זאַמעטקין, איזראַעל פּעסקין און מ. ווינטשעווסקי — אַלץ „גענעראַלן" פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג; פאַר דער „פּאָבלישינג אַסאָסיעישאָן" — קראַנץ, ס. קופּער, דזש. אייבעלסאָן, ב. וויינשטיין און האַרקאַווי — אַלע פּראָסטע „סאָלדאַטן", חוץ קראַנצן, וואָס ער אַליין איז געווען דער אָנגעקלאָגטער.

די „גענעראַלן", די קעגנער פון דער „פּאָבלישינג אַסאָסיעישאָן", זיינען ניט אַלע געווען אייניק אין זייערע פאָדערונגען אויף דעם פאַרהער פון דעם שיידס־געריכט. קאַהאַן, צום ביישפּיל, האָט ניט געהאַלטן פון ווינטשעווסקיס „פרייע פרעסע", „אָפּענע פענצטער" און „זעלבסט־קריטיק", און האָט, דער עיקר, אַטאַקירט די רעדאַקציע פונעם „אָווענט־בלאַט", אַז זי איז אומפּייאיק און ניט סאָציאַליסטיש און דרוקט אַרטיקלען, וועלכע פּאַסן ניט אין אַ סאָציאַליסטישער צייטונג. פייגענבוים האָט אויך געטענהט, אַז דאָס אַבענד־בלאַט" איז ניט גענוג סאָציאַליסטיש. מ. זאַמעטקין, פאַרקערט, האָט געשטיצט דער עיקר ווינטשעווסקין בנוגע זיין פרייער פּרעסע.

אָבער די פאַרטרעטער פון דער „פּאָבלישינג אַסאָסיעישאָן" זיינען אַלע געווען אייניק.

דער שיידס־געריכט האָט דאַן אָפּגעהאַלטן אַכצן זיצונגען, אויף וועלכע עס זיינען פאַרהאַנדלט געוואָרן די פאָלגנדיקע פראַגן: 1) די רעדאַקציע פונעם „אָווענט־בלאַט"; 2) די סיסטעם און די אויפפירונגען פון דער „אַרבייטער צייטונג פּאָבלישינג אַסאָסיעישאָן"; 3) די אויפפירונגען פון אַב. קאַהאַן אַלס רעדאַקטאָר פון דער „אַרבייטער־צייטונג"; 4) די אויפפירונגען פון ווינטשעווסקין און פון די אַרויסגעבער פון דעם „אמת"; 5) פון וועמען און ווי אַזוי די לעצטע קאָנווענשאָן אין ניו־יאָרק איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן.

דער שיידס־געריכט האָט דאַן אַרויסגעטראָגן אַזאַ אורטייל: „קראַנץ איז יאָ פייאיק און פּאַסענד פאַר זיין שטעלע אַלס רעדאַקטאָר פונעם „אָווענט־בלאַט".

און וועגן דער „פּאָבלישינג אַסאָסיעישאָן", וואָס מען האָט זי באַשולדיקט, אַז זי מאַכט שוועריקייטן ביים אויפנעמען נייע מיטגלידער; אַז זי

פאַרעפנטלעכט ניט אירע באַריכטן און אַז איר פינאַנס־חשבונות זיינען ניט אין אָרדענונג — האָט דער שיידס־געריכט אַנטשידן: אַז די „אַסאָסיעי־שאַן״, ווייל זי איז אינקאָרפּאָרירט, מוז זי זיך אויפפירן לויט די כללים, וואָס זיינען אָנגעוויזן פון דער רעגירונג פאַר אַזוינע אינסטיטוציעס, — דאָס טוט די „פּאָבלישינג אַסאָסיעישאַן״; אַז טראָצדעם נעמט זי אַריין נייע מיטגלי־דער און אַז אירע פינאַנס־חשבונות זיינען אין גוטער אָרדענונג.

וועגן קאַהאַנען האָט דער שיידס־געריכט אַרויסגעטראָגן אַזאַ ווערדיקט: די רעדאַקציאָנעלע זייט פון זיין אַרבעט איז גוט. וואָס אָנבאַלאַנגט זיין אויפ־פירונג, דאַרף מען זי דערקלערן מיט דעם, וואָס ער איז נערוועז און האָט אַ היציקן טעמפּעראַמענט.

אַ שאַרפן ווערדיקט האָט דער געריכט אַרויסגעגעבן קעגן ווינטשעוו־סקין און די אַרויסגעבער פונעם „אמת״: זיי פאַרשפּרייטן און זייען אומ־צוטרוי; ווינטשעווסקי איז ווייניק באַקאַנט מיט די אומשטענדן און פּאַסט ניט צו זיין אַ רעדאַקטאָר פון אַ צייטונג; דערפאַר האָט די „פּאָבלישינג אַסאָסיעישאַן״ ריכטיק געהאַנדלט, ווען זי האָט ניט מסכים געווען מיט דער פאָדערונג פון זיינע אָנהענגער, אַז ער, ווינטשעווסקי, זאָל אָנגעשטעלט ווערן אַלס איינער פון די רעדאַקטאָרן. אָבער ווינטשעווסקי אַלס אַ טאַלאַנטפולער שריפטשטעלער, איז אַ ווערטפולער מיטאַרבעטער.

דער געריכט האָט דערפאַר באַשלאָסן:

די ביכער פון דער „אַרבעטער־צייטונג פּאָבלישינג אַסאָסיעישאַן״ זאָלן אונטערזוכט ווערן יעדע דריי חדשים דורך אַן עקספּערט, אָנגעשטעלט פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון דער פּאַרטיי.

די „אַרבעטער־צייטונג״ זאָל ווערן דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער פּאַרטיי און פון דער „פּאָבלישינג אַסאָסיעישאַן״.

קראַנץ זאָל בלייבן רעדאַקטאָר פון דעם „אָווענט־בלאַט״; קאַהאַן — פון דער „אַרבעטער־צייטונג״ און ווינטשעווסקי זאָל אָנגעשטעלט ווערן אַלס מיטאַרבעטער פון „אָוונט־בלאַט״.

די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פון דער פּאַרטיי זאָל דינען אַלס „באָאַרד אָוו גריוועַנסעס״ פאַרן „אָוונט־בלאַט״.

ביז די דאָזיקע אַנטשיידונג איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פונעם שיידס־געריכט, איז שטיל געוועזן צווישן דער „פּאָבלישינג אַסאָסיעישאַן״ און אירע קעגנער. ביידע צדדים האָבן געוואַרט אויף די דאָזיקע אַנטשיידונגען.

די „אָפּאָזיציע״ האָט אפילו זיך געמאַכט ווי כמעט ניט־וויסנדיק וועגן דעם נייעם פאַרבאַנד פון יוניאָנס, „די סאָשעליסט טרעיד ענד לעיבאָר יו־ניאָנס״, וואָס דע־ליאָן און זיינע אָנהענגער האָבן געגרינדעט אַלס אָפּאָזיציע צו די קאָנסערוואַטיווע יוניאָנס.

די דאָזיקע יוניאָנס האָבן אָנערקענט דעם עקאָנאָמישן קאַמף, אָבער העכער פון דעם עקאָנאָמישן האָבן זיי געשטעלט דעם פּאָליטישן. יעדער מיט־גליד פון אַזאַ יוניאָן האָט זיך געמוזט פאַרפליכטן ניט צו שטימען פאַר קיין אַנדער פּאַרטיי אַחוץ פאַר דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

די דאָזיקע סאָציאַליסטישע יוניאָנס פון דע־ליאָנען האָבן אַ גרויסן דער־פּאָלג געהאַט אויף דער יידישער גאַס. צו זיי זיינען צוגעשטאַנען די יוניאָנס פון די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן און די „אַרבעטער־צייטונג פּאָב־לישינג־אַסאָסיעישאָן" און אַנדערע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, סיי יידישע און סיי ניט־יידישע.

די אייגענע מענטשן, וועלכע האָבן פריער אַזוי אַטאַקירט דע־ליאָנען פאַר זיין פּאָליטיק וועגן די קאָנסערוואַטיווע יוניאָנס האָבן איצט געשוויגן, ווען ער האָט אָנגעהויבן דורכצופירן זיין פּאָליטיק אין לעבן. זיי האָבן גע־שוויגן, ווי איך האָב שוין באַמערקט, ווייל זיי האָבן געוואַרט אויף דעם אורטייל.

ב.

אָבער אָט איז באַקאַנט געוואָרן דער אורטייל פון דעם שיידס־געריכט און די מחלוקה האָט זיך ווידער צעברענט מיט נאָך מער פרישקייט, ווי פריער. קאַהאַן האָט פאַרגעסן, אַז ער האָט געשריבן, אַז ביידע צדדים מוזן זיך אונטערוואַרפן דעם דאָזיקן אורטייל. אַלס פּראָטעסט קעגן דעם דאָזיקן אורטייל האָט ער רעזיגנירט אַלס רעדאַקטאָר פון דער „אַרבעטער־צייטונג" און זיין פּלאַץ האָט פאַרנומען קראַנץ. ביידע צדדים האָבן ווידער באַשולדיקט איינער דעם אַנדערן, אַז זיי האַלטן ניט דעם אָפּמאַך פון דעם שיידס־געריכט, און אַז זיי זיינען ניט טריי צו דער פּאַרטיי. קורץ, די רייסערייען זיינען ווי־דער אָפּגעפרישט געוואָרן.

אין דער אייגענער צייט האָט קאַהאַן אַוועקגעשיקט אַ בריוו צו מילערן נאָך בערלין, וואו ער האָט דאַן געשטודירט מעדיצין, אַז ער זאָל קומען ראַטעווען די באַוועגונג און די פרעסע פון דע־ליאָנען און קראַנצן.

מילער האָט געוואָרפן זיין שטודיום און איז געקומען אין ניו־יאָרק. געקומען איז ער, ווי איך האָב פריער באַמערקט, אויף דעם פאַרלאַנג פון זיין פריינט אב. קאַהאַן.

— ווען איך האָב באַקומען יענעם בריוו פון קאַהאַנען, — דערציילט מיר מילער, — אַז איך מוז קומען צו ראַטעווען די פרעסע און די באַוועגונג פון דע־ליאָנען און פיליפּ קראַנצן, בין איך דעמאָלט געווען אַ סטודענט פון מעדיצינישן פאַקולטעט אין בערלינער אוניווערסיטעט, האָב איך זיך קיין מינוט ניט מיישב געווען — סטייטש, אונדזער פרעסע, אונדזער באַוועגונג!

— איינגעפּאַקט זיך און אַ סוף מיט מיין שטודירן. די באַוועגונג איז וויכטיקער!

געקומען אָבער אַהער און דורכגעשמועסט זיך מיט קראַנצן און מיט אַנ־דערע, האָט ער דערזען, אַז עס איז גאָרניט אַזוי שרעקלעך, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פון קאַהאַנס בריוו, און ער האָט גענומען אַרבעטן פאַר שלום צווישן ביידע צדדים.

און לכתחילה איז אים עס געלונגען.

ביידע צדדים — די „פּאָבלישינג אַסאָסיעישאָן" און די אָפּאָזיציע — האָבן געשיקט צו ניין דעלעגאַטן אין אַ קאָמיטעט, וועלכער האָט געזאָלט אויסאַרבעטן אַ פּלאַן פון אַ שלום־אָפּמאַך.

אַזאַ פּלאַן איז אויסגעאַרבעט געוואָרן. צווישן אַנדערעס האָט ער פאַר־געלייגט, אַז די „פּאָבלישינג אַסאָסיעישאָן" זאָל באַזייטיקן די שווערקייטן, וואָס זיי האָבן געמאַכט ביים אַריינעמען נייע מיטגלידער.

לויט דעם דאָזיקן נייעם פּלאַן, האָבן מיטגלידער פון דער סאָציאַליס־טישער אַרבעטער־פּאַרטיי געקענט זיך אַליין פאַרשלאָגן. אין פאַל, ווען דער פאַרגעשלאָגענער קריגט ניט קיין מאַיאָריטעט, ווערט דערוויילט אַ ספּעציעלער קאָמיטעט פון פינף (גריווענס קאָמיטע), וועלכער באַשליסט, צי מען זאָל אַזאַ קאַנדידאַט אַריינעמען צי ניט.

ביידע צדדים האָבן אָנגענומען דעם דאָזיקן פּלאַן און שלום איז גע־שלאָסן געוואָרן.

און אַ געוויסע צייט האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עס האָט באמת גענומען אַ סוף צו די רייסערייען צווישן די ביידע צדדים. און ווען די „אַרבייטער־צייטונג" האָט אין סעפּטעמבער פון יענעם יאָר (1896) אויפגעהערט צו דער־שיינען און אָנשטאָט איר האָט די „פּאָבלישינג אַסאָסיעישאָן" אָנגעהויבן אַרויס־צוגעבן אַ זונטאָגדיקן „אַבענד־בלאַט", האָבן די שרייבער פון ביידע צדדים אין איר מיטגעאַרבעט.

און ווען דער ערשטער נומער פון דעם זונטאָגדיקן „אַבענד־בלאַט" איז דערשינען, איז די דאָזיקע פּאַסירונג געפייערט געוואָרן פון ביידע צדדים, ווי אַ יום־טוב.

דער שלום האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטן, ווייל די הויפּט־סיבה, וואָס האָט אַרויסגערופן די רייסערייען, איז ניט באַזייטיקט געוואָרן. ווייל קראַנץ און ניט קאַהאַן איז רעדאַקטאָר געווען פונעם „אַבענד־בלאַט". בפרט נאָך איצט, ווען קאַהאַן איז אינגאַנצן קיין רעדאַקטאָר ניט געווען, אפילו ניט פון דער „אַרבייטער־צייטונג"...

האָט זיך די פיינטשאַפט באַלד ווידער צעברענט. ווידער האָט קאַהאַן ניט געקאָנט פאַרטראָגן די אומטאָלעראַנץ פון דע־ליאָנען, ווידער האָט ער

געגומען קעמפן קעגן אים און זיינע אַנהענגער פון דער „פּאָבלישינג אַסאָ־סיעישאָן״, און ווינטשעווסקי האָט אויך ווידער אָנגעהויבן צו אַטאַקירן די פּאַרטיי.

מילער אַליין האָט זיך אויך איצט אַוועקגעשטעלט אויף דער זייט פון זיין פריינט קאַהאַן.

די רייסערייען האָבן זיך פאַרשאַרפט.

די אָפּאָזיציע האָט באַשלאָסן צו באַנוצן זיך מיט דעם, וואָס עס איז גרינ־גער געוואָרן צו ווערן אַ מיטגליד אין דער „אַסאָסיעישאָן״ און אַריינברענגען אַהין וואָס מער פון אירע אָנהענגער און אויף אַזאַ אופן צו קריגן דאָרט אַ מאַיאָריטעט און דורך איר די דעה איבער די צייטונגען.

דאָס האָט פאַרשטאַנען די „אַסאָסיעישאָן״, און זי האָט, פון איר זייט, באַשלאָסן די צייטונגען פון אירע הענט ניט אַרויסצולאָזן.

די קאַטאַסטראָפע האָט סוף־כל־סוף געמוזט קומען, און זי איז געקומען. דאָנערשטאָג, דעם 7טן יאַנואַר 1897, איז פאָרגעקומען יענע היסטאָרישע שפּאַלטונג אויף אַ מיטינג פון דער „אַרבייטער צייטונג פּאָבלישינג אַסאָסי־עישאָן״, פון וועלכער דער „פאָרווערטס״ איז דערנאָך געבוירן געוואָרן און די היינטיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי.

אויף יענעם מיטינג האָט די „אַסאָסיעישאָן״ געדאַרפט אויסוויילן באַ־אַמטע, אויך אויפנעמען אַרום אַ זעקס־און־דרייסיק נייע מיטגלידער, וואָס גאַנצע דרייסיק פון זיי זיינען געווען אָנהענגער פון דער אָפּאָזיציע.ביידע צדדים זיינען געקומען צום מיטינג מיט אָנגעגורטע לענדן צום קאַמף. און דער לאַנג־אָנגעקליבענער פולווער האָט דעמאָלט אויפגעריסן...

די אָפּאָזיציע האָט אויף יענעם מיטינג געזוכט, אַז מען זאָל אַלע אירע פאָרגעשלאָגענע מיטגלידער אין „אַסאָסיעישאָן״ אַריינגעמען און די „לאָיאַלע״ — דאָס הייסט, וואָס זיינען געשטאַנען מיט דער „פּאָבלישינג אַסאָסיעישאָן״ און פאַר דער טאַקטיק פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי — האָבן געזוכט זיי צו שטערן אַריינצוקומען.

איז באַלד ווי דער מיטינג האָט זיך געעפנט פאָרגעקומען אַ צוזאַמענ־שטויס צווישן די ביידע צדדים. די אָפּאָזיציע האָט באַשולדיקט יאָזעף שלאָס־בערגן, דעם סעקרעטאַר פון דער „אַסאָסיעישאָן״, אַז ער האָט אַראָפּגעגנבעט אַ סך נעמען פון די פאָרגעשלאָגענע מיטגלידער און זיי ניט פאָרגעבראַכט. די „לאָיאַלע״, ווידער, האָבן באַשולדיקט די אָפּאָזיציע, אַז זי האָט צונויפגע־קליבן גאָר זייטיקע מענטשן, וואָס האָבן קיין רעכט ניט צו ווערן מיטגלידער פון דער אַסאָסיעישאָן.

ביידע צדדים זיינען געקומען באַצייטנס, ווייל יעדער פון זיי האָט גע־וואָלט אויסוויילן זיין פאָרזיצנדן.

אָבער ווען די מיטגלידער פון דער אָפּאָזיציע זיינען געקומען, האָבן זיי געפונען, אַז דער מיטינג איז שוין געעפנט, האָבן זיי פּראָטעסטירט. די פאַר־זאַמלטע האָבן איינגעשטימט פונדאַסניי צו וויילן אַ פאָרזיצנדן. האָבן אָבער די צווייטע וואָלן ניט צופרידנגעשטעלט די אָפּאָזיציע, האָט מען צום דריטן מאָל גענומען וויילן אַ פאָרזיצנדן.

די אָפּאָזיציע האָט ניט געטרויט שלאָסבערגן, אַז ער זאָל ציילן די שטי־מען האָט מען פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל באַשטימען אַנדערע ציילערס. האָט ער באַשטימט צוויי ציילער פון די אָנהענגער פון דער „אַסאָסיעישאָן" און דער דריטער איז געווען ב. פייגענבוים, וועלכער האָט זיך אָנגעגעבן אַלס אומפּאַרטייאישער.

אינעם האָל האָט געפילדערט. ווען עס איז געקומען צום ציילן, איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. יעדער צד האָט מיט אַ באַזונדערן אומגעדולד געוואַרט אויפן רעזולטאַט. יעדער האָט זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט גע־שענקט די ציילערס...

די צוויי פון די לאָיאַלע האָבן איבערגעציילט פופציק שטימען פאַר זייער קאַנדידאַט, סטיפען קופּער, און אַכט־און־פערציק פאַר דעם קאַנדידאַט פון דער אָפּאָזיציע, ליליענבלום. פייגענבוים אָבער האָט איבערגעציילט איין־און־פופציק פאַר דער אָפּאָזיציע און בלויז זיבן־און־פערציק פאַר דעם לאָיאַלן קאַנדידאַט (שפּעטער האָט זיך פייגענבוים פאַרענטפערט אין „אָוונט־בלאַט", אַז ער האָט פאַרגעסן צו ציילן די צוויי שטימען פון די אַנדערע צוויי ציי־לערס, וועלכע האָבן געשטימט פאַר קופּערן).

דער סעקרעטאַר האָט דערקלערט, אַז צוויי קאָן מען גלויבן מער ווי איינעם, און קופּער איז געבליבן פאָרזיצנדער.

דאָס איז געווען דער ערשטער קלאַפּ פאַר דער אָפּאָזיציע.

באַלד איז געקומען דער צווייטער. דער סעקרעטאַר האָט אָנגעהויבן צו רעווידירן די קאַרטן פון די מיטגלידער. עס האָט זיך דאַן אַרויסגעוויזן, אַז ניינצן נייע מיטגלידער האָבן נאָך ניט געהאַט איינגעצאָלט זייערע איינטריט־געלט אין די פיר מיטינגען, וועלכע זיי האָבן געהאַט אויסצוצאָלן לויט דעם אָפּמאַך. מיט דעם האָבן זיך באַנוצט די אָנהענגער פון דער „אַסאָסיעישאָן" און האָבן זיי אינגאַנצן צוריקגעוויזן.

דאָס איז געווען דער צווייטער קלאַפּ און באַלד איז געקומען אַ דריטער.

אויף דעם דאָזיקן מיטינג האָבן געזאָלט אויפגענומען ווערן זעקס־און־דרייסיק נייע מיטגלידער, וואָס דרייסיק פון זיי — ווי איך האָב פריער באַ־מערקט — זיינען געווען אָנהענגער פון דער אָפּאָזיציע. ביי געוויינלעכע אומ־שטענדן וואָלט די פאַרזאַמלונג אויסגעהערט די נעמען פון די פאָרגעשלאָ־גענע און וואָלט אויף גיך וועגן זיי געשטימט.

אויף יענעם מיטינג אָבער, ווען זיי וואָלטן גלייך אויפגענומען געוואָרן, וואָלט די אָפּאָזיציע געהאַט די מאַיאָריטעט. האָבן די לאָיאַלע זיך דערפאַר באַנוצט מיט דעם פאַרמאַלן רעכט, וואָס אַ פאַראיין קאָן אָנווענדן, ווען ער געפינט עס פאַר נויטיק, דאָס הייסט, דאָס רעכט ניט צו דערלאָזן, אַז אויף אַ גענעראַל פאַרזאַמלונג, וואָס באַאַמטע דאַרפן אויסגעוויילט ווערן, זאָלן נייע מיטגלידער מיטשטימען, און האָבן אָפּגעלייגט די „אויפנאַמע״ פון דריי־און־צוואַנציק פאַרגעשלאָגענע אויף נאָך דעם אויסוויילן די באַאַמטע. און די אי־בעריקע צוועלף־דרייצן האָט דער סעקרעטאַר שלאָסבערג אינגאַנצן זייערע נעמען ניט פאַרגעבראַכט, ווייל — ווי ער האָט דערקלערט, — זיינען זיי ניט געווען גוטשטייענדיק אין דער פּאַרטיי.

די פאַרזאַמלטע זיינען געווען אויפגעבראַכט, נערוועז, איינער האָט אויף דעם אַנדערן געשריגן. איינער האָט דעם אַנדערן געזידלט, און דאָ און דאָרט האָט אַ פּאַטש אָפּגעהילכט.

און מיטאַמאָל האָט מילער אַ געשריי געטאָן:

— גענאָסן, קומט!

און די אָפּאָזיציע האָט זיך אַ לאָז־געטאָן נאָך אים פונעם האָל אַרויס.

גלייך האָט דער פאָרזיצנדער אויסגערופן די נעמען פון די מיטגלידער, אום צו ווויסן, ווער עס איז געבליבן און ווער עס איז אַוועק. איין־און־זיבעציק מיטגלידער זיינען געבליבן.

אויסער דעם זיינען פאַרגעלעזן געוואָרן די נעמען פון די מיטגלידער, וועלכע זיינען ניט געווען אויף יענעם מיטינג, אָדער וועלכע זיינען אַוועק נאָך איידער דער היסטאָרישער שטורעם האָט אויסגעבראָכן. צוואַנציק זיינען זיי געווען — אַנדערע פון לאָיאַלע און אַנדערע, וועלכע האָבן באַלאַנגט צו דער אָפּאָזיציע.

די פאַרזאַמלונג האָט דערנאָך ווידער אויסגעוויילט קראַנצן פאַר רעדאַק־טאָר און דערצו נאָך אַ רעדאַקציאָנעלן קאָמיטעט, וועלכער האָט געזאָלט קאָנ־טראָלירן די פּאָלעמישע אַרטיקלען קעגן דער אָפּאָזיציע.

אין דעם דאָזיקן קאָמיטעט זיינען אַריין ב. פייגענבוים און דר. האַלפּערין.

עלפטער קאַפּיטל

ווי אַזוי דער „פאָרווערטס" איז געבוירן געוואָרן

נאָך יענעם היסטאָרישן מיטינג האָט די אָפּאָזיציע אַרויסגעלאָזן אַן אויפרוף „אַן אַלע גענאָסן און דאָס פּובליקום אין אַלגעמיין" — מיט אַ דער־קלערונג וועגן די סיבות, וואָס האָבן זיי געצוואונגען צו פאַרלאָזן די „פּאָב־לישינג אַסאָסיעישאָן" און בכלל וועגן די אורזאַכן, וואָס האָבן אַרויסגערופן די צוויסטיקייטן צווישן די יידישע גענאָסן פון דער סאָציאַליסטישער אַרבע־טער־פּאַרטיי.

דעם דאָזיקן אויפרוף האָט אָנגעשריבן מילער.

דעם פופצנטן יאַנואַר איז ער דערשינען אין דער פאָרם פון אַ ציר־קולאַר — אַ שאַרפער אויפרוף איז דאָס געווען, אַ צו־שאַרפער, אין וועלכן עס האָט זיך געפילט מילערס קריגערישער גייסט און זיין טעמפּעראַמענט.

אונטער אים זיינען אונטערגעשריבן געווען צוויי־און־פופציק נעמען.

ניט אַלע פון די צוויי־און־פופציק זיינען צופרידן געווען מיט דעם טאָן און דעם כאַראַקטער פון דעם דאָזיקן אויפרוף. און איינער פון זיי, ר. קינג, האָט נאָך דעם אייגענעם טאָג, ווען דער אויפרוף איז אַרויס, פּראָטעסטירט דורכן „אַבענד־בלאַט" קעגן די איבערטריבענע באַשולדיקונגען, וואָס דער צירקולאַר האָט געמאַכט.

אין יענעם פּראָטעסט האָט קינג דערקלערט, אַז ער, אַזוי ווי די אַנדערע, האָט זיין נאָמען געגעבן נאָך איידער דער אויפרוף איז געווען אויפגעשריבן און אַז ער, ווי אַ סך אַנדערע פון די צוויי־און־פופציק, וואָלט זיך קיינמאָל ניט אונטערגעשריבן אונטער יענעם אויפרוף, ווען זיי וואָלטן אים פריער געלייענט.

דער אויפרוף, צום ביישפּיל, האָט געהאַט אַזוינע שטעלן:

„פאַרשיידענע טונקעלע פּערזאָנען אין דער באַוועגונג האָבן אָנגעהויבן זיך אַריינגנבענען... זיי האָבן מיט אַלע טריקס, באַשימפונגען, פאַרלוימדונ־גען און שמוץ אַרויסגעשפּאַרט די יעניקע פּערזאָנען, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן זייער טאַקטיק..."

„די שמוציקסטע פון אַלע בודעל־פּאַרטייען איז ניט דערגאַנגען צו אַזעלכע געמיינהייטן, ווי די הערן פון דער ,פּאָבלישינג', וועלכע האָט שוין איצט מיט אַזאַ ענערגיע און באַשלאָסנהייט געמוזט קעמפן פאַר זייערע דזשאַבס, פאַר זייער ברויט".

דער אויפרוף ענדיקט זיך מיט אַ דערקלערונג, אַז די אונטערגעצייכנטע האָבן באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ נייע טעגלעכע צייטונג אויף די פּרינציפּן,

וועלכע זיי האָבן געוואָלט דורכפירן ביז אַהער און וועלכע די „אַסאָסיעישאָן" האָט אָבער ניט דערלאָזט דורכפירן.

„מיט דעם צוועק", רעדט ווייטער דער אויפרוף, „האָבן מיר געגרינ־דעט דעם ,סאָציאַליסטישן פּרעס פּאַראיין' און באַשלאָסן איינצובאַרופן אַ קאָנווענשאָן פון אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטייען אויפן סאָציאַליסטישן באָדן, ווי אויך טרעיד־יוניאָנס, וואָס שטייען אויף דעם באָדן פון קלאַסן־קאַמף, און וועלכע סימפּאַטיזירן מיט אונדזער איצטיקן קאַמף און דאַרטן אויסאַרבעטן אַ פּלאַטפאָרם און אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו גרינדן אַ צייטונג, וועלכע זאָל טריי און ערלעך דינען דער באַוועגונג, זאָל ניט זיין קיין אייגנטום פון אַ קליקע, און אַ קליקע פון איינקונפט פאַר אַ טוץ ביזנעס־סאָציאַליסטן..."

וועמען, וועמען, אָבער די „לאַיאַלע" מיטגלידער פון דער „אַסאָסיעישאָן" האָט מען זיכער ניט געקענט באַשולדיקן, אַז זיי זיינען „ביזנעס־סאָציאַליסטן" און אַז זיי האָבן אינזינען זייערע „דזשאַבס" און זייער „ברויט". איך האָב זיי גוט געקענט. ניט סמיליאַנסקי און ניט קופּער און ניט זיין ברודער אַפּטעקער צמח, און ניט די ברידער ווייסמאַן, און ניט יעקב מילך און ניט בודיאַנאָוו (בודין), י. מינטץ און ניט די אַנדערע, וואָס זיינען געוועזן די הויפּט־זיילן פון דער „אַסאָסיעישאָן", קעגן וועלכע די אָפּאָזיציע האָט געקעמפט, זיינען ווען עס־איז אַנגעשטעלט געווען אין דעם „אבענד־בלאַט", האָט ווען־עס־איז גע־צויגן פון דעם „אבענד־בלאַט" וועלכע־ניט־איז מאַטעריעלע נוצן. פאַרקערט, זיי, די אָנהענגער פון דע־ליאָנען, די אָנהענגער פונעם קריגערישן סאָציאַ־ליזם, וואָס האָט ניט געוואָלט וויסן פון קיינע קאָמפּראָמיסן סיי בנוגע צו די קאָנסערוואַטיווע יוניאָנס און סיי צו דער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל, האָט מען גיכער געקענט באַשולדיקן אין צופיל אידעאַליזם, און צו־ווייניק פּראַק־טישקייט, אויב עס לאָזט זיך דאָ געברויכן דאָס וואָרט „באַשולדיקונגען"...

זיי זיינען געווען אַנטשלאָסן ניט צו דערלאָזן צו אַ מלוכה־איבערקערע־ניש אין דער „אַסאָסיעישאָן" און אין דעם „אבענד־בלאַט", ווייל זיי האָבן ניט געגלויבט אין די ערלעכע כוונות פון געוויסע פירער פון דער אָפּאָזיציע.

זיי האָבן ניט געגלויבט קאַהאַנען, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז זיין גאַנ־צער קאַמף קעגן דער „אַסאָסיעישאָן" און קעגן קראַנצס ניט־סאָציאַליסטישער און זנות־רעדאַקציע און קעגן דער אומטאָלעראַנץ פון דע־ליאָנען, איז געווען נישט מער ווי אַ כעס־געשריי, הלמאַי קראַנץ איז דער רעדאַקטאָר פונעם „אבענד־בלאַט" און ניט ער...

זיי האָבן אויך ניט געגלויבט מילערן, ווייל זיי האָבן נאָך געדענקט דעם פאַקט, אַז אין 1894 האָט ער געשטימט פאַר אַ קאַפּיטאַליסטישן קאַנדידאַט, פאַר דעם רעקאָרדער גאָף, און זיי האָבן מורא געהאַט, אַז טאָמער ווערט ער

באַלעבאָס פונעם „אבענד־בלאַט“, וועט ער די צייטונג פירן אויפן וועג פון קאָמפּראָמיסן מיט קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען...

ווינטשעווסקין האָבן זיי אויך חושד געווען אין פּערזענלעכע פּניות. און מיט אַזוינע ווי זאמעטקין, וואָס אים, ווי ווייט איך געדענק, האָט קיינער פון די לאַיאַלע ניט חושד געווען אין פּערזענלעכע פּניות, האָבן זיי פּרינציפּיעל ניט מסכּים געווען.

קורץ, באַשולדיקן די לאַיאַלע מיטגלידער פון דער „אַסאָסיעישאָן“, אַז זיי זיינען געווען „ביזנעס־סאָציאַליסטן“, אַז זיי האָבן געקעמפט פאַר זייערע „דזשאָבס“ און פאַר זייער „ברויט“, ווי דער צירקולאַר פון די „52“ האָט עס געטאָן, איז געווען מער ווי אומגערעכט. אָבער מילער אַליין האָט שפּע־טער חרטה געהאַט אויף די דאָזיקע באַשולדיקונגען, און אויף אַ מאַסן־פאַר־זאַמלונג אין דעם אַמאָליקן וואַלהאַלאַ האָל, וואָס אַ סך פון די 52, וואָס זייערע נעמען זיינען געחתמעט געווען אונטער יענעם צירקולאַר, האָבן אים גאָרניט געלייענט, איידער ער איז אַרויס. דערביי האָט ער זיך אַנטשול־דיקט פאַר געוויסע באַהויפּטונגען, וואָס ער האָט אין דעם „אויפרוף“ געמאַכט, און האָט זיך פאַרענטפערט דערמיט, וואָס ער האָט אים געשריבן אין איי־לעניש, אין היץ און מיט צו־וויניק איבערלייגונג.

אויב די לאַיאַלע האָבן ניט געהאַט קיין צוטרויען צו די פירער פון דער אָפּאָזיציע, האָבן זיי, די פירער, דערפאַר געהאַט דעם צוטרויען פון די מאַסן יידישע אַרבעטער, וואָס זיי זיינען שטענדיק גרייט צו שטעלן זיך אין די רייען פון קעמפער.

בפרט נאָך ווען דער קאַמף איז געווען פאַר זייער צייטונג, וואָס די „קליקע“ פון „אַסאָסיעישאָן“ האָט זי פאַרכאַפּט פאַר אירע „פּערזענלעכע אינטערעסן“ און פאַר די אינטערעסן פון „צאַר דע־ליאָן“. חוץ דעם זיינען די פירער פון דער אָפּאָזיציע געווען יענע פּערזאָנען, וואָס זיי, די אַרבעטער, זיינען געוואוינט געווען צו באַטראַכטן פאַר זייערע לערער און פירער. דער־צו נאָך די גרויסע מאַסע אומצופרידענע פון פריער מיט דע־ליאָנס טאַקטיק...

די אָפּאָזיציע האָט דערפאַר געמוזט האָבן דערפאָלג.

עס האָט ניט געהאָלפן די לאַנגע דערקלערונג, וואָס דאָס „אבענד־בלאַט“ האָט געגעבן דעם 21טן יאַנואַר אויף דעם „אויפרוף“ פון די 52“ אונטער דעם נאָמען „אָן אַלע זעלבסטשטענדיק־דענקענדע אַרבעטער“; עס האָט אויך ניט געהאָלפן, וואָס אַ געוויסע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע פון 223 מיטגלידער (דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־קאַמפּיין קלוב) האָט געזוכט צו צונויפ־ברענגען ביידע צדדים אויף אַ דעבאַטע מיט דער האָפענונג, טאָמער וועט מען דורך דעם קענען קומען צו אַ פּשרה...

דער סאָציאַליסטישער פּרעס־פּאַראיין האָט זיך טיכטיק אָ נעם־געטאָן פאַר דער אַרבעט צו שאַפן אַ נייע ציימונג.

אין ניו־יאָרק האָבן יידישע אַרבעטער מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג געקליבן געלט פאַר דער נייער ציימונג.

אויסער דעם האָט דער פאַראיין אַרויסגעשיקט רעדנער, זאַמעטקינען און קאַהאַנען, אויף אַן אַגיטאַציע־טור צו פאַראינטערעסירן אין דער נייער ציי־טונג די יעניקע סאָציאַליסטן אין די פּראָווינציעלע שטעט, וואָס זיינען פריער געווען אומצופרידן מיט דער „פּאָבלישינג אַסאָסיעישאָן".

אין יעדער שטאָט האָבן זיך די יידישע גענאָסן צעטיילט אויך אויף „לאָיאַלע" און אָפּאָזיציאָניסטן און מען האָט זיך אַרומגעהרגעט.

אין ניו־יאָרק האָבן זיך די אָרגאַניזאַציעס אויך צעטיילט אויף צוויי לאַ־גערן. פון די אָפּאָזיציאָניסטן האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט די „וואָיס אָוו לעיבאָר", דער 12טער אַסעמבלי דיסטריקט און נאָך איינקע. פון די „לאָיאַלע" — די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן.

מיין ווייניקייט אַליין האָט דאַן באַלאַנגט צום צוועלפטן אַסעמבלי דיס־טריקט און איך בין געווען איינער פון יענע, וואָס האָבן דאָרט געקעמפט קעגן דער השפּעה פון דע־ליאָנען.

איך געדענק, ווי פאַרביסן און עקשנותדיק איז יענער קאַמף ביי אונדז אָנגעפירט געוואָרן, אָפט ביז פייערדיקע פּעטש ממש...

באַזונדערס געדענק איך, ווי דער אַלטער מיכאַילאָווסקי, אַזוי ענלעך, מיט זיין אויסזען, צו דע־ליאָנען, האָט דאָרט פאַר אים די וועלט איינגעלייגט.

שוין דעמאָלט אַן עלטערער מענטש, אַן אַמאָליקער „ראַבינער" פון אַסטראַכאַן, צי צאַריצין, און דאָ, אין אַמעריקע, אַ פּעדלער פון שנאַפּס, איז ער געווען הונדערט גראַד חסיד פון דע־ליאָנען, פון דעם אייגענעם דע־ליאָנען, וואָס פון אים איז ער שפּעטער ווידער הונדערט גראַד קעגנער געוואָרן.

דער דאָזיקער גענאָסע מיכאַילאָווסקי האָט דאַן גלייכגילטיק ניט גע־קענט הערן אַ נאָמען פון דע־ליאָנס אַ קעגנער.

האָט מען דערמאָנט דעם נאָמען „ווינטשעווסקי" האָט ער אויסגעשאָסן אויף אַ קוויטש:

— פּעיקער!

קאַהאַנס נאָמען — ווידער זיין קוויטש:

— אַ רעדאַקטאָרל מאַך אים! גיב אים ווערידזשעס!

מילערס נאָמען — זיין קוויטש העכער!

— פאַר פינף דאָלער האָט ער דאָך געוואָוט פאַר דעם בודלער גאָף, דער פאַררעטער! ער וויל דאָך אונדז פאַרקויפן צו „טעמעני האָל".

און אַזעלכע ווי ער, זיינען געגנג געווען איןביידע לאַגערן, סיי צווישן די „לאַיאַלע״ און סיי צווישן די „אָפּאָזיציאָניסטן״. און ביידע צדדים האָבן געשריען:

— קיין שלום מיט רשעים!...

ב.

שבת און זונטאָג, דעם 30טן און 31טן יאַנואַר, איז אין וואַלהאַלאַ האָל פאַרגעקומען אַ קאָנווענשאָן פון פרעס־קלובן, יוניאָנס און אַרבעטער־פאַר־איינען פון פאַרשיידענע שטעט — צוזאַמען 23 אָרגאַניזאַציעס — און דאָרט איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן „אַ יידיש־סאָציאַליסטישן פרעס־פאַרבאַנד״ פון אַלע פאַרטראָטענע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זאָל אויף זיך נעמען די עובדה צו שאַפן אַ פאָנד פאַר דער צייטונג „פאָרווערטס״.

אויך איז דאָרט אָנגענומען געוואָרן ווינטשעווסקיס רעזאָלוציע, וועגן „פרייער פרעסע״.

אויפן פאַרלאַנג פון דעם אייגענעם ווינטשעווסקין האָט די קאָנווענשאָן דערוויילט אַ פרעסע־קאָמיטעט פון פינף (ווינטשעווסקי, צעזאַר, זאַמעטקין, קאַהאַן און מילער), מיט וועלכן דער רעדאַקטאָר האָט זיך געזאָלט מישב זיין אין טאַקטישע פראַגן.

דעם 7טן פעברואַר איז די אָפּאָזיציע אַרויסגעטראָטן מיט אַ געשפּראָכע־נעם, אָנשטאָט געשריבענעם „פאָרווערטס״.

וואָס איז דאָס אַזוינס געווען?

דער צירקולאַר, וואָס האָט אַנאָנסירט דעם דאָזיקן „געשפּראָכענעם״ „פאָר־ווערטס״ און האָט גערופן דעם יידישן עולם צו אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג אין דעם אַמאָליקן ווינדזאָר טעאַטער, האָט וועגן דעם אַזוי גערעדט:

אַזוי ווי די לעצטע קאָנווענשאָן פון די פרעס־קלובס פון די יידישע אַר־בעטער האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ נייע סאָציאַליסטישע צייטונג „פאָר־ווערטס״; און אַזוי ווי די דאָזיקע צייטונג וועט ערשט דערשיינען אין צוויי מאָנאַטן אַרום; און אַזוי ווי די פאָרגעשריטענע אַרבעטער קאָנען ניט און ווילן ניט פאַרבלייבן אינגאַנצן אָן אַ צייטונג ביז יענער צייט, האָט דער סאָציאַליסטישער פרעס־פאַראיין באַשלאָסן אַרויסצוגעבן פאַר אַ ווילע אַ גע־שפּראָכענע צייטונג מיט רעדעס אָנשטאָט אַרטיקלען און רעדנערס אָנשטאָט אַרטיקל־שרייבער.

און דער אינהאַלט פון דעם ערשטן נומער איז אַנאָנסירט געוואָרן:

1) געדיכט פון מ. ווינטשעווסקי.

2) לייט־אַרטיקל „פאָרווערטס״, פון ל. מילער.

3) די וואָך (אַן איבערבליק) פון דוד בערנשטיין (אב. קאַהאַן).

4) די מער־ווערט־טעאָריע פון מאַרקס, פון מ. זאמעטקין.
5) פונקען, פון וו. ליעף און פיין.
6) פאָלעמיק פון מ. צעזאר און ליליענבלום.
7) פעליעטאָן „צעשלאָגענע געדאַנקען", פון משוגענעם פילאָסאָף.
8) באַריכטן פון יוניאָנס, פון מ. בערמאַן.
9) די סדרה, פון פראַלעטאַרישקער מגיד.
10) שטימען פון פאָלק, פון אַ מיטגליד פון „וואָס אָוו לעיבאָר".
11) קאָרעספּאָנדענצן און נייעס.
12) בריווקאַסטן.
13) אַדווערטאַיזמענטס.

דער געשפּראָכענער „פאָרווערטס" האָט צוגעצויגן זייער אַ גרויסן עולם. ווינדזאָר טעאַטער איז איבערגעפּאַקט געווען. אַכט הונדערט דאָלער האָט אַריינגעבראַכט יענע מאַסן־פאַרזאַמלונג — דערציילט מיר ל. מילער — פאַר יענער צייט אַן איבערגעוויינלעכע סומע.

אגב, אויף יענער מאַסן־פאַרזאַמלונג אין ווינדזאָר טעאַטער האָט לואי מילער געמאַכט עקספּערימענטן מיט דער דעמאָלט נאָך גאָר נייער דער־פינדונג פון פּראָפעסאָר רענטגען — מיט די רענטגען־שטראַלן (עקס־רעי).

ווען ער, מילער, האָט געשטודירט אין בערלין מעדיצין, האָט ער זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דער דאָזיקער דערפינדונג, און אויף יענער מאַסן־פאַרזאַמלונג אין ווינדזאָר טעאַטער, וואו מען האָט דורכגעפירט דעם „גע־שפּראָכענעם" „פאָרווערטס", האָט ער אויך דעמאָנסטרירט פאַר דעם פאַר־זאַמלטן עולם וואונדערס פון דער דאָזיקער דערפינדונג.

און אַמאָל, ווען איך בין געזעסן מיט אים אין זיין אָפיס אויף בראָדוועי, האָט ער זיך פּלוצים אָנגערופן צו מיר:

— איך מוז אייך עפּעס ווייזן.

ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון אַ שופלאָד אַן אַלטן בויגן פּאַפּיר און אים פאַנאַנדערגעוויקלט. אַ געלע האַנט איז אויף אים אָפּגעפאָטאָגראַפירט געווען.

— דאָס איז פון יענער מאַסן־פאַרזאַמלונג אין ווינדזאָר טעאַטער, — האָט מילער מיר דערקלערט מיט אַזוי פיל בענקעניש אין די אויגן און אינעם קול, — די האַנט פון אַן אַלטער פרוי, וואָס איך האָב פאָטאָגראַפירט דאַן מיט די רענטגען־שטראַלן.

מיר איז אומעטיק געוואָרן. די דאָזיקע געלע האַנט אויפן אַלטן בויגן פּאַפּיר, וואָס איז איבערגעבליבן ביי מילערן נאָך אַזאַ שטורמישן, קאַמפּס־לוסטיקן, נאָך אַזאַ בלוט־רויטן לעבן, האָט זיך מיר אויסגעוויזן ווי אַ סימבאָל פון אונדזער לעבן בכלל.

אָבער צוריק צו דעם, ווי דער „פאָרווערטס" איז געבאָרן געוואָרן.

קורץ: יענע מאַסן־פאַרזאַמלונג מיטן געשפּראָכענעם „פאָרווערטס״ אין ווינדזאָר טעאַטער זונטאָג בײנאַכט, דעם 7טן פעברואַר, האָט באַוויזן, אַז די אָפּאָזיציאָנערן האָבן געפונען סימפּאַטיע ביים ברייטן עולם אויף דער היגער יידישער גאַס. אויך האָט דאָס באַוויזן די מאַסן־פאַרזאַמלונג, וואָס די „פּאָבלישינג אַסאָסיעישאָן״ האָט דעם אייגענעם אָוונט צונויפגערופן אין טאַליא טעאַטער.

די מאַסן־פאַרזאַמלונג פון דער „פּאָבלישינג אַסאָסיעישאָן״, אויף וועלכער דר. האַלפּערין איז געווען פאָרזיצער, און דעניעל דע־ליאָן און ה. שליטער (דער רעדאַקטאָר פון דער „פאָלקסצייטונג״) און ב. פייגענבוים און דר. מ. גירזשדאנסקי, האָבן גערעדט, איז געווען אַ דורכפאַל.

די רעדנער האָבן אויפגעוויזן, אַז אַ סאָציאַליסטישע צייטונג מוז פאַר־וואַלטעט ווערן ניט פון „פאָלק (״פאָלקס־פאַרוואַלטונג״ איז געווען איינע פון די הויפּט־פאָדערונגען פון דער אָפּאָזיציע, וועלכע האָט געגרינדעט דעם „פאָרווערטס״), נאָר פון אַ ספּעציעלער אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל קאָנטראָ־לירט ווערן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

אַלע פירער פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי זיינען געווען קעגן דער אָפּאָזיציע, אויסער אַלעקסאַנדער יאָנאַס.

ער האָט סימפּאַטיזירט מיט דער אָפּאָזיציע, ווייל ער אַליין איז אויך געווען קעגן די פערזענלעכע אַטאַקעס, וואָס דע־ליאָן האָט אָנגעווענדט קעגן זיינע קעגנער. אויך איז ער געווען אַ פּרינציפּיעלער קעגנער פון די באַ־זונדערע סאָציאַליסטישע יוניאָנס, די אַזוי־גערופענע „סאָשעליסט טרעיד ענד לעיבאָר עלאַיענס״, און דער גאַנצער סיסטעם פון די אָפּאָזיציאָנעלע יוניאָנס.

יאָנאַס איז זייער באַליבט געווען צווישן די יידישע גענאָסן, צווישן וועלכע ער האָט אַלע זיינע יאָרן געאַרבעט, זינט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך דאָ אָנגעהויבן (עס איז אַ סברא, אַז ער אַליין איז אויך געווען אַ דייי־טשישער ייד).

ער איז אָבער אויך ניט געווען פיינטלעך צו די גענאָסן פון דער „אַר־בעטער־צייטונג פּאָבלישינג אַסאָסיעישאָן״, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר ערלעכע, איבערגעגעבענע סאָציאַליסטן.

ער האָט געפּרואווט מאַכן שלום צווישן דיביידע צדדים. אַנדערע האָבן עס אויך געפּרואווט, ווי למשל, די נואַרקער סעקציע פון דער סאָציאַליס־טישער אַרבעטער־פּאַרטיי — עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. די פיינטשאַפט צווישן ביידע צדדים איז געווען צו־שאַרף. קיין שלום צווישן זיי האָט מער ניט געקאָנט זיין.

איצט האָט זיך שוין געהאַנדלט ניט בלויז וועגן דער „פּאָבלישינג אַסאָ־

סיעישאָן״ און דעם „אָווענט-בלאַט״ אַליין, נאָר דער עיקר וועגן דע־ליאָנעז און דער גאַנצער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פאַרטיי, אויף וועלכער ער האָט געהאַט דעם שטאַרקסטן איינפלוס. דער קאַמף, וואָס איז לכתחילה אַרויסגערופן געוואָרן פון פּערזענלעכע מאָטיוון, האָט איצט געטראָגן אַן ערנסטן, פּרינציפּיעלן כאַראַקטער — וויניקסטנס ביי די פשוטע סאָלדאַטן פון דער אָפּאָזיציע.

דאָס איז געווען אַן אויפשטאַנד קעגן דעם „באָסיזם״ פון דע־ליאָנען, קעגן זיין טאַקטיק און קעגן דער גאַנצער פּאַרטיי, וואָס האָט זיך געלאָזט פירן פון אים, און פאַר „פרייער פּרעסע״, „אָפענע פענצטער״ און „פאָלקס-פאַרוואַלטונג״ פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פּרעסע.

און אויב די אָפּאָזיציע איז שוין דאַן ניט אַרויסגעטראָטן פון דער פּאַרטיי, איז דאָס געווען נאָר דערפאַר, ווייל קיין אַנדער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז נאָך דאַן אין אַמעריקע ניט געווען.

דערפאַר האָט אויף דער אָפּאָזיציע קיין שום איינדרוק ניט געמאַכט, ווען הענרי קוהן, דער סעקרעטאַר פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פאַרטיי, האָט דעם 30טן מערץ, אין דעם נאָמען פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע, אָפּגעגעבן אויף אַן אור־אָפּשטימונג פון אַלע סעקציעס פון דער ס. א. פּ. אַ פאָרשלאָג וועגן דעם, אַז דאָס „אָווענט-בלאַט״ זאָל געשטעלט ווערן אונטער דעם קאָנטראָל פון דער פּאַרטיי, ד. ה., אַז זי זאָל האָבן קאָנטראָל דורך איר נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע איבער די געשעפטן און איבער דער רעדאַקציע פון דער צייטונג.

דער רעזולטאַט פון דער אָפּשטימונג האָט געזאָלט פאַרעפנטלעכט ווערן ניט שפּעטער פון דעם צוואַנציקסטן מאַי, 1897.

אויף אַזאַ אופן האָט די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע געהאָפט, ועט זי מאַכן שלום צווישן דיביידע צדדים.

אָבער די אָפּאָזיציע האָט ניט געוואַרט אויף דעם רעזולטאַט פון דער אור־אָפּשטימונג. דעם 22טן אַפּריל אַפּריל 1897, האָט דער „פאָרווערטס״ אָנגעהויבן צו דערשיינען.

און אַזוי איז באַשאַפן געוואָרן דער „פאָרווערטס״.

ג.

קורץ: דער „פאָרווערטס״ איז באַשאַפן געוואָרן אַלס פּראָטעסט קעגן דעם „באָסיזם״ פון דע־ליאָנען, אַלס פּראָטעסט קעגן זיין אומטאָלעראַנץ צו פּערזענלעכע קעגנער, אַלס פּראָטעסט קעגן זיין טאַקטיק און זיין ריכטונג און אַלס פּראָטעסט קעגן דער גאַנצער פּאַרטיי, וואָס האָט זיך געלאָזט „באַסעווען״ פון אים, און אַלס פּראָטעסט קעגן דעם „אַבענד-בלאַט״ און דער „אַסאָסיעישאָן״, וואו זיין גייסט האָט זיך געפילט.

דער „פאָרווערטס״ האָט געזאָלט זיין דער אָרגאַן פון „פרייער פרעסע״, „אָפענע פענצטער״ און טאָלעראַנץ צו יעדן פּרינציפּיעלן קעגנער אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אַז ער זאָל אַמאָל פון איינעם אויסגענוצט ווערן אויפן ברוטאַלסטן אופן פאַר פּערזענלעכע צוועקן קעגן פּערזענלעכע קעגנער און קעגן אַלץ וואָס איז שיין און גוט אויף דער יידישער גאַס — דאָס איז זיכער קיינעם פון די גרינדער ניט איינגעפאַלן.

די באַגייסטערונג פאַר דעם „פאָרווערטס״ צווישן די יידישע אַרבעטער איז געווען אַ הייליקע. די יידישע אַרבעטער אין אַלע שטעט האָבן זייער לעצטן דאָלער אַוועקגעגעבן פאַר דעם פאָנד, וואָס האָט געזאָלט באַשאַפן אַזאַ צייטונג, פאַר וועלכער מ. זאַמעטקין, ל. מילער און אב. קאַהאַן און נאָך אַנדערע רעדנער האָבן אַגיטירט. דאָס הייסט, אַ פרייער אָרגאַן, וואו דער דעס־פּאָטישער ווילן פון איין פּערזאָן זאָל ניט הערשן...

און מיט וואָס פאַר אַ באַגייסטערונג זיי האָבן עס געגעבן!

רעדט זיך אויס פאַר מיר מילער אַמאָל:

— ווען איך דערמאָן זיך ווי גערן די אַרבעטער האָבן אַוועקגעגעבן פאַר דעם „פאָרווערטס״ זייער לעצטן דאָלער — אַן אַנדערער פון זיי אפילו די פאַר דאָלער, וואָס ער האָט געזאָלט אַוועקגעבן זיין ווייב און קינדער אויף חיונה — מוז איך האָבן דעם טיפסטן רעספּעקט פאַר זייער אידעאַליזם.

און ער לייגט־צו מיט בענקעניש אינעם קול:

— די שענסטע און די וואַרעמסטע מאָמענטן אין מיין לעבן האָבן זיי מיר דאַן פאַרשאַפט...

איך אַליין דערמאָן זיך אַן אַזאַ סצענע: דער „פאָרווערטס״ איז שוין דאַן אַלט געווען עטלעכע וואָכן און האָט קוים געזשיפעט. ער איז געווען מער טויט איידער לעבעדיק. באַראָנדעס האָט אים שוין געהאַט אַ פּאָר מאָל „אָפּגערופן״. איין מאָל רופט מען צונויף אַ מיטינג פון די „פאָרווערטס״־גענאָסן. ניטאָ מער קיין געלט. „די צייטונג קאָן מער ניט אַרויסגיין״. מילער רעדט, זאַמעטקין און באַראָנדעס, און דער עולם האָט געגומען אויסליידיקן די קעשענעס. וויפל ווער עס האָט געהאַט. קיין גבירים, פאַרשטייט זיך, זיינען צווישן זיי ניט געווען. האָט מען קיין סך מזומנים אויף יענעם מיטינג ניט געקאָנט קריגן. האָבן אָבער עטלעכע פון די אַרבעטער געהאַט אָפּגעשפּאָרטע זייגערס, האָבן זיי די זייגערס אַוועקגעגעבן. און איך דערמאָן זיך, ווי איין מיידל האָט אַרונטערגענומען אַ רינגעלע פון איר פינגער — אפשר איר חתנס מתנה — און אים אַוועקגעגעבן פאַר דעם פאָנד פון דעם „פאָרווערטס״.

און דאָס איז געווען ניט דער איינציקער מאָל, וואָס די יידישע אַרבעטער האָבן אויף אַזאַ אופן געשטיצט דעם „פאָרווערטס״.

אויסער דעם טעגלעכן „פאָרווערטס״ האָט די „פאָרווערטס פּרעס פעדע־

רעישאָן" אָנגעפאַנגען אַרויסצוגעבן אַ „זונטאָג־פאָרווערטס", וועלכער איז אין עטלעכע חדשים שפּעטער אונטערגעגאַנגען.

דער ערשטער נומער „זונטאָג־פאָרווערטס" איז דערשינען דעם 2טן מאַי מיט אַרטיקלען פון מ. ווינטשעווסקי, יעקב גאָרדין, קאַהאַן, זאַמעטקין, אַב. קאַספּע און אַלעקסאַנדער יאַנאָס.

רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" איז צוערשט געווען אַב. קאַהאַן. ער איז אָבער לאַנג ניט געבליבן רעדאַקטאָר. דער „פאָרווערטס" האָט זיך געמאַטערט. מען איז גאָרניט זיכער געווען אין זיין עקזיסטענץ. קאַהאַן האָט געוואָלט באַלד רעזיגנירן, אָנגעבנדיק אַלס אַן אורזאַך, אַז ער האָט אַן אַנדער מיינונג וועגן דעם ווי מען דאַרף פירן די צייטונג, איידער די אַנדערע גענאָסן. די „פּעדערעישאָן" האָט ניט געוואָלט אָננעמען זיין רעזיגנאַציע. האָט ער זיך באַנוצט מיטן אויסרייד, אַז ער דאַרף זיך מאַכן אַן אָפּעראַציע, און איז אַוועק... צום „קאָמערשיעל אַדווערטאַיזער", וואו מען האָט אים געשטעלט אַלס רעפּאָרטער.

לואי מילער איז געוואָרן רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס".

איך האָב דאַן אויך סימפּאַטיזירט מיט דער אָפּאָזיציע און מיטגעאַרבעט אין „פאָרווערטס", ווען קאַהאַן איז געווען רעדאַקטאָר. דערנאָך, צוליב אַ מיספאַרשטענדעניש צווישן מילערן און מיר, האָב איך דעם „פאָרווערטס" געמוזט פאַרלאָזן.

פאַר דעם „פאָרווערטס" האָט אויך געאַרבעט יאָזעף באַראָנדעס. אין מאַטעריעלער הינזיכט האָט ער זייער פיל געטאָן פאַר אים. אַ סך יוניאָנס האָבן אונטערשטיצט דעם „פאָרווערטס" בלויז דערפאַר, ווייל באַראָנדעס האָט אויף זיי דעמאָלט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס. אויך האָט דער „פאָרווערטס" אויסגענוצט באַראָנדעסעס פּרעסטיזש און נאָמען כדי צו קריגן גוטע באַצאָלטע אַדווערטאַיזמענטס ביי די געשעפטסלייט. אַזוי, צום ביישפּיל, אַ צייט־לאַנג, עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד, איז געדרוקט געווען אויף די געשעפטסבריוו פונעם „פאָרווערטס" מיט גרויסע אותיות: „יאָזעף באַראָנדעס, מענעדזשער", כאָטש ער איז קיינמאָל דאָרט ניט געווען קיין באַצאָלטער אָנגעשטעלטער. און אַ סך אַדווערטאַיזמענטס האָט ער אַליין אויך געקראָגן פאַר דעם „פאָרווערטס". חוץ דעם האָט ער אַ לאַנגע צייט געפירט אין „פאָרווערטס" די „אַרבעטער־אָפּטיילונג" און דערפאַר ניט באַקומען קיין סענט געצאָלט.

און — ווי עס דערמאָנט מיר אַן אַלטער פריינט מיינער — שפּעטער, ווען קאַהאַן האָט ווידער גענומען באַלעבאַטעווען אין „פאָרווערטס", האָט ער אים דערפאַר אויף זיין „קאַהאַנישן שטייגער" „ריכטיק" באַלוינט...

אַ לאַנגע צייט נאָכדעם האָבן די גענאָסן ניט געקענט פאַרגעסן יענעם

גאַסן־סקאַנדאַל צווישן באַראַנדעסן און קאַהאַנען, מיט וועלכן עס האָט זיך געענדיקט, אָדער עס איז באַלוינט געוואָרן, באַראַנדעסעס אַרבעט פאַרן „פאָר־ווערטס״ און פאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל.

איז אָבער באַראַנדעס דער איינציקער, וואָס איז אויף אַזאַ אופן באַלוינט געוואָרן פון דעם היינטיקן רעדאַקטאָר פונעם „פאָרווערטס״ ?

ווען דער „פאָרווערטס״ איז אַרויס, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי פון גרויס ניו־יאָרק באַשלאָסן אויס־צוּוואַרצלען די אָפּאָזיציאָנעלע עלעמענטן פון דער פּאַרטיי.

— זאָל אין דער פּאַרטיי זיך מער ניט הערן דער גערוך פון די טכוירן („דהי סמעל אָוו דהי סקאָנקס״), — האָט דע־ליאָן אויסגעשריען אויף אַ מי־טינג פון דעם צענטראַל קאָמיטעט, שבת, דעם 26טן יוני, און געפאָדערט, מען זאָל אַרויסוואַרפן פון דער פּאַרטיי זאַמעטקינען, ווינטשעווסקין, קאַהאַנען און נאָך אַנדערע פון די פירער פון דער אָפּאָזיציע.

און אויף יענעם מיטינג איז באַשלאָסן געוואָרן צו רעאָרגאַניזירן די דיסטריקטן, וואָס זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם אָפּאָזיציאָנעלן גייסט און האָבן געשטיצט דעם אָפּאָזיציאָנס־אָרגאַן „פאָרווערטס״.

און דאָס האָט געמיינט צו רעאָרגאַניזירן כמעט אַלע יידישע דיסטריקטן פון דער ס. ל. פּ. סיי פון גרויס ניו־יאָרק און סיי פון אַנדערע שטעט, וואו עס זיינען געגרינדעט געוועזן פּרעס־קלובן צו שטיצן דעם „פאָרווערטס״.

ביי יענער רעאָרגאַניזאַציע האָט מען געזאָלט צוריק אַריינגעמען אין דער פּאַרטיי בלויז אַזוינע, וועלכע וועלן זיך אָפּזאָגן צו שטיצן ווייטער דעם „פאָרווערטס״.

די אָפּאָזיציע, וועלכע האָט נאָך פון פריער זיך געגרייט צו פאַרלאָזן די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי און זי דערפאַר פריער ניט פאַרלאָזן, ווייל קיין אַנדער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז נאָך ניט געווען, איז גאָרניט נתפּעל געוואָרן פון דעם באַשלוס פון דעם צענטראַל קאָמיטעט.

אויף איר׳ן אַ מיטינג דעם 1טן יולי, אין וואַלהאַלאַ האַל האָט זי, די אָפּאָזיציע, באַשלאָסן :

1. אויב דער צענטראַל־קאָמיטעט וועט עמיצן פון זיי אויפפאָדערן צו פאַרענטפערן זיך פאַרוואָס ניט איז, זאָל מען די אויפפאָדערונג אינגאַנצן איגנאָרירן.

2. די דיסטריקטן זאָלן בלייבן ווי זיי זיינען געווען.

3. אָפּדרוקן אין ענגליש און אין דייטש אַ פּאַמפלעט, אין וועלכן דער שטאַנדפּונקט פון דער אָפּאָזיציע זאָל קלאָר דערקלערט ווערן.

אויסצואַרבעטן דעם דאָזיקן פּאַמפלעט איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ קאָ־

מיטעט פון פינף, צווישן וועלכע עס זיינען אויך געווען ש. פעסקין און ל. מילער.

דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט דאַן „סוספענדירט" די אָפּאָזיציע־דיס־טריקטן, און באַלד נאָכדעם האָט דער סעקרעטאַר פון דעם צענטראַל־קאָמי־טעט ל. אייבעלסאָן, פּאַנאַנדערגעשיקט אַן אויפרוף „אַן אַלע לאָיאַלע מעמ־בערס" פון די אָפּאָזיציאָנעלע דיסטריקטן, צו די מיטגלידער וואָס זיינען ניט פאַרבונדן געווען מיט די „פאָרווערטס" פּרעס־קלובס, אַז יעדער פון זיי זאָל אים ענטפערן, צי ער איז מסכים מיט דער טאַקטיק פון דער ס. א. פּ., מיט אירע פּרינציפּן און אַזוי ווייטער.

אין דער אייגענער צייט איז אין באָסטאָן פאָרגעקומען די צווייטע יער־לעכע קאָנווענשאָן פון דער „סאָשעליסט טרעיד ענד לעיבאָר אַלייענס", די קאָנווענשאָן האָט „סוספענדירט" די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן פון פילאַדעלפיע, וועלכע האָבן באַלאַנגט צו איר אַלס „דיסטריקט אַלייענס נומער 5", פאַר זייער פאַרבינדונג מיט דער אָפּאָזיציע.

קורץ, די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי און די „אַלייענס" האָבן גע־נומען רייניקן זייערע אָרגאַניזאַציעס פון אָפּאָזיציאָנערן פון די „סקאָנקס", ווי דע־ליאָן האָט זיי גערופן.

דעמאָלט האָבן זיך די אָפּאָזיציאָנערן פאַראינטערעסירט מיט אַ נייער אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָס יודזשין דעבס האָט געגרינדעט — „דהי סאָשעל דע־מאקראסי אָוו אַמעריקאַ".

צוועלפטער קאַפּיטל

יודזשין וויקטאָר דעבס און זיין פּאַרטיי

א.

יודזשין וו. דעבס... ער איז געווען דער געוויסן פון אַמעריקע. אין דער ווילד־משוגענער און בלוטיקער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דער „געוויסן" האָט געשטערט, האָט מען אים פאַרשפּאַרט אין אַט־לאַנטער געפענגעניש, וואו ער איז געווען געפאַנגען אַ לענגערע צייט.

ער איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער, ניט אַזוי אויס האַס און צאָרן צו די גרויסע און מעכטיקע, צו די גליקלעכע אין אונדזער געזעלשאַפט, ווי דאָס רוב פון די רעוואָלוציאָנערן, נאָר אויס ליבע און רחמנות צו די אָרעמסטע און עלנטסטע אין אונדזער געזעלשאַפט. אַט־דעם איינדרוק האָב איך שטענדיק אַרויסגעטראָגן יעדעס מאָל, ווען איך האָב געהערט רעדן דעם דאָזיקן וואונ־דערלעכן מענטשן, וואָס איז אינגאַנצן גוטסקייט און ליבע געווען, ווי דער געוויסן פון אַ הייליקן.

ער און יאָהאַן מאָסט, צום ביישפּיל, ביידע גרויסע רעדנער, ביידע גרויסע רעוואָלוציאָנערן. נאָר ווען יאָהאַן מאָסט איז געשטאַנען אויף דער פּלאַט־פאָרמע און האָט גערעדט, האָט זיך מיר אָפּט אויסגעדוכט, אַזוי ווי פון די מענטשלעכע ליידן האָט אַ מוראדיקער געשפּענסט אַרויסגעטויכט, פול מיט צאָרן און האַס, וועלכער האָט מיט אַ פייערדיקן קול גערופן די מענטשן צו נקמה און פאַרטיליקונג... נקמה אָן די רייכע און גליקלעכע, אָן דער „קאַ־פּיטאַליסטישער בעסטיע" אויף דער ערד און איר באַשיצער, דעם הער גאָט אינעם הימל... און דער גאַנצער אויסזען פון מאָסטן, זיין פאַרקרימטער מויל, און אויך זיין דונער־שטים האָט האַרמאָנירט מיט זיין פייערדיקן רוף צו נקמה, אַזוי ווי אַ גוטער אַקטיאָר וואָלט זיך גרימירט פאַר אַ ראָל פון אַ געשפּענסט פון פאַרניכטונג.

ווען דעבס איז געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע און האָט גערעדט, האָט זיך מיר אָפּט אַרויסגעוויזן, אַזוי ווי פון די מענטשלעכע ליידן האָט אַרויס־געטויכט אַ גייסט, אינגאַנצן ליבע, אינגאַנצן נשמה, וועלכער איז געקומען צו די אָרעמע און שוואַכע, זיי צו טרייסטן, האָפענונג אין זיי צו וועקן און זיי צו שטאַרקן. און זיין אויסזען האָט אויך האַרמאָנירט מיט זיין כאַראַקטער: זיין שמייכל, וואָס האָט זיך אין רייגער האַרציקייט געטובלט און זיין בליק, פון וועלכן זיין באַגייסטערטע נשמה האָט שטענדיק אַרויסגעלויכטן.

נאָך מאָסטס אַ רעדע האָט מען געפילט אַ מעסער אין די פאַלדן פון דער נשמה. נאָך דעבס אַ רעדע האָט זיך געגלוסט אַרומצונעמען מיט ליבע דעם

נאָענטסטן שכן און זאָגן אים: „ברודער, קום העלפן בויען דאָס גליק פאַר אַלע מענטשן־ברידער!"

דערזעט ער זיינעם אַ באַקאַנטן, כאַפּט ער זיך אַרום מיט אים קושן. יעדעס מאָל, ווען איך האָב אים געהערט רעדן, האָב איך אויך געזען, ווי ער האָט זיך געקושט מיט די יידישע גענאָסן. דאָס איז ביי אים אַ האַרץ־באַדערפעניש געווען, ביי אים, וועלכער איז איבערשטראָמט געווען פון ליבע. דעם דאָזיקן

יודזשין וויקטאָר דעבס

האַרציקן קוש האָט איר אפילו געפילט אין זיינע פינגער, בעת ער האָט אייך די האַנט געדריקט.

איך דערמאָן זיך: איין מאָל רעדט ער אין אַ יידישן טעאַטער. אינמיטן רעדן באַמערקט ער פּלוצים אויף אַ זיץ אין דער ערשטער רייע אַ קינד, און זיין הויכע מאָגערע פיגור בויגט זיך אויס צום קינד און אַ שמייכל, אַזאַ גוטער און קינדערשער, באַלייכט זיין פּנים, און זיינע לאַנגע הענט טוען זיך אַ ציִ צום קינד... און ער גלייכט זיך אויס ערשט דעמאָלט, ווען דאָס קינד איז ביי אים אויף די אָרעמס און ער קושט עס... ביי אַן אַנדערן וואָלט עס

אויסגעזען „פּאָזע", אָבער ניט ביי דעבסן, וועלכער איז ליבע אין די הויפּט־שטריכן פון זיין כאַראַקטער.

טראַכט איך זיך אַריין אין זיין כאַראַקטער, פאַלט מיר איין, אַז ניט בלויז די יידן אַליין האָבן געקאָנט אַרויסגעבן אַ קריסטוסן, נאָר די גוים האָבן אויך אַרויסגעגעבן עטוואָס ענלעכעס אין דער פּערזאָן פון דעבסן.

אין אַ פּריוואַטן בריוו, וואו ער דאַנקט דעם רעדאַקטאָר פון דער „צו־קונפט" — ליעסינען — פאַר זיינעם אַן אַרטיקל, וואָס דער לעצטער האָט געשריבן לכבוד דעבס' קאַנדידאַטור פאַר פּרעזידענט, שרייבט ער, דעבס, צווישן אַנדערעס:

„איך דאַרף ניט די ווירדע און ניט דעם רום און ניט די פּאָפּולאַריטעט, וואָס דער דאָזיקער אַמט ברענגט מיט זיך, איך דאַרף דאָס ניט האָבן, כדי צו קאָנען טאָן מיין קליינע אַרבעט און אַרויסווייזן מיין טרייהייט. מיין האַרץ איז מיט די איינפאַכע מאַסן, מיט די נידעריקסטע צווישן זיי, מיט די אָרעמסטע און עלנטסטע צווישן זיי. איך וואָלט געוויס ליבער געווען צווישן זיי און געשטרעבט זיי צו דינען און געווינען זייער ליבע, איידער צו באַ־טרעטן דעם העכסטן אַמט און האָבן דעם גרעסטן רום, וואָס אַ שטערבלעכן קאָן זיין באַשערט אויף דער ערד".

פאַר זיינע יידישע קאַמעראַדן האָט ער דעם טיפסטן דרך־ארץ געהאַט. ער האָלט זיי פאַר זיינע רביים. אין יענעם בריוו שרייבט ער ווייטער:

„איך פאַרגעס קיינמאָל ניט מיינע יידישע קאַמעראַדן אין ניו־יאָרק. זיי האָבן די ערשטע מיך געלערנט ווי צו זיין דורכאויס אומאייגנגייציק, ווי צו ליידן און צו דינען, ווי צו בלייבן טריי און איבערגעגעבן און ווי צו פאַר־וואַנדלען די שמאַטעס, וואָס באַדעקן עלנט און נויט, אין די הערלעכסטע קליידער פון עכטער איידלקייט"..

דאָס איז געווען דעבס. אַזוי איז ער געווען, אַזוי האָט ער געפילט, אַזוי האָט ער גערעדט און אַזוי האָט ער געהאַנדלט.

און איצט וועל איך דערציילן ווי אַזוי ער האָט געשאַפן זיין פּאַרטיי, „דהי סאָשעל דעמאָקראַסי אָוו אַמעריקע", וועלכע האָט זיך שפּעטער אונ־טער דעם איינפלוס פון די יידישע אָפּאָזיציאָנערן פון דער ס. א. פּ. פאַרוואַנדלט אין דער היינטיקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

„דהי סאָשעל דעמאָקראַסי" איז געגרינדעט געוואָרן אין יוני 1897 אַלס רעזולטאַט פון דעם באַוואוסטן סטרייק פון די אייזנבאַן־אַרבעטער, וואָס דעבס האָט אָנגעפירט אין יאָר 1894 קעגן דער פולמאַן־קאַר קאָמפּאַני.

דעבס איז געוואָרן פּראָמינענט אַלס אַרבעטער־פירער אין יאָר 1893, ווען ער האָט דידאָזיקע אייזנבאַן־אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אָרגאַניזירט אין אַ יוניאָן („די אַמעריקען רעילוועי יוניאָן").

און אַ יאָר שפּעטער, ווען די דאָזיקע יוניאָן האָט דערקלערט אַ סטרייק דער פּולמאַן קאָמפּאַני, האָט דעבס אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע פּייאָ־קייטן אַלס סטרייק־פּירער.

דער סטרייק האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט. די אייזנבאַן־קאָמפּאַניס, וועלכע האָבן געשטיצט די פּולמאַן קאָמפּאַני, זיינען באַיקאָטירט געוואָרן. אין גאָר אַ קורצער צייט זיינען שיקאַגע, סינסינעטי, סאַן־פראַנציסקאָ און אַנדערע שטעט אַזוי ווי אָפּגעשניטן געוואָרן פון דער אַרומיקער וועלט. די אינדוסטריע פון גאַנצן לאַנד האָט שטאַרק דערפון געליטן.

די פעדעראַלע רעגירונג האָט זיך דעמאָלט אַריינגעמישט. צוויי פעדעראַלע ריכטער אין שיקאַגע האָבן אַרויסגעגעבן „אינדזשאַנקשנס" צו פאַרווערן די סטרייקער צו באָיקאָטירן די אייזנבאַנען. פּרעזידענט קליוולאַנד האָט אַריינגעשיקט סאָלדאַטן אין דעם שטאַט אילינאָי און אין די אַרומיקע שטאַטן.

דער סוף איז געווען, אַז מען האָט דעבסן און נאָך אַנדערע פירער פון דעם סטרייק אַרעסטירט פאַר ניט פאָלגן די „אינדזשאַנקשנס" פון די ריכטער.

זעקס חדשים איז דעבס געזעסן אין געפענגעניש. דאָרט האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיט דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור און מיטן סאָציאַליזם. ער האָט אָנגעהויבן צו סימפּאַטיזירן מיטן סאָציאַליזם, האָט אָנערקענט די וויכטיקייט פון פּאָליטישן קאַמף, האָט אָבער ניט געגלויבט, אַז די אַרבעטער דאַרפן האָבן אַ באַזונדערע זעלבסטשטענדיקע פּאַרטיי. און אין 1896 האָט ער אפילו אַגיטירט פאַר בראַיענען און פאַר דער פּאָפּוליסטישער פּאַרטיי.

אָבער אין 1897 האָט ער זיך דערקלערט אַלס אָנהענגער פון סאָציאַליזם, און דאָס ביסל מיטגלידער פון אייזנבאַן־אַרבעטער יוניאָן, וואָס זיינען אים געבליבן טריי, האָט ער אָרגאַניזירט אַלס פּאָליטישע האַלב־סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע.

אַרום יענער צייט האָט זיך באַוויזן אַן אַנדער נייע אָרגאַניזאַציע מיט אַן אוטאָפּיסטישער סאָציאַליסטישער פּראָגראַם אונטערן נאָמען „קאָמינג נעישאָן" (די קומענדיקע נאַציאָן).

און אין דעם אייגענעם יאָר 1897 האָבן זיך די דאָזיקע בײדע אָרגאַניזאַציעס פאַראייניקט אין איין פּאַרטיי אונטערן נאָמען „סאָשעל דעמאָקראַסי אָוו אַמעריקאָ".

די דאָזיקע פּאַרטיי, הגם זי האָט געטראָגן אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישן נאָמען, האָט קיין קלאָרע סאָציאַליסטישע פּראָגראַם ניט געהאַט. זי האָט געזוכט צו אַפּעלירן צו אַלע אומצופרידענע מיט דער היינטיקער געזעלשאַפט, צו אַלע ראַדיקאַלן און אידעאַליסטן, און די אויסדרוקן „קלאַסן־קאַמף", „לוין־אַרבעטער", „קלאַסן־באַוואוסטזיניק", האָט זי פון איר פּראָגראַם אינגאַנצן

אַרויסגעלאָזט. אויף דעם באָדן פון קלאַסן־קאַמף — וואָס איז דער באָדן פון יעדער ציל־באַוואוסטזיניקער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי — איז זי נאָך ניט געשטאַנען.

זי איז געווען אַ פּאַרטיי פון אידעאַליסטן־אוטאָפּיסטן, וועלכע האָט גע־גלויבט, אַז מען קאָן באַלד איבערבויען די געזעלשאַפט אויף סאָציאַליסטישע יסודות, מען דאַרף נאָר איר אויפקלערן, אַז זי איז געבויט אויף אומגע־רעכטיקייט.

איינע פון אירע הויפּט־צילן איז געווען — קאָלאָניזירן אַ וועלכן־ניט־איז ווייניק באַפעלקערטן שטאַט ערגעץ אין ווייטן מערב פון די פאַראייניקטע שטאַטן און צו פאַרכאַפּן דאָרט די רעגירנדע מאַכט און איינפירן אַ סאָציאַ־ליסטישע אָרדענונג.*

מחמת דער אומבאַשטימטקייט פון איר פּראָגראַם און אירע אוטאָפּיסטישע צילן האָט זי געצויגן צו זיך די פאַרשיידנסטע ראַדיקאַלע עלעמענטן — סיי סאָציאַליסטישע, סיי פּאָפּוליסטישע און סיי אפילו אַנאַרכיסטישע.

אַזוי, למשל, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דעבסעס פּאַרטיי דער אומקאָמ־פּראָמיסלעכער מאַרקסיסט דר. אינגערמאַן און דער פּרינציפּיעלער קאָמפּראָ־מיסלער יצחק אייזיק הורוויטש, דאַן אַ מיטגליד פון דער פּאָפּוליסטישער פּאַרטיי; באַראָנדעס, דאַן אַ האַלבער אַנאַרכיסט, וואָס האָט פריער אַ לאַנגע צייט באַקעמפט דעם סאָציאַליזם, און די אַנאַרכיסטקע עמאַ גאָלדמאַן, אַן אויס־געשפּראָכענע קעגנערין פון סאָציאַליזם.

דר. אינגערמאַן האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער דאָזיקער פּאַרטיי, ווייל דער 24סטער אַסעמבלי דיסטריקט, צו וועלכן ער האָט באַלאַנגט, איז סוספּענדירט געוואָרן פון דער ס. א. פּ. דערפאַר, הלמאי ער האָט איינגעלאַדן אַלס רעדנער דעם דייטשן גענאָסע דאַלינסקין, וועלכן די פּאַרטיי האָט אויסגעשלאָסן פאַר קריטיקירן זי.

און פּונקט ווי דאָקטאָר אינגערמאַנס אַסעמבלי־דיסטריקט, זיינען סו־ספּענדירט און אויסגעשלאָסן געוואָרן סיי איינצעלנע און סיי גאַנצע אָרגאַ־ניזאַציעס, יידישע און דייטשע, פון דער ס. א. פּ. פאַר „האָכפאַרראַט" קעגן דער פּאַרטיי.

אַזוי זיינען פאַרמערט געוואָרן די סוספּענדירטע און די אויסגעשלאָסענע פון דער פּאַרטיי. די יידישע דיסטריקטן, וואָס זיינען געשטאַנען מיט דער אָפּאָזיציע און מיטן „פאָרווערטס", זיינען אויך אויסגעשלאָסן געוואָרן.

און אַנדערע טיכטיקע סאָציאַליסטן, ווי מאיר לאָנדאָן, צום ביישפּיל, האָבן

---

* זע: „היסטאָרי אָוו סאָשעליזם אין דהי יונאַיטעד סטעיטס" פון מאָריס הילקוויט. אויך בורגינס „געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג". — ל. ק.

אַליין רעזיגנירט פון דער פּאַרטיי, ווייל זיי האָבן אויפגעהערט צו גלויבן אין איר צוקונפט.

און די דאָזיקע אַלע אויסגעשלאָסענע און אַרויסגעטראָטענע פון דער ס. א. פּ. צוזאַמען מיט אַנדערע ראַדיקאַלע עלעמענטן האָבן איצט געווענדט זייערע אויגן צו דעבסעס פּאַרטיי.

ב.

דעבסעס פּאַרטיי האָט פאַר זיי געהאַט אַ באַזונדערן רייץ. אַן אַמערי־קאַנישע אָרגאַניזאַציע, געגרינדעט פון עכטע אַמעריקאַנישע אַרבעטער. אמת, פאַר סאָציאַליסטן איז זי געווען צו־ווייניק „קלאַסן־באַוואוסטזיניק" און האָט אויך געהאַט אוטאָפּיסטישע קאָלאָניזאַציע־פּלענער, מיט וועלכע סאָציאַליסטן האָבן ניט געקענט מסכים זיין. אָבער זיי האָבן געהאָפט, אַז ווען זיי וועלן אין איר אַריינטרעטן, וועלן זיי זי „בויערן פון אינעווייניק", און זי פאַר־וואַנדלען אין דעם וואָס זי דאַרף זיין.

און אין ניו־יאָרק האָבן זיך אָרגאַניזירט עטלעכע ברענטשעס פון דער דאָזיקער פּאַרטיי.

אויף דער איסט־סאַיד איז געגרינדעט געוואָרן ברענטש 1, וואָס איז באַוואוסט געווען אַלס דער דאָקטאָרשער ברענטש, ווייל צו אים האָבן באַ־לאַנגט אַ סך פון אונדזערע יידישע דאָקטוירים.

די גרינדער זיינען געווען: יצחק אייזיק הורוויטש, אליינקאָוו, דר. ראַ־יעווסקי, דר. קאַפּלאַן, יאָזעף באַראָנדעס, מאיר לאָנדאָן און אַנדערע.

אין האַרלעם האָבן אַ ברענטש פון דער ס. ד. געגרינדעט דר. אינגער־מאַן און איזידאָר פיליפּס; אין ברוקלין — וו. בוטשער און וויליאַם מעילי.

אַרום יענער צייט האָבן די ניו־יאָרקער פּרעס־קלובס פון דער אויסגע־שלאָסענער אָפּאָזיציע, די גענאָסן, וואָס זיינען געווען אַרום „פאָרווערטס", אָפּ־געהאַלטן אַ קאָנווענשאָן, וואו עס האָבן געזאָלט באַשפּראָכן ווערן די צוויי פראַגן: וואָס זאָלן טאָן די אויסגעשלאָסענע און ווי זאָלן זיך האַלטן די ניט־אויסגעשלאָסענע.

צו דער דאָזיקער קאָנווענשאָן זיינען צוגעלאָזן געוואָרן מ. לאָנדאָן, י. א. הורוויטש און י. באַראָנדעס אַלס דעלעגאַטן פון ברענטש 1 „סאָשעל דע־מאָקראַסי". זיי זיינען געקומען מיט אַ פאָרשלאָג, אַז די אָפּאָזיציע זאָל זיך אַנשליסן אָן דער נייער פּאַרטיי.

קעגן דעם דאָזיקן פאָרשלאָג האָבן גערעדט, צווישן אַנדערע, מ. זאַמעט־קין, פּאָולסאָן פון באַלטימאָר און סלאָם פון פילאַדעלפיע, וועלכע זיינען גע־ווען קעגן דער פאַראייניקונג מיט אַ פּאַרטיי, וועלכע האָט ניט קיין באַשטימטע סאָציאַליסטישע פּראָגראַם.

זיי האָבן געפאָדערט, אַז די אויסגעשלאָסענע זאָלן אָנפירן אַ קאַמף קעגן דעם צענטראַל קאָמיטעט און זאָלן אַפּעלירן צו דער נאַציאָנאַלער עקזעקו־טיווע פון דער ס. א. פּ. פּאַרקערט, האָבן ל. מילער, מ. ווינטשעווסקי, הור־וויטש און קאַהאַן געשטיצט יענעם פאָרשלאַג, אַרגומענטירנדיק, אַז די נייע פּאַרטיי האָט אַלע שאַנסן צו ווערן די גרויסע פּאַרטיי פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער, ווייל זי איז געגרינדעט פון עכטע אַמעריקאַנער, ניט ווי די ס. א. פּ., וועלכע באַשטייט דער עיקר פון דייטשן און יידן. און וועגן איר פּראָג־ראַם, האָבן די רעדנער געטענהט, וועלן די אָפּאָזיציאָניסטן, אַריינטרעטנדיק אין דער נייער פּאַרטיי שוין ווירקן אויף איר, אַז זי זאָל אָננעמען אַ ריכטיקע סאָציאַליסטישע פּראָגראַם.

דער סוף איז געווען, אַז די קאָנווענשאָן האָט מיט אַ מאַיאָריטעט באַ־שלאָסן אַריינצוטרעטן אין דעבסעס „סאָשעל דעמאָקראַסי אָוו אַמעריקאַ״.

און אין אַ יאָר אַרום איז דידאָזיקע פּאַרטיי טאַקע פּאַרוואַנדלט געוואָרן, אונטער דעם איינפלוס פון די נייע מיטגלידער, איבערהויפּט פון די יידישע, אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וועלכע האָט פון איר פּראָגראַם אַרויסגעוואָרפן אַלע אוטאָפּיסטישע פּלענער פון דער פריערדיקער „סאָשעל דעמאָקראַסי״.

דידאָזיקע פּאַרוואַנדלונג איז פּאָרגעקומען דורך אַ שפּאַלטונג אין דעבסעס פּאַרטיי אויף דער קאָנווענשאָן פון דער „סאָשעל דעמאָקראַסי״, וועלכע איז פּאָרגעקומען זומער 1898, אין שיקאַגע.

די דעלעגאַטן פון ניו־יאָרק צו יענער קאָנווענשאָן זיינען געווען: יצחק אייזיק הורוויטש, ווינטשעווסקי, ל. מילער, באַראָנדעס און א. פיליפּס.

די ניו־יאָרקער דעלעגאַטן האָבן אויף יענער קאָנווענשאָן אַגיטירט פאַר פּאָליטישער טעטיקייט און פאַר דעם, אַז די „סאָשעל־דעמאָקראַסי״ זאָל אַרויסשטעלן קאַנדידאַטן אויפן פּאָליטישן פעלד. און אַנדערע דעלעגאַטן, וואָס ביי זיי איז קאָלאָניזאַציע־אַרבעט געווען דער עיקר און וועלכע האָבן ווייניק געהאַלטן פון פּאָליטישער טעטיקייט, האָבן אַגיטירט קעגן דעם פּלאַן פון פּאָליטישער טעטיקייט.

האָט די קאָנווענשאָן דעמאָלט אויסגעוויילט אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל אַריינ־ברענגען אַ באַריכט וועגן דער דאָזיקער פראַגע.

האָט ער זיך ניט געקאָנט אייניקן און האָט צוגעשטעלט צו דער קאָנווענ־שאָן צוויי פּלאַטפאָרמען: די מאַיאָריטעט — אַ פּאָליטישע (סאָציאַליסטישע) און די מינאָריטעט — אַן עקאָנאָמישע (קאָלאָניזאַציע) — פּלאַטפאָרמע.

נאָך לאַנגע היציקע דעבאַטן האָט אַ מאַיאָריטעט (53) געשטימט פאַרן רעפּאָרט פון דער מינאָריטעט פּלאַטפאָרם און אַ מינאָריטעט (37) — פאַר דער מאַיאָריטעט פּלאַטפאָרם.

די 37 סאָציאַליסטן האָבן תיכף פאַרלאָזן די קאָנווענשאָן. צווישן זיי זיינען געווען: ל. מילער, ווינטשעווסקי, הורוויטש, באַראָנדעס, וו. בערגער, הוגאָ מילער, מאַרשאַל, הונזאַר, קוהן, לייבעל, לעוו, היעט, און דעבס אַליין.

זיי זיינען זיך צונויפגעקומען אויף אַ קאָנווענשאָן און געגרינדעט אַ נייע פּאַרטיי, וועלכע איז די היינטיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי.

אויף אַזאַ אופן, קאָן מען זאָגן, איז פון די צוויסטיקייטן צווישן די יידישע גענאָסן אויף דער היגער יידישער גאַס כמעט אונטערגעגאַנגען די אַמאָליקע שטאַרקע ס. א. פּ. און די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז אַרויסגעוואָקסן.

ניט אומזיסט האָט דעבס געהאַלטן די יידישע גענאָסן פאַר זיינע רביים...

איך דערמאָן זיך: עס איז געווען צווישן די „לאַיאַלע" אַזוינע, וואָס אַז זיי האָבן דערזען אַ נייעם נומער „פאָרווערטס", אָדער „ריקווערטס" — ווי זיי האָבן אים גערופן — האָבן זיי אויסגעשפּיגן מיט אַזאַ מינע, ווי פרומע יידן, בשעת זיי דערזעען טומאה. און דער אַלטער מיכאילאָווסקי, געדענק איך, האָט טאַקע איין מאָל, בשעת ער איז געזעסן ביי אַ טישל אין דעם קאַפע־הויז אויף דיוויזשאָן סטריט און מען האָט אים צוגעטראָגן אַ פרישן נו־מער „פאָרווערטס" מיט „מילערקעס" אַן אַרטיקל, האָט ער מיט האַרץ אַ שפּיי־געטאָן און אויסגעשריען „שקץ תשקצנו!"...

אַן אַנדער גענאָסע פון די „לאַיאַלע", וועלכער איז באַקאַנט געווען אונ־טער דעם נאָמען „דער וויסנשאַפטלעכער", איז גרייט געווען צו כאַפּן זיך שלאָגן, ווען מען האָט אים געוויזן אַ „פאָרווערטס".

אגב, דער דאָזיקער „וויסנשאַפטלעכער". אַ געוויינלעכער האַלב־אַנט־וויקלטער אַרבעטער, האָט דעם צונאָמען געקראָגן, ווייל ער האָט כסדר גע־נוצט דאָס וואָרט „וויסנשאַפטלעך". אַזוי אויך ווען ער האָט געלייענט אַן אַרטיקל. און געמיינט האָט ער אַלעמאָל ערנסט. איז ניט אויסן געווען, חלילה, מיט דעם דאָזיקן אויסדרוק צו ווייזן, אַז ער אַליין פאַרשטייט גרינט־לעכער דעם סאָציאַליזם איידער די אַנדערע.

דאָס וואָרט „וויסנשאַפטלעך" האָט ער, אַפנים, אַריינגענומען אינעם מוח נאָך אין יענע צייטן, ווען די סאָציאַליסטן האָבן אין זייער קאַמף קעגן די אַנאַרכיסטן אַזוי אָפט געברויכט דעם אויסדרוק „וויסנשאַפטלעכער סאָציאַ־ליזם", אַז עס איז געבליבן שטעקן, אַזוי ווי אַ שווערער שטיין, און האָט זיך איינגעגעסן אין זיינע געהירן.

בלייבנדיק צווישן די „לאַיאַלע", האָט ער ניט געזידלט די קעגנער, אַזוי ווי די אַנדערע זיינע גענאָסן, מיט די ווערטער „בודלערס", „פייקערס", „סקאָנקס", און דער עיקר, אַז זיי זיינען ניט קיין סאָציאַליסטן.

ווען ער האָט געזען זיינעם אַ פריינט מיט אַ „פאָרווערטס", האָט ער שוין מער מיט אים ניט גערעדט.

איך האָב אין יענער צייט „געפּעדלט" מיט יידישע צייטונגען. אַוועקגעגאַנגען מיט דער אָפּאָזיציע צום „פאָרווערטס", בין איך, נאַטירלעך, טריף געוואָרן ביים „אַבענד־בלאַט". און דערנאָך, ווען איך האָב צוליב מילערן פאַרלאָזן דעם „פאָרווערטס", בין איך אַ צייט לאַנג אינגאַנצן געבליבן אָן אַ צייטונג.

בין איך דעמאָלט אויף אַ ווײַלע געוואָרן אַ צייטונגס־פּאַרקויפער. גענומען יעדן טאָג אַ פּעקל „פאָרווערטס" און „אַבענדבלאַט" אונטער דער פּאַכווע (ניט, חלילה, די קאַפּיטאַליסטישע „טאָגע־בלאַט" אָדער די אַמאָליקע „אַבענד־פּאָסט", און אפילו ווען מען גיט מיר אַ מיליאָן, וואָלט איך זיי דען גענומען ?) און אַוועק זוכן קונים.

אגב, בנוגע דער דאָזיקער „קאָמערציע" מײַנער, דערמאָן איך זיך, ווי איך האָב דעמאָלט געמאַרשירט איבער די דעכער פון די טענעמענט־הייזער אין טשערי און מאָנראָ סטריטן מיט מײַנע צייטונגען.

אַזאַ מעשה געווען: אין יענע גאַסן האָב איך געהאַט קונים. האָט אָבער יעדער פון זיי געוואוינט אויפן פינפטן אָדער זעקסטן שטאָק, אונטערן סאַמע דאַך.

בין איך געפאַלן אויף אַזאַ קלוגער המצאה: הלמאי קריכן אַרויף און אַראָפּ פינף־זעקס שטאָק צו יעדן קונה באַזונדער, איך וועל בעסער אויסלייגן אַ וועג איבער די דעכער, דאַן וועל איך האָבן איבערגעדרייט די יוצרות. דער אויבערשטער שטאָק וועט ווערן דער אונטערשטער.

האָב איך געשפּרייזט איבער די דעכער און פון דאַך — איין שפּרונג צום קונה און פון קונה — צוריק אויפן דאַך און געמאַכט אַזוי מײַן קאָמערציע...

דעם דאָזיקן „פּעריאָד" מײַנעם האָט אַן אַנדער שרײַבער דאַן „פּאַראַייביקט" — ז. לעווין. אין אַ סקיצע, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אינעם „אַבענד־בלאַט", האָט ער מיך דאַן באַשריבן מיט אַלע מײַנע „פּרימעטעס", ווי אַזוי איך שפּרייז מיט די צייטונגען. אפילו מײַן דעמאָלטדיקן אַלטן שטרויענעם הוט האָט ער „אומשטערבלעך" געמאַכט.

איך האָב אים דעמאָלט באַדאַנקט אויף מײַן באַזונדערן אופן...

לעאָן קאָברינס צוויי עסייען:

א. דר. חיים זשיטלאָווסקי

ב. פון דייטשמעריש צו יידיש אין אַמעריקע

לעאָן קאָברין לייענט פאָר אַ פּיעסע פאַר באָריס טאָמאַשעווסקיס טרופּע

פון רעכטס צו לינקס: בערל בערנשטיין, לעאָן בלאנק, באָריס טאַמאַשעווסקי, לעאָן קאָברין. פון די שוישפּילערינס איז דערקענט געוואָרן די צווייטע — מאַדאַם עפּשטיין, טאַמאַשעווסקיס אַ שוועסטער.

דר. חיים זשיטלאָווסקי

א.

מיט אַ יאָר און אַ האַלב צוריק, ווען איך האָב באַגריסט דר. ח. זשיט־לאָווסקין צו זיין לעצטער יובילײ־פייערונג אין מעקאַ־טעמפּל, האָט זיך מיר ניט געחלומט אפילו אין ווייסטן חלום, אַז איך וועל זיך באַטייליקן אין אַ נומער, געווידמעט זיין אָנדענק.

מיר, וואָס האָבן געהערט דעמאָלט זיין רעדע און שפּעטער זיינע אַנדערע רעדעס און וואָרנונגען וועגן די שוואַרצע פאַשיסטישע כוחות, קעגן וועלכע מיר מוזן אַלע פאַראייניקטערהייט קעמפן, — האָבן זיך גאָרניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז צו אָט דעם קעמפער, וואָס רופט די מענטשן צום קאַמף מיט אַזאַ קלאָרן, הילכעדיקן, יונגן קול, גנבעט זיך דער טויט.

און דאָך... אַזוי איז געשען! און עס איז שווער צו מאַכן שלום מיטן געדאַנק, אַז דר. ח. זשיטלאָווסקי וועט שוין מער קיינמאָל, קיינמאָל ניט זיין ניט צווישן אונדז און ניט מיט אונדז, בפרט אין אַ צייט, ווען מ׳דאַרף אים האָבן אַזוי נויטיק!

געקומען דער טויט און אויס — יענער קלאָרער, הילכעדיקער, יונגער קול, וואָס האָט גערופן די מענטשן צום קאַמף קעגן די שוואַרצע פאַשיסטישע כוחות, איז פאַרשטומט אויף אייביק!

געקומען דער טויט, און אויס — ווי דר. זשיטלאָווסקי, אָט־דער זייער לעבעדיקער חיים זשיטלאָווסקי, מיטן זייער ענערגישן מוח און מוזיקאַלישן קול, וואָלט געווען אַ שטויבעלע, וואָס וואָלט אַוועקגעבלאָזן געוואָרן ערגעץ־וואו אין פינצטערן, שטומען נישט־זיין.

שווער צו מאַכן שלום מיט אָט־דעם געדאַנק, שווער!...

זיין פּלאַץ ביי אונדז איז געבליבן איצט ליידיק, און ווער ווייסט, אויב ער וועט ווען־עס־איז ווידער פאַרנומען ווערן פון אַן אַנדערן, וואָס זאָל זיין פון דר. זשיטלאָווסקיס גרויס.

מחמת די דערפאַרונג ביז היינט ווייזט אונדז, אַז ביי אונדז דאָ־הי, ווען אַ קאָנקרעטער פּלאַץ אין אונדזער גייסטיקן לעבן איז געבליבן ליידיק, איז ער ניט פאַרנומען געוואָרן נאָכדעם ווידער און ער איז פאַרבליבן ליידיק...

בפרט אַזאַ פּלאַץ, ווי פון זשיטלאָווסקין.

גרויסע אויפטוען אויף אַזוי פיל פאַרשיידענע געביטן פון אונדזער גייס־טיקן לעבן באַדייט אָט־דער פּלאַץ. ברייטע געזעלשאַפטלעכע און וויסנשאַפט־לעכע אינטערעסן; פּראָבלעמען נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע, עטישע און פילאָ־סאָפישע, און קאַמף, קאַמף, קאַמף, ווי אַ קולטור־קעמפער און קולטור־טרע־גער, ווי אַ געזעלשאַפטלעכער פירער און אַ פּאַרטיי־פירער, און ווי אַ סאָ־

ציאַליסט און אַ רעוואָלוציאָנער, און ווי אַ וועלטלעכער ייִד אַ סאָציאַליסט...

אָט דאָס, און מער נאָך ווי דאָס, מיינט דער פּלאַץ פון דר. זשיטלאָווסקין, וואָס איז איצט געבליבן ליידיק.

צו געבן אַ מער אָדער ווייניקער פולע אָפּשאַצונג פון אָט דעם פּלאַץ איז אַ צו־גרויסער ענין. אין אַ זשורנאַל־אַרטיקל איז שווער צו געבן אַ פולע אָפּשאַצונג פון אַ דר. ח. זשיטלאָווסקיס אויפטועז, ווי פּייאיק און צוגעגרייט דער שרייבער זאָל ניט זיין פאַר דעם. אַזאַ אָפּשאַצונג קאָן נאָר געגעבן ווערן אין אַ בוך וועגן דר. זשיטלאָווסקין, וואָס זאָל געשריבן ווערן פון איינעם, וואָס זאָל זיין ספּעציעל פּייאיק און צוגעגרייט פאַר אַזאַ ווערק.

וועל איך דערפאַר די אַלע אויפטועז פון דר. זשיטלאָווסקי אויף דעם סאָציאָלאָגישן און פילאָסאָפישן און אויף פאַרשיידענע אַנדערע געביטן אי־בערלאָזן פאַר יענעם קאָמפּעטענטן שרייבער, וואָס ער וועט זיין צוגעגרייט צו שרייבן אַזאַ ספּעציעלן בוך וועגן זשיטלאָווסקין, און איך אַליין וועל פּרואוון געבן אַ בילד פון דער פּערזענלעכקייט, פון דעם מענטש זשיטלאָווסקי, ווי איך האָב אים געקענט.

און כדי אַרויסצוברענגען דאָס בילד פולער און קלאָרער, וועט מיר אויסקומען, אגב, זיך אויך צו באַנוצן מיט געוויסע באַזונדערע כאַראַקטע־ריסטישע שטריכן פון דר. זשיטלאָווסקי און פון די סביבות, וואָס ער האָט גייסטיק באַהערשט, — שטריכן, וואָס איך האָב שוין אַרויסגעבראַכט אין אַנ־דערע געדרוקטע אַרטיקלען מיינע.

ב.

דר. ח. זשיטלאָווסקי איז געווען אַ געבוירענער לערער, אַ געבוירענער רבי, אַ געבוירענער גייסטיקער פירער.

אין דעם קרייז, וואו איך האָב מיין גייסטיק לעבן געלעבט, האָב איך צוויי פּערזענלעכקייטן אַזעלכע געקענט. די צווייטע פּערזענלעכקייט איז גע־ווען יעקב גאָרדין.

אַוודאי זיינען די ביידע פּערזענלעכקייטן — זשיטלאָווסקי און גאָרדין — געווען ווייט פאַרשיידן איינע פון דער אַנדערער סיי אין זייער בילדונג און סיי אין זייער אידעאָלאָגיע און אין נאָך אַ סך אַנדערע פּרטים; אָבער אין איין פּרט זיינען זיי ביידע ענלעך געווען: זיי זיינען געווען פּערזענלעכ־קייטן, וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף זייער סביבה.

סיי דר. ח. זשיטלאָווסקי און סיי יעקב גאָרדין זיינען געווען געבוירענע פירער, וואָס האָבן פון צווישן די מענטשן אַרום זיי געשאַפן זיך אָנהענגער; סיי דר. זשיטלאָווסקי און סיי יעקב גאָרדין זיינען געווען געבוירענע לערער,

וואָס זיינען באַהערשט געווען פון אַן אינעווייניקסטער באַדערפעניש צו לער־נען און דערציִען מענטשן, צו קומען צו מענטשן מיט זייער וואָרט...

און ווייל זיי זיינען געווען געבוירענע לערער, האָבן זיי געמוזט האָבן זייערע תלמידים. און ווייל זיי זיינען געווען פּערזענלעכקייטן אַזעלכע, וואָס צו זייער וואָרט האָבן מענטשן זיך צוגעהערט, וואָס זייער וואָרט האָט היפּ־



דר. חיים זשיטלאָווסקי

נאָטיזירט מענטשן, האָבן זיי תלמידים זייערע געהאַט — תלמידים זייערע און חסידים זייערע...

און נאָך איין אַ פּרט איז דר. ח. זשיטלאָווסקי ענלעך געווען צו יעקב גאָרדינען, וואָס סיי ער און סיי גאָרדין האָבן געפונען זייערע הויפּט־תלמידים און חסידים אין די קרייזן פון דער רוסיש־יידישער ראַדיקאַלער אינטע־ליגענץ...

נישט איין מאָל, ווען איך האָב געזען, מיט וואָס פאַר אַ יראת־הכבוד

מען האָט זיך צוגעהערט צו דר. חיים זשיטלאָווסקין, בעת ער איז געזעסן אין אַ קרייז פון באַקאַנטע יידישע אינטעליגענטן, האָב איך זיך דערמאָנט אין יעקב גאָרדינען, ווי ער, הייסט עס, איז געזעסן אין דעם קרייז פון זיינע תלמידים און חסידים און ווי אַזוי, מיט וואָס פאַר אַ יראת־הכבוד, זיי האָבן זיך צוגעהערט צו זיין יעדן וואָרט און אַריינגעקוקט אים אין די אויגן.

ג.

מיר אַליין איז טייער דער אָנדענק פון דר. חיים זשיטלאָווסקי. מחמת דעם איינדרוק פון אים, בעת ער איז נאָך געווען יונג, בעת ער איז נאָך ניט געווען דר. חיים זשיטלאָווסקי, נאָר יעפים זשיטלאָווסקי, איז פאַרבליבן נאָך עד־היום אין מיין זכרון.

איך געדענק אים נאָך פון דער היים, פון מיין היים־שטאָט וויטעבסק. ווי יונג ער איז דעמאָלט ניט געווען, האָט ער אויך דעמאָלט געהאַט זיינע תלמידים און חסידים.

און באַזונדערס טייער איז מיר נאָך דערפאַר זיין אָנדענק, מחמת אים, אָדער ריכטיקער, דער השפעה פון יעפים זשיטלאָווסקי, האָב איך נישט ווייניק צו פאַרדאַנקען פאַר מיין גייסטיקער אַנטוויקלונג אין מיין פריסטער יוגנט אין וויטעבסק.

אין מיין אַרטיקל „די לעגענדע יעפים זשיטלאָווסקי" (געדרוקט אין „יידישע קולטור", נומ. 10־11, 1941, לכבוד זשיטלאָווסקיס לעצטער יובילייפייערונג), האָב איך שוין דערציילט, ווי אונטער דער השפעה און ווירקונג פון יעפים זשיטלאָווסקי האָבן זיך אין יענער צייט, מיט איבער פופציק יאָר צוריק, געגרינדעט ביי אונדז אין וויטעבסק קרייזלעך פון זעלבסט־אַנטוויקלונג און זעלבסט־בילדונג („קרוזשקי סאַמאָראַזוויטיאַ אי סאַמאָאָבראַזאָוואַניאַ"), צו וועלכע עס האָבן באַלאַנגט ייִנגלעך און מיידלעך, און אפילו עלטערע בחורים, זין פון פרומע יידישע עלטערן, און אויך ישיבה־בחורים פון די בתי־מדרשים.

די פרומע היים האָט ניט נאָר געהאַלטן, אַז בילדונג איז פאַר יידישע קינדער אַן איבעריקע זאַך, נאָר אַז בילדונג בכלל פירט אַראָפּ פון דרך־הישר...

איז אַ טייל פון אָט־דער יידישער יוגנט, ווי אַ טייל פון די ישיבה־בחורים פון די בתי־מדרשים, שטילערהייט צוגעשטאַנען צו יענע קרייזלעך פון זעלבסט־אַנטוויקלונג און זעלבסט־בילדונג, וואו יעפים זשיטלאָווסקיס השפעה האָט זיך שטאַרק געפילט.

אין יענער צייט איז די השפעה פון יעפים זשיטלאָווסקין געווען גאָר

אַן אַנדערע אויף זיין דעמאָלטיקער סביבה, אַ גאַנץ פאַרקערטע, קען מען זאָגן, ווי די השפעה פון דעם שפּעטערדיקן דר. חיים זשיטלאָווסקי אויף זיין שפּעטערדיקער יידישער סביבה, ווי די וועלט קען אים היינט.

יעפים איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער און אַ סאָציאַליסט אין דעם גייסט פון די דעמאָלטיקע „נאַראָדאָוואָלצעס", און דער „ייד" און „מענטשהייט" האָבן זיך געפונען, לויט זיין מיינונג, אויף צוויי באַזונדערע עקן וועלט; איז ער, יעפים זשיטלאָווסקי, געשטאַנען אויף דעם עק וועלט, וואו „מענטשהייט" האָט זיך געפונען.

און די יידישע יוגנט, וואָס איר איז אויסגעקומען צו ליידן פריער פון פרומע עלטערן און איז מחמת דעם פאַרביטערט געווען קעגן אַלצדינג, וואָס איז געווען טראַדיציאָנעל־יידיש, האָט זיך לייכטער אונטערגעגעבן דער השפּעה פון יעפים זשיטלאָווסקי.

מען האָט זיך אַ כאַפּ־געטאָן מיט חשק און ברען צו שטודירן אין רוסיש, צו לייענען די רוסישע ביכער, איבערהויפּט אַזוינע, וואָס זיי זיינען דורכגע־דרונגען געווען מיטן ראַדיקאַלן און סאָציאַליסטישן גייסט.

איך אַליין האָב אויך געהערט, אין אַ געוויסן זין, צו יענער יוגנט.

צווישן אָט־דער יוגנט האָט מען געקענט געפינען די מערסטע פון יעפים זשיטלאָווסקיס אָנהענגער, אָדער ריכטיקער, חסידים...

ד.

יעפים זשיטלאָווסקי האָט געהאַט חסידים, וואָס האָבן אים ממש פאַר־געטערט, סיי צווישן די לערער און סיי צווישן די תלמידים פון יענער קרייזלעך־סביבה.

יעפים זשיטלאָווסקי איז געווען אַ רבי ביי יענע, ווי דר. חיים זשיטלאָוו־סקי איז געווען אַ רבי ביי די אַנדערע, וואָס מיר האָבן געקענט דאָ אין אַמעריקע.

יעפים זשיטלאָווסקיס חסידים האָבן שטענדיק גערעדט און דערציילט וועגן אים מיט אַ באַזונדערן יראת־הכבוד, גערעדנק איך, באמת, ווי מיינע קרובים, ליובאַוויטשער חסידים, וועגן זייער רבין, ר' שמואליקלען, אין יענער צייט.

יעפים זשיטלאָווסקי האָט דאָס געזאָגט, יעפים זשיטלאָווסקי האָט דאָס אַנדערע געזאָגט...

די מערסטע פון אָט־די חסידים זיינע האָבן געהאַט אַ צוטריט צו די פאַרבאָטענע ביכער, וואָס האָבן זיך געפונען אין זיין ביבליאָטעק.

פאַר יעדן בוך אַזאַ האָט מען געקאָנט אַרעסטירן, און טאַקע משלח זיין

אין סיביר אויך. מיר אַליין איז שפּעטער אויך אויסגעקומען זיך צו באַ־קענען מיט אָט־די ביכער.

וויפל גייסטיקער פולווער און גייסטיקער דינאַמיט האָט זיך דאָס גע־פונען ביי יעפים זשיטלאָווסקין אין דער ביבליאָטעק, אין דעם הויז אויפן הויף, בעת אין דעם ווייסן מויערל צו דער גאַס צו, טאַקע ביי די זשיט־לאָווסקיס, האָט אין דער אייגענער צייט געוואוינט דער זשנדאַרמסקער פּאָל־קאָווניק אַליין בכבודו ובעצמו!...

פרואוון מיר אויסרעכענען אַ טייל פון יענע ביכער. אָט זע איך זיי פאַר זיך, ווי עס וואָלט ערשט געווען נעכטן: „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" — מיט ליעוו טיכאָמיראָווס אַן אַרטיקל און מיט עפּעס באַמערקונגען, געשריבן מיט אַ בלייפעדער אויף די ראַנדן פון די געדרוקטע בלעטער, אפשר פון יעפים זשיטלאָווסקין; און אָט איז דער זשורנאַל „קאָלאָקאָל" פון אַלעקסאַנדער הערצען, דער זשורנאַל „סאָווריעמעניק" פון טשערנישעווסקי און דאָבראָ־ליובאָוו, אין אַלטע צעריסענע טאָוולען; און אָט איז דער זשורנאַל „נאַבאַט" פון די „בונטאַרעס", רעדאַקטירט פון דעם גלענצנדן שריפטשטעלער און פייערדיקן רעוואָלוציאָנער — טקאַטשאָוו; און אָט איז דער זשורנאַל „אָטע־טשעסטווענייע זאַפּיסקי", און דער זשורנאַל „דיעלאָ", און דער זשורנאַל „נאַ־טשאַלאָ", און מירטאָווס היסטאָרישע בריוו, און דזשאָן סטואַרט מילס אַ ווערק מיט טשערנישעווסקיס באַמערקונגען, און נאָך און נאָך. קורץ, גענוג פון יענעם סאָרט ביכער, פאַר וועלכע דער שכן פון די זשיטלאָווסקיס, דער זשאַנ־דאַרמסקער פּאָלקאָווניק, הייסט עס, האָט געקאָנט אַרעסטירן און פאַרשיקן...

אגב, דאָס באַווייזט אויך, אויף וואָס פאַר אַ ביכער זשיטלאָווסקי איז דערצויגן געוואָרן פון זיינע יונגע יאָרן אָן...

ה.

איך האָב פערזענלעך זיך קיינמאָל ניט געטראָפן מיט יעפים זשיטלאָוו־סקין אין וויטעבסק. ווען ער איז שוין געווען יעפים זשיטלאָווסקי, דער לערער און רבי פון תלמידים און חסידים, בין איך אַלט געווען אַ יאָר 14־15, מסתמא, און בין ניט ראוי געווען זיך צו טרעפן מיט אים.

אָבער געזען האָב איך אים יאָ עטלעכע מאָל אין די זומערדיקע אויפ־דערנאַכטן, ווען ער, מיט זיין חבר, יאַשאַ מינץ — אויך מיין שפּעטערדיקער פריינט דאָ אין אַמעריקע, דר. יאַקאָב מינץ, — ווען זייביידע האָבן שפּאַ־צירט אין די רוסישע העמדלעך פאַרביי אונדזער הויז, אויף דער קוזניעצ־קער גאַס (מסתמא זיינען זיי געגאַנגען דעמאָלט צום אָרשער אָדער סמאָ־לענסקער שאָסיי, וואו שפּאַצירן איז געווען אַ פאַרגעניגן). געדענק איך, ווי

דעמאָלט איז מיר באַזונדערס געפעלן געוווען יעפּימס באָרד. אַ באָרד, ווי פון זון־שטראַלן, האָט זיך מיר געדאַכט, און איך זיך דערמאָן זיך אויך, ווי מיר האָט זיך געוואָלט זיין דעמאָלט אַ גרויסער, נישט נאָר אין וואוקס און אין יאָרן. אפשר וואָלט איך דעמאָלט געקאָנט האָבן די זכיה צו גיין מיט אים,

דר. חיים זשיטלאָווסקי, שפּאַצירנדיק

צו רעדן מיט אים, צו הערן וואָס ער זאָגט, צי גאָר — איבערלייענען פאַר אים אַ דערציילונג מיינע אין דער רוסישער שפּראַך, וואָס איך האָב שוין דעמאָלט געשריבן...

דערפאַר אָבער האָב איך אָפט זיך געטראָפן אין יענער צייט מיט זיינע תלמידים און חסידים, און פון זייערע רייד וועגן אים, איז ער פאַר מיר,

וואָס איך אַליין האָבן ניט זוכה געווען ניט זיך צו טרעפן מיט אים פער־זענלעך און ניט צו הערן צו וואָס ער האָט געזאָגט, אויסגעוואָקסן ממש אַ לע־גענדאַרע פערזענלעכקייט.

אַ פּאָר פון יעפים זשיטלאָווסקיס חסידים זיינען שפּעטער פאַרשיקט גע־וואָרן קיין סיביר און אַ פּאָר זיינען שפּעטער אַנטלאָפן פון שטאָט. און איי־נער פון זיי, לעוו אַווירעאָם, שפּעטער דר. אַווירעאָם, צוערשט מיין לערער, נאָכדעם מיין חבר און דערנאָך מיין שוואָגער, — האָט מיך אַריינגעפירט צו יעפים זשיטלאָווסקין אין הויז, דאָס הייסט, נישט צו אים אַליין, נאָר צו זיין ברודער באָריס זשיטלאָווסקי, פאַר וועמען איך האָב געקאָנט לייענען מיינע דערציילונגען און נעמען ביי אים פאַרבאָטענע ביכער פון זיין ברו־דער יעפימס ביבליאָטעק.

איך געדענק גוט, ווי איך האָב פאַרגעלייענט פאַר יעפימס ברודער, באָריס זשיטלאָווסקי, צום ערשטן מאָל איינע פון מיינע דערציילונגען. האָט ער אויסגעהערט און מיר געראָטן צו שרייבן ווייטער. און אַז איך האָב גע־פרעגט ביי אים, צי די דערציילונג וואָלט אויך געפעלן געוואָרן יעפימען, האָט באָריס מיר געענטפערט, אַז יעפים איז ניטאָ אין שטאָט. ווען ער וועט קומען, וועט ער ביי אים פרעגן, צי וואָלט ער, יעפים, אַ בעלן געווען צו הערן אַ דערציילונג פון אַן אָנפאַנגער...

בכלל, האָב איך, ביז ער איז ניט געקומען קיין אַמעריקע מיט דער „באַבושקאַ“ ברעשקאָווסקאַיאַ, קיינמאָל פערזענלעך פריער זיך ניט געטראָפן מיט אים.

ביי זיין ברודער באָריסן, ווי איך האָב שוין באַמערקט פריער, האָב איך באַקומען די אַלע ביכער, וואָס זיינען פאַרבאָטן געווען אין יענער צייט אין רוסלאַנד.

איך האָב זיי געלייענט מיט דעם גרעסטן חשק און מיט דער גרעסטער התמדה.

און דאָס איז געווען אַ דירעקטער אויפטו פון זשיטלאָווסקיס היים און אַן אומדירעקטע ווירקונג פון יעפימען...

עס שווימט אַרויס פאַר מיר אין זכרון יענע הויז. גייט מען אַרויס פון יענעם הויז, דערזעט מען גלייך די דווינע. אונטער אַ באַרג, וואו עס שטייט די גרויסע שול מיט דער וואונדערלעכסטער אַרכיטעקטור, שפּיגלט זיך דאָס דווינער וואַסער, וואָס איז היינט אויסגעמישט מיט אַזוי פיל מענטש־לעך בלוט...

שטענדיק גיי איך מיט פרייד אַהין, צו די זשיטלאָווסקיס אַהיים. וויל, כאָטש איך בין נאָך דעמאָלט זייער יונג, נאָך ניט קיין פולע זעכצן יאָר אַלט,

נעמט מיך אויף באַריס כמעט ווי זיינס אַ גלייכן און רעדט מיט מיר וועגן ליטעראַרישע און אַנדערע ענינים, ווי אַ גלייכער מיט אַ גלייכן.

און כמעט יעדעס מאָל נעם איך ביי אים אַ בוך פון יעפּימס „טריפּהנער" ביבליאָטעק. און איך געדענק קלאָר, ווי דרייסט און רעוואָלוציאָנעריש איך האָב זיך געפילט ביי זיך, ווען איך האָב דערנאָך מיט אָט־דעם „טריפּהנעם" בוך אויף דער נאַקעטער ברוסט ביי מיר אונטערן העמד פאַרבייגעגאַנגען דעם ווייסן מויערל צו דער גאַס צו, וואו דער שכן פון די זשיטלאָווסקיס, דער זשאַנדאַרמסקער פּאָלקאָווניק, האָט געוואוינט.

אַמאָל האָב איך זיך דערפילט דעמאָלט אַזוי רעוואָלוציאָנעריש, ווען איך בין געגאַנגען פאַרביי יענעם ווייסן מויערל, אַז איך האָב אַרויסגעשטעלט אַ צונג דעם שכן זיינעם, דעם זשאַנדאַרמסקען פּאָלקאָווניק, הייסט עס, אין מיינע געדאַנקען...

איך געדענק גוט די מאַמע פון יעפּימען און באַריסן. כאַסיע־חוה, דאַכט זיך, האָט זי געהייסן. אַ זעלטענע פאַרשוין געווען.

בלויז אַזאַ פאַרשוין, ווי זי איז געווען, האָט געקאָנט זיין די מאַמע פון אַזעלכע שיינע זין, ווי באַריס, מיטן מאַרמאָר־פּנים און דעם פּעך־שוואַרצן בערדל, ווי פון פּיינעם, ווייכן זייד, און ווי יעפּים, מיט דער גאָלדענער באָרד און די פאַרחלומטע אויגן — ווי איך האָב אים שפּעטער געזען.

נאָר צוריק צו יעפּים זשיטלאָווסקין.

ער איז ווי געבאָרן געווען צו זיין אַ רבי און האָבן זיינע חסידים.

אַזאַ היפּנאָטישן כוח האָט ער אַליין, זיין פּערזאָן, געהאַט. אַחוץ וואָס ער איז געווען אַזוי אַלזייטיק געבילדעט און אַזאַ וואונדערלעכער רעדנער...

וועגן דעם רעדנער דר. חיים זשיטלאָווסקי וויל איך זאָגן: איך בין אַ טעאַטער־מענטש. צענדליקער יאָרן האָב איך צו טאָן געהאַט מיט די בעסטע אַרטיסטן אונדזערע. אַנדערע פון זיי האָבן געהאַט וואונדערלעכע שטימען צו רעדן ביים שפּילן און אַ וואונדערלעכע דיקציע צו באַטאָנען און אַרויסצוברענגען די ווערטער. אָבער קיינער, קיינער פון זיי האָט זיך ניט געקאָנט פאַרגלייכן אין דעם מיט דר. חיים זשיטלאָווסקי...

זיין קול איז געווען מוזיק, וואָס האָט פאַרכישופט, און די ווערטער — געציילטע פּערל...

אין דעם איז געלעגן זיין רעדנערשער כוח.

און נאָך מער אין דעם, ווייל ער האָט שטענדיק געהאַט, וואָס די ענגלענדער רופן אַ „מעסעדזש" פאַר זיין עולם, און זיין „מעסעדזש" איז אַלע מאָל געווען פון אַ פּראָגרעסיוון, רעוואָלוציאָנערן גייסט, באַלויכטן און געוואַרעמט פון יענעם ליכט, וואָס עס האָבן אין אים אָנגעצונדן נאָך אין זיינע יונגע

יאָרן די טקאַטשאָווס און די לאַוודאָווס, און די טשערנישעווסקיס און די דאָב־ראָליובאָווס, און שפּעטער, מסתּמא, אויך די יידישע נביאים...

ו.

באַזונדערס האָט ער זיך אַזוי אַ מאָל־געטאָן פאַר אונדז, ווען ער איז מיט יאָרן שפּעטער געקומען צו אונדז דעם ערשטן מאָל קיין אַמעריקע.

אין 1904 איז דאָס געווען.

געקומען איז ער אהער מיט דער „באַבושקאַ", מיט קאַטערינאַ ברעש־קאָווסקאַיאַ, כּדי צו שאַפן מאַטעריעלע הילף פאַר זייער פּאַרטיי, ס'הייסט, פאַר דער פּאַרטיי פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן.

ביז יענער צייט איז ער דאָ ביי אונדז כּמעט אינגאַנצן אומבאַקאַנט גע־ווען. זעלטן־ווער האָט דעם נאָמען זיינעם דאָ געהערט. בלויז יחידים האָבן דאָ געוואוסט, אַז עס איז פאַראַן איינער אַ דר. חיים זשיטלאָווסקי אין דער שווייץ, וואָס ער טרעט אַרויס מיט לעקציעס פאַר די דאָרטיקע רוסיש־יידישע סטודענטן, צי אויף אַ דעבאַטע וועגן מאַרקסיזם מיט פּלעכאַנאָוון, אָדער מיט אַן אַנדערן חשובן מאַרקסיסט...

איך גלויב אָבער ניט, אויב עמעצער אפילו פון אָט־די יחידים, מיט דעם אויסנאַם פון אַ פאַר היגע יידישע שרייבער, האָט געוואוסט, אַז דער זעלביקער דר. ח. זשיטלאָווסקי איז געווען אַ יידישער רעדנער אויך און אַז ער האָט, אַחוץ דעם, איבערזעצט אויף יידיש עטלעכע לידער אויך.

נאָר איינער — ניט קיין שרייבער — האָט דאָ געוואוסט דערפון און ער האָט גערעדט מיט מיר וועגן דעם. אָט־דער איינער איז געווען מיין וויטעבסקער לאַנדסמאַן, דר. יאַקאָב מינץ, דער אייגענער „יאַשאַ מינץ", זשיטלאָווסקיס יוגנט־חבר פון וויטעבסק און וויטעבסקער גימנאַזיע, וואָס איך האָב אים דערמאָנט פריער.

דער אַמאָליקער „יאַשאַ מינץ" איז געוואָרן דאָ אַ דענטיסט און איז באַ־קאַנט געווען דאָ ווי „דר. יאַקאָב מינץ", און ער האָט דאָ געהאַט אַ גוטע פּראַקטיק.

ער איז געווען פון די געציילטע מענטשן, וואָס איך האָב אין מיין לעבן געטראָפן, וואָס האָט געקאָנט זיין אַן אמתער גוטער פריינט. ער איז גע־ווען, אגב, דער איינציקער לאַנדסמאַן מיינער, וואָס איך האָב זיך מיט אים דאָ נאָענט באַפריינדט.

האָט ער ניט פאַרגעסן זיין יוגנט־פריינט יעפים זשיטלאָווסקין דאָ אויך, כאָטש זיי האָבן זיך ניט געזען מער ווי אַ צענדליק יאָר, און ער האָט זשיט־

לאָווסקין נאָך אַלץ געדופן „יעפּים״, בשעת ער האָט גערעדט מיט מיר וועגן אים.

איך שטעל זיך באַזונדער אָפּ אויף אים, מחמת איך רעכן, אַז דורך אים וועל איך אַמבעסטן קענען כאַראַקטעריזירן דר. ח. זשיטלאָווסקיס כוח צו ווירקן אויף זיין סביבה בכלל און די איבערקערעניש, וואָס ער, דר. ח. זשיטלאָווסקי, האָט אין יענער צייט דאָ געמאַכט ביי אונדז אויף דער יידי־שער גאַס צווישן די יידישע ראַדיקאַלן און סאָציאַליסטן בפרט.

אַ מענטש אַ געלאַסענער בטבע און ווייט־ווייט ניט קיין סענטימענטאַ־לער, האָט ער, דר. יאַקאָוו מינץ, תמיד פאַרלאָרן זיין געוויינלעכע געלאַסנ־קייט און זיין שטילן, רואיקן טאָן, ווען נאָר ער האָט גערעדט מיט מיר וועגן יעפּימען.

ס׳רוב האָט ער זיך דערמאָנט וועגן די דיסקוסיעס, וואָס זיי האָבן גע־פירט נעכט גאַנצע, וואָכן נאָכאַנאַנד, איבער ענינים, פאַרשטייט זיך, וואָס האָבן מערסטנס אַ שייכות געהאַט צום סאָציאַליזם און רעוואָלוציע.

— און ווי ער האָט דאָס דעבאַטירט! — האָט דר. יאַקאָוו מינץ זיך אַמאָל דערמאָנט, און זיך צעשמייכלט וואַרעם און מיט אַ מין פאַרטראַכטער בענקשאַפט. — אין אַ דעבאַטע איז יעפּים אַלעמאָל געווען שטאַרקער פון זיין אָפּאָנענט, ווער יענער איז ניט געווען!

האָט אַט־דער חבר פון דר. חיים זשיטלאָווסקיס יוגנט־יאָרן פאַרפירט אַמאָל אַ שמועס מיט מיר אויך וועגן דעם, וואָס ער האָט געהערט, אַז יעפּים האָלט דאָרט לעקציעס אויך אויף יידיש און שרייבט אויף יידיש.

און ער, דר. יאַקאָב מינץ, קוקט אויף דעם גראָד ווי אויף אַ משוגעת. ער פאַרשטייט ניט, ווי אַזוי יעפּים קאָן זיך פאַרנעמען מיט דעם. ער וואָלט פאַרשטאַנען, ווען יעפּים טוט עס פאַר די יידישע אַרבעטער־מאַסן, וואָס פאַרשטייען ניט קיין אַנדערן לשון, ווי „זשאַרגאָן״. אָבער יעפּים האָלט דאָך דאָרט, אין בערן, זיינע „זשאַרגאָנישע״ לעקציעס פאַר סטודענטן, זאָגט מען!

און ווען איך פּרואוו זיך אָננעמען פאַר יידיש, העלפט ניט. דר. יאַקאָב מינץ גלויבט, אַז ניט די יידישע שפּראַך און ניט די יידישע ליטעראַטור וועלן לאַנג לעבן. און ווער דאַרף דאָס האָבן אין דער צוקונפט אינגאַנצן? כל־זמן „זשאַרגאָן״ איז געווען אַ מיטל אויפצוקלערן די יידישע אַרבעטער־מאַסן, איז „זשאַרגאָן״ געווען נויטיק. דערפאַר איז אַזוי וויכטיק געווען צו האָבן אַ סאָציאַליסטישע פּרעסע אויף „זשאַרגאָן״. אָבער ווען די יידישע אַרבעטער־מאַסן וועלן זיך „אויסגרינען״, וועלן זיי דאַן לייענען „דהי דעילי פּיפּל״, אָדער אַנדערע סאָציאַליסטישע צייטונגען אויף ענגליש. און די

אַנדערע יידן, נישט די יידישע אַרבעטער־מאַסן, לייענען דאָך שוין לאַנג ענגלישע צייטונגען.

און אַזוי ווי ער, האָבן געקוקט אויף יידיש און אויף דער יידישער ליטעראַטור די מערסטע פון אונדזערע יידישע ראַדיקאַלן אין יענער צייט.

איך זאָג: די מערסטע, אָבער בפירוש ניט אַלע. ווייל, ווען דר. זשיטלאָווסקי איז אַהער געקומען אין 1904, האָט ער געטראָפן עטלעכע יידישע שרייבער, וואָס האָבן אײַנאײנעם מיט אים אונטערגעשריבן דעמאָלט אַ דערקלערונג פאַר יידיש ווי אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידן.

געוועזן איז דאָס נאָך פאַר דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, און יענע דערקלערונג איז אין יענער צייט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אינעם פעטערבורגער „דער פריינד״ אויך, דאַכט זיך (איך געדענק עס קלאָר, ווייל ביי מיר אין הויז, אויף העגדי סטריט, איז יענע דעקלאַראַציע פאַרפאַסט געוואָרן).

ו.

אָבער צוריק צו אונדזער דר. יאַקאָוו מינץ, וואָס ער איז אַ טיפּישער יידישער ראַדיקאַל פון יענער צייט, וואָס דר. זשיטלאָווסקי האָט דאָ געטראָפן.

דר. יאַקאָוו מינץ, ווי איך האָב אים געקענט, איז געווען אויף הונדערט פּראָצענט אַ רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסט. אַזוי ווי ער איז דערצויגן געוואָרן פון זיינע יונגע יאָרן אָן אויף דעם רוסיש־טראַדיציאָנעלן רעוואָלוציאָנערן גלויבן, אַזוי איז ער פאַרבליבן עד־היום. די „סאָציאַלע רעוואָלוציע״ און די „באַפרייטע מענטשהייט״ האָבן אים פאַרענטפערט אַלצדינג...

ער איז געוועזן איינער פון יענע, וואָס האָט געשעטיצט מיט געלט די סאָציאַליסטישע פּרעסע און באַוועגונג, און אויך די יידישע סאָציאַליסטישע פּרעסע, וואָס האָט זיך אין יענער צייט כסדר געגויטיקט אין געלט, האָט ער אַ סך געשטיצט, אָבער בפירוש בלויז דערפאַר, ווייל די יידישע אַרבעטערמאַסן האָבן נאָך דערווייליע ניט געקענט לייענען די סאָציאַליסטישע פּרעסע אין קיין אַנדער שפּראַך, איבערהויפּט אין דער ענגלישער...

ווי ווייט אַט־דער לאַנדסמאַן מיינער און דער יוגנט־חבר פון דר. זשיטלאָווסקי איז געווען רעוואָלוציאָנעריש אויסגעהאַלטן, קאָן אויך באַווייזן אַזאַ פאַקט:

— אין יענער צייט זיינען דאָ געווען צוויי דעלעגאַטן פונעם „בונד״ — דער באַרימטער אַלעקסאַנדער („אַרקאַדי״ אָדער „קרעמער״) און דער צווייטער, בערג („עזרא״, גלויב איך). זיי האָבן דאָ אָרגאַניזירט דעמאָלט אַ געזעלשאַפט „די פריינט פונעם בונד״.

און אַזוי ווי איך האָב אין יענער צייט סימפּאַטיזירט מיטן „בונד״,

גיי איך מיט אָט־די צוויי דעלעגאַטן איין מאָל צו דר. מינצן אין אָפיס אויף ריווינגטאָן סטריט, כדי צו העלפן זיי צו געווינען אים פאַר אַ מיטגליד אין זייער געזעלשאַפט.

זיצט אַלעקסאַנדער דאָרט מיט דער קורצער פיפקע, פּיפּקעט מיט שמייכ־לענדיקע ליפּן, קוקט אויף דר. מינצן און שווייגט דיפּלאָמאַטיש, ווי זיין שטיגער איז געווען. רעדן רעדט דער צווייטער דעלעגאַט — בערג.

מיט אַ קעפּקע אויף אַ זייט קאָפּ, און אַנגעטאָן פּראַנטיש, רעדט ער צו דר. מינצן, פּרוּאווט אַלץ ביי אים פועלן, אַז ער זאָל אַריינטרעטן אין דער אָרגאַניזאַציע „די פריינט פונעם בונד". איך האַלט אים אונטער.

און דר. מינץ טענהט זיך זיינס: ער קאָן אַהין אַריינטרעטן נאָר מיט איין פּוס...

און מיינען האָט ער דערמיט געמיינט אָט וואָס: אויף ווי ווייט דער „בונד" איז אַ רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע, קאָן ער זי שטיצן; אָבער דעם נאַציאָנאַל־יידישן פּראָגראַם פונעם „בונד" האַלט ער פאַר פאַלש, נאָך ערגער איידער דאָס: פאַר פּאַרפּירעריש און ניט ערלעך...

און צום סוף האָט ער דערלאַנגט בערגן אַ טשעק מיט די ווערטער:

— אָבער געדענקט: דאָס גיב איך פאַר דעם „בונד", וואָס איז רע־וואָלוציאָנער, און נישט פאַר דעם „בונד", וואָס איז רעאַקציאָנער...

ער איז געווען אַזוי אויסגעהאַלטן, אַז נאָך דעם קישענעווער פּאָגראָם, וואָס האָט דאָ געמאַכט ממש אַ גייסטיקן חורבן ביי די מערסטע אונדזערע יידישע ראַדיקאַלן, ווען אַנדערע פון זיי, צווישן די סאַמע וויכטיקסטע פון אָט־די יידישע ראַדיקאַלן, האָבן געפילט ווי מען וואָלט ביי זיי פון אונטער די פיס דעם באָדן אַרויסגעריסן, אויף וועלכן זיי זיינען פריער גייסטיק אַזוי פעסט געשטאַנען, — האָט ער זיך אויך ניט פאַרלאָרן.

ער האָט געליטן נישט ווייניקער, איידער זיי אַלע; ער האָט אָבער געטענהט, אַז פאַרלירן מחמת־דעם דעם גלויבן אין סאָציאַליזם, צי ווערן מחמת דעם אויס סאָציאַליסט און רעוואָלוציאָנער, טאָר מען ניט. און ווערן מחמת דעם אַ יידישער „שאָוויניסט" טאָר מען אַוודאי און אַוודאי ניט. נישט דאָס ערלעך רוסיש פאָלק האָט עס געטאָן, נאָר דער אָפּשוים פון דער רו־סישער געזעלשאַפט, געפירט און אונטערשטיצט פון דער צאַרישער ביוראָ־קראַטיע. דער סאָציאַליזם וועט צו דעם אַלעמען מאַכן אַ סוף — האָט ער געטענהט צו זיינע פריינט, די פריערדיקע „אינטערנאַציאָנאַליסטן", וואָס האָבן פאַר דעם בלוטיקן אָפּשיין פון דעם קישענעווער פּאָגראָם דערפילט און דערזען דעם יידן אין זיך...

און אין אָט־דער צייט קומט צו פאָרן אַהער דר. ח. זשיטלאָווסקי, און

וואָס פאַר אַן איבערקערעניש ער מאַכט דאָס ביי אונדז אויף דער יידישער גאַס, אויך אפילו ביי אַזאַ הונדערט־פּראָצענטיקן „אינטערנאַציאָנאַליסט״, ווי זיין יוגנט־פריינט דר. מינץ!...

ח.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן יענעם אויפדערנאַכט אין קופּער יוניאָן, ווען דר. ח. זשיטלאָווסקי מיט דער „באַבושקאַ״ זיינען דאָרט צום ערשטן מאָל אויפגעטראָטן פאַר דעם היגן עולם.

דער גרויסער זאַל פון קופּער יוניאָן איז געווען איבערגעפּאַקט פון אַן עולם, וואָס איז געקומען הערן דער „באַבע פון דער רוסישער רעוואָלוציע״, קאַטערינאַ ברעשקאָווסקאַיאַ און, בפירוש, נישט דעם צווייטן דעלעגאַט פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, דר. חיים זשיטלאָווסקין.

וועגן דער „באַבושקאַ״ האָבן דאָ געשריבן אויך די ענגלישע צייטונגען איידער יענער ערשטער פאַרזאַמלונג אין קופּער יוניאָן. זי, די „באַבושקאַ״, איז געווען פאַר זיי אַ סענסאַציע. די „באַבושקאַ״ איז געווען אַ רוסיש־אַריס־טאָקראַטישע פרוי, וואָס האָט איר לעבן מקריב געווען פאַר פרייהייט אין דעם צאַרישן רוסלאַנד. אירע בעסטע יאָרן האָט זי באַגראָבן אויף דער רוסישער קאַטאָרגע פאַר אָט־דער פרייהייט.

זיינען זיך צונויפגעלאָפן מענטשן צו זען אָט־די וואונדערלעכע „באַ־בושקאַ״, צו הערן זי און אויסצודריקן זייער באַוואונדערונג פאַר איר, ווען זי וועט אויפטרעטן אין קופּער יוניאָן צום ערשטן מאָל פאַר דעם עולם.

און אויף יענער פאַרזאַמלונג האָט מען געקאָנט זען צווישן עולם אויך אַזעלכע מענטשן, וואָס, געוויינלעך, האָט מען זיי קיינמאָל ניט געטראָפן אויף פאַרזאַמלונגען פון אָט־דעם מין.

איך דערמאָן זיך: איך האָב געטראָפן ליליען ד. וואָלד און נאָך אַנ־דערע אַמעריקאַנער און אַמעריקאַנערקעס, וואָס מען האָט זיי קיינמאָל ניט געקאָנט זען אויף אַזעלכע פאַרזאַמלונגען.

און זיי אַלעמען האָט געבראַכט דער נאָמען פון דער „באַבושקאַ״, און זיכער ניט דער נאָמען פון דר. זשיטלאָווסקין. אגב, ווי דעם גאַנצן איבעריקן עולם אויף יענער פאַרזאַמלונג, מיין איך...

און טאַקע, אַז די „באַבושקאַ״, מיטן ווייסן קאָפּ און מיטן מוטערלעכן שמייכל אויף איר צערויטלטן פּנים, האָט זיך באַוויזן אויף דער פּלאַטפאָרם, האָט זיך דער גאַנצער עולם פון די ערטער אַ הייב־געטאָן, ווי איין מענטש, און מען האָט זי אויפגענומען מיט אַזאַ אָוואַציע, אַז זי האָט זיך צעוויינט.

אויפן עולם האָט געמאַכט אַן איינדרוק מער איר ווייסער קאָפּ און דער

אָרעאָל פון דער מאַרטירערין פאַר דער פרייהייט, וואָס האָט באַשיינט אָט־דעם ווייסן קאָפּ, איידער איר רעדע.

ווייל קיין רעדנערין איז די „באַבושקאַ" ניט געווען, הגם זי האָט גע־רעדט וואַרעם און האַרציק, געדענק איך.

נאָר אָט איז אויפגעטראָטן דער דעלעגאַט, וואָס איז געקומען מיט איר — דער מאַן, וואָס האָט אויסגעזען אַביסל ווי אַ פאַרמעגלעכער סוחר און מער ווי אַ פּראָפעסאָר, און אינגאַנצן — אַ מאַן אַ פאַרשוין, מיט אַ גאָלדע־נער באָרד און פאַרחלומטע אויגן — דער באַרימטער יעפּים פון מיינע ייִנגלשע יאָרן און דער חבר פון דר. יאַקאָוו מינץ פון זיינע יונגע יאָרן — דר. חיים זשיטלאָווסקי.

איך טו זיך אַ צאַפּל — אָט וועל איך אים הערן!

דער עולם האָט אים אויפגענומען מיט שוואַכע אַפּלאָדיסמענטן. און אפילו אָט־די אַפּלאָדיסמענטן האָט ער באַקומען מער אין זכות פון דער „באַ־בושקאַ" און פון דער רוסישער רעוואָלוציע, איידער אין זיין אייגענעם זכות.

ווייל — ווי איך האָב באַמערקט פריער — דעם עולם איז דער נאָמען „דר. חיים זשיטלאָווסקי" דעמאָלט אינגאַנצן נאָך אומבאַקאַנט געווען.

נאָר דאָ האָט זיך דערהערט זיין ברוסטיקער קול, זיין מוזיקאַלישער באַ־ריטאָן, און דער עולם איז באַלד פאַרכאַפּט געוואָרן. היינט זיין רוסיש! די רוסישע שפּראַך, אַרויסגעבראַכט פון זיין מויל, האָט געקלונגען מער רוסיש איידער אפילו די רוסישע שפּראַך פון דער „באַבושקאַ"...

אַז ער האָט געענדיקט, האָט דער עולם אים געמאַכט אַן אָוואַציע און די אַלטע „באַבושקאַ" ברעשקאָסקאַיאַ האָט זיך מיט אים צעקושט אויף דער פּלאַטפאָרם נאָך זיין רעדע.

אין יענעם אויפדערנאַכט איז פאַר דעם היגן עולם געבאָרן געוואָרן אַ נייער גרויסער רעדנער: דר. חיים זשיטלאָווסקי...

ט.

פון דעמאָלט אָן לויפט דער עולם אים הערן, וואו נאָר ער רעדט און וועגן וואָס נאָר ער זאָל ניט רעדן. צו הערן דר. זשיטלאָווסקין ווערט כמעט אַ מאָדע אויף דער היגער ייִדישער גאַס. עס לויפן אים הערן אפילו אַזעלכע, וואָס פאַרשטייען ניט וועגן וואָס ער רעדט. ווען ער האַלט אַ לעקציע אויף דער רוסישער שפּראַך, קאָן מען געפינען אין דעם געפּאַקטן זאַל אויך אַזעלכע, וואָס פאַרשטייען ניט קיין איין וואָרט אויף רוסיש...

אַזוי פּאָפּולער ווערט דאָ דער נאָמען דר. זשיטלאָווסקי. זיין השפּעה וואַקסט. ער קריגט אַלץ מער און מער אָנהענגער, קריגט אַלץ מער חסידים,

באַזונדערס צווישן די פריערדיקע יידישע אַנאַרכיסטן, צוליב דעם קאַמף קעגן מאַרקסן, וואָס ער פירט אָן אין זיינע לעקציעס, און צווישן יענע, די פריערדיקע „אינטערנאַציאָנאַליסטן״, וואָס האָבן אונטערן דרוק פונעם קישענעווער פאָגראָם דערפילט אין זיך דאָס „פינטעלע ייד״, נאָר זיי האָבן ניט קיין מוט זיך צו ווייזן דערמיט פאַר יענע, וואָס האַלטן זיך נאָך פאַר סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן, ווי פריער...

פאַר די לעצטע איז דר. זשיטלאָווסקי אַ דערלייזער ממש. ווייל אין זיינע שמועסן מיט זיי ווייזט ער זיי אויף, אַז נישט נאָר איז דאָס פינטעלע ייד, וואָס זיי האָבן, ניט קיין סתירה צו זייער סאָציאַליזם, נאָר דווקא פאַרקערט: אַ גוטער יידישער סאָציאַליסט קאָן זיין, און דאַרף זיין, אַ גוטער ייד אויך...

און די ערשטע ווייזן אַרויס זייער יידישן אינעווייניקסטן פנים אונטער זיין השפעה די פריערדיקע פירער פון די יידישע אַנאַרכיסטן — דר. ה. זאָלאָטאַראָוו און מ. קאַטץ און נאָך אַנדערע פון זייערע חברים.

אויסגעהאַלטן, אַזוי ווי פריער, בלייבט נאָך דר. י. מינץ. ער איז טאַקע גליקלעך, וואָס זיין יוגנט־חבר איז דאָ און וואָס ער קאָן זיך זען מיט אים און רעדן און דעבאַטירן מיט אים, ווי גאָר אין די אַמאָליקע יאָרן אינדערהיים אין וויטעבסק, און ער איז שטאָלץ אויך אויף זיין חברס דערפאָלג אין באַזונדערס זיין רעדנער־טאַלאַנט נאָך מער איידער די אַנדערע. און פאַר ליבשאַפט רופט ער אים „חיים״, אַנשטאָט „יעפים״; אָבער קיין יידישער נאַציאָנאַליסט, ווי חיים וויל, וועט ער קיינמאָל ניט ווערן. נאַציאָנאַליזם מיט סאָציאַליזם קלעפּן זיך ניט. חיימס פילאָסאָפיע וועגן דעם איז ניט מער ווי געפּלפּולט מיט אַ גלאַטער צונג...

אין יענער צייט בין איך אָפט מיט זייביידן געזעסן אין אָפיס אויף ריווינגטאָן סטריט און האָב זיך צוגעהערט צו דר. מינצס טענות וועגן אָטדעם ענין.

און אַמאָל האָב איך ניט דערקענט מיין רואיקן און געלאַסענעם מינץ אין אַזעלכע מאָמענטן. ער האָט זיך געקאָכט און געשריען:

— חיים, דו ביסט אַ יידישער שאָוויניסט. איך שעם זיך פאַר דיר!...

און וואָס מער ער האָט זיך געקאָכט, אַלץ רואיקער האָט אויסגעזען דר. זשיטלאָווסקי און אַלץ רואיקער איז זיין טאָן געוואָרן.

— יאָשאַ, — האָט ער אים אַמאָל געזאָגט, — מיר איז קלאָר, אַז איך וועל מיט דיר דאַרפן נאָך אַ סך, אַ סך קנעלן וועגן דעם, אָבער איך וועל דאָס טאָן ווי אַ גוטער מלמד, און גאָט וועט העלפן, דו וועסט ביי מיר אַ פעולה האָבן...

נישט קוקנדיק אויף דעם, קאָן איך זיך גאָרניט פאָרשטעלן קיין נעענ־

טערע פריינט ווי זייביידע זיינען געווען. מער ווי לייבלעכע ברידער. אגב, אין מיין לעבן האָב איך איין מאָל געזען דר. זשיטלאָווסקין אַ געבראָכענעם און אַ וויינענדיקן. דאָס איז געווען יאָרן שפּעטער, טאַקע ביי דער לוויה פון אָט־דעם יוגנט־חבר זייַנעם...

ער איז געשטאַנען איבער דעם קבר פון דר. מינץ אַ געבראָכענער און האָט געוויינט מיט אַ פאַרשטיקטן געוויין:

— יאַשאַ! מיין יאַשאַ!...

די דעמאָלטיקע לעקציעס זיינע זיינען געווען אַ מין „בליץ־קריג" אויף די היגע יידישע מאַרקסיסטן אין יענער צייט. האָט זיך עמעצער פון זיי אָוועק־געשטעלט קעגן זשיטלאָווסקין און זיך אָנגענומען פאַר מאַרקסן, איז אַזאַ מזל ווי יענער האָט געהאַט, זאָל היטלער האָבן!...

אין מיין אַרכיוו האָט זיך פון יענער צייט פאַרוואַלגערט אַ קאָפּיע פון אַ רוסישן בריוו מיינעם, וואָס איך האָב דעמאָלט געשיקט קיין שווייץ צו אַ פאַרשטייער פונעם „בונד", וואָס איך האָב זיך מיט אים באַפריינדט, בעת ער איז געווען דאָ אין ניו־יאָרק מיט אַלעקסאַנדערן.

דאָס איז געווען דער זעלביקער, וואָס איך האָב אים פריער דערמאָנט אין שייכות מיט דער געזעלשאַפט „די פריינט פונעם בונד" — בערג.

איך ברענג דאָ דעם בריוו אין יידישער איבערזעצונג, ווייל ער איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דערפאָלג, וואָס דר. זשיטלאָווסקי האָט אין יע־נער צייט דאָ געהאַט:

„12טן דעצעמבער, 1904.

„געשעצטער ה. בערג:

„איכ'ל אייך עפּעס דערציילן וועגן אונדזער ניו־יאָרק. זשיטלאָווסקי איז דאָ מיט דער ‚באַבושקאַ' [ברעשקאָווסקאַיאַ]. זיי קלייבן אַמעריקאַנער דאָלאַרן מיט היפשן דערפאָלג.

„שוין די דריטע וואָך, ווי זש. פּאָגראַמעוועט די רוסישע סאָציאַל־דע־מאָקראַטן בכלל און באַזונדערס מאַרקסן אויף פאַרזאַמלונגען.

„פון אַלע זייטן לויפן זיך צונויף מענטשן, כדי צו בייזיין אויף אָט־דער עקזעקוציע פון מאַרקסן — סיי אַנאַרכיסטן און סיי סאָציאַל־דעמאָקראַטן־‚איסקראָווצעס' און סיי ‚בונדיסטן', און אפילו אַזוינע, וואָס זיינען באַקאַנט מיט מאַרקסן פון די פּאַפּיראָסן ‚קאַרל מאַרקס', וואָס זיי רויכערן...

„די אַנאַרכיסטן פרייען זיך: אַי, רייסט ער אַ פעל! אַי, איז דאָס אַ ביטערער יונג, דער דר. זשיטלאָווסקי! די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן פרייען זיך אַוודאי... און די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן מיט דר. אינ־

גערמאַן בראש סטראַשען מיט פלעכאַנאָוון, מיט וויערא זאַסוליטש, וואָס זיי וועלן אויסשרייבן אַהער.

„ער, דר. אינגערמאַן אַליין, האָט געפּרואווט איין מאָל און נאָך אַמאָל אַרויסטרעטן אין קאַמף מיט דר. זש. איז ער אָבער, נעבעך, אַזוי דורכגע־פאַלן, אַז עס איז באמת אַ רחמנות געווען אויף אים.

„און די איסט־בראָדוויי ער אינטעליגענטן, די אייגענע, וואָס זיינען גע־ווען ,פריינט פונעם בונד׳, בעת איר זייט געווען אין ניו־יאָרק, האָבן איצט, זינט זשיטלאָווסקי איז דאָ, דערפילט, אַז זיי זיינען באמת גאָר סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן... אָבער זייט זיכער, אַז אַ שטיקל ליידיק זווינקעלע ביי זיך אינעם האַרצן האָבן זיי זיך איבערגעלאָזן אויפן פאַל, טאָמער קומט אַהער וויערא זאַסוליטש, אָדער פלעכאַנאָוו...

„קורץ, ביי אונדז איז פריילעך...

„דער סך־הכל איז, אַז די היגע רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן זיך אַרויסגעוויזן באַנקראָט דערמיט, וואָס זיי האָבן ניט געקענט אַרויסשטעלן קיין איין קאָמפּעטענטן אָפּאָנענט צו זשיטלאָווסקין.

מיט אַכטונג,

לעאָן קאָברין״.

אָט אַזאַ דערפאָלג האָט זשיטלאָווסקי ביי אונדז דעמאָלט געהאַט.

י.

אגב, אַחוץ דר. אינגערמאַן, האָבן נאָך אַנדערע צוויי באַרימטע פּערזענ־לעכקייטן פון דער היגער יידישער גאַס געפּרואווט מיט אים דעבאַטירן — יעקב גאָרדין און אַב. קאַהאַן.

איך בין געווען בייביידע דעבאַטן.

אַב. קאַהאַן האָט זיך אָנגענומען די קריוודע פון קאַרל מאַרקסן און יעקב גאָרדין — פון דעם אינטערנאַציאָנאַליזם.

די דעבאַטע פון קאַהאַן מיט זשיטלאָווסקי איז פאָרגעקומען אין „עדיוו־קעישאָנעל אַלייענס״, און אויף יענער דעבאַטע האָט קאַהאַן געכאַפּט אַזאַ פּסק פון דר. זשיטלאָווסקין, אַז איך בין זיכער, אַז קאַהאַנס טיפע שנאה צו זשיטלאָווסקין שטאַמט נאָך פון יענער דעבאַטע אָן.

די דעבאַטע איז געווען אין רוסיש, און אינמיטן דער דעבאַטע נעמט דער גזלן זשיטלאָווסקי און דערקלערט פאַר אַ געפּאַקטן זאַל מענטשן, פון דער סאַמע אינטעליגענץ, אַז קאַהאַן פאַרשטייט ניט, וואָס ער, דר. זשיט־לאָווסקי, רעדט און ניט וואָס מאַרקס האָט גערעדט.

דער עולם אין זאַל האָט זיך צעלאַכט. קאַהאַן איז צעטומלט געוואָרן. צוערשט האָט ער פאַרלאָרן אַרויסגעמורמלט, אַז שוין לאַנג האָט ער ניט אַריינגעקוקט אין מאַרקסן. מאַרקסן און ענגעלסן האָט ער שוין לאַנג אַוועקגעשענקט צו דער „לייבערערי". דערנאָך אָבער האָט ער זיך צונויפגענומען און זיך צעשריען אויף דר. זשיטלאָווסקין:

„יעסלי קאַהאַני וואָס ניע פּאָנימאַיוט, טאָ קטאָזשע וואָס פּאָימיאָט!" (אויב איך פאַרשטייען ניט די קאַהאַנס, טאָ ווער קאָן אייך פאַרשטיין!...).

יענע סצענע געדענק איך אַזוי קלאָר, ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטן געשען. וועגן דער דאָזיקער טראַגי־קאָמישער סצענע האָב איך אַ צייט שפּעטער געשריבן אין אַן אַרטיקל וועגן אב. קאַהאַנען, וואָס איך האָב געדרוקט אינעם „טאָג".

די דעבאַטע צווישן גאָרדינען און זשיטלאָווסקין אינעם טהאַליע טעאַטער איז געווען אַ מער געלאַסענע. ווייל פאַר דער פּערזאָן יעקב גאָרדין האָט אפילו זשיטלאָווסקי געהאַט גרויס דרך־ארץ, און ער האָט זיך באַמיט דאָס אַרויסצואווייזן אין זיין טאָן און אין זיינע רייד.

וועגן יענער דעבאַטע איז מיין איינדרוק, אַז דווקא גאָרדין איז אַרויס דער זיגער. נישט דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַזאַ גוטער דעבאַטאַנט (צו זשיטלאָווסקין האָט ער זיך אין דעם ווייט ניט געקענט פאַרגלייכן), נאָר, ערשטנס, ווייל די דעבאַטע איז פאָרגעקומען אינעם טעאַטער, דאָס הייסט, וואו גאָרדין האָט געהערשט און וואו זיינע „פּאַטריאָטן" האָבן זיך געפונען אין די הונדערטער, און צווייטנס, ווייל ער איז אין אָט־דער דעבאַטע אַרויס פון אַן עטישן שטאַנדפּונקט, הגם ער איז געווען פּערזענלעך...

ער האָט געטענהט צו זשיטלאָווסקין:

— פּרעדיקן איין זאַך און האַנדלען פּונקט פאַרקערט, האַלט איך פאַר ניט ערלעך. דערפאַר קען ניט האָבן קיין שום האַפט די רייד פון איינעם, וואָס פּרעדיקט יידישן נאַציאָנאַליזם און האַנדלט ווי אַן אַסימילאַטאָר.

און דערביי האָט ער דערקלערט אויך, פאַרוואָס ער איז קעגן נאַציאָנאַליזם.

צי דערפאַר, ווייל יעקב גאָרדין האָט פאַרטשעפּעט זיין פּערזענלעך לעבן און ער האָט זיך געפילט דערפון געפּענטעט, צי ווייל ער האָט זיך געהיט פּוגע בכבוד זיין דעם מענטשן, וואָס אַליין און אַ סך פון זיינע פריינט האָבן טיף רעספּעקטירט — אין אָט־דער דעבאַטע איז זשיטלאָווסקי נישט אַרויס אַזאַ זיכערער זיגער, ווי מען איז געוואוינט געווען.

סיי־ווי־סיי, אַזוי איז מיין איינדרוק, ווי איך האָב שוין פריער באַמערקט.

איך וויל פאַרענדיקן מיט זשיטלאָווסקיס זיג איבער אונדזער פריינט דר.

מינץ, דעם פריערדיקן קעגנער פון יידישן נאַציאָנאַליזם און פון דער יידי־שער שפּראַך...

ער האָט טאַקע ביי דר. זשיטלאָווסקין אַ „פּעולה" געהאַט: ביסלעכווייז האָב איך גענומען הערן פון אים גאָר אַנדערע ווערטער וועגן יידישן פאָלק, דער יידישער שפּראַך און דער יידישער קולטור — ווערטער, וואָס ער האָט זיי פריער געהאַלטן פאַר רעאַקציאָנער און שאָוויניסטיש, און סתם משוגע...

און מיט אַנדערע האָט ער גענומען רעדן וועגן אַ יידישן זשורנאַל, וואָס ער זאָל זיך אָפּגעבן מיט אָט־די פראַגן...

און זשיטלאָווסקיס זשורנאַל „דאָס נייע לעבן" איז אַזוי דערשינען מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, וואָס דר. י. מינץ האָט געשטיצט.

דר. מינץ איז ניט געווען קיין יחיד. ער איז געווען איינער פון פיל אַזעלכע אין יענער צייט, אויף וועלכע דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט אַזוי געווירקט.

אָט אַזאַ פּערזענלעכקייט איז געווען דר. חיים זשיטלאָווסקי און אַזוי האָט ער געווירקט אויף מענטשן און זיין סביבה.

מיר זיינען געווען גייסטיק רייכער, ווייל אין אונדזער גייסטיקן פאַרמעגן האָבן מיר געהאַט אַ דר. חיים זשיטלאָווסקין; מיר זיינען גייסטיק אַ סך אָרעמער געוואָרן, ווייל מיר האָבן פאַרלאָרן דר. חיים זשיטלאָווסקין.

פון דייטשמעריש צו יידיש אין אַמעריקע

„פון דייטשמעריש צו יידיש און צו דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע״, — כדי צו האָבן אַ בילד דערפון דאַרף מען זיך מטריח זיין אויף אַ שטיקל שפּאַציר. דער שפּאַציר וועט זיין אויף צוריקוועגס, אויף אַ מהלך, אַן ערך, פון אַ פופציק יאָר צוריק.

מיר אַליין, וואָס איך בין שוין אָט־דעם וועג דורכגעגאַנגען, ווייזט זיך היינט אויס, אַז דער דאָזיקער פופציק־יאָריקער מהלך איז גאָר־גאָר ניט קיין ווייטער; אַז עס איז נישט מער ווי אַ שפּאַן, נאָך ווייניקער איידער אַ שפּאַן; ממש צוגעמאַכט די אויגן און צוריק זיי געעפנט, און שוין — אַריבערגע־שפּרונגען דעם פופציק־יאָריקן מהלך און מיר זיינען דאָרט אויפן אָרט און לייענען אַ יידישע צייטונג.

און די צייטונג איז אַ נומער פון דער אַמאָליקער „אידישע גאַזעטען״ (יאַנואַר 20, 1892) — די פּאָפּולערסטע יידישע צייטונג אין אַמעריקע.

לייענען מיר דאָרט צוערשט אַ שטיקל יידישע נייס אין אַזאַ לשון, מיט אַזאַ אויסלייגעכץ:

„אין ראָבערט פּולערמאַנס דזשולערי־סטאָר איזט הערריין געקאָממען אַ פיין־געקליידעטער יונגערמאַן, אַלס פּולערמאַנס פרויא איזט אַליין אין סטאָר געוועזן, אונד האָט פערלאַנגט, מען זאָל איהם אָהרינגע צייגען. דיא פרויא האָט איהם צוואַי פּאָר טהייערע אָהרינגע געצייגט, וועלכע ער האָט גוט בע־טראַכטעט, אונד ער האָט דאַן פערלאַנגט, זיא זאָל איהם דיא דריטע פּאָר צייגען, וועלכע עס איזט געלעגען אין שוי ווינדע...״.

וואָרפן מיר די נייס און פּרוּוון לייענען די דערציילונג („ניט אומ־זאָנסט געוואָרט״), וואָס איז געדרוקט אין יענעם נומער:

„אונד אויך בערגמאַנס טאָכטער איזט עס ניכט בעסער געגאַנגען. מיט טרערען אין דיא אויגן אונד מיט פערבראָכענע הענט האָט זיא געמוזט איהר געליבטען דען לעצטען אָפּשייד קוסס געבען, זאָנסט וואָלטען איהם דיא רו־סישע זשאַנדאַרמען מיט כבוד גדול אין אַ שוואַרצער קאַרעטע דאָרטהין אָוועקגעפיהרט, פאַן וואַנען קיינער איז נאָך ניכט צוריק געקאָממען...״

דרוקט זיך דאָרט אַ ראָמאַן: „דאָס פּוילישע מיידעל, אָדער דיא ליידי פון העסטער סטריט״, לייענען מיר:

„איך האַבע איינע פרויא אונד קינדער. מיינע פרויא איזט שאָן איינע עלטערע פערזאָן און זי האָטע דאס לעבען אַלזייטיג מיטגעמאַכט אונד האָטע שאָן יעדעס לעבענסלוסט פערלאָרען. איך דאַגעגן מעכטע נאָך געניסען דאָס לעבען אונד האַבע אויך גענוג מיטעל דערצו, ווייל איך בין רייך, אונד

צוויטענס האָט מיך אויך איהנענס לאַגע געריהרט אונד איך וואַג איהנען פאָרצושלאָגען, זיי זאָלען מיינע געהיימע פרויא ווערדען...״

אָט אין אַזאַ נוסח און לשון, באַשאָטן מיט קאָמאָס און קאָמאַס, האָבן די שרייבער אין די „אידישע גאַזעטן״ דעמאָלט געשריבן. זיי האָבן געשריבן אין דעם משונהדיקן דייטשמערישן לשון, אין וועלכן דער אַמאָליקער יידי־שער דאָקטאָר — און אַנדערע יידישע דאָקטורים נאָך היינט — האָבן גע־רעדט צו זייערע יידישע פּאַציענטן, כדי זיי זאָלן פילן, אַז ער געהערט צו דעם העכערן מין אָדם...

בכלל איז דייטשמעריש אין יענער צייט געווען אַ סימן פון פיינערן געשמאַק, פון קולטורעלן געשמאַק, אַזוי צו זאָגן.

מען דאַרף זיך נאָר דערמאָנען וועגן דעם לשון פון די אַמאָליקע יידישע בריוו, וואָס בחורים און מיידלעך — און סתם יידן און יידענעס פון אַ גע־וויסן מין — האָבן געשריבן, בשעת זיי האָבן געוואָלט אַרויסווייזן זייער „היינטוועלטיקייט״ און ווי געבילדעט זיי זיינען.

אפילו אונדזער גרויסער דיכטער מאָריס ראָזענפעלד זינגט אויך אין אַזאַ לשון אין יענער צייט.

„עס האָט מיך ערגריפען אַ שוידער,
אַלס איך האָב זיין אָטליץ דערזעהן...״

און ווייטער:

„זיין אויסזעהן וואַר גוואַלדיג...״

אין יענער צייט האָט נאָר איין שרייבער אין די „אידישע גאַזעטן״ גע־שריבן אַ גוטן יידיש — דער ליטוואַק געציל זעליקאָוויטש, דער „ליטווי־שער פילאָזאָף״. ער האָט שטענדיק געהאַט אַ געזונט חוש פאַר יידיש. איז ער דאָרט געווען דער איינציקער יידישער שרייבער וואָס האָט ניט גע־דייטשעוועט.

ב.

און אויך אויף דער יידישער בינע האָט מען אין יענער צייט געדייטשעוועט. פאַר די יידישע אַקטיאָרן האָט ניט עקזיסטירט קיין „לבנה״, נאָר „מאָנד״; קיין „זון״, נאָר „זאָננע״; קיין „נאָר״, נאָר „זאָנדערן״; קיין „מויל״, נאָר „מונד״; קיין „קושן״, נאָר „קיססע״; קיין „און״, נאָר „אונד״; קיין „פון״, נאָר „פאָן״; קיין „גרויס״, נאָר „גראָס״; קיין „געווען״, נאָר „וואַר״; קיין „געזאַנג און טענץ״, נאָר „געזענגע אונד טענצע״.

זיי האָבן „געמאָנדעוועט״ און „געזאָנעוועט״, און „געמעכטעוועט״ און

„געקיסעוועט אַם מונדע" און „געשטערבעוועט", ווען זיי האָבן געשפּילט „איינע גראָססע מייסטערווערק, מיט מערשע, געזענגע אונד טענצע" פון פּראָפעסאָר הורוויץ, צי פון יאָזעף לאַטיינער.

און מחמת וואָס האָט מען דעמאָלט אַזוי געדייטשעוועט, סיי אויף דער יידישער בינע און סיי אין דער יידישער פּרעסע?

ערשטנס, ווייל דייטשעווען איז געווען אַ סימן פון פיינערן געשמאַק אויך ביי די שרייבער פון די „אידישע גאַזעטן", וואָס זיי אַלע האָבן געהערט צו דעם טיפּ פון דעם אַמאַליקן משכיל, פּונקט ווי ביי די דעמאָלטדיקע הויפּט־פּיעסן־שרייבער פון דער יידישער בינע, פּראָפעסאָר הורוויץ און יאָזעף לאַטיינער, און סיי די און סיי די אַנדערע זיינען אויסן געווען מיט זייער „דייטש" צו פאַרשענערן די יידישע שפּראַך.

צווייטנס, ווייל דער יידישער לייענער און טעאַטער־גייער איז געווען אַ צונויפגעלאָפענער פון די פאַרשיידנסטע לענדער און האָט גערעדט אַ פאַר־שיידענעם יידיש — אַ ליטווישן און אַ פּוילישן, אַ וואָלינישן און גאַליצישן און אַן אונגאַרישן — האָבן דערפאַר די דעמאָלטדיקע יידישע פּרעסע און די יידישע בינע, כדי נישט צו געבן פּרעפערענץ צו דעם יידיש פון איין טייל יידן און איינרייסן זיך דורך דעם מיט די אַנדערע טיילן יידן, זיך אַ נעם געטאָן צום דייטש: אי אַ פיינערע שפּראַך, אי — וואָס פאַר אַ ייד פאַר־שטייט עפּעס ניט קיין דייטש? וועלן אַלע יידישע לייענער און טעאַטער־גייער בלייבן צופרידנגעשטעלט...

דערציילט מיר, אגב אורחא, יואל ענטין, אַז אין אַזאַ זין האָט אים איינמאָל פּראָפעסאָר הורוויץ דערקלערט, פאַרוואָס מען רעדט אין זיינע פּיעסן דייטש.

— ווייל עס זיינען פאַראַן אַזוי פיל יידישע דיאַלעקטן, איז דער איינצי־קער מיטל דייטש, — האָט הורוויץ אים דערקלערט.

מיר אַליין האָט דער זעלביקער פּראָפעסאָר הורוויץ געגעבן אַמאָל אַן אַנ־דער דערקלערונג וועגן דעם, פאַרוואָס מען רעדט דייטש אין זיינע פּיעסן. רעדנדיק מיט מיר וועגן גאָרדינען און די אַנדערע „ליטעראַטאַטן", ווי הור־וויץ האָט גערופן אונדז, די יידישע ליטעראַטן, וואָס האָבן געשריבן פּיעסן פאַר דער יידישער בינע, האָט ער זיך אומגעפּער אַזוי אויסגעדריקט:

— גאָרדין און איר, די אַנדערע „ליטעראַטאַטן", האָבן געמאַכט פון דער יידישער בינע אַ חזיר־מאַרק. די אַקטיאָרן רעדן ביי אייך, ווי מען רעדט אויף העסטער סטריט. ביי מיר רעדט אין אַזאַ שפּראַך סיידן דער קאָמיקער, ווען ער שפּילט אַ מלמד, אַ שמש, אַ בטלן, צי אַן אַנדער מין לץ. די אַנ־דערע אָבער רעדן ביי מיר אימער אַ שיינע שפּראַך. איך שטרעב אימער

צו פֿאַראײדעלען די שפּראַך, און בײ גאָרדינען און בײ די אַנדערע פֿון זײערע „ליטעראַטאָרן" װאָלט אפילו פּרינץ האַמלעט געהערט אַ העסטער־סטריטער זשאַרגאָן!...

איך דערמאָן זיך, אַז אפילו מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, װען איך האָב אײנמאָל טענות געהאַט צו אַ געװיסן באַרימטן סטאַר, הלמאי ער האָט פֿאַר־דײטשעװעט זײן ראָל אין מײנער אַ פּיעסע, װאָס ער האָט דעמאָלט געשפּילט, האָט ער מיר געענטפֿערט:

— אַך, לאָזט צורו! װאָס װילט איר, װען איך שפּיל אַ ראָלע פֿון אַ געבילדעטן מענטש, זאָל איך רעדן װי אַ „משה"?

און איך געדענק, אַז ער האָט דערבײ נאָך צוגעגעבן:

— און איבערהױפּט האָט איר געמעגט װיסן, אַז אַן אַרטיסט, אַ קינסט־לער, מוז אימער געברױכן אַ פֿײנערע שפּראַך אױף דער בינע...

און „געברױכן אַ פֿײנערע שפּראַך" האָט געמײנט — דײטשעװען...

קורץ, מיט פֿאַרדײטשעװען די ייִדישע שפּראַך סײ אין דער דעמאָלט־דיקער „אידעשע גאַזעטן" און סײ אױף דער דעמאָלטדיקער ייִדישער בינע איז מען אױסן געװען: ערשטנס, צו פֿאַראײדעלען דעם ייִדישן „זשאַרגאָן", און צװײטנס, מחמת דעם פֿאַרשײדענעם ייִדיש, װאָס די באַזונדערע טײלן פֿון דער היגער ייִדישער באַפֿעלקערונג האָבן גערעדט, האָט מען, כדי ניט צו געבן פּרעפֿערענץ צו דעם ייִדיש פֿון אײן טײל ייִדן און אײנרײסן דורך דעם מיט די אַנדערע טײלן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, האָט מען גענוצט דעם דײטש.

אידעאַל און „ביזנעס" זײנען דערבײ, װי איר זעט, געגאַנגען געאָרעמט...

און װער װײסט, װאָס פֿאַר אַ ייִדישע שפּראַך מיר װאָלטן דאָ הײנט גע־האַט און װאָס פֿאַר אַ פּנים אונדזער ייִדישע פּרעסע װאָלט בכלל געהאַט, װען ניט די ייִדישע ראַדיקאַלן מיט זײער פּרעסע און װען ניט די ייִדישע אַרבעטער־באַװעגונג...

ג.

װער זײנען זײ געװען, אָט־די דאָזיקע ייִדישע ראַדיקאַלן, װאָס זײ, און נאָר זײ, האָבן געשאַפֿן די פּרעסע, װאָס האָט גענומען רעדן אַ ייִדישן ייִדיש, און דעם באַדן פֿאַר אונדזער היגער בעסערער ייִדישער ליטעראַטור? און זײנען זײ לכתחילה אױסן געװען עפּעס אַזעלכעס צו שאַפֿן?

בײ פֿאַרשײדענע אַנדערע געלעגנהײטן איז מיר ניט אײן מאָל פֿריער אױסגעקומען צו רעדן און צו שרײבן װעגן זײ.

אַ קלײן הײפֿעלע ייִדישע יונגעלײט זײנען זײ געװען, אינטעליגענטן־

רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן פאַרלאָזן רוסלאַנד אין די אַכציקער יאָרן, נאָך די דעמאָלסדיקע פּאָגראָמען, און זיינען געקומען אַהער מיט אַ שיינעם באַגאַזש פון אידעאַלן, ווי גרינדן קאָמוניסטישע קאָלאָניעס וכדומה.

די דאָזיקע יונגעלייט האָבן גערעדט רוסיש צווישן זיך און אויף זייערע פאַרזאַמלונגען און זיי האָבן ניט געוואוסט און גאָרניט געוואָלט וויסן וועגן אַ יידישער, אָדער ריכטיקער, אַ „זשאַרגאָנישער" ליטעראַטור.

אָט זיי, די דאָזיקע, יונגעלייט, דווקא דערפאַר, ווייל זיי האָבן ניט געהאַלטן פון יידיש און ניט געגלויבט אין זיין קיום אין אַמעריקע (לויט די נביאות פון אַ פיליפּ קראַנץ און פון אַנדערע, וואָס מיר אַליין איז אויסגעקומען צו הערן, האָט יידיש שוין לאַנג דאָ געדאַרפט אונטערגיין) — אָט דווקא דערפאַר איז זיי באַשערט געווען צו לייגן דעם גרונטשטיין פאַר אַ יידישער פּרעסע, וואָס האָט אָנגעהויבן צו רעדן אַ יידישן יידיש, און פאַר אונדזער בעסערער היגער יידישער ליטעראַטור.

פאַרוואָס ? ווייל דער יידישער „זשאַרגאָן", ווי זיי האָבן גערופן די יידישע שפּראַך, האָט, ווי אַ שפּראַך, אַזוי וויניק ווערט געהאַט אין זייערע אויגן, אַז זיי איז אַפילו גאָרניט איינגעפאַלן דער געדאַנק וועגן פאַרפיינערן און פאַראיידעלן זי אויף דעם אופן פון די „אידעשע גאַזעטן" צי פון דער דעמאָלטדיקער יידישער בינע.

עס איז פשוט די טירחה ניט ווערט געווען...

וואָלטן זיי דעמאָלט געהאַט דאָ אַ יידישן עולם, וואָס וואָלט געקאָנט רוסיש לייענען, וואָלטן זיי שרייבער און אַרויסגעבער פון רוסישע צייטונגען געוואָרן. האָבן דאָך אַנדערע פון זיי טאַקע געפּרואווט דאָ אין יענער צייט גרינדן צייטונגען אין דער רוסישער שפּראַך, ווי לעאָן באַנדעס מיט זיין ברודער לואי מילער — די סאָציאַליסטישע „זנאַמיאַ", למשל; צי ווי יצחק אייזיק הורוויץ מיט יעקב גאָרדין — די רוסישע צייטונג „פּראָגרעס", שפּעטער...

אָבער די דאָזיקע רוסישע צייטונגען האָבן געהאַט מער שרייבער איידער לייענער, און טעג — נאָך וויניקער...

קיין לייענער פאַר אַ סאָציאַליסטישער צייטונג אין רוסיש זיינען ניט געווען, און דער סאָציאַליסטישער אידעאַל האָט געמוזט פאַרשפּרייט ווערן אויף דער יידישער גאַס, האָט מען גענומען טראַכטן וועגן אַן אָרגאַן אין דעם „זשאַרגאָן" פון די יידישע מאַסן.

און איז אַזאַ צייטונג דערנאָך דערשינען, האָבן אירע סאָציאַליסטישע שרייבער דער עיקר איבזינען געהאַט צו רעדן וואָס מער פאַרשטענדלעך און

וואָס פשוטער צו די מאַסן, דאָס הייסט, דעם אמתן זשאַרגאָנישן „זשאַרגאָן", וואָס דער יידישער אַרבעטער זאָל אים פאַרשטיין...

ווייל דער עיקר, וואָס די דאָזיקע שרייבער זיינען אויסן געווען, איז — פּראָפּאַגאַנדע, צו פאַרשפּרייטן זייער סאָציאַליסטישן אידעאַל און צו שאַפן אַן אַרבעטער־באַוועגונג פאַר די היגע יידישע אַרבעטער.

מיטן לייטישן דייטש האָבן זיך די דאָזיקע שרייבער און סאָציאַליסטישע אַגיטאַטאָרס נאָר דעמאָלט באַנוצט, ווען זיי האָבן ניט געקאָנט געפינען קיין פּאַסנדיקן אויסדרוק פאַר עפּעס אין דעם יידישן „זשאַרגאָן".

מחמת דעם דאָזיקן מאַנגל אין אויסדרוק האָבן זיי ביים דייטש גענומען, למשל, אַזעלכע אויסדרוקן ווי „פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן", „גע־נאָסע", „אַנשויאונג" און נאָך אַנדערע אַזעלכע עכט־דייטשע ווערטער.

אָבער בכלל האָבן זיי זיך געפלייסט צו שרייבן פשוטן יידיש.

צוליב אמת וועגן מוז דאָ באַמערקט ווערן, אַז דער ערשטער פון די־דאָזיקע אימיגראַנטן־סאָציאַליסטן, וואָס האָבן גענומען שרייבן אַ יידישן יידיש, איז געווען אַב. קאַהאַן.

נאָך אין יאָר 1886 האָט ער צוזאַמען מיט איינעם אַ חבר זיינעם, מיטן שפּעטערדיקן דר. ראַיעווסקי, געפּרואווט אַרויסגעבן אַ צייטונג, וואו ער האָט אַ יידישן יידיש געשריבן (אין יענער צייט איז ער געווען אַן אַנדער קאַהאַן, אַ בויער איז ער אויף דער דעמאָלטדיקער היגער יידישער גאַס גע־ווען, און ניט קיין צעשטערער און פאַרדאַרבער, ווי ער איז היינט און ווי ער איז געווען פאַר די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר אויף אונדזער היגער יידישער גאַס).

דער נאָמען פון קאַהאַנס יענער צייטונג איז געווען „די נייע צייט". פיר זייטן האָט זי פאַרנומען און זי האָט געלעבט קנאַפּע צוויי חדשים.

דער פינאַנסירער פון אָט־דער צייטונג איז געווען זיין חבר ראַיעווסקי. ער האָט געאַרבעט אין אַ זייף־פאַבריק, וואו ער האָט פאַרדינט פינף־זעקס דאָלער אַ וואָך, און דעם דאָזיקן „קאַפּיטאַל" האָט ער כמעט אינגאַנצן אין אָט־דער צייטונג אַריינגעלייגט.

דער ערשטער נומער פון אָט־דער צייטונג איז דערשינען שבועות און דער לייט־אַרטיקל איז דאָרט געווען: „שבועות און סאָציאַליזמוס".

אין דער שריפט צו אַב. קאַהאַנס פופציק־יאָריקן יובילייַ דערציילט אַלעקסאַנדער האַרקאַווי, אַז ווען „די נייע צייט" איז דערשינען, האָבן זיך אַלע געוואונדערט, וואָס די אַרטיקלען זיינען דאָרט געשריבן אין אַ פשוטן יידיש.

„מחמת אין יענער צייט האָט מען ניט יידיש געשריבן, נאָר אַ שפּראַך אַ

דייטשמערישע״, דערציילט א. האַרקאַווי אין יענער שריפט, וואָס איז דערשינען לכבוד קאַהאַנס פופציק־יאָריקן יובֿילײ, — „און זעלטן וועמען איז דעמאָלט איינגעפאַלן דער געדאַנק, אַז מען קאָן שרייבן אין דער פשוטער שפּראַך, ווי די מאַמע האָט גערעדט...״

נאָך קאַהאַנס צייטונג האָט יידיש גערעדט „די ניו־יאָרקער יידישע פאָלקס־צייטונג״.

די דאָזיקע צייטונג איז דערשינען אויך אין 1886, ווי קאַהאַנס און ראַיעווסקיס „די נייע צייט״. זי האָט געלעבט דריי און אַ האַלב יאָר צייט און איז רעדאַקטירט געוואָרן פון מאָזעס מינץ (דעם שפּעטערדיקן דר. מינץ און דעם אַמאָליקן בילו׳עץ) און פון אב. ברעסלאַווסקי (דעם שפּעטערדיקן דר. ברעסלאַו און דעם פאָטער פון דער אָפּעראַ־זינגערין סאָפיאַ ברעסלאַו).

אָט־די צייטונג איז געווען אַן אומפּאַרטייאישע אַרבעטער־צייטונג. פון יעדער שורה אירער, אַזוי ווי פון יעדער שורה אין קאַהאַנס דעמאָלטדיקער צייטונג, האָט אַרויסגערעדט די פרומע כוונה פון די שרייבער — אויפצוקלערן דעם יידישן אַרבעטער. אַרטיקלען איבער פאַרשיידענע צווייגן פון נאַטור־וויסנשאַפט האָבן זיך דאָרט געדרוקט, טעאָרעטישע אַרטיקלען איבער סאָציאַליזם, ווי אויך „לאָהן אַרבייט און קאַפּיטאַל״ פון קאַרל מאַרקס.

„יידיש״ האָט מען געקאָנט אָנרופן די שפּראַך פון דער דאָזיקער צייטונג, ווען מען האָט זי פאַרגליכן צו דעם לשון פון אַזעלכע שרייבער, וואָס האָבן געשריבן אין די „אידעשע גאַזעטען״, צי צו דעם לשון פון דער דעמאָלטדיקער יידישער בינע, אָבער ניט, ווען מען האָט זי פאַרגליכן צו דעם יידיש פון „די נייע צייט״.

די שרייבער פון אָט־דער צייטונג, הגם זיי זיינען געווען דער עיקר אויך אויסן מיט זייער שרייבן פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלערונג, האָבן געהאַט אַן אַנדער באַציאונג צום „זשאַרגאָן״ איידער די אַנדערע פון זייער קרייז; זיי האָבן אים אויך געוואָלט „פאַרפיינערן״ און „פאַראיידלען״ אויף זייער אופן...

אגב, האָט די דאָזיקע צייטונג אויך געדרוקט די ערשטע אַרבעטער־לידער פון מאָריס ראָזענפעלד.

ד.

אַ סך אַ בעסערן יידיש האָט געשריבן די צייטונג „דער פאָלקס־אַדוואָקאַט״, וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין צוויי יאָר שפּעטער, דאָס הייסט, אין 1888. די דאָזיקע צייטונג איז געווען אויך אַן אַרבעטער־פריינטלעכע און אַרויסגעגעבן געווען פון מייקל מינץ (מאַדאַם ליפּצינס מאַן) און פון אַ געוויסן ברוידא.

און דערפאַר האָט „דער פאָלקס־אַדוואָקאַט" פאַרמאָגט אַ בעסערן יידיש, ווייל דער רעדאַקטאָר פון דער דאָזיקער ציטונג איז געווען געציל זעליקאָ־וויטש — אַ שרייבער, ווי איך האָב שוין פריער באַמערקט, — מיט אַ גע־זונטן חוש פאַר דער יידישער שפּראַך, און אויך ווייל צווישן אירע שטענ־דיקע מיטאַרבעטער זיינען געווען אַב. קאַהאַן און דר. ה. זאָלאָטאַראָוו — שרייבער, וואָס האָבן דער עיקר געהאַט אינזינען „אויפצוקלערן און באַ־לערנען" זייערע לייענער, און דערפאַר האָבן זיי געשריבן „ווי די מאַמע האָט גערעדט" — ווי האַרקאַווי האָט זיך אויסגעדריקט.

שפּעטער האָבן די אַרויסגעבער פון דעם „פאָלקס־אַדוואָקאַט" אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ טאָג־צייטונג, דעם „יידישן העראָלד", פון וועלכער עס איז אַרויסגעוואָקסן מיט יאָרן שפּעטער, ד. ה. אין 1905, מילערס „די וואַרהייט".

אינעם „יידישן העראָלד" האָבן מיטגעאַרבעט סיי שרייבער, וועלכע האָבן זיך געפלייסט צו „פאַרפיינערן" דעם „זשאַרגאָן" מיט דייטשמערישער מליצה, ווי, למשל, בוקאַנסקי (בן פורת), וואָס ער איז יאָרנלאַנג געווען דער רעדאַק־טאָר און דער לייט־אַרטיקל־שרייבער און דער ראָמאַנען־שרייבער פון דער דאָזיקער צייטונג, און סיי אַזעלכע שרייבער ווי דער דעמאָלטדיקער יידי־שער אַנאַרכיסט מ. קאַטץ (בן אמוץ), וועלכער האָט געשריבן אַ פיינעם מאַמע־לשון, מחמת ער, ווי די אַנדערע יידישע רעוואָלוציאָנערן, איז מיט זיין שרייבן אויך אויסן געווען דער עיקר נאָר פּראָפּאַגאַנדע.

די אַנדערע שרייבער פון דעם „יידישן העראָלד", ווי הערמאַלין און יאָהאָן פּאַליי — דער שפּעטערדיקער זייער פּיאיקער רעדאַקטאָר פון „טאַ־געבלאַט" (אַ פּיאיקער, נאָר אַ צו־באַמבאַסטישער זשורנאַליסט געווען), — זיי האָבן אין יענער צייט אויך אונטערגעדייטשעוועט אין זייער שרייבן.

די שפּראַך פון דעם „יידישן העראָלד" איז דעריבער געווען אין יענער צייט אי אַ דייטשמערישע אי אַ יידישע.

איך וועל פאַרבייגיין די אַנדערע יידישע צייטונגען, וואָס זיינען דער־שינען אויף אַ ווײַלע אַרום יענער צייט, ווי די אַנאַרכיסטישע „וואַרהייט", למשל, וועלכע איז דערשינען אין 1889 און האָט געלעבט פינף חדשים, צי ווי דער אַנאַרכיסטישער „מאָרגנשטערן", וואָס אפרים לאָנדאָן (מאיר לאָנ־דאָנס פאָטער) האָט אַרויסגעגעבן אין 1890 און וועלכער האָט אויסגעהאַלטן 23 נומערן, און איך וועל זיך אָפּשטעלן ביי די צוויי צייטונגען — ביידע פּראָ־פּאַגאַנדע־צייטונגען — וואָס האָבן מיט זייער יידישן יידיש פאַרטריבן צום סוף דעם דייטש אויך פון די אַנדערע יידישע צייטונגען.

די דאָזיקע צוויי צייטונגען זיינען געווען „די אַרבעטער־צייטונג" און די דעמאָלטדיקע „פרייע אַרבעטער־שטימע".

אָט־דיביידע צײַטונגען זײַנען בפירוש דער „בראשית" פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

„די אַרבעטער־צייטונג" איז אַרויסגעגעבן געווען פון יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און די „פרייע אַרבעטער־שטימע" — פון יידישע אַנאַרכיסטן.

די „אַרבעטער צייטונג" האָט געהאַט מער דערפאָלג איידער די „פרייע אַרבעטער־שטימע". די מיטאַרבעטער אירע זײַנען געווען פּיאָניקערע און לעבעדיקערע שרייבער (אב. קאַהאַן, לואי מילער, מ. זאַמעטקין, מאָריס היל־קאָוויץ [דער שפּעטערדיקער הילקוויט] און שפּעטער — ב. פייגענבוים, יעקב גאָרדין, מאָריס ווינטשעווסקי, יעקב מילך). זי איז רעדאַקטירט געווען פון אַ מער־דערפאַרענעם זשורנאַליסט, פיליפ קראַנץ (יאַקאָוו ראַמבראַ), וואָס איז אין יענער צייט באַקאַנט געווען צווישן דער רוסיש־יידישער אינטעליגענץ דורך זײַן מיטאַרבעטערשאַפט אין די רוסיש־יידישע זשורנאַלן „ראַזסוועט" און „וואָסכאָד".

דער יידיש אין דער „אַרבעטער־צייטונג" איז פאַר יענער צייט געווען אַ ריינער און אַ לייכטער, סיידן, ווען אַ שרייבער האָט דאָרט געשריבן אַ טעאָרעטישן אַרטיקל, האָט ער אַמאָל על פּי נויט געמוזט מאַכן אַ הלוואה ביים דייטש...

ווי אַ ביישפּיל פאַר דעם יידיש אין דער „אַרבעטער צייטונג" וועל איך ציטירן עטלעכע שורות פון גאָרדינס אַ דערציילונג, וואָס איז געדרוקט געווען דאָרט, אין דער „אַרבעטער צייטונג" אין 1892, דאָס הייסט, אין דער אייגע־נער צייט, ווען די יידישע שרייבער פון די „אידעישע גאַזעטן" האָבן אַזוי הויך געדייטשעוועט:

„מיינע יסורים, שרעק, בזיונות און האַרצווייטאָג קאָן נאָר פאַרשטיין אַ מוטער פון קינדער, דאָס, וואָס איך האָב אין יענער צייט געפילט, קאָן פילן נאָר אַ מאַמע" (פון י. גאָרדינס אַ דערציילונג „דאָס צובראָכענע האַרץ").

פאַרגלייכט אָט־דעם יידיש מיטן לשון פון די „אידישע גאַזעטן" פון יענער צייט מיט דעם לשון וואָס איך האָב פריער ציטירט, און איר וועט באַלד דערזען דעם גרויסן אונטערשייד. און אַזאַ יידיש האָבן דאָרט געשריבן אויך די אַנדערע שרייבער.

ה.

אין מיינער אַ סעריע „אַ פערטל יאָרהונדערט", וואָס איז געדרוקט געווען אינעם „טאָג" אין 1920־1921, האָב איך שוין אַמאָל דערציילט, ווי אַזוי און פאַרוואָס פיליפ קראַנץ און לואי מילער האָבן געקעמפט פאַר יידיש אין דער אַמאָליקער „אַרבעטער צייטונג".

קראַנץ אַליין האָט עס מיר אַמאָל דערציילט.

די מעשה איז אַזוי געווען: אין דער „אַרבעטער צייטונג" איז אָנגעקו־מען אַרבעטן אַ זעצער, וואָס ער האָט פריער געאַרבעט אין די „אידישע גאַ־זעטן". דער דאָזיקער זעצער, אַ היימישער משכיל, האָט געהאַלטן, אַז אויף די יידישע שרייבער און צייטונגען ליגט אַ חוב צו „פאַרשענערן" דעם „זשאַר־גאָן" אויף דעם שטייגער פון די „אידישע גאַזעטען". און ער האָט געווירקט אויף די אַנדערע זעצער פון דער „אַרבעטער צייטונג" און זיי האָבן באַשלאָסן, ווען זיי וועט אויסקומען צו זעצן די קאָפּיע פון זייער צייטונג, זי אויך צו „פאַרשענערן" מיט דייטש. האָבן זיי זי „פאַרזאָנעוועט" און „פאַרמאָנדעוועט" און „פאַראונדעוועט" אָט אַזוי ווי די שפּראַך אין די „אידישע גאַזעטען", האָט צוליב דעם אויסגעבראָכן אַ מחלוקה צווישן דעם רעדאַקטאָר פון דער ציי־טונג, קראַנצן, און די זעצער.

און צום סוף האָבן די זעצער געגעבן אַן אולטימאַטום קראַנצן: „אָדער מען לאָזט זיי מאַכן פון דעם „זשאַרגאָן" אַ לייטישע שפּראַך, אַניט סטרייקן זיי!"

און זיי האָבן טאַקע דערקלערט אַ סטרייק אין דער „אַרבעטער־צייטונג".

דאַן האָבן פ. קראַנץ און לואי מילער „געסקעבט" קעגן די זעצער, און מ. זאַמעטקין האָט אויך צוגעהאָלפן, דאָס הייסט, זיי אַליין האָבן געזעצט די קאָפּיע פון דער „אַרבעטער־צייטונג", ביז די זעצער האָבן נאָכגעגעבן די פאָדערונג פון קראַנצן און מילערן — נישט צו „פאַרשענערן" דעם „זשאַרגאָן" בשעתן זעצן.

און זיכער האָט ניט קראַנץ און ניט לואי מילער און ניט זאַמעטקין דאָס געטאָן, ווייל זיי איז דאָס יידיש אַזוי טייער געווען. זיי האָבן דווקא ווייניקער געהאַלטן פונעם „זשאַרגאָן" איידער די אַנדערע פון זייער קרייז. זיי האָבן עס געטאָן, ווייל זיי האָבן — איך זאָג דאָס נאָך אַמאָל — געוואָלט רעדן אין אַ שפּראַך וואָס זאָל זיין פאַרשטענדלעך פאַר די „יידישע מאַסן".

שווערער און האַמעטנער איז געווען דער יידיש פון דער „פרייע אַר־בעטער־שטימע", הגם צווישן אירע הויפּט־מיטאַרבעטער זיינען געווען אָזעלכע שרייבער, ווי דוד עדעלשטאַט, מ. קאַטץ, ש. יאַנאָווסקי, ה. זאָלאָטאַראָוו, מעררי־סאָן און נאָך אַנדערע.

אפשר איז דאָס געווען דערפאַר, ווייל דידאָזיקע צייטונג האָט מער גע־וואָלט אויפקלערן די לייענער אירע דורך טעאָרעטישע אַרטיקלען און מחמת דעם האָט זי אָפט אַזוי שווער גערעדט.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע „אַרבעטער־צייטונג" און די אַנאַרכיסטישע „פרייע אַרבעטער־שטימע" האָבן באַקעמפט איינע די אַנדערע, און דער דאָ־

זיקער קאַמף האָט אַ סך גוטס אויפגעטאָן פאַר דער ווייטערער אַנטוויקלונג פון דער יידישער פרעסע און פון דער היגער יידישער ליטעראַטור.

ערשטנס, האָבן די חסידים פון איינער, אַזוי גוט ווי פון דער אַנדערער צייטונג, געאַרבעט ממש מיט מסירת־נפש פאַר זייער צייטונג. זיי האָבן זי פאַרשפּרייט אין די פאַבריקן און אין די לאָקאַלן, אויף די גאַסן און אין די הייזער און געלערנט און צוגעוואוינט דעם יידישן עולם צום לייענען.

צווייטנס, כדי צו פאַראינטערעסירן דעם עולם אין דער צייטונג האָט מען אין איר אָנגעהויבן צו דרוקן לייכטערן שטאָף אויך, ווי ראָמאַנען און דער־ציילונגען.

קיין שונד האָט מען נאָך דעמאָלט ניט געזוכט צו געבן דעם לייענער, האָט מען געדרוקט פון די בעסטע ווערק אין דער אייראָפּייאישער און רוסי־שער ליטעראַטור.

צווישן די ערשטע ראָמאַנען, וואָס זיינען געדרוקט געווען אין דער „אַר־בעטער־צייטונג" זיינען געווען „סאַלאַמבאָ" פון פלאָבער און „זשערמינאַל" פון זאָלא („סאַלאַמבאָ" איז איבערגעזעצט געווען פון קראַנצן, און „זשערמינאַל" פון קראַנצן און ב. גאָרינען, אויב איך האָב ניט קיין טעות).

די ערשטע דערציילונגען, וואָס איך האָב געלייענט אין דער „אַרבעטער־צייטונג", זיינען געווען פון וול. קאָראָלענקאָ און פון א. טשעכאָוו (אין דער איבערזעצונג פון אַנאַ ברוינשטיין, דאַכט זיך, אַב. קאַהאַנס ווייב).

און דאָס האָט שוין ממילא געפירט צו דעם, אַז מען זאָל שפּעטער אָנ־הויבן צו דרוקן אָריגינעלע סקיצן און דערציילונגען פון אונדזערע ערשטע היגע יידישע בעלעטריסטן — פון ז. ליבין, יצחק גוידא (ב. גאָרין), פון יעקב גאָרדין און פון אַנדערע. שפּעטער הויבן זיך אויך אָן דאָרט צו דרוקן די סקיצן פון פלאי — י. ל. פרץ.

נאָכדעם, ווען די „אַרבעטער־צייטונג" הויבט אָן אַרויסצוגעבן אַ טאָג־צייטונג, „דאָס אָבענד־בלאַט", הויבן זיך אויך אין איר אָן צו דרוקן, אַחוץ די פריער־אויסגערעכנטע בעלעטריסטן — ז. לעווין (ז. לעשץ), דוד פינסקי (ד. פולס) און מיין אייגענע ווייניקייט.

אויף אַזאַ אופן האָט זיך אַ יידישע ליטעראַטור גענומען שאַפן, וועלכע האָט ניט נאָר יידיש גערעדט, נאָר געטראַכט און געפילט, געלאַכט און געזיפצט יידיש...

די „פרייע אַרבעטער שטימע" דרוקט אויך ליטעראַטור, אַזוי ווי די אַנ־דערע יידישע צייטונגען, וואָס ווערן ביסלעכווייז „דייטש־ריין" אונטער דער ווירקונג פון דער יידיש־סאָציאַליסטישער פרעסע.

ו.

נייע דיכטער באַווייזן זיך, אַחוץ ד. עדעלשטאַט און מ. ראָזענפעלד און מאָריס ווינטשעווסקי, און נייע בעלעטריסטן, אַחוץ די פריער־דערמאָנטע. אין דער „פרייע אַרבעטער־שטימע" דרוקט זיך י. באָווּשאָווער, אין דער „אַרבע־טער־צייטונג" און אין „אָבענד־בלאַט" און אין דער „צוקונפט" דרוקן זיך — היינט פאַרגעסענע דיכטער: באַבאַד, לעמפערט, בנימין ראָזענבלום, ווי־ליאַם קייזער און נאָך אַנדערע. און שפּעטער הויבן זיך אָן צו דרוקן אין דער „צוקונפט" די לידער פון א. ליעסין און אויך פון ה. רויזענבלאַט. אין „טאַגעבלאַט" און אין דעם „יידישן העראַלד" דרוקן זיך די לידער פון יהואָש, שאַרקאַנסקי, ווי די דערציילונגען פון יצחק רייז (שפּעטער — משה נאַדיר). אין דער לעצטער צייטונג דרוקן זיך אויך די סקיצן פון איסר גינזבורג (דעם היינטיקן דר. איסר גינזבורג) און פון ז. קאָרנבליט, און אין „טאַגעבלאַט" — אויך די סקיצן און פעליעטאָנען פון תשר"ק.

אין פילאַדעלפיע דערשיינט אַרום דער צייט אַ טאָג־צייטונג „די פילאַ־דעלפיער שטאָט־צייטונג", אין וועלכער עס לאָזן זיך אַמאָל הערן שלום־עליכם, פון רוסלאַנד ש. פרוג און אויך אברהם רייזען.

קורץ: אַ באַזעלט יידיש וואָרט, נישט סתם יידיש, נאָר אַ יידיש וואָרט פון טאַלאַנט באַזעלט, האָט גענומען שפּראָצן און בליען ביי אונדז אין אונ־דזערע היגע יידישע צייטונגען.

נישט נאָר אַ פּרעסע, וואָס האָט יידיש גערעדט, איז באַשאַפן געוואָרן, נאָר אויך יידישע בעלעטריסטיק און פּאָעזיע, וואָס אפילו די פיינסטע קונסט־קריטיקער קאָנען ניט אַוועקמאַכן אונטער דער האַנט.

אַחוץ דעם איז ביי אונדז באַשאַפן געוואָרן גאָר־גאָר אַ רייכע איבער־זעצטע ליטעראַטור. צענדליקער און צענדליקער ווערק פון די באַרימטסטע וועלט־קינסטלער זיינען ביי אונדז דאָ איבערזעצט געוואָרן מיט דער גרעס־טער ליבע און אַכטונג צום ווערק, וואָס מען האָט איבערזעצט. ל. נ. טאָלסטאָי, א. טורגעניעוו, פ. דאָסטאָיעווסקי, א. טשעכאָוו, ל. אַנדרייעוו, וו. קאָראָלענקא און נאָך אַנדערע באַרימטע רוסישע שריפטשטעלער, ווי די פראַנצויזישע באַרימטע שריפטשטעלער: פלאָבער, זאָלאַ, גיו. מאָפּאַסאַן, און ווי די באַ־רימטע דייטשע שריפטשטעלער, זיינען פון אונדז דאָ איבערזעצט געוואָרן אין יענער צייט.

אפילו מאַקסים גאָרקיס ערשטע דערציילונגען ווי „מאַקאַר טשודראַ", „פּיעסניאַ סאָקאָלאַ" א. אַז. וו., זיינען ביי אונדז דאָ איבערזעצט געוואָרן אין יענער צייט פריער איידער זיי זיינען איבערזעצט געוואָרן אין וועלכער ניט־איז אַנדער שפּראַך.

שרייבער און לייענער האָבן מיט דער צייט געגומען גלויבן אין דעם קיום פון דער יידישער ליטעראַטור און אין די רעכט פון דער יידישער שפּראַך. דערביי וויל איך באַמערקן, און טאַקע אונטערשטרייכן אויך, אַז נאָך פאַר דער טשערנאָוויצער שפּראַכן־קאָנפערענץ (1908) איז דאָ אין ניו־יאָרק (אַרום 1904) אויף אַ קאָנפערענץ פון יידישע שרייבער אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, אַז מיר באַטראַכטן יידיש פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער שפּראַך.

די דאָזיקע רעזאָלוציע איז דערנאָך אָפּגעדרוקט געוואָרן אינעם פּעטערבורגער „פריינד" אין יענער צייט.

ז.

אַזוי האָבן באַשאַפן אונדזער פּרעסע, וואָס האָט גענומען רעדן אַ יידישן יידיש, און צוזאַמען מיט איר — אונדזער היגע יידישע ליטעראַטור, דווקאָ מענטשן, וואָס האָבן „זשאַרגאָן" פאַראַכט; וואָס האָבן יידיש גענומען רעדן און שרייבן על פּי נויט; וואָס האָבן נישט נאָר אין זיין קיום ניט געגלויבט, נאָר אפילו ניט, אַז ער וועט דערלעבן אַ פאַר־צענדליק יאָר!

זיי, די דאָזיקע אימיגראַנטן־רעוואָלוציאָנערן, האָט זיך זיכער ניט גע־חלומט, בעת זיי האָבן דאָ אָנגעהויבן רעדן און שרייבן „זשאַרגאָן", אַז זיי זיינען זייער און פלאַנצער פון אַ נייער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

ווילד און משוגע וואָלט דאָס זיי אויסגעזען, אַזוי משוגע, ווי ווען מען וואָלט זיי דעמאָלט, למשל, געזאָגט, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען די ציר־קולאַציע פון יידישע צייטונגען וועט זיך ציילן אין די צענדליקער טויזנ־טער, אָדער אַז אַ יידישער שרייבער וועט אַמאָל פאַרדינען מער ווי זיבן־אַכט דאָלער אַ וואָך שכירות, און דווקאָ אין מזומנים!...

וואָלטן זיי זיך אַזאַ זאַך געקאָנט פאָרשטעלן — ווער ווייסט? — וואָלט זיי אפשר דעמאָלט אויך איינגעפאַלן זיך צו באַציען אַנדערש צום „מיאוסן זשאַרגאָן", ערנסטער און מיט מער דרך־ארץ — און זיי וואָלטן זיך אויך געפלייסט צו „פאַרפיינערן" און „פאַראיידעלן" אים, ווי די שרייבער פון די „אידישע גאַזעטן", צי ווי די פאַרפאַסערס און אַקטיאָרן פון דער דעמאָלט־דיקער יידישע בינע — מיט דייטש, הייסט עס.

ווי איר זעט, האָט יידיש און יידישע ליטעראַטור ביי אונדז אין אַמעריקע געהאַט גאָרניט קיין יידישן מזל...

עס וואָלט כדאי געווען צו וויזן, מיט וואָס אונדזער היגע יידישע לי־טעראַטור פון יענער צייט אונטערשיידט זיך פון דער עלטערער יידישער לי־טעראַטור אין רוסלאַנד, וואָס פאַר אַ נייע מאָטיוון זי האָט אַריינגעבראַכט אין

דער אַלגעמיינער יידישער ליטעראַטור. דער דאָזיקער ענין איז ביי אונדז כמעט אינגאַנצן ניט אויסגעפאָרשט; אפילו אונדזערע ליטעראַטור־קריטיקער זיינען ווייניק באַקאַנט מיט אָט־דעם זייער וויכטיקן ענין. וועל איך פּרואוון ביי אָט־דער געלעגנהייט אין קורצן און אין הויפּט־שטריכן אָנווייזן אויף דעם.

אונדזער יידיש־אַמעריקאַנישע ליטעראַטור האָט זיך איר אייגענע געשיכטע. זי איז ניט קיין פאָרזעצונג פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד (פאַקטיש האָבן מיר, די שאַפער פון אונדזער היגער יידישער ליטעראַטור, גאָרניט געקענט די יידישע ליטעראַטור אין רוסלאַנד אין יענער צייט). אונדזער היגע יידיש־אַמעריקאַנישע ליטעראַטור, וואָס מיר האָבן דעמאָלט געשאַפן, איז גיכער אַ המשך פון דער אייראָפּייאישער און רוסישער ליטעראַטור, איידער פון דער יידישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד.

און זי איז געווען אַ ליטעראַטור פון אַ נייעם יידישן לעבן, פון אַ נייער יידישער סביבה, פון דעם טענעמענט־הויז אין אַמעריקע, און פון דעם שאַפּ, און פון דעם יידישן אַרבעטער, און פון דעם יידישן יוניאָן־מאַן — קורץ, פון אַ לעבן, וואָס איז דער רוסיש־יידישער ליטעראַטור אינגאַנצן אומבאַקאַנט געווען.

וואָס איז שייך דעם יידישן רעוואָלוציאָנערן טיפּ, האָט ער געפונען זיינע שילדערער נאָר צווישן אונדז, די שאַפער פון דער היגער יידישער ליטעראַטור. דאָס זעלבע די נייע יידישע פרוי. אפילו די ליבע אין דער פאָרם, ווי זי ווערט היינט געשילדערט אין אונדזער יידישער ליטעראַטור, איז שוין ביי אונדז, אין דער ליטעראַטור וואָס מיר האָבן דאָ־הי געשאַפן, אויך אַן אַלטע געשיכטע.

אויך איז דער וועלטלעכער ראָמאַן אין יידיש פון אונדז דאָ געשאַפן געוואָרן. דאָס גיבן אויך צו די קריטיקער אונדזערע, וואָס זיי זיינען מער אָדער ווייניקער באַקאַנט מיט אונדזער אַרבעט.

אפילו בעל־מחשבות, ווען ער האָט דאָ געדרוקט אינעם „מאָרגן־זשורנאַל" „וועגן 25 יאָר יידישע ליטעראַטור", האָט אָנגעוויזן דאָרט אויף דעם יידישן פאָלקס־טיפּ, וואָס מיר האָבן די ערשטע אַרויסגעבראַכט אין אונדזער היגער ליטעראַטור.

מיר האָבן געהאַט — האָט ער אומגעפער געשריבן אין יענעם אַרטיקל — אין אונדזער יידישער ליטעראַטור יידן שיינע, יידן מיוחסים, יידן וואוילערנער. עס האָבן אָבער געפעלט דאָרט מענטשן געזונטע, פאָלקס־מענטשן מיט שטאַרקע מוסקולן, ביז עס איז געקומען דער פישער־יונג יאַנקל בוילע מיט זיינע חברים און נאָכדעם די פאָלקס־מענטשן פון שלום אַשעס קוילער־

געסל, און די יידישע ליטעראַטור האָט באַקומען אויך אַ פּאָלק מיט געזונטע מענטשן.

די אייגענע שרייבער יענע האָבן געשאַפן אונדזער בעסטן יידישן טע־אַטער, וואָס איז ביז היינט ביי אונדז געווען — אַ טעאַטער, וואָס מען האָט אים אין יענער צייט געהאַלטן פאַר דעם בעסטן אין אַמעריקע; וואָס פּראָפע־סאָרן פון קאָלומביע אוניווערסיטעט האָבן אין יענער צייט געלייענט לעקציעס וועגן אים פאַר זייערע סטודענטן, און וואָס שרייבער אַזעלכע, ווי ישראל זאַנגוויל און דזשאַן קאָרבין, האָבן וועגן אים געשריבן אין די ענגלישע צייטונגען.

האָט דאָך ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק דער זעלביקער דזשאַן קאָרבין, אַ היסטאָריקער פון דעם אַמעריקאַנישן טעאַטער און אַ לאַנג־יאָריקער קעמ־פער פאַר דער בעסערער פּיעסע אויף דער אַמעריקאַנער בינע, געשריבן אין „האַרפּערס מאַגאַזין", אַז דאָס בעסטע, וואָס די אַמעריקאַנישע בינע פאַר־מאָגט, איז געשאַפן געוואָרן אונטער דער השפעה פון דעם אַמאָליקן יידישן טעאַטער אויף דער באַוערי...

אָט דאָס איז, אין קורצן, די געשיכטע, ווי ס'איז דאָ געשאַפן געוואָרן אונ־דזער היגע יידישע ליטעראַטור.

(פון אַ רעפעראַט, געהאַלטן אויף דער איקוף־קאָנפערענץ אין ניו־יאָרק, מערץ 1943)

לעאָן און פּאָליאַ קאָברין און זייער זון נייטן

דר. נייטן קאָברין און זיין פרוי עלענאָר
דר. קאָברין איז געשטאָרבן דעם 12טן אַפּריל, 1965.

רפאל קאָברין — איינציקער זון פון
דר. נייטן און עלענאָר קאָברין.

לאַורא טאַובען, טאָכטער פון
לעאָן און פאולינע קאָברין.

דשודיטה (יהודית) קאָברין־בראון,
טאָכטער פון דר. נייטן און פרוי עלענאָר
קאָברין; עלטסטע אייניקל פון לעאָן קאָב־
רין. געשטאָרבן אין עלטער פון 39 יאָר,
דעם 27טן מאַי, 1963.

סטעלא ריווקין, עלטערע טאָכטער
פון די קאָברינס, געשטאָרבן אויגוסט
28, 1961.

דר. נייטן קאָברין



דר. נייטן קאָברין האָט אויסער זיין יחוס אבות, ווי דער עלטסטער זון פון באַרימטע שרייבער, פאַרמאָגט אויך אַ יחוס־עצמו. ער אַליין איז געווען אַ וויכטיקע פערזענלעכקייט און האָט געקאָנט האַלטן אַ פען אין האַנט. אין זיין דענטיסטישער פּראָפעסיע האָט ער פאַרנומען אַן אָרט אויבנאָן סיי אַלס אָרגאַניזאַטאָר, סיי אַלס שרייבער, סיי אַלס רעדאַקטאָר פון וויכטיקע פּראָפעסיאָנעלע זשורנאַלן.

זייענדיק אַ הי־געבוירענער און אַ שטאַרק־פאַרנומענער מענטש, האָט ער דאָך שטענדיק געפונען צייט פאַר זאַכן, וואָס האָבן אַ שייכות צו יידישער קולטור, ספּעציעל — צו יידישער ליטעראַטור. ער האָט געלייענט אַלץ, וואָס זיין פאָטער האָט געשריבן און זיין מוטער האָט איבערגעזעצט. די לעצטע 2 יאָר איז ער געווען אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין העלפן אַרויסגעבן אין בוכפאָרם דעם צווייטן טייל פון לעאָן קאָברינס „מיינע 50 יאָר אין אַמעריקע". דאָס האָט אים געבראַכט צום איקוף. פון דעמאָלט־אָן איז ער געוואָרן אַן אָפטער אַריינגייער אין איקוף. זיין פרייד איז געווען גרויס, ווען מ'האָט אים געזאָגט, אַז עס איז שוין נאָענט, אַז אָט־אָט און דאָס בוך וועט זיין אינגאַנצן פאַרטיק.

זיין לעצטער באַזוך אין איקוף איז געווען פרייטיק, דעם 9טן אַפּריל, און מאָנטיק, שפּעט ביינאַכט, איז ער שוין געווען טויט!

אַ גרויסער ווייטיק, וואָס דער ליבער מענטש און געטרייער זון האָט ניט דערלעבט צו זען זיין פאָטערס ווערק אין בוכפאָרם. זאָל זיין שיין און נוצלעך לעבן זיין אַ טרייסט צו זיין ליבער פרוי עלענאָר, צו זיין זון רפאל און צו זיין שוועסטער לאַורא.

כבוד זיין ליכטיקן אָנדענק!

דר. נייטן קאָברין

מיינע עלטערן — לעאָן און פּאַולינע קאָברין

דער צווייטער באַנד פון לעאָן קאָברינס „מיינע 50 יאָר אין אַמעריקע", איז דאָס פערטע בוך, וואָס דערשיינט נאָכן טויט פון לעאָן קאָברין אין 1946 — צוויי וואָכן נאָך זיין 74־סטן געבוירנטאָג. דאָס ערשטע בוך איז געווען „דער פאַרלאָרענער ניגון", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן „פאַרלאַג איקוף" אין 1948; דאָס צווייטע — „די דראַמאַטישע שריפטן פון לעאָן קאָברין" — איז אַרויס אונטער דער אויפזיכט פונעם „לעאָן קאָברין בוך־קאָמיטעט" אין 1952; דאָס דריטע — דער ערשטער באַנד פון קאָברינס „מיינע פופציק יאָר אין אַמעריקע" — איז דערשינען אין אַרגענטינע אין 1955 אַדאַנק דער איבערגעגעבנקייט און אומדערמידלעכער ענערגיע פון אונדזער מוטער פּאַולינע קאָברין, וועמען דער פאָטער האָט שטענדיק גערופן מיטן פאַרצוי־גענעם נאָמען פּאַליאַ.

דאָס איצטיקע בוך — דער צווייטער באַנד פון „מיינע פופציק יאָר" — איז לכתחילה געווען געדרוקט אין פאַרזעצונגען אין דער ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרייהייט" נאָך ביי מיין פאָטערס לעבן. אַדאַנק דעם איקוף־פאַרלאַג גייט עס איצט אַרויס אין בוכפאָרם.

דידאָזיקע צוויי בענד זיינען אַ קוואַל פון וויסן און פאַרגעניגן. עס ווערן אין זיי געגעבן קינסטלערישע שילדערונגען פון דעם יידישן אימיגראַנטישן לעבן ביי אונדז אין לאַנד. עס ווערט דערציילט וועגן זייער שווערן עקאָ־נאָמישן לעבן און אויך וועגן דעם, אַז פון סאַמע אָנהייב אָן האָבן זיי גענומען פאַרזייען קערנער פון אַ קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס האָט זיך שפּע־טער אַזוי וואונדערלעך פאַנאַנדערגעבליט אין אַן עכטער אייגנאַרטיקער יידי־שער קולטור אין אַמעריקע. און דאָס אַלץ ווערט געשילדערט פון אַ קינסט־לער, וואָס האָט זיך אַליין אַקטיוו באַטייליקט און געהאָלפן ברענגען דעם קול־טורעלן אויפשוואונג.

„מיינע פופציק יאָר אין אַמעריקע" איז אַ טיף־מענטשלעכער דאָקומענט און אין אַ געוויסן זינען — אַ סאָציאָלאָגישע געשיכטע פון אונדזערע יידישע אימיגראַנטן דאָ אין לאַנד אין די ערשטע פופציק יאָר פון היינטיקן יאָר־הונדערט.

מ״ין מוטער האָט ניט איין מאָל גערעדט וועגן די קורצע דערציילונגען, וואָס מיין פאָטער האָט אָפּגעדרוקט אין פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן. דערביי האָט זי אויסגעדריקט אַ וואונטש און אַ האָפענונג, אַז ווען עס איז וועט מען זיי צונויפזאַמלען און אַרויסגעבן אין אַ באַנד „קורצע דערציי־לונגען פון לעאָן קאָברין". זי האָט אים געהאַלטן פאַר אַן אויסגעצייכנטן

שרייבער פון קורצע דערציילונגען.ליידער איז איר וואונטש נאָך ביז איצט ניט דערפילט געוואָרן.

געוויס וועט מען פרעגן פאַרוואָס עס האָט געדויערט 9 יאָר פון דעם ערשטן באַנד „פופציק יאָר" ביז דעם צווייטן? געבן אַ פולן ענטפער וואָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ, און ס'איז גאָרניט נויטיק. ס'איז גענוג, אַז מען דערמאָנט די הויפּט־סיבות, און דאָס זיינען געווען: אייניקע אינטים־פּערזענלעכע אָנגעלעגנהייטן, און, דער עיקר, אונדזער מוטערס געזונט־צושטאַנד. אין די לעצטע עטלעכע יאָר פון איר לעבן האָט זי זיך האַסטיק געעלטערט, געוואָרן אַלץ שוואַכער און שוואַכער. זי האָט זיך שוין ניט געקאָנט פאַרנעמען מיט דער שווערער און פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט פון צוגרייטן די מאַנוסקריפּטן, רעדאַגירן זיי און בכלל אויפפּאַסן, אַז דאָס בוך זאָל אַרויסגיין ווי עס באַדאַרף צו זיין.

זיינען זיך געלאָפן די וואָכן און חדשים ביז דער בייזער מזל האָט אַראָפּגעלאָזט זיין גרויזאַמע האַנט אויף אונדזער משפחה. אין משך פון ניט מער ווי צוואַנציק חדשים האָט דער טויט אונדז דריי מאָל באַזוכט. צום ערשטן האָט ער אַוועקגעריסן פון אונדז אונדזער שוועסטער סטעלאַ; שפּעטער — אונדזער מוטער, און נאָך שפּעטער — מיין אייגענע אייניציקע טאָכטער דזשודיטה (יהודית) — אַ יונגע פרוי פון 39 יאָר, אַ מוטער פון צוויי קינדער.

די דאָזיקע דרייפאַכע טראַגעדיע האָט אונדז מוראדיק צעטרייסלט. דעם פאָטערס מאַנוסקריפּטן זיינען, ווי פריער, געלעגן אין שופלאָד פון זיין שרייבטיש, אָבער אונדזער מוטער האָט שוין ניט געקאָנט זאָרגן וועגן זיי. איצט מוז עס ווערן אונדזער זאָרג! און וואַרטן און אָפּלייגן אויף שפּעטער טאָר מען ניט, ווייל ווער ווייס ווי לאַנג אונדז איז געבליבן צו לעבן?...

איז טאַקע גוט, וואָס דורך אַ פאַרשטענדיקונג מיט נחמן מייזיל, דעם רעדאַקטאָר פון „יידישע קולטור" און איקוף־פאַרלאַג האָבן מיין פאָטערס מאַנוסקריפּטן ענדלעך געפונען דעם געהעריקן תיקון.

יואל ענטין, אַ נאָענטער פריינט פון מיינע עלטערן אַ לעבן־לאַנג, האָט מיר געזאָגט בעת מיר זיינען געפאָרן אויפן בית־עולם צום פאָטערס לוויה:

— נייטן, — האָט ער געזאָגט, — מעגלעך, אַז איצטער פאַרשטייסטו ניט דיין טאַטן, אָבער מיט די יאָרן, אַז דו וועסט ווערן עלטער, וועסטו אים פאַרשטיין. — יואל ענטין איז געווען גערעכט — ניט בלויז בנוגע מיין פאָטער, נאָר אויך בנוגע מיין מוטער. זייערע פּערזענלעכקייטן זיינען אַלץ העכער געשטיגן אין מיינע אויגן. זיי זיינען געוואָרן קאָלאָסאַלע פיגורן. קיין שום פּאָרל פון אַ סיאַמער צווילינג וואָלטן ניט געקאָנט זיין אַזוי ענלעך אייגער

צום אַנדערן, ווי מיינע עלטערן זיינען געווען — אין געדאַנקען, אידייען, אידעאַלן און שטרעבונגען.ביידע זיינען געווען גליין פאַרליבט אין ליטע־ראַטור — דער עיקר — יידישע ליטעראַטור. זייער שעפּערישע ליטעראַ־רישע אַרבעט איז געווען דער אַלצדינג אין זייער לעבן. ניט איין מאָל איז זיי אויסגעקומען שפּאַרן זיך איבער אַ וואָרט, איבער זיינע פאַרשיידענע ניואַנסן, אָדער וועגן דער שילדערונג פון אַ געוויסן כאַראַקטער אין דעם פּאָטערס אַ ראָמאַן אָדער פּיעסע. מיין מוטער איז געווען זייער אַ שטרענגע קריטיקערין. איר ליטעראַרישער געהער איז געווען אַזוי סענסיטיוו און שאַרף צו מענטשן וואָס זיינען געשילדערט אין ביכער, וועמען זי האָט טיפער באַ־גריפן ווי מענטשן פון פלייש און בלוט, מיט וועלכע איר פלעגט אויסקומען באַגעגענען זיך אין טאָג־טעגלעכן לעבן.

ביים שרייבן האָט מיין פאָטער ליב געהאַט שטיל אונטערברומען עפּעס אַ ניגונדל. וואָס גרעסער די אינספּיראַציע, אַלץ העכער האָט זיך געהויבן זיין קול. ער האָט געאַרבעט אויף אַ לאַנגן מאַהאָגאַני פּירקאַנטיקן שרייבטיש, וואָס איז געווען פאַרדעקט מיט אַ דיקער גלאָז. מיין איינדרוק איז געווען, אַז ער האָט געהאַט שוועריקייטן ביים אָנהייבן אַ נייע זאַך. ער האָט געקאָנט אָנשרייבן אַ זאַץ, אַמאָל אפילו אַ האַלב־זייטל, אָפּשטעלן זיך, אויפהערן, אַוועק־וואַרפן דאָס אָנגעשריבענע און נעמען זיך שרייבן אויפדאָסניי. צייטנווייז איז דער דיל אַרום זיין שטול געווען באַדעקט מיט אַזעלכע אָנגעוואָרפענע בלעט־לעך פּאַפּיר.

נאָר האָט ער שוין געמאַכט דעם געהעריקן אָנהייב, איז שוין די אַרבעט ביי אים אַוועק מיט דער שנעלקייט פון אַ ווילכער. דאָס אונטערברומען האָט זיך שוין לעבעדיק געטראָגן איבערן הויז און דער קול האָט זיך ריטמיש גע־הויבן און געפאַלן לויט דער מעלאָדיע. און זיין פען איז האַסטיק געלאָפן אי־בער ווייסן פּאַפּיר, ווי געיאָגט פון אַ געהיימען אינערלעכן עלעקטרישן מאָטאָר.

אין זיינע יינגערע יאָרן האָט ער גערויכערט דריי פּעקלעך סיגאַרעטן אַ טאָג, אָבער נאָכן האָבן אַ האַרץ־אַטאַק אין זיינע מיטעלע פופציקער יאָרן, האָט ער דאָס רויכערן אינגאַנצן אויפגעגעבן.

איך דערמאָן זיך, אַז איין מאָל, אונטער דעם איינפלוס פון אַ שטאַרקן שטראָם ענערגיע, האָט מיין פאָטער אָנגעשריבן אין משך פון דריי טעג אַ גאַנצע פיר־אַקטיקע פּיעסע. ווען יעקב אַדלער האָט געדאַרפט האָבן טאָלסטאָיס „לעבעדיקער מת" פאַר אַ פאָרשטעלונג, האָבן מיינע עלטערן געמאַכט די יידישע איבערזעצונג אין משך פון איין סוף־וואָך; דער פאָטער האָט גע־מאַכט איין אַקט און די מוטער — אַ צווייטן. און יעדער אַקט איז תיכף

אַוועקגעשיקט געוואָרן צו אַדלערן אין טעאַטער, די אַקטיאָרן זאָלן וואָס גיכער זיך באַקענען מיט זייערע ראָלן.

פאַקטיש האָבן מיר אין משך פון אַ סך יאָרן געהאַט ביי אונדז אין הויז צוויי שרייבער: דער טאַטע איז געווען דער דראַמאַטורג און די מאַמע — די איבערזעצערין פון אַנדערע שפּראַכן אויף יידיש. עס איז צווישן זיי געווען אַ מין ניט־געשריבענער אָפּמאַך, אַז די מאַמע זאָל אַרויסהעלפן מיט די איבערזעצונגען כדי דער טאַטע זאָל האָבן מער צייט צו שאַפן דראַמאַטישע ווערק פאַר דער יידישער בינע. דידאַזיקע צייט איז מסתמא געווען

לעאָן קאַברין
און זיין פרוי פאולינע.

לעאָן איז געשטאָרבן מערץ 31, 1946; פאולינע — אויגוסט 29, 1961.

די גליקלעכסטע אין זייער צוזאַמענלעבן;ביידע זיינען געווען ליטעראַריש פּראָדוקטיוו און אויף אַ פעסטן עקאָנאָמישן באָדן.

דער טאַטע האָט ליב געהאַט מענטשן, איבערהויפּט דעם פשוטן מענטשן, דעם מענטש אָן פּרעטענזיעס. ער האָט געפילט אַ נאָענטקייט צו אים און באַציגן זיך צו אים מיט סימפּאַטיע און מיט מיטלייד.

וואו קאַברין האָט זיך ניט געפונען, האָט ער אַלעמאָל געהאַט אַן עולם אַרום זיך — מעג עס זיין אויף וואַקאַציע, אויף אַ טיר אָדער גאָר אין דער

קאָפּע. ער איז געווען אַ גלענצנדער מעשה־דערציילער, אַן אויסגעצייכנטער פּאַרלייענער און — ווען מען האָט געדאַרפט — אויך אַ גוטער צוהערער. טעאַטער־דירעקטאָרן און מענעדזשערס האָבן אים ניט איין מאָל געזאָגט: „ווען איר לייענט־פאָר אייער אַ פּיעסע האָט זי גאָר אַן אַנדער טעם".

דאָך האָט ער געהאַט ווייניק נאָענטע פריינט. ווען איך קוק צוריק אויף יענער צייט דערמאָן איך זיך וועגן אַ צאָל פון זיינע פריינט: יואל ענטין, דר. חיים זשיטלאָווסקי, אברהם רייזען, דר. אייב קאַספּע, לעאָנטיעוו־מאָיסייעוו, דר. דזשעיקאָב העלד, וויליאַם עדלין, דר. א. קאָראַלניק, ש. ניגער פאַר אַ שטיקל צייט, ב. וולאַדעק, דר. טשאַרלס רוסיאַנאָוו, דר. ראָזענסאָן. אין די לעצטע יאָרן — אויך דר. מ. סודארסקי, ב. צ. גאָלדבערג און דר. שלמה סיימאָן. מעגלעך, אַז דער קינסטלער אין אים האָט ניט דערלאָזן, אַז צווישן אים און זיינע פריינט זאָלן געשאַפן ווערן ענג־נאָענטע פריינטשאַפטלעכע באַציאונגען.

וואָס שייך קרובים דאָ אין לאַנד, האָט ער פאַרמאָגט נאָר איין קוזינע אין די בראָנקס, און ער האָט זי זעלטן געזען. אין רוסלאַנד האָט ער אי־בערגעלאָזט דריי שוועסטער, פון וועלכע צוויי זיינען געווען דאָקטוירים און איינע — אַ דאַנטיסטקע; אויך צוויי ברידער. די צוויי ברידער און די שוועסטער די דאַנטיסטקע האָבן פאַרבראַכט אין ניו־יאָרק אַ יאָר אָדער צוויי און צוריקגעקערט זיך קיין רוסלאַנד. מיט יאָרן שפּעטער האָט זיך דער טאַטע דערוואוסט, אַז דער זון פון זיין יינגסטן ברודער איז געוואָרן אַ פּראָמינענטער שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

לעאָן קאָברין איז געוואָרן אַ בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין 1905. ער האָט דעמאָלט געקליבן זיך פאָרן קיין אויסלאַנד. און אָט איז געקומען דער טאָג ווען אַלצדינג איז געווען גרייט פאַר דער רייזע: די בי־לעטן, דער באַגאַזש, ווי אויך די קאָרעספּאָנדענט־קאַרטלעך פון „טאַגעבלאַט" און „מאָרגן־זשורנאַל". אָבער דער אימפּולסיווער לעאָן קאָברין האָט פּלוצ־לינג חרטה געהאַט און איז געבליבן אינדערהיים. די סיבה דערפון איז מיר ניט געווען באַקאַנט.

קיין רייזנדער, ווי אַנדערע שרייבער און קינסטלער, איז מיין פאָטער קיינמאָל ניט געווען. ער האָט ליב געהאַט פאַרברענגען די זומערס אין די קעטסקיל בערג, וואו דער אייגנטימער פון האָטעל פלעגט אויפשטעלן פאַר אים אַ טישל אין דערבייאיקן וועלדל אָדער ביים ברעג פון אַ לויפנדיקן וואַסערל (טייכל). דאָרטן פלעגט דער פאָטער פאַרברענגען ביחידות אַ פּאָר שעה יעדן טאָג; דאָרטן איז זיין פען שנעל־שנעל געלאָפן איבערן ווייסן פּאַפּיר און געשאַפן אַ היפּש ביסל זאַכן, וואָס זיינען אים געווען אייגן און

טייער. די געסט פון האָטעל האָבן אים ניט געשטערט. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַ שרייבער דאַרף אַמאָל האָבן אָפּגעזונדערטקייט. און זיי האָבן געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר דעם שרייבער לעאָן קאָברין.

אויסער די קעטסקיל־בערג האָט ער אַ ווינטער אָדער צוויי פאַרבראַכט אין פלאָרידע, און עטלעכע חדשים אין קאַליפאָרניע. קיין אייגענעם אויטאָ־מאָביל האָט ער קיינמאָל ניט פאַרמאָגט, אָבער ווען ער איז געווען אַוועק פון דער היים, האָט ער מיט פאַרגעניגן אָנגענומען איינלאַדונגען פון פריינט דורכצופאָרן זיך מיט זיי אין זייערע אויטאָמאָבילן איבער די ברייטע שליאַכן און אָנקוקן די פיינע, קאַליפאָרניער אַמעריקאַנער לאַנדשאַפטן.

ווען די יידישע ליטעראַרישע וועלט האָט אין 1945 געפייערט קאָברינס גאָלדענעם יובילײ, זיינען לכבוד אים איינגעאָרדנט געוואָרן יום־טובדיקע פאַרזאַמלונגען ניט נאָר אין ניו־יאָרק, נאָר אויך אין אַ צאָל אַנדערע שטעט, ווי פילאַדעלפיע, דעטראָיט, שיקאַגאָ, מילוואָקי. אויף די אַלע פייערלעכע פאַרזאַמלונגען האָט קאָברין געדאַרפט פּערזענלעך דערשיינען. ביי זיין דע־מאָלטדיקן געזונט־צושטאַנד, וואָלט עס געווען צו־שווער. ער האָט זיך גע־נויטיקט אין דער אויפפּאַסונג פון אַ יינגערן מענטשן. מיין פרוי, עלענאָר, האָט אָנגעבאָטן צו ווערן זיין באַגלייטערין אויף זיין טור. מיין פאָטער האָט מיט צופרידנקייט אָנגענומען דעם אָנבאָט פון זיין שנור, צו וועלכער ער איז געווען שטאַרק צוגעבונדן. די רייזע איז געווען אַ דערהויבנדיקע איבערלע־בונג סיי פאַרן פאָטער סיי פאַר מיין פרוי. שפּעטער, נאָך זייער פאַרענדיקן דעם טור, האָט מיין פרוי געקראָגן אַ בריוו פון מיין מוטער, אין וועלכן זי שרייבט: איך דאַנק דיר זייער פאַר דיין וואונדערלעכן אויפפּאַסן אויפן פאָטער. ער זאָגט, אַז דו האָסט זיך געזאָרגט וועגן אַלע זיינע באַקוועמלעכ־קייטן. ער איז געקומען אַהיים אַ דערפרישטער און אין אַ געהויבענער שטימונג...״

ליידער האָט די דערהויבענע שטימונג לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. אין עט־לעכע חדשים אַרום האָט אַ פאַטאַלע קראַנקהייט אַוועקגעריסן אים פון אונדז...

לעאָן קאָברין איז געווען אַ פעסט איבערצייגטער נאַציאָנאַליסט און סאָציאַליסט. דאָס האָט אים ניט געשטערט צו זיין אַ האַרעלע אָבערגלוי־בעריש. ער האָט ניט אָנגעהויבן קיין שום אַרבעט אין אַ מאָנטיק.

ער איז ניט געווען אָנגעשלאָסן אָן קיין שום סינאַגאָגע. אויך געדענק איך ניט, מ׳זאָל ביי אונדז ווען עס איז אָנצינדן שבת־ אָדער יום־טוב־ליכט.

פונדעסטוועגן, אין די ימים־נוראים, ווען אימיצער האָט אים איינגעלאַדן צו גיין מיט אים הערן דעם חזן זינגען כל נדרי, האָט ער די איינלאַדונג אָנגענומען. ער האָט ליב געהאַט מוזיק און ספּעציעל — יידישע נגינה. ווען דער גראַמאָפאָן האָט זיך גענומען פאַרשפּרייטן, האָט באָריס טאָמאַשעווסקי ביים דערפאָלגרייכן אויפפירן פון דעם טאַטנס אַ פּיעסע, פּרעזענטירט אים מיט אַ גראַמאָפאָן. דער טאַטע האָט אים געבראַכט אַהיים און געשפּילט אויף אים רעקאָרדס איינעם נאָכן אַנדערן ביז אין די פרימאָרגן שעה׳ן. געקויפט האָט ער געוויינלעך געזאַנג־רעקאָרדס, דער עיקר — קאַרוזאָס און יאָסעלע ראָזענבלאַטס. אפשר דערפאַר האָט אים געצויגן צו וואָקאַלער מוזיק, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז ער אַליין האָט געהאַט אַ גוטע שטימע.

ווען די באָלשעוויקעס האָבן איבערגענומען די מאַכט אין רוסלאַנד, איז ער געווען זייער צופרידן און געשטיצט זיי מיטן גאַנצן האַרצן. ער האָט געגלויבט, אַז זיי זיינען די בויער פון אַ נייער, גרויסאַרטיקער וועלט.

זיינע באַציאונגען צו זיינע קינדער זיינען געווען פאַרשיידענע: צייטנווייז — וואַרעמע און צייטנווייז — ווייטע, צוריקגעהאַלטענע, פרעמדלעכע, גלייכגילטיקע. זיי פלעגן זיך אָבער אָפט צעוואַרעמען; דעמאָלט פלעגט ער אונדז אַרויסווייזן אַ סך צערטלעכקייט און דעם העכסטן גראַד פאַראינטערעסירטקייט. איך דערמאָן זיך ווי, בעת איך בין אַריין מיט אים אין אַ היציקן אַרגומענט, האָט ער אַ געשריי־געטאָן צו מיר: „איר זייט מיינע פיזישע קינדער; דער עיקר זיינען דאָך מיינע גייסטיקע קינדער, די ביכער. וואָס איך שאַף!‟

פונדעסטוועגן, ווען מיין זון איז געבאָרן געוואָרן, און איך האָב געלאָזן מיין טאַטן אַ נאָמען געבן אים רפאל, נאָך זיין אייגענעם פאָטער, איז צו זיין פריידיקער אויפרעגונג קיין סוף ניט געווען.

איך בין געווען דער עלטסטער פון די קינדער. האָב איך געהאַט דעם מזל אָנצוקומען אין אַ צייט, ווען מיינע עלטערן זיינען געווען שרעקלעך אָרעם. מיין מאַמע האָט מיר אַמאָל דערציילט, אַז ווען זי האָט זיך צוזאַמענגעקומען מיט איר לעאָנען, זיינען זיי אָפטמאָל געווען הונגעריק, זיינען זיי אַזוי איין מאָל געגאַנגען איבער די פאַרשנייטע גאַסן און געקוקט — אפשר האָט אימיצער פאַרלאָרן אַ ניקל — וועלן זיי פאַר דעם קויפן אַ שטיק ברויט. זיי האָבן אַזוי לאַנג געזוכט ביז אַ לענדלעידי האָט אָנגעבאָטן זיי זאָלן אָפּרייניקן דעם שניי פון איר טראָטואַר. זיי האָבן זיך תיכף אַוועקגעשטעלט רייניקן דעם שניי און האָבן פאַר זייער אַרבעט געקראָגן גאַנצע 30 סענט אָבער וויפל שפּיז האָט מען געקאָנט דעמאָלט קריגן פאַר אַזאַ גרויסן קאַפּיטאַל!

שפּעטער איז מיין מאַמע געגאַנגען אַרבעטן אין אַ שאַפּ און דער טאַטע האָט זיך געלערנט אַ מלאכה, פלעגט זי קויפן אַ 15 סענטיקן מאַלצייט, ברענגען אים אַהיים און טיילן אים אויף צווייען. אַ צימער האָבן זיי געהאַט אויפן העכסטן שטאָק פון אַ טענעמענט־הויז, מיט פענצטער צו אַ בית־עולם. שלאָפן ביינאַכט האָט מען דאַרטן ניט געקאָנט צוליב די קליינע באַשעפענישן, וואָס האָבן פאַרפעסטעט דעם צימער...

איך בין דעמאָלט ביי מיינע עלטערן געווען די בייבי מיטן הייסן־טיי־פלעשל. מילך פלעגט מען אַמאָל קריגן פאַר מיר אין דעם הענרי סטריט סעטלמענט. צוזאַמען מיט אַ זיס קיכעלע — פאַר אַ פּעני.

מיין שוועסטער סטעלא איז געווען באַגאַבט מיט דער פּען. זי האָט געשריבן אין ענגליש פּאָעזיע און אַנדערע זאַכן. אַ סך פון אירע פּאָעמעס זיינען געדרוקט געווען אין דער „ניו־יאָרק וואָירלד".

מיין יינגסטע שוועסטער לאָורא איז געבוירן געוואָרן, ווען מיינע עלטערן האָבן שוין עקאָנאָמיש דערגרייכט דעם סטאַטוס פון מיטלקלאַס־מענטשן. זי איז געווען זייער באַליבט ביי די עלטערן. זיי האָט קיינמאָל ניט פאַרלאָזט דאָס הויז פון די עלטערן, אפילו נאָכדעם ווי זי האָט חתונה געהאַט. פּראָפעסיאָנעל איז זי אַ סקול־לערערין.

וואָס שייך מיר אַליין, בין איך דערהויבן געוואָרן אין די אויגן פון מיינע עלטערן, ווען איך בין געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון אַ וויכטיקן דאַנטיסטישן זשורנאַל און בין אַלץ מער אַריינגעצויגן געוואָרן אין וויסנשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן.

איך ווייס ניט, צי לעאָן און פּאַולינע קאָברין האָבן ווען עס איז געלייענט די דערקלערונג פון פּעטראַרכן, דעם שרייבער פון 14טן יאָרהונדערט: „פון אַלע מענטשלעכע פאַרגעניגנס, איז דאָס שטודירן ליטעראַטור — די סאַמע נאָבעלע, די סאַמע דויערנדיקע און די סאַמע באַרואיקנדיקע". וואָס איך ווייס יאָ איז, אַז דאָס איז געווען דער פאַקל און דער קרעדאָ (אני־מאמין) פון מיינע עלטערן.

אין איר הקדמה צום ערשטן באַנד „50 יאָר", האָט מיין מוטער געשריבן: „איך בין גליקלעך, וואָס ענדלעך איז געוואָרן מעגלעך אַרויסצוגעבן לעאָן קאָברינס ,מיינע פופציק יאָר אין אַמעריקע', און דערלאַנגען עס ווי אַ מתנה צו די יידישע לייענער, און צוטראָגן אַ לעצטע בלום מיין מאַן און חבר, מיט וועמען איך האָב געטיילט פופציק יאָר פון אַן אינטערעסאַנטן, גייסטרייכן לעבן".

צו דעם דאָזיקן וואונדערלעכן און טאַלאַנטירטן פאַרפאַלק, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַזוי פיל גוטע זאַפטיקע פרוכט אין דעם ליטעראַרישן וויינגאָרטן, גיב איך איצט צו, מיט באַשיידנקייט און מיט יראת הכבוד, אַ זונס אַכטונג און ליבשאַפט צו זיינע עלטערן, און אַ בלימעלע צו זייער אייביקן אָנדענק.